STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00498

GEKLIBENE SHRIFTN

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible
by Harvey Litwin
in memory of
Joseph & Sylvia Litwin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ש. ניגער

לעזער, דיכטער, קריטיקער

S. Niger
Collected works.

צווייטער באַנד.

אידישער קולטור פאַרלאַנג
ניו יאָרק, 1928

Copyright 1928 by
Samuel Charney
New York

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 200

9. דיכטער און קריטיקער

9. דיכטער און קריטיקער

א

...ווען גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, האָט ער איינגעזען, אַז „ס׳איז גוט". איז דאָס ניט געווען די איינציק־קאָמפּעטענטע „קרי־טיק" וועגן אונזער וועלט? עס האָט זי אַרויסגעזאָגט דער שאַפֿער אַליין. אַלע אַנדערע „קריטיקן" (וויפֿיל מאָל האָבן מיר עס שוין געהערט?) שטאַמען פֿון לויטער דילעטאַנטן: האָט דען ווער פֿון זיי געפּרוּווט שוין אַמאָל שאַפֿן אַ וועלט?

און עס וואָלט געווען אַ יושר, מיינען פֿיל, אַז אויך אַנדערע שאַפֿערס, — דיכטער, קינסטלער, — זאָלן גיין אין גאָט׳ס וועג און ווערן אַליין די קריטיקער פֿון זייערע ווערק.

ווער קאָן וויסן, אַזוי גוט ווי זיי, וואָס זיי האָבן געמיינט? ווער קאָן בעסער פֿון זיי אַליין אויסטייטשן זייערע פֿאַרבאָרגענע כוונות? און וואָס איז שייך צו מבינות, איז דאָך קלאָר, אַז קיין גרעסערער מבין אויף קונסט, ווי דער קינסטלער אַליין, קאָן ניט געמאָלט זיין. און ניט נאָר דער גרעסטער — דער איינציגער מבין אויף קונסט איז ער. ווי קומען מענטשן, וואָס האָבן אויפ׳ן קינסטלערישן געביט גאָר נישט ניט באַוויזן צו שאַפֿן, אַרויס־צוזאָגן מיינונגען וועגן דעם? קאָן דער, וואָס איז ניט קיין אינזשיניר, אַ שטייגער, זאָגן מבינות אויף אַ בריק? אַזוי קאָן אויך דער, וואָס איז ניט קיין קינסטלער אַליין, ניט האָבן קיין דעה אין קונסט זאַכן.

דאָס איז אַ מיינונג, וואָס איז זייער פֿאַרשפּרייט. און זי זעט אויס צו זיין פֿון אויבנאויף זייער ריכטיג. טאַקע, מיט וואָס זאָל קונסט זיין אַנדערש פֿון וויסנשאַפֿט? פֿון די, וואָס שרייבן איבער וויסנשאַפֿטלאַכע ווערק, פֿאָדערן מיר, אַז זיי זאָלן אַליין

זיין וויסנשאַפטס־מענטשן; פאַרוואָס זאָלן מיר ניט פאַרלאַנגען אויך פון קונסט־קריטיקער אַז זיי זאָלן זיין אַליין קינסטלער?

האָט טאַקע דער ענגלישער פּאָעט דראַידען, וועלכער איז געווען אויך אַ קריטיקער, געזאָגט, אַז „די פּאָעטן אַליין זיינען די פּאַסיגסטע, ווען אַפילו ניט די איינציגע (האָט ער צוגעגעבן) קריטיקער". און אַרטור סאַימאָנס, אַ מאָדערנער ענגלישער שריפט־שטעלער, זאָגט דאָס אייגענע: „...בעת, זאָגט ער, עס איז דאָ אַ גרויסע מאַסע ווערטפולע קריטיק, געשריבן פון קריטיקער, וועלכע זיינען נאָר קריטיקער, איז דאָך די ווערטפולסטע און די עיקר'דיגסטע קריטיק געשריבן געוואָרן פון שעפערישע שרייבער, דאָס רוב פון פּאָעטן".

כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם ענין — לאָמיר זיך פּרואוון פאַרשטעלן אַז מיר פאָדערן פון קונסט קריטיקער, אַז זיי זאָלן זיין אַליין קינסטלער און — לאָמיר זיך ווידער איינריידן — אַז אונזער פאָדערונג איז צופרידנגעשטעלט געוואָרן: וועגן קונסט שרייבן נאָר קינסטלער. וועלן מיר וויסן דאַן פון איר מער וויפיל איצט? וועלן זיך באמת דאַן אַנטפּלעקן פאַר אונז אירע סודות און רמזים?

לאָמיר נעמען דעם פאַל, וואו דער קינסטלער שרייבט וועגן זיין אייגענעם ווערק. דאָ דאַרפן דאָך זיין די גינסטיגסטע באַדינגונגען, אויב עס איז ריכטיג, אַז וואָס אַ מענטש איז נענטער צו אַ זאַך, אַלץ בעסער קאָן ער זי אָפּשאַצן: דאַרף מען זיין נענטער צו אַ ווערק, ווי דאַן, ווען מען איז אַליין זיין שאַפער? אַלזוי, נעמען מיר דעם פאַל, ווען דער קינסטלער ווערט אַליין דער קריטיקער פון זיין שאַפונג. און לאָמיר זיך פאַרשטעלן (הגם עס איז ניט אַזוי לייכט זיך עס פאָרצושטעלן), אַז ער באַגנוגנט זיך ניט מיט יענעם איין־איינציגן וואָרט („גוט"), אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעדריקט די אייגנאַרטיגע זעלבסט־קריטיק פון דעם גנעדיגן שאַפער פון אונזער וועלט. לאָמיר האָפן, אַז דער מענטש־קינסטלער וועט זיין ניט אַזוי לאַקאָניש, ווי דער שאַפער פון אַלע שאַפערס, און ער וועט אונז נעמען פריינדשאַפטלאַך פאַר'ן האַנט, כדי אונז צו פירן, פאַמעלאַך און שטיל, דורך די אַלע פאַרבאָרגענע

וועגן און טונקעלע שטעגן פון זיין שאפן. וועט ער זיין א גוטער פירער?

איך בין זיך מודה, אז איך בין ניט זיכער אין דעם. ניט אויף יעדן וועג, אויף וועלכן מען גייט אליין, קאן מען פירען אנדערע. עס זיינען דא וועגן, וואס מיר גייען אויף זיי, ווי מיט פארבונדענע אויגן: דאס זיינען אפט (כאטש ניט שטענדיג) די וועגן פון שאפן. אהין זיינען מיר געגאנגען: עפעס א שטערן, א וויטעניש האט אונז געצויגן, עפעס האט אונז געשטופט, געטריבן; צוריק קאנען מיר שוין אפט אפילו אליין ניט טרעפן דעם וועג, ניט גערעדט שוין וועגן פירן אנדערע אויף אים... „קיינער וויים ניט — לייענען מיר ביי טורגעניעוו'ן אין „דוואריאנסקאיע גניעזדא" — קיינער האט ניט געזען און קיינער וועט קיינמאל ניט זען, ווי דאס קערנדל, וואס איז בארופן צו לעבן און פאנאנדערבליאונג, גיסט זיך אן און צייטיגט אין שוים פון דער ערד". קיינער וויים ניט דעם סוד פון דעם קערנדל'ס צייטיג־ווערן; ווייניגער ווי אלע וויים עס דאס קערנדל אליין... „איך שעם זיך אייך זאגן דעם אמת, בירגער — האט זיך אויסגעדריקט סאקראטעס אין זיין אפאלאגיע, ווי פלאטא גיט זי אונז איבער — אבער איך וועל עס אייך זאגן: שיער ניט אלע, וואס זיינען געווען ביי אונזערע אונטערהאלטונגען, האבן גערעדט בעסער, ווי זיי (די דיכטער), וועגן די ווערק וואס זיי האבן אליין געשאפן. איך האב דעמאלט שנעל באגריפן מכח די פאעטן, אז זיי ווערן געפירט, ווען זיי שאפן זייערע ווערק, ניט דורך דעם פארשטאנד, נאר דורך עפעס א נאטירלאכער גאב און רוח הקודש, פונקט אזוי ווי די פריסטער און די אראקעלס. זיי זאגן דאך אויך א סך שיינע זאכן, מער ניט זיי וויסן ניט אליין וואס זיי ריידן"... דאס איז ניט תמיד אזוי*), אבער אפט טרעפט אז די פאעטן וויסן ניט אליין, וואס זיי רעדן. זיי זיינען ווי דאס קערנדל, וואס ציט זיך צו דער זון, ווען עס ווערט פול מיט זאפט און מוז ארויסשפראצן, אבער וואוהין און צוליב וואס עס ציט זיך און שפראצט און וואקסט, וויים עס ניט אליין. „דעם פאעט

*) זע פריער „שאפן און ארבעטן".

אליין, זאָגט לענדאָר, איז ניט קלאָר אַלץ, וואָס ער ווייס, און ער זעט אויס צו וויסן פון דעם אַזוי ווינציג, ווי ווינציג עס ווייס דער זייד וואָרים פון דער פיינקייט פון זיין פּאָדעם". אפילו עדגאַר עלען פּאָו, וואָס גלויבט אין באוואוסטזיניגן שאַפן און וואָס האָט אונז געגעבן אַזאַ קלאָרן און ניכטערן אַנאַליז פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט געשריבן „די ראָב", מוז דאָך מודה זיין, אַז „דורכאויס ניט אָפט איז אַן אויטאָר אימשטאַנד אָנצוצייכענען דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געקומען צו זיין ציל".

און אפילו זיין עצם ציל איז ער ניט תמיד אימשטאַנד צו פאָרמולירן. וואָלט, אַ שטייגער, סערוואַנטעס אונז געקאָנט זאָגן דעם ציל און מיין פון „דאָן קיכאָט"? ניין, ער וואָלט עס ניט געקאָנט זאָגן. ער האָט עס ניט געוואוסט. ער האָט געגלויבט בתמימות, אַז ער גייט אויסלאַכן, אויסראָטן די ריטער־ראָמאַנען. אין דער אמת'ן האָט ער „אַליין עס ניט וויסנדיג אויף קלאָר, אָנגעשריבן די גרעסטע סאַטירע געגן דעם מענטשלאַכן ענטוזיאַזם", ווי היינע זאָגט, אָדער אפשר גאָר פאַרקערט — אַליין ניט וויסנדיג, האָט ער אונז געגעבן דעם העלסטן מוסטער פון מענטש־לאַכן ענטוזיאַזם, און דערזעלביגער דאָן קיכאָט, וואָס אין די אויגן פון זיין שאַפער און זיין דור איז ער געווען אַ קאָמישע פיגור, איז פאַר אונז, היינטיגע לעזער, אַ טראַגישע סימבאָל. דאָס איז ריכטיג אויך וועגן אַזאַ געשטאַלט, ווי שיילאָק... „דער געני פון דעם דיכטער (האָט געשריבן היינע), דער וועלטגייסט, וואָס גע־וועלטיגט איבער אים, שטייט תמיד העכער פון זיין פּריוואַטן ווילן". דער „פּריוואַטער ווילן" פון שעקספּיר איז אויסן געווען צו שאַפן פון שיילאָק'ן אַ העלד פאַר אַ קאָמעדיע, אָבער דער „וועלט גייסט", דער רוח הקודש האָט פון דער קאָמעדיע געמאַכט אַ טראַגעדיע.

יע, ניט שטענדיג ווייס דער דיכטער דעם ציל און וועג פון זיין שאַפן. אָפט ווערט ער געפירט פון אַ קראַפט, וואָס ער ווייס נאָר, אַז זי איז, אָבער ניט — וואָס זי איז. דער באַוואוסטזיין, מעג ער ווי שטאַרק אָנטיילנעמען אין דעם דיכטער'ס שאַפן, איז ער דאָך נאָר איינער פון די קוואַלן, וואָס

נערן אים. עס זיינען דאָ נאָך קוואַלן, באַהאַלטענע און אומ־באַוואוסטע. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען גאָר ניט זיין באַקאַנט מיט פרויד׳ס פסיכאָאַנאַליז. דאָס לערנט כמעט יעדע־דיכטער פון זיין אייגענער דערפאַרונג... און אויב ער וועט אונז וועלן דערציילן, וואָס ער ו ו י י ס פון זיין ווערק, וועט ער זייער ווייניג אָפּט האָבען אונז צו דערציילן, אָדער ער וועט אונז איבער־געבן זאַכן, וואָס האָבן צום אמת׳ן זינען פון זיין שאַפונג גאָר אַ קנאַפּע שייכות...

דאָס הייסט ניט, אַז וואָס דער דיכטער זאָגט אונז וועגן זיין אייגענעם שאַפן, האָט ניט קיין ווערדע פאַר אונז. ניין, עס האָט זייער אַ גרויסע ווערדע. אויב עס העלפט אונז ניט שטענדיג פאַרשטיין זיין ווערק, ניצט עס אונז אים אַליין צו באַנעמען. און דאָס איז זייער פיל. אָבער דאָס איז ניט גענוג. אים אַליין אַפילו קענען מיר דאָך ניט אינגאַנצן, כל זמן מיר קענען ניט גוט זיין שאַפן. אַפילו ער אַליין קאָן ניט האָבן וועגן זיך קיין קלאָרן באַגריף, אויב ער באַגרייפט ניט זיינע אינטואיטיוו־געשאַפענע ווערק. און אויב עס איז ריכטיג, אַז אָפט ווייס ער ניט אַלץ וועגן זיין שאַפן, איז ממילא אויך ריכטיג, אַז ער ווייס ניט אַלץ אויך וועגן זיך אַליין.

ב

אָבער, לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט דעם מין קינסטלער, וואָס נאָך די אינטואיציע, דער רוח־הקודש רעדט פון אים אַרויס. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ קינסטלער פון דעם טיפּ, וועגן וועלכן עס שרייבט עדגער עלען פּאָו אָדער אָסקאַר ווײַלד — אַ קינסטלער, וואָס שאַפט „באַוואוסטזיניג”. וועט ז י י ן פירוש אויף זיין אייגענעם ווערק זיין פאַר אונז גענוג? ניין, אויך ז י י ן קריטיק קאָן אונז ניט פאַרשפּאָרן די קריטיקן פון אַנדערע... מחמת ער מוז זיין סוב־יעקטיוו און „פאַרטייאיש” צו זיך אַליין? ניין, ד ע ר מאָטיוו אינטערעסירט מיך ניט שטאַרק, וואָרים איך האָב דאָ ניט אין זינען די קריטיק, וואָס „מעסט די גרויס” פון טאַלאַנט און זאָגט: „גוט” אָדער „שלעכט”, נאָר די קריטישע מעטאָדע, וואָס פאָרשט און דערקלערט די נשמה פון אַ ווערק און זאָגט: ו ו אָ ס איז

ווי עס איז באַשאַפן געוואָרן. אָבער אַפילו פאַר אַט דעם ניט שאַצנדיגן, נאָר כאַראַקטעריזירנדיגן מין קריטיק איז קנאַפּ וואָס דער דיכטער אַליין זאָגט. מעג זיין פירוש זיין ווי אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש, איז עס דאָך ניט מער ווי זיין פירוש — און עס קאָנען זיין פאַרשיידענע אַנדערע פירושים. און די דאָזיגע אַנדערע קאָמענטאַרן קאָנען אַפילו סותר זיין איינע די אַנדערע. דאָס איז ניט קיין אומגליק. אָפט איז עס גאָר אַ גוטער סימן. „נאָר וועגן גאָר אָרימע ווערק זיינען די מיינונגען פאַראייניגט — זאָגט דער ראָמאַנטישער דיכטער און עסטעטיקער זשאַן פּאָל; — וועגן מיטלמעסיגע זיינען זיי וואַקלענדיג; וועגן די בעסטע אָבער זיינען זיי געגנזעצליך". און — „אלו ואלו דברי אלהים חיים". די גרויסקייט פון אַ ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער איז אים משיג לויט זיין מדרגה. און דער דיכטער אַליין האָט דאָ ניט וואָס צו זאָגן, נאָכדעם ווי זיין ווערק איז שוין באַשאַפן. דער דיכטער קאָן לערנען אין זיין ווערק איין פּשט און דער לעזער — אַן אַנדערן. דעם דיכטער'ס פּשט איז פאַר דעם לעזער ניט קיין מוז. דער רוסישער פילאָלאָג און שאַפנס-טעאָרעטיקער פּאָטעבניאַ שרייבט: „דער הערער קאָן אַ סך בעסער פאַר דעם ריידער פאַרשטיין, וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן הינטער דעם וואָרט, און דער לעזער קאָן בעסער פון דעם דיכטער אַליין תופס זיין דעם רעיון פון זיין ווערק.*) דער תוך, דער כוח פון אַ ווערק ליגט ניט אין דעם, וואָס דער אויטאָר האָט געוואָלט זאָגן מיט אים, נאָר אין דעם, ווי עס ווירקט אויפ'ן לעזער אָדער צוהערער, אַלזוי, אין זיין אומאויסשעפּלאַכן מעגלאַכן אינהאַלט".

עס איז נאַאיוו צו טראַכטן, אַז אַ גרוים ווערק האָט נאָר איין באַשטימטן זינען. „תורה נדרשת לכמה פנים", זאָגט די גמרא: די תורה קאָן אויסגעטייטשט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים, און אין איר ליגט פאַרבאָרגן פון אָנהויב אָן „אַלץ, וואָס אַ תלמיד

*) אין אַ ביסל אַן אַנדער זינען האָט שלום עליכם אַמאָל (אין אַ בריוו צו י. ח. ראַווניצקי'ן) געשריבן: „איך האַלט תמיד דעם לעזער פאַר אַ גרעסערן מבין ווי דעם מחבר".

ותיק וועט ווען עס איז אויפטאָן". עפּעס ענליכעס האָט געשריבּן דאַנטע וועגן זיין „געטליכער קאָמעדיע": „דאָס דאָזיגע ווערק — האָט ער געשריבן אין זיין „ווידמונג" — האָט ניט איין וואָסער עס איז באַשטימטן זינען, נאָר עס קאָן אָנגערופן ווערן פּאָלי־סענסום, דאָס הייסט אַזאַ, וואָס האָט עטליכע זינען"...

נאָר אפשר איז עס ריכטיג בלויז וועגן דער „קאָמעדיע" וועלכער דער דיכטער איז מיט אַ כיוון אויסן געווען צוצוגעבן אַ געוויסע פילדייטיגקייט? לייענט דאָן, וואָס טורגעניעוו האָט גע־זאָגט אין זיין באַרימטער רעדע וועגן „האַמלעט און דאָן קיכאָט"...
„אין דעם, האָט ער געזאָגט, ליגט די באַזונדערע מעלה פון גרויסע פּאָעטישע ווערק, אין וועלכע דער געני פון זייער שאַפער האָט אַריינגעאָטעמט אַ ניט־שטאַרבנדיגן לעבן, וואָס די מיינונגען וועגן זיי, ווי וועגן לעבן בכלל — קאָנען זיין אומענדליך פאַר־שיידן, אפילו סתירה׳דיג — און אין דער אייגענער צייט זיין גלייך גערעכט".

אנדערע האָבן דאָס אייגענע געזאָגט ביי אַנדערע געלעגנ־הייטן. דער רוסישער קריטיקער פּיסאַרעוו האָט וועגן ביעלינסקי׳ס פּושקין־קריטיקן געשריבן:

„די לעזער און אפשר אויך ביעלינסקי׳ן אליין האָט זיך געדוכט, אַז פּושקין מיט זיינע ווערק האָט עס אַרויסגערופן אַט די אַלע וואונדערלאַכע געדאַנקען; אין דער אמת׳ן אָבער גע־הערן זיי אינגאַנצן דעם קריטיקער, און דעם פּאָעט אַליין וואָלטן זיי מסתמא גאָר ניט געפעלן געוואָרן. ביעלינסקי האָט איבער־געטריבן די באַדייטונג פון אַלע פּושקינ׳ס הויפּט־ווערק און ער האָט יעדן פון זיי צוגעשריבן אַזאַ ערנסטן און טיפן זינען, וועלכן דער אויטאָר אַליין האָט ניט געקאָנט און גאָר ניט געוואָלט אין זיי אַריינלייגן". פּיסאַרעוו איז אויסן געווען אָפּצושוואַכן דערמיט דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף דעם רוסישן לעזער ביעלינסקי׳ס קאָנגעניאַלער פירוש אויף פּושקינ׳ס פּאָעזיע. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פעלער פון פּיסאַרעוו׳ס זייט, אַ פעלער, וואָס האָט זיך גענומען פון זיין כלומר׳שט רעאַליסטישן דענק־מעטאָד; אָבער דער עצם פאַקט, וואָס וועגן אים רעדט ער, איז אַ ריכטיגער. ביעלינסקי האָט טאַקע אַריינגעלייגט, אַריינ־

געלייענט, אזוי צו זאָגן, אין פּושקינ'ס, ווי אין אַלע אַנדערע, ווערק, זיינע אייגענע רעיונות, פּונקט ווי פּיסאַרעוו אַליין האָט ז י י נ ע רעיונות אַריינגעלעגט אין טורגעניעוו'ס ב אַ ז אַ ־ ר אָ ו ו, פּונקט אַזוי ווי יעדער לעזער און יעדער קריטיקער, וועלכער איז דאָך אויך, פריער ווי אַלץ, אַ לעזער, טראָגט אַריין זיינע געדאַנקען, טרוימען און געפילן אין די ווערק, וואָס ער לייענט. דער לעזער, וועלכער איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען לעזער, פּירט שטענדיג ווייטער (יעדער לעזער אויף זיין שטייגער), וואָס דער דיכטער הויבט אָן.

דער לעזער מוז האָבן אַ שם המפורש, אַ שאַפנדיגע און באַ־לעבנדיגע פאַנטאַזיע, כדי אַז דעם דיכטער'ס ווערק זאָל ניט זיין פּאַר אים קיין גולם, קיין גוף אָן אַ נשמה. ניט אומזיסט זאָגט דער דייטשער דיכטער העבעל, אַז „פּאָעזיע צו געניסן איז פּונקט אַזוי אַ טאַלאַנט, ווי צו שאַפן פּאָעזיע". און דער רוסישער קרי־טיקער און ליטעראַטור־פאָרשער גאָרנפעלד דריקט זיך אויס, אַז „יעדער נייער לעזער פון „האמלעט" איז אַזוי ווי זיינער אַ נייער פאַרפאַסער, יעדער נייער דור איז אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון יעדן קונסטווערק". וואָרים יעדער נייער דור באַפרוכפּערט דעם קונסט־ווערק מיט זיין נייעם לעבן און רופט אין אים אַליין אַרויס אַ נייעם לעבן. אויב ס'טרעפט, אַז אַ קונסט־ווערק שטאַרבט אויף אַ געוויסער צייט, איז עס אַ אילוזיע. דאָס ווערק איז אין דער אמת'ן ניט געווען טויט, נאָר דער עפּאָכע האָט געפעלט דער חוש פּאַר דעם. קומט אַ נייע תקופה — לעבט דאָס ווערק אויף ווידער. אַזוי איז געווען מיט שעקספּיר'ס דראַמעס און מיט פיל אַנדערע גרויסע שאַפונגען. די אומשטערבלאַכקייט פון אַ קונסט־ווערק מיינט — זיין פעיאיגקייט אויפצושטיין נאָך יעדן טויט זיינעם תחית־המתים. אָבער — און דאָס איז פּאַר אונז דער עיקר — אין די צייטן אפילו ווען עס לעבט, לעבט עס אַ סך פ אַ ר ש י י ד ע נ ע ל ע ב ע נ ס. „ווער וועט זאָגן — שרייבט דער שוין פריער דערמאָנטער רוסישער ליטעראַטור־פאָרשער פּאָטעבניאַ — אַז די אויסטייטשונג און די ווירקונג פון דער גריכישער סקולפּטור איז איינע און די זעלביגע אין דעם בליאונגס־פּעריאָד פון גריכנלאַנד און איצט? דעמאָלט און איצט — דאָס

זייַנען צוויי גאָר פֿאַרשיידענע שאַפֿונגען פֿון קונסט. זיי האָבן נאָר איין און דעם זעלביקן מאַטעריעלן סובסטראַט, אָבער ניט, אַזוי צו זאָגן, די זעלביקע נשמה. און די דאָזיקע פֿאַרשיידנקייטן בייטן זיך ניט נאָר לויט די צייטן, נאָר אויך לויט די פֿעלקער". יעדע צייט, יעדעס פֿאָלק און יעדער איינציקער לעזער לעבט־איבער דעם קונסטווערק אויף זיין אייגענעם שטייגער, לייגט אַריין אין אים זיין אייגענעם „אינהאַלט", מאַכט אויף אים זיין אייגענעם פּירוש, — און דערפֿאַר מעג די אויסטייטשונג, וואָס דער קינסטלער אַליין גיט זיין ווערק, זיין פֿאַר אונז ווי וויכטיק, קאָן זי דאָך ניט פֿאַרבייטן אַלע אַנדערע אויסטייטשונגען.

אַ ווערק קאָן ניט פֿאַרשטאַנען ווערן פֿון אונז פּונקט אַזוי, ווי דער דיכטער האָט עס פֿאַרשטאַנען, שוין דערפֿאַר אַליין, וואָס דער יסוד, דער אור־אַטאָם, אַזוי צו זאָגן, פֿון יעדער ליטעראַרישער שאַפֿונג — דאָס וואָרט — ווערט פֿון יעדן איינעם אויפֿגענומען גאָר אויף אַ באַזונדער אופֿן. „ווען צוויי פּערזאָנען, זאָגט אַ. פּאָטעבניאַ, וואָס ריידן אויף איין לשון, פֿאַרשטייען איינס דאָס אַנדערע, איז דער אינהאַלט פֿון דעם געגעבענעם וואָרט ביי זיי פֿאַרשיידן". און פּאָטעבניאַ'ס אַ תּלמיד, גאָרנפֿעלד, שרייבט, אַז „קיינער טראַכט ניט, זאָגנדיק אַ וואָרט, פּונקט דאָס אייגענע, וואָס אַן אַנדערער קאָן טראַכטן". און אויך הערנדיק אַ וואָרט, וויל איך צוגעבן, הערט קיינער ניט פּונקט דאָס אייגענע, וואָס אַן אַנדערער קאָן הערן.

וואָס רייכער אַ וואָרט איז אין אינהאַלט, וואָס פֿיינער עס איז, אַלץ ווינציקער מעגליכקייט איז דאָ, אַז אַלע זאָלן אים גלייך פֿאַרשטיין. און אויב איין וואָרט איז אַזוי, הייסט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן אַ גאַנצן ווערק? שרייבט טאַקע מענדעלע וועגן דער „קליאַטשע", אַז „איטלאַכער וועט זי פֿאַרשטיין כּפֿי זיין פֿאַרשטאַנד און זיין מדרגה". און דאָס איז ריכטיק וועגן יעדן בוך. איטלאַכער מענטש — און איטלאַכער דור — פֿאַרשטייט עס „כּפֿי זיין פֿאַרשטאַנד און זיין מדרגה". אַן אַלטער אידישער מחבר, מנחם מאַן, האָט עס זייער בילדלאַך אויסגעדריקט אין דער געגראַמטער פֿאָררעדע צו זיין „שארית ישראל" (אַמסטערדאַם, 1743):

עס איזט איין ספר אָדער איין בוך אַזאַ געשטעלט
גלייך מיט איין גראָז באַוואַקסען אָפּן פעלד:
דען דער אָקט טוט דאָס גראָז צו זיין שפּייז ד׳רויס רייסן
די בינען טוען תאַניק און וואַקס פון די בלומען בייסן
דאָס חזיר — דאָס וואולט (ריעט) און גראָבט די וואָרצלס אויס
די שטאַרק קריגט דרין דען עקדיש און די קאַץ די מויז.
דער מענטש קלייבט דרוים קרייטיך אום דערמיט צו היילען איין וואונד
און די שפּין זויגט דרוים גיפט, דאָס וויל מאָל דען מענטשען מאַכען
אומגעזונד.
זאָ אורטיילט איין יעדער מענטש, דער איין ספר טוט לעזן,
גלייך זיין אַרט איז און זיין נאַטירליך פאַרשטאַנד און וועזן...

(איך האָב נישט אָפּגעהיט די אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל, כדי עס זאָל זיין לייכטער צום לייענען.)

און אין אַ געוויסן זינען איז וועגן אַלע אמת׳ע דיכטער ריכטיג דאָס, וואָס ביעלינסקי האָט געשריבן וועגן פּושקינען (און וואָס אַנדערע קריטיקער האָבן, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, געשריבן וועגן אַנדערע גרויסע קינסטלער). ביעלינסקי האָט געזאָגט וועגן אַלעקסאַנדער פּושקין, אַז „ער געהערט צו די אייביג לעבנדיגע און זיך באַוועגנדיגע דערשיינונגען, וועלכע בלייבן ניט שטיין אויף יענעם פונקט, וואו עס האָט זיי געטראָפן דער טויט, נאָר וועלכע אַנטוויקלען זיך ווייטער אין דעם באַוואוסטזיין פון דער געזעל־שאַפט. יעדע עפּאָכע טראָגט אַרויס וועגן זיי איר אורטייל, און ווי ריכטיג זי זאָל זיי פאַרשטיין, וועט זי שטענדיג איבערלאָזן דער קומענדיגער תקופה צו זאָגן עפּעס נייעס און מער ריכטיגס און קיינער וועט קיינמאָל ניט אַרויסזאָגן אַלץ״...

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז ס׳איז „הפקר אַ וועלט״, און מען קאָן טייטשן און פּשט׳לען אַ קונסט־ווערק, ווי איינעם פאַלט איין. ניין, חס וחלילה! אַ געוויסער תוך, אַ געוויסער סובסטאַנץ איז דאָ אין יעדן ווערק, וואָס באַשטימט די אַלגע־מיינע ריכטונג, די ראַם פאַר די פאַרשיידענע אויפ־פאַסונגען און קאָמענטאַרן, אָבער אין די ראַמען, אין די גרעניצן פון דער אַלגעמיינער ריכטונג זיינען דאָ אָן אַ שיעור מעגליכקייטן — און יעדער פאַרווירקליכט זיי אויף זיין אופן, לויט זיינע השגות. אַזוי ווי עס איז אין דער שאַפונג פון קונסט, זיינען דען

נישטאָ אין איר קיין באַשטימטע, כאָטש ניט שטענדיק פאַר אונז קלאָרע, געזעצן? אָבער יעדער קינסטלער האָט די פרייהייט זיי אַנצואווענדן אויף זיין אייגענעם שטייגער... אַזוי איז עס דאָך מיט יעדן איינציקן וואָרט. יעדעס וואָרט קאָן פון פאַרשיידענע מענטשן, ווי מיר האָבן געזען, פאַרשיידן אויפגענומען און פאַר־טייטשט ווערן. פונדעסטוועגן קאָנען די פאַרשיידענע טייטשן ניט זיין גאָר ווייט איינס פון׳ם אַנדערן: זיי מוזן אַלע האָבן אַ שייכות צו דער זאַך, וואָס ווערט דורך דעם דאָזיגן וואָרט אויס־געדריקט. אַזוי איז אויך מיט אַ גאַנצן ווערק. די פשטים, וואָס ווערן געלערנט אין דעם, קאָנען ניט זיין גאָר אינגאַנצן ווייט איינס פון דאָס אַנדערע, אָבער זיי קאָנען זיין שטאַרק פאַרשיידן. און ממילא — חזר איך איבער — קאָן אַ ווערק אויסגעטייטשט ווערן אַנדערש, ווי דער דיכטער אַליין האָט געטראַכט.

דער דיכטער איז דיכטער כל זמן ער שאַפט. הויבט ער אָן מאַכן פירושים, ד. ה. שרייבן קריטיק אויף קינסטלערישע ווערק, מעגן דאָס זיין זיינע אייגענע ווערק, — הערט ער אויף צו זיין קינסטלער. אין דעם אייגענטלאַכן זינען פון וואָרט און ווערט — קריטיקער. קריטיק איז אָבער גאָר אַן אַנדער מין קונסט. ניט יעדער דיכטער פאַרמאָגט די פייאיגקייט צו זיין אַ קריטיקער.

מיר האָבן געזען, אַז אַ געוויסער מין דיכטער — די וואָס לעבן נאָר מיט דער אינטואיציע אָדער מיט׳ן רוח־הקודש — קאָנען ניט וויסן אַמאָל דעם מיין פון זייערע אייגענע ווערק. אָבער אפילו דאַן, ווען זיי גיבן אונז זייער אויסטייטשונג, איז זי ניט קיין מוז פאַר אַנדערע.

אין קומענדיקן קאַפיטל וועלן מיר זען, אַז, מחמת געוויסע סיבות, איז אַ קינסטלער אָפט ווינציגער נאָך מסוגל אויפצונעמען און אויסצוטייטשן די ווערק פון אַ נ ד ע ר ע קינסטלער.

ג

„דער גרויסער טעות, — זאָגט היינע, — באַשטייט תמיד אין דעם, וואָס דער קריטיקער שטעלט די פראַגע: וואָס ז אָ ל דער קינסטלער? פיל ריכטיגער וואָלט געווען די פראַגע: וואָס ו ו י ל דער קינסטלער? אָדער גאָר: וואָס מ ו ז דער קינסטלער?"

דאָס איז אַ קורצע, אָבער זייער אַ קלאָרע כאַראַקטעריסטיק פון צוויי גאָר פאַרשיידענע פאָרמען קריטיק: דער דאָגמאַטי־שער קריטיק און דער פרייער אָדער, ווי איך וואָלט זי אָנגערופען, אימאַנענטער קריטיק.

דער דאָגמאַטישער קריטיקער האָט אַ פאַרטיגן קאָ־דעקס, וואו עס זיינען פאַרשריבן די כללים און פרטים פון קונסט. אַז דער דאָזיגער מין קריטיקער באַטראַכט אַ ווערק, אַרט אים פריער פאַר אַלץ, צי האָט דער פאַרפאַסער אָפּגעהיט די אַלע כללים, די דינים און מנהגים פון זיין שלחן־ערוך. האָט ער זיי אָפּגעהיט, גיט ער אים אַ „גלעט איבער'ן בעקעלע"; טאָמער, חלילה, ניט, גיט ער אויף אים אַ בייזן קוק און מאַכט פון אים אש און רויך. עס איז נאָר אַ גליק, וואָס פריער אָדער שפּעטער זוכט זיך אָפּ אַן אַנדער קריטיקער מיט אַן אַנדער שלחן־ערוך, און יענער פּסק'נט, אַז עס מאַכט ניט אויס, — פאַרקערט, עס איז גאָר אַ מעלה, — וואָס דער קינסטלער האָט עובר געווען אויף די געבאָטן פון יענעם קריטיקער, אַבי ער האָט אָפּגעהיט זיינע, דעם נייעם קריטיקער'ס כללים...

אַנדערש קוקט אויף דער זאַך די פרייע אָדער אימאַ־נענטע קריטיק. זי האָט ניט קיין פאַרטיגע און פאַר אַלעמען גילטיגע כללים. זי פאַרשרייבט ניט קיין עסטעטישע רעצעפּטן. זי זוכט די מאָס פאַר אַ קונסטווערק אין אים גופא. יעדער קינסטלער, ווייס זי, איז „זיך אַליין אַן אַריסטאָטעלעס", ד. ה. יעדער קינסטלער גיט דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון קונסט זיין אייגענעם אויסדרוק און ווענדט אים אָן אויף זיין אייגענעם אינדי־ווידועלן שטייגער. די פרייע קריטיק פרעגט ניט — אויף היינע'ס לשון גערעדט: — „וואָס זאָל דער קינסטלער?" נאָר: „וואָס וויל אָדער וואָס מוז ער, שטעלנדיג זיך די און ניט קיין אַנדערע צילן און געברויכנדיג די און ניט קיין אַנדערע מיטלען?"

אָבער דוקא דער קינסטלער, ווען ער רעדט אָדער שרייבט וועגן זיינע חברים, איז מסוגל צו פרעגן גיכער „וואָס זאָל" — איידער „וואָס וויל און מוז — דער קינסטלער?" דוקא דער, וואָס איז אין זיין אייגענעם שאַפן פריי, ווערט, ווע

ער משפּט דעם שאַפן פון אַנדערע, אַ ד אָ ג מ אַ ט י ק ע ר. ער איז כּסדר אַרומגערינגלט מיט זיין אייגענער לופט און ער האָט זעלטן־ווען די מעגלאַכקייט און דעם ווילן אַריינצואָטעמען אין זיך די לופט פון אַן אַנדערן. ער האָט זיך זיין אייגענעם שאַפונגס־מעטאָד, אַ מעטאָד, וואָס שטאַמט פון זיין פּערזענלאַכער, פון זיין גאַנצער מענטשלאַכער און קינסטלערישער דערפאַרונג, — און ער קאָן ניט פאָרשטעלן זיך קיין אַנדערע וועגן. — ער איז צופיל פאַרכאַפּט, פאַר׳כשופ׳ט פון זיין אייגענעם איך...

„דער קינסטלער", האָט זשאָרזש זאַנד געשריבן אין אַ בריוו צו פלאָבער׳ן — „דער קינסטלער איז צופיל פאַרנומען מיט זיין אייגענעם שאַפן ער זאָל קאָנען פאַרגעסן זיך אַליין אָפּשאַצנדיג דאָס שאַפן פון אַנדערע".

„מען קאָן נישט פאָדערן", שרייבט כּמעט דאָס אייגענע ראָמען ראָלאַן אין זיין בוך וועגן טאָלסטאָי׳ען — „מען קאָן נישט פאָדערן פון דעם שעפערישן געני קיין אָביעקטיווע קריטיק. ווען אַ וואַגנער אָדער אַ טאָלסטאָי ריידן פון בעטהאָווענען אָדער שעקספּירן, ריידן זיי נישט פון בעטהאָווענען און שעקספּירן, נאָר פון זיך אַליין! זיי זאָגן אַרויס זייער אייגענעם אידעאַל"...

און דאָס איז ניט פון גאווה. אפילו דאַן, ווען דער קינסטלער איז באַשיידן און ווייס די אומפאָלקאָמענהייטן פון זיין שאַפן, איז נאַטירלאַך, אַז ער זאָל טראַכטן נאָר וועגן בייקומען די דאָזיגע פעלערן און אַרויפברענגען זיין קונסט אויף אַ העכע־רער מדרגה, ניט וועגן גאָר אַן אַנדער מעטאָד און תוך פון שאַפן. טאָמער טרעפט זיך אַמאָל, אַז ער מאַכט אַ מרידה געגן זיך אַליין און שטעלט זיך גאָר אויף אַ נ י י ע ם וועג, ווערט אָט דער נייער וועג פאַר אים דער אָ י נ צ י ג ע ר וועג. און עס איז ניטאָ אין דעם פּרט קיין אונטערשייד צווישן אַ „קאָנסערוואַטיוון" קינסטלער און אַ „רעוואָלוציאָנערישן": דער „קאָנסערוואַטיווער" קינסטלער פילט ניט קיין טעם אין די „נייע", דעם רעוואָלוציאָנע־רישן — זיינען פאַרהאַסט די „אַלטע"; ביידע זיינען זיי אַריינגעטאָן אין דער ספערע פון זייער אייגענעם שאַפן. און מיר דאַרפן עס זיי ניט נעמען פאַר אומגוט. זיי קאָנען גאָר אַנדערש ניט

זיין: זייער איך איז דער קוואַל פון זייער קונסט; זייער איך איז זייער איינציגער וועג צום ניט־איך, צו דער וועלט...

אין לעבן איז ס'רוב דער קינסטלער ניט דאָגמאַטיש, ער דינט אי דעם גאָט, אי יענעם. אין דער קונסט מוז ער האָבן נאָר איין גאָט, פאַר אים מוז ער מקריב זיין זיינע אַלע קרבנות. זעלטן ווען ער זאָגט, ווי דער רוסישער פּאָעט (וועלכער איז, אַגב, געווען מער קריטיקער ווי פּאָעט) בריוסאָוו: „מיר זיינען זים אַלע טרוימען, מיר זיינען טייער אַלע רייד, און צו אַלע געטער ווידמע איך אַ ליד"... אין לעבן בייט זיך זיין איך און בויגט זיך; אין דער קונסט מוז עס זיין פעסט, שטייף, עקשנות'דיג. אין לעבן איז ער דאָס, וואָס דער טיפּישער קריטיקער איז אין דער קונסט — אַ גענים ער: פליט ער, ווי אַ בין (און ווי דער קריטיקער אין דער קונסט), פון בלום צו בלום, פון בלאַט צו בלאַט, און וואו נאָר אַ טראָפּן זאַפט און וואו נאָר אַ קאַפּעלע זיסקייט און אַ טראָפּן ביטערקייט, זויגט ער עס אין זיך אריין. אין דער קונסט איז ער אַ שאַפער, און אַקטיוו שאַפן קאָן מען ניט אָן איינ־הייטליכקייט און פעסטקייט און אָפּגעצאַמטקייט פון ווילן. אין דער קונסט האָט ער ניט יענע שוואַכקייט, וועלכע איז דעם קריטי־קער'ס קראַפט — די שוואַכקייט פון „דילעטאַנטיזם", פון בויגעוו־דיגקייט און בייטעוודיגקייט...

„וואָס פאַר אַ לעזער, האָט געזאָגט געטע, וויל איך? — אַזאַ, וואָס זאָל פאַרגעסן מיך, זיך אַליין און די גאַנצע וועלט און זאָל לעבן נאָר אין מיין בוך". אַזאַ לעזער קאָן דער, וואָס איז אַליין אַ דיכטער, זעלטן ווען ווערן. זעלטן־ווען פאַרגעסט ער זיך אַליין און זיינע אייגענע ביכער אַזוי גרינטלאַך, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן אין גאַנצן דער שאַפונג פון אַן אַנדערן. אָבער אמת'ע קריטיק קאָן שאַפן נאָר אָט אַזאַ זיך אָפּגעבענדיגער לעזער. אמת'ע קריטיק קאָן געבויט זיין נאָר אויף אַ ברייטער און אַלזייטיגער אויפנעמונגס־פעיאיגקייט

ברייט, אַלזייטיג, איז געווען דער טיפּישסטער קריטיקער פון 19טן יאָרהונדערט, סעינט־בעוו. ער איז עס געווען ווינציגסטנס דאַן, ווען ער האָט געשריבן ניט וועגן זיינע צייט חברים. זיין וואונטש איז געווען „אַלץ צו פאַרשטיין". „די דאָזיגע פעיאיגקייט,

זאָגט עמיל פאַגע, איז געווען אין אים אַזוי שטאַרק, אַז די געמיטסצושטאַנדן, וואָס זיינען אים געווען פרעמדער ווי אַלע אַנדערע, האָט ער בעסער ווי אַלע אַנדערע געקאָנט דערקלערן״. אין דעם הויפּט העלד פון זיין יוגנט ראָמאַן „וואָליופּטע״ האָט ער אַריינגעלייגט אַ שטיק פון זיין אייגענער פּסיכאָלאָגיע, און אַט דער העלד, פּונקט ווי ער אַליין, „וויל אַלץ ליב האָבן כדי אַלץ צו פאַרשטיין... ער צייכנט זיך אויס מיט זיין גרויסער נייגי־ ריגקייט ווי אויפ׳ן אינטעלעקטועלן, אַזוי אויך אויפ׳ן עמאָצי־ אָנעלן געביט״.

אָן אומבאַגרעניצטע נייגיריגקייט איז אַ סימן פון ניט זיין קאָנצענטרירט, אַ סימן פון אַ געוויסן סאָרט דילעטאַנטיזם. אָבער אַט דעם סאָרט דילעטאַנטיזם האָט סעינט בעוו געהאַלטן דווקא פאַר אַ גרויסער מעלה אין קריטיק. „מאַניען, שרייבט ער, האָט איין מעלה, ווען ער באַהאַנדלט אַ געגנשטאַנד אָדער אַ בוך, — אַ מעלה, וואָס איז זייער נויטיג פאַר דער אומפּאַרטייאישקייט: אינדיפערענטיזם. איך אייל זיך צו זאָגן, אַז אַט דער סאָרט אינדיפערענטיזם שליסט ניט אויס ניט די נייגיריגקייט, ניט די באַוואוסטזיניגקייט, אַט די צוויי מדות טובות פון קריטיק, און ער לאָזט זיי אַפילו איבער אַ גרויסע פרייהייט פון האַנדלונג... מאַניען איז דורכאויס **אומפּערזענלאַך** — דאָס איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ קריטיקער״.

די דאָזיגע מעלה איז דער היפּוך פון פּערזענלאַכן **גע־ שמאַק**, אַ פאָדערונג, וועלכע מען שטעלט זייער אָפט צו קריטיקער. אמת׳ע קריטיק רעכנט זיך מיט געשמאַק נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ער באַגרעניצט ניט די ברייטקייט פון זיין סימפּאַטיזירנדיגער אויפנעמפּיאַיגקייט.

די פּאָפּולערע טעאָריע, אַז קריטיק דאָס איז געשמאַק, גיצ־ הערט צו די פאַלשסטע מיינונגען, וועלכע זיינען ווען עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן קריטיק. „קריטיק״, שרייבט דער שוין פריער ציטירטער עמיל פאַגע, — „קריטיק דאָס איז אַנאַליז, פון דעם אַנדערנס גייסט; געשמאַק איז... דער אַנאַליז פון מיין אייגענעם גייסט, וואָס איך מאַך אין פאַרבינדונג דערמיט, וואָס איך לייען. איך לייען און בין אַנטציקט. פאַרוואָס בין איך

אנטציקט? און אַט דאָ גיב איך זיך אָפּ אַ רעכענונג אין זיך אַליין — — — דאָס איז דער היפּוך פון קריטיק, וועלכע באַשטייט אין אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג פון דעם אַנדערנס געמיטסצושטאַנד און אויב מעגלאַך אין מגולגל ווערן אין אים, כדי אים בעסער צו פאַרשטיין"...

. געשמאַק — דאָס איז די פּעסטונג — און די באַגרעניצטקייט — פון דעם דיכטער. „וואָס זאָל דער קינסטלער?" איז זיין פראַגע. דער קריטיקער פרעגט: „וואָס וויל דער קינסטלער?"

„דער קריטיקער, האָט געשריבן סעינט־בעוו, איז ניט מער ווי אַ מענש, וואָס קאָן לייענען אַליין און וואָס לערנט לייענען אַנדערע". אָבער קאָנען לייענען הייסט קאָנען ווערן „אָנגעשטעקט" פון דעם בוך, וואָס מען לייענט, קאָנען ווערן באַלויכטן פון זיין ליכט, באַשאָטנט מיט זיינע שאָטנס. קאָנען לייענען הייסט קאָנען עפענען די נשמה פאַר די שטילע זוימען פון דעם אַנדערנ'ס שאַפן, ווי די בלום עפנט זיך פאַר דעם טוי פון דער נאַכט און די שטראַלן פון דער זון. קאָנען לייענען און לערנען דעם אַנדערן לייענען הייסט ניט, ווי פילע מיינען, קאָנען זוכן און לערנען אַנדערע זוכן פעלערן און גרייזן. (דאָס דאַרף מען אויך קאָנען, אָבער דאָס איז ניט דער עיקר, דאָס איז אַ ביי־זאַך.) קאָנען לייענען און לערנען לייענען דעם אַנדערן הייסט קאָנען ענטציקט און באַגייסטערט און באַפרוכפּערט ווערן אַליין און קאָנען לערנען אַנדערע ענטציקט און באַגייסטערט און באַפרוכפּערט ווערן פון טאַלאַנט, פון גאָט'ס גאָב, פון דעם הייליגן פונק, אַלץ איינס וואו און ווי עס זאָל זיך ניט אַרויסווייזן. קאָנען לייענען הייסט קאָנען זאָגן אינאיינעם מיט דעם רוסישן קריטיקער איכענוואַלד, אַז „עס איז פאַראַן נאָר איין שטענדיגע ריכטונג, איין אומפאַרענדלאַכער סטיל, און ער איז שטענדיג מנצח. דער דאָזיגער אייביגער טריאומפאַטאָר — דאָס איז די באַגאַבטקייט. ווי זי ווייזט זיך אַרויס, וואָס פאַר אַ פאָרם זי קלייבט זיך אויס — דאָס איז לחלוטין אַלץ איינס: אבי זי איז פאַראַן". בויגן זיך פאַר'ן טאַלאַנט, פאַלן ענטציקט כורעים פאַר אים און ניט בלויז לאָזן אים זיין, וואָס ער איז, נאָר בענשן אים דערפאַר, וואָס ער

איז אזוי, ווי ער איז, און ניט ווי אן אנדערער, דערפאר, וואס ער פארמערט גאט'ס פארבן און פארמען און עפנט אויף פאר אונז נייע ווינקלען פון לעבן און נייע מעגלאכקייטן פון שאפן, — אט וואס א לייענער און א לערער פון לייענען — א קריטיקער און יעדער קונסט־געניסער — דארף קאנען פריער פאר אלץ.

און ניט נאר דאס אליין מוז ער קאנען. ער מוז האבן דעם מוט איינצושטימען מיט א צווייטן רוסישן קריטיקער, קארניי טשוקאווסקי, וועלכער איז דרייסט גענוג צו זאגן, אז „סנאביזם, פשיטותיזם האט, ווי אלע אנדערע זאכן, דאס רעכט צו זיין אין דער קונסט, און פון דעם קינסטלער דארפן מיר פאדערן נאר איינס: ער זאל וואס פולער, וואס פרעכטיגער, וואס בולט'ער ארויסווייזן פאר אונז זיין נשמה, און זאל אונז ניט ארן, וואס דאס איז פאר א נשמה", — אויב נאר, ווייל איך אויסטייטשן, זי איז באמת די נשמה פון א קינסטלער.

קיין שום געבונדנקייט טאר ניט זיין אין דער קריטיק. און אויך קיין שום צוגעבונדנקייט, וועלכע שליסט אויס אנדערע צו־געבונדנקייטן. די קריטיק וויים ניט פון גייסטיגער „מאנאגאמיע". זי איז שטענדיג גרייט זיך צו פארליבן. זי איז אפן פאר אלע שולן, אלע עפאכן, אלע ריכטונגען און אלע סטילן אין דער קונסט „זי זאגט אייך ניט", האט עס באשטעטיגט איינער פון אירע גלענ־צענדסטע פארשטייער, היפאליט טען, — „פאראכט די האלענדישע קונסט: זי איז צו גראב; ליבט נאר די איטאליעני־שע קונסט". זי זאגט אייך אויך ניט: „פאראכט די גאטישע קונסט: זי איז קראנקהאפטיג; ליבט נאר די גריכישע קונסט". זי לאזט יעדן די פרייהייט צו פאלגן זיינע פערזענלאכע נייגונגען און באזונדערהייטן, אויסצוקלייבן דאס, וואס איז צוגעפאסט צו זיין געמיט און ארייצוטאן זיך אין דעם, וואס שטימט מער מיט זיין גייסט". און ווייטער זאגט אונז טען פון איר נאמען וועגן, אז זי ליבט גלייך אלע קונסטפארמען און קונסטשולן, אפילו די, וואס זעען אויס צו זיין געגנזעצליך איינע צו די אנדערע. זי נעמט זיי אלע אן פאר אנטפלעקונגען פון מענשלאכן גייסט, זי רעכנט, אז וואס רייכער זיי זיינען אין צאל און וואס פארשיי־

דענער און געגנזעצלאכער, אלץ אויף א נייערן און פילזייטיגערן אופן מאניפעסטירן זיי דעם מענשלאכן געניוס.

אמת, אסקאר ווײלד זאגט (אין זיין דיאלאג: „דער קריטיקער אלס קינסטלער") אז „נאר א קונסטהענדלער קאן גלייך אומפארטייאיש באוואונדערן אלע קונסט־שולן". אבער באלד (טאקע אויפ'ן צווייטן זייטל) האט ער אליין חרטה אויף אט דעם פאראדאקס, און ער גיט־צו, אז „דער אמת'ער קריטיקער וועט אלעמאל זיין אויפריכטיג אין זיין איבערגעגעבנקייט צו דעם פרינציפ פון שיינקייט, אבער ער וועט תמיד זוכן שיינקייט אין יעדער תקופה און אין יעדער שולע און וועט קיינמאל נישט וועלן זיין באגרעניצט דורך איין איינגעשטעלטער רגילות פון געדאנק אדער א סטערעאטיפישן אופן צו באטראכטן זאכן. ער וועט זיך אליין ארויסווייזן אין א סך פארמען און אויף טויזנט פארשיידענע אופנים און ער וועט שטענדיג זיין דורשטיג נאך נייע עמפינדונגען און נייע שטאנדפונקטן."

פונקט אזוי קלאר האט זיך אויסגעדריקט העיזליט, אן עלטערער ענגלישער קריטיקער. רײדנדיג אין איינעם פון זיינע „טיש־געשפרעכן" וועגן די צוויי ריכטונגען אין דער ליטעראטור, דער, וועלכער האט ליב איינפאכקייט, און יענער, וואס איר אידעאל איז עלעגאנץ, זאגט ער: „טאלעראנץ, ניט אויסגעגליכנקייט פון מיינונג איז דאס, וואס פאדערט זיך אין דעם פאל, און ביידע צדדים וואלטן געדארפט צוגעבן, אז יעדערער פון אט די ביידע סארטן שרייבער איז אויף זיין שטייגער גוט." און אין אן אנדער ארט זאגט ער: „איך וואלט בעסער וועלן זיין א מענטש מיט א אנפניה'סדיגן געשמאק און א פרייען געפיל צו זען און אנערקענען אמת און שיינקייט אומעטום וואו איך געפין עס, איידער צו זיין א מענטש מיט א גרעסערן און מער אריגינעלן געניוס און צו האסן, מקנא זיין און פארלייקענען, יעדן גרויסן אויפטו, א חוץ מיין אייגענעם..."

אבער גראד אזעלכע מענטשן זיינען אפט די קינסטלער. און אן אנדערש מאל איז'ס אפילו א געבוירענער קריטיקער, אויב נאר ער איז דערצו נאך אויך א דיכטער. א ביישפיל איז סעינט־בעוו. אט דער גרויסער און טיפישער קריטיקער איז ניט געווען געגנוג פריי־

גייסט, און ברייטהארציג, ווען ער האָט געשריבן וועגן זיינע צייט־חברים. ער האָט זיי, פּשוט, מקנא געווען, זאָגט עמיל פאַגע, „ער האָט ניט פאַרגונען די, וועלכע האָבן, אַלס דיכטער, געהאַט אַ גרעסערן ערפאָלג, ווי ער. ער האָט ניט ליב געהאַט די ראָמאַניסטן, וועלכע האָבן פאַרפאַסט אינטערעסאַנטערע ראָמאַנען, ווי זיין „וואָליופּטע", און די פּאָעטן, וועלכע האָבן געשריבן בעסערע פערזן, ווי זיינע „אויגוסט געדאַנקען". און אויב דאָס האָט געקאָנט פּאַסירן מיט סענט־בעיוו׳ן, וועלכער איז דאָך בטבע געווען מער קריטיקער, ווי דיכטער, הייגט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן ריינע קינסטלער־נאַטורן?

אפילו דאַן, ווען זיי זיינען פריי פון אַזעלכע מענטשלאַכע און קינסטלערישע שוואַכקייטן, ווי קנאה און עגאָצענטריזם, זיינען זיי זעלטן ווען מסוגל ארויסצואווייזן אַ פולשטענדיגע טאָלעראַנץ צו ווערק, וואָס זיינען געשאַפן אין אַן אַנדער סטיל און געהערן צו אַן אַנדער ריכטונג, ווי זייערע. דער אייגענער קינסטלער, וואָס איז בייז — און איז גערעכט, וואָס ער איז בייז — אויף דער דאָגמאַטישער און פּאַרטייאישער קריטיק, וועלכע האַלט אין איין האָבן טענות צו דער קונסט, פאַרוואָס זי פאָלגט ניט אירע עצות, — דער אייגענער קינסטלער ווערט אַליין צען מאָל דאָגמאַטישער, פאַרטייאישער און אומטאָלעראַנטער, ווען אים אַליין קומט אויס זיך אַרויסצוזאָגן וועגן קונסט־ווערק, וואָס זיינען ניט אין זיין גייסט.

„ווען אַ קריטיקער, שרייבט עמיל פאַגע, משפּט די ווערק פון אַנדערע בעת ער אַליין האָט געשאַפן און שאַפט קונסטווערק, איז דאָ אַ געפאַר, אַז ער וועט צופיל טראַכטן וועגן זיך אַליין, אַז ער וועט נעמען זיך אַליין פאַר אַ מוסטער און וועט יעדעס ווערק באַטראַכטן פון אָט דעם שטאַנדפּונקט".

דאַרף מען אַן אָביעקטיווערע פּען, ווי די, וואָס האָט געשריבן די „סעוואַסטאָפּאָלער ערציילונגען", „די קאָזאַקן" אָדער די ערשטע טיילן פון „קריג און פרידן"? און אָט די פּען איז אַן רחמנות פּאַרטייאיש און סוביעקטיוו, ווען זי שרייבט וועגן שעקספּיר׳ן. טאָלסטאָי איז גרייט געווען צו געבן זיין הסכמה אפילו אַ דריט־קלאַסיגן בעלעטריסט, אויב נאָר ער איז נעגאַנגען — אָדער ער־

האָט אַפילו נאָר געהינקט — אין זיינע וועגן, אָבער ער האָט ניט סובל געווען דעם געניאַלן דיכטער, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג. און ער האָט אָפּגעפּסקנט, אַז „שעקספּיר קאָן ניט זיין אַנערקענט נישט נאָר פאַר אַ גרויסן און געניאַלן, נאָר אַפילו פאַר אַ מיטלמעסיגן שרייבער... ביי שעקספּירן איז נישטאָ קיין שילדערונג פון כאַראַקטאָרן"...

נאָר אפשר האָט טאָלסטאָי'ען דעם קריטיקער געשטערט דער „פּראָפּאַגאַנדיסט" און דער „סעקטאַנט", וואָס איז געזעסן אין אים (הגם טאָלסטאָי'ען דעם קינסטלער האָט עס גאָרניט געשטערט)? אָבער אָט האָט געטע זיך ניט אָפּגעגעבן מיט פּראָפּאַגאַנדע און קיין „סעקטאַנט" איז ער אודאי ניט געווען. פונדעסטוועגן זאָגט היינע אין זיין „ראָמאַנטישער שולע", אַז „געטע האָט מורא געהאַט פאַר יעדן זעלבסטשטענדיגן אָריגינעלן שריפטשטעלער, און ער האָט געלויבט אַלע אומבאַדייטנדיגע קליינע גייסטער. יע, נאָך מער: ער האָט דאָס געטריבן אַזוי ווייט, אַז אַ הסכמה פון געטע'ן איז געווען אָנגענומען פאַר אַן אַטעסטאַט פון מיטלמעסיגקייט". דאָס איז, קאָן זיין, היינע'ס אַ גוזמא, אָבער אויך אַנדערע, ווייניגער איראָנישע, שריפטשטעלער זאָגן עדות, אַז דער אָלימפּיש־רואיגער געטע איז אין זיינע באַציאונגען צו אַנדערע קינסטלער ווייט ניט געווען רואיג און טאָלעראַנט. דאָס אייגענע האָט פּאַסירט — און פּאַסירט — אויך מיט אַנדערע, גרויסע און קליינע, קינסלטער. דערהויפּט אָבער טרעפט עס מיט יענע, וועלכע שאַפן אייגענע שולן. דערמאָנט זיך אָן וויקטאָר הוגאָ'ס באַרימטער פאָררעדע צו „קראָמוועל" — אָן אָט דעם „מאַניפעסט פון ראָמאַנטיזם"! מיט וואָס פאַר אַ ביטול רעדט ער דאָרט וועגן די טראַדיציעס און די ווערק פון דעם פראַנצויזישן קלאַסיציזם! דער באַגרינדער פון דער ראָמאַנטישער ריכטונג האָט ניט געוואָלט וויסן פון די קונסטווערק, וואָס זיינען ניט אין זיין גייסט. ניט שפּעטער ווי מיט אַ דרייסיג־פערציג יאָר האָט אין דעם אייגענעם פראַנקרייך עמיל זאָלאַ, דער שאַפער פון דער „נאַטוראַליסטישער" שולע, געמאַכט אַ קופּע אַש פון דעם ראָמאַנטיזם... דער נאַטוראַליזם האָט זאָלאַ געגלויבט, איז אַ שטיין, אונטער וועלכן דער ראָמאַנטיזם ליגט אַ באַגראָבענער.

אָבער ניט נאָר אַ פּרעמדע ריכטונג, אַ פרעמדן מעטאָד וועט אַ דיכטער זעלטן ווען אַנערקענען. אים בלייבט פרעמד אָפט יעדע ליטעראַרישע פאָרם, צו וועלכער ער איז ניט געוואוינט. איך קען אַ אידישן דיכטער, וועלכער שרייבט נאָר סקיצן און קורצע דערציילונגען: האַלט ער ניט פון ראָמאַנען... איך קען פּראָזע־דיכטער וואָס פאַרשטייען ניט, ווי קאָן מען זיך אַוועקזעצן שרייבן — אָדער לייענען — אַ ליד... עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס האָבן בכלל ניט קיין אינטערעס פאַר שאַפונגען, וועלכע שטאַמען ניט פון זיי אַליין. די דאָזיגע שרייבער זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיך, אַז אַנדערע עקזיסטירן ניט פאַר זיי, סיידן נאָר ווי אַ קוואַל פון אייפערזוכט. ס'איז באַקאַנט דער אַנעקדאָט, וואָס ווערט דערציילט וועגן האַנס אַנדערסען. אַ דאַמע, וואָס איז געזעסן לעבן אים ביי אַ מאָלצייט, צו וועלכן זיי זיינען געווען ביידע פאַר־בעטן, איז געווען ניט פאָרזיכטיג און האָט געפרעגט ביי אים עפּעס — ניט וועגן אים אַליין, נאָר וועגן הענריק איבסען. „מאַדאַם, איז געווען זיין קורצער און ברוגז'ער ענטפער, האָט איר געהערט אַמאָל פון דעם דענישן פּאָעט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען?"

עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע דיכטער זיינען אַזוי עגאָ־צענטריש. עס זיינען דאָ אַזוינע, וואָס זיינען גרייט צו לייענען אַנדערע שרייבער און אפילו לערנען זיך ביי זיי, אָבער עס טרעפט זייער זעלטן, אַז דיכטער זאָלן האָבן אין זיך אַזאַ ברייטע און אַלזייטיגע אויפנעמפייאיגקייט בנוגע צו די פאָרמען און מעטאָדן פון אַנדערע שרייבער, ווי די, וועגן וועלכער עס ריידן טען, העיזליט און אַנדערע קריטיקער...

דאָס רוב דיכטער געהערן צו דעם סוג פון יענע שאַרפע און אָריגינעלע מענטשן, „פון וועלכע עס קומען אַרויס," לויט דער מיינונג פון העיזליט, „שלעכטע קריטיקער". „אַלץ, זאָגט ער, וואָס שטימט ניט מיט זייער אייגענעם שניט און שטייגער שרייבן, זעט זיי אויס צו זיין באַנאַל און לאַנגווייליג"... פאַרקערט, זאָגט ער, „מענטשן, וואָס האָבן ווינציגער אייגענע מיטלען און זיי מוזן זיך אָפּטער ווענדן צום אַלגעמיינעם אוצר, געוואוינען זיך צו

ברייטער און פרייער צו שעצן וואָס זיי געפינען ביי אַנדערע. זייער געשמאַק ווערט ניט קיין קרבן פון זייער עגאָטיזם און זייער גאווה, און זיי באַרייכערן דעם באָדן פון זייערע גייסטער מיט כסדר'דיגע דערוואַרבונגען פון געבאָרגטער קראַפט און שיינקייט". צו אָט דעם סאָרט מענטשן געהערן יענע, וואָס דער מאַטעריאַל פאַר זייער שאַפן נעמען זיי ניט אין זייערע אוממיטלבאַרע לעבנס־איינדרוקן, נאָר אין זייערע רייכע קונסט־ערפאַרונגען, יענע, וואָס דער קוואַל פון זייער שאַפן איז געניסן קונסט. אין זייער באַציאונג צו קונסט קאָנען זיי אַרויסווייזן יענע אומענדלאַכע אויפמערקזאַמקייט, וועלכע די קינסטלער ווייזן אַרויס אין זייער פאַרהאַלטן זיך צו לעבנס־דערשיינונגען. זיי קאָנען זיך אויפגיסן יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער קינסטלער און יעדעס מאָל לעבן אין אַן אַנדער שאַפונג פאַרגעסנדיג זיך און אַלע ווערק, וואָס האָבן זיי פריער אַמאָל באַפרוכפּערט און ענטציקט... „ער האָט געזוכט, זאָגט דער היסטאָריקער פון דער דייטשער ליטעראַטור ווילהעלם שערער וועגן הערדער'ן, — ער האָט געזוכט צו ווערן מיט די העברייער אַ העברייער, מיט די אַראַבער — אַן אַראַבער, מיט די סקאַלדן — אַ סקאַלד, מיט די באַרדען — אַ באַרד". און דאָס איז ריכטיג ניט נאָר וועגן הערדער'ן, וואָס האָט איבערגעזעצט אויף דייטש לידער פון פאַרשיידענע פעלקער; דאָס איז אויך ריכטיג וועגן הערדער'ן דעם קריטיקער. און ניט נאָר וועגן אים אַליין. אויך וועגן אַ צווייטן גרויסן דייטשן איבערזעצער און קריטיקער, וועגן ווילהעלם שלעגל, לייענען מיר ביי אַ באַקאַנטן דייטשן ליטעראַטור־היסטאָריקער, עדיך שמידט, אַז „דער מאַן, וועלכער קאָן ניט קוקן אויף דעם אַנדערנ'ס פּאָעזיע, ניט באַגערנדיג זי אין האַרצן, פאַרשטייט ניט נאָר צו איבערזעצן דיכטעריש יעדע זאַך לויט איר כאַראַקטער, נאָר אויך אַריינצוטאָן זיך אַזוי אין דעם שניט־און־שטייגער פון אַן אַנדערן, אַן אַלטן אָדער אַ מאָדערנעם, אַ היימישן אָדער אַ פרעמדן, אַז זייער ווייניג שרייבער קאָנען דערגרייכן זיין מדרגה אין דער קונסט פון ליטעראַטור־היסטאָרישן פּאָרטרעט".

אָסקאַר ווײַלד האָט ניט אומזיסט פאַרגליכן דעם קריטיקער מיט דעם שוישפּילער. פּונקט ווי יענער, מוז אויך דער קאָנען

שעפעריש זיך אריינלעבן אין די פארשיידנסטע וועלטן און לעבן היינט אין איינער, מארגן — אין אן אנדערער.

אבער לעבן אין יענעמס וועלט הייסט ניט אויפהערן אליין צו לעבן. דאס הייסט נאר פאראינטערעסירן זיך מיט יענעמס און וועלן אים פארשטיין.

אז מען האט געארג בראנדעסן, וועלכער האט דער ערשטער געשריבן באגייסטערט וועגן ניטשע'ן, אויפגעווארפן, וואס ער איז פלוצלונג געווארן כלומר'שט א ניטשעאנער, האט ער געענטפערט, אז ער איז גאר ניט געווארן קיין חסיד פון ניטשע'ס פילאזאפיע, ער האט זיך נאר פאראינטערעסירט מיט זיין פערזענלאכקייט און איז פאר'כשופ'ט געווארן פון זיין אייגנארטיגקייט. „נע־מענדיג אין האנט א פילאזאפיש בוך, האט געשריבן בראנדעס, פרעג איך ניט, פריער פון אלעמען, צי איז דאס, וואס דער אויטאר זאגט, ריכטיג אדער פאלש, נאר פריער פאר אלץ זוך איך אין דעם ווערק דעם מענטשן, וואס איז באהאלטן אין אים. איך פרעג זיך: האט דער דאזיגער מענטש עפעס א באדייטונג ? איז ער אינטערעסאנט ? איז ער אינטערעסאנט, לעז איך אים ווייטער".

עס איז גאר ניט נויטיג, אז דער קריטיקער זאל ווערן א ניטשעאנער, כדי ער זאל קאנען שרייבן ענטוזיאסטיש וועגן ניטשע'ן, אזוי ווי דער אקטיאר דארף ניט זיין דוקא אליין א האמלעט, כדי ער זאל קאנען שפילן די ראליע פון האמלעט. ער דארף נאר פייאיג זיין אריינצולעבן זיך אין זיין העלדס אינעווייניגסטן לעבן.

„די אייגנטימלאכקייט פון זיין מוח, זאגט בראנדעס וועגן זיין לערער אין דער קריטיק, סעינט־בעוו, — איז באשטאנען אין זיין פייאיגקייט משיג צו זיין און צו דערקלערן אן אויסער־געוויינטלאכע צאל אנדערע מוחות." אויב בראנדעס איז, אזוי ווי עמיל פאגע, ניט אינגאנצן צופרידן מיט סענט־בעיוו, איז עס דערפאר, וואס „צווישען די גייסטער, וועלכע ער האט פאר־שטאנען, זיינען ניט געווען אזעלכע פרוכטבארע, ניט ראפינירטע גאונים, ווי באלזאק, און אזעלכע גרויסע וואונדערלאכע געניס

ווי בעיל". א קריטיקער מוז זיין ראוי פאר'כשופ'ט צו ווערן פון יעדן טאלאנט.

אין יעדן אמת־באגאבטן שריפטשטעלער מוז ער געפינען אן אינטערעס פאר זיך און מוז קאָנען באגייסטערט ווערן פאר אָט דעם אינטערעס.

„מען קאָן ניט פארשטיין קיין דיכטער, זאָגט דער גרויסער ענטוזיאַסט פון דער קריטישער קונסט, ביעלינסקי, ניט זייענדיג א געוויסע צייט אונטער זיין אויסשליסלאכער ווירקונג, ניט ליב קריגנדיג צו קוקן מיט זיינע אויגן, הערן מיט זיין געהער, רעדן מיט זיין שפראך. מען קאָן ניט באנעמען בייראָנ'ען, ניט זייענדיג א געוויסע צייט אין הארצן א בייראָניסט, מען קאָן ניט באנעמען היינע'ן, ניט זייענדיג קיין היינעיסט א געוויסע צייט, שילער'ן — ניט זייענדיג קיין שילעריסט א. אז. וו." און כמעט בוכשטעבלאך דאָס אייגענע זאָגט אן אנדער רוסישער קריטיקער: „יעדער בוך, זאָגט ער, איז פאר מיר אנשטעקנדיג: לייענענדיג טשעכאָוו'ן בין איך טשעכאָוו, לייענענדיג אוספענסקי'ן בין איך אוספענסקי — לויט דער לעבנס־אויפנעמונג, לויט דעם גייסטיגן טאָן און כאראקטער פון אלע מיינע שפירונגען".

אזוי מוז זיין יעדערער, וואָס וויל זיך אָפּגעבן מיט קריטיק, אויב נאָר ער ווייס, אז קריטיק איז ניט „לויבן" אָדער „זידלען", נאָר — די קונסט אויפצונעמען אין זיך א פרעמדנ'ס ווערק מיט שעפערישער ליבע, אויפנעמען עס, ווי די פרוכטבארע ערד — דעם קערנדל, וואָס ווערט פארזייט אין איר, און צוריק אים אונז אומקערן אן אויפגעבליטן.

מען דארף ריידן באזונדער וועגן אָט דער באריכערונג, וואָס דער קריטיקער גיט דעם ווערק, פון וועלכן ער איז געוואָרן אליין רייכער. דאָ האָב איך געוואָלט נאָר אויפווייזן דעם טעות, וואָס ליגט אין דער מיינונג, אז וועגן קונסט דארפן שרייבן די, וואָס שאפן אליין קונסטווערק, אזוי ווי נאָר וויסנשאפטסמענטשן קאָנען שרייבן וועגן וויסנשאפט. איך האָב געוואָלט אויפווייזן, אז ג ע נ י ס ן קונסט איז א קונסט פאר זיך אליין, און דאָס איז די קונסט פון קריטיק. די פייאיגקייט צו איר פעלט אָבער אָפט דוקא ביי די, וואָס שאפן אליין קונסטווערק. זי איז ענטוויקלט גאָר ביי

אַן אַנדער מין מענטשן... די אַלע גרויסע קריטיקער פֿון דער נייער צייט — הערדער, סעינט־בעוו, טען, ביעלינסקי — זיינען אין זייערע קריטישע אַנאַליזן און סינטעזן געווען גרעסער, ווי אין זייערע ריין קינסטלערישע פּרואוון. אפילו לעסינג האָט מיט זיין „לאַאָקאָאָן" און „האַמבורגער דראַמאַטורגיע" מער אויפגעטאָן, ווי מיט זיינע דראַמעס.

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ניט, אַז אַ קריטיקער איז, ווי מען וויל אונז איינריידן, אַ ניט־געלונגענער דיכטער און אַז יעדע טויגעניכטס אויפ'ן געביט פון קונסט קאָן „קערן וועלטן" אין דער קריטיק פון קונסט. דאָס הייסט נאָר, אַז קריטיק, איז ווי איך האָב געזאָגט, פאַר זיך אַליין אַ זאַך, און עס זיינען נויטיג צו איר גאָר באַזונדערע פייאיגקייטן, אַנדערע, ווי די, וועלכע עס האָט דער אייגנטלאַכער קינסטלער.

10. פּראָבלעמען פון קריטיק

10. פּראָבלעמען פון קריטיק.

א. קריטיק און רעצענזיע.

פאַרוואָס, האָט איינער געפרעגט, אַז מען שרייבט שוין ביי אונז יע אַמאָל וועגן א בוך, שרייבט מען ניט קיין רעצענזיע, נאָר א מאמר, ווי יענער האָט זיך אויסגעדריקט. מיט דעם וואָרט „מאמר" האָט ער עס געוואָלט נאָך מער דערנידעריגען. ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז ס'איז נישט מער ווי פּוסטע חקירה, מאמריסטיק דאָס, וואָס מען שרייבט ביי אונז וועגן ביכער. אי צו זיי גופא האָט עס ניט קיין שייכות, אי דעם לעזער ברענגט עס נישט קיין נוצען.

זעט איר, א רעצענזיע („רעוויו" בלע"ז) — דאָס איז עפּעס אַנדערש. א רעצענזיע איז אַ קורצער און א זאַכלאַכער באַריכט וועגן א נאָר־וואָס אָפּגעדרוקטן בוך. אַז דער לעזער לייענט עס דורך, האָט ער אַ באַגריף פון דער טעמע, דעם אינהאַלט, דעם כאַראַקטער, דעם סטיל און דעם עצם־ווערט פון בוך. ער ווייסט, וואָס ער קאָן אין דעם בוך געפינען און וואָס — ניט. קאָן ער אָפּפּסק'ענען פאַר זיך אַליין, אויפ'ן סמך פון אַזא מין רעצענזיע, צי זאָל ער זיך נעמען לייענען דאָס נייע ווערק, אָדער עס איז רעכט, אַז ניט...

ובכן, קריטיקער, מאַכט ניט קיין פּירושים אויף ביכער, דער־ציילט אונז ניט וועגן די איינדרוקן, וואָס איר האָט פון זיי, גיט אונז ניט איבער די געדאַנקען און די געפילן, וואָס זיי וועקן אין אייך, — פאַרפאַסט ניט, מיט איין וואָרט, קיין פילאָזאָפישע, עסטעטישע, פּסיכאָלאָגישע אָדער סאָציאָלאָגישע טראַקטאַטן — שרייבט רעצענזיעס! זייט ערלאַכע מעקלערס, כשר'ע און באַ־שיידענע פאַרמיטלערס צווישן דעם שרייבער און דעם לעזער!

ווארפט־אוועק די מליצה׳ס וועגן נאָכשאַפן און מיטשאַפן, נאָכלעבן און מיטלעבן, הערט־אויף זיך צו חנ׳ען מיט אָסקאַר ווײַלד׳ס „קונסט איבער קונסט“! גענוג צו מאַכן אָנשטעלן פון זעלבסטשטענדיגקייט און שעפערישקייט, זאָל זיין אַ סוף צו דער באַרימערישער ראָלע פון ניט געבעטענע שותפים צו מעשי בראשית — זייט שמשים ביים שרייבער, אויב ער איז עס ווערט, אָדער ווערט ריכטער איבער אים, אויב איר האָט די העזה!

דאָס איז די פאָדערונג, וואָס ווערט אָפט געשטעלט צו קריטיק.

און בנוגע צו אַ געוויסן סאָרט ביכער איז עס אַ גערעכטע פאָדערונג. איך מיין יענע ביכער, וואו דער עיקר איז די טעמע, דער מאַטעריאַל, ווי אויך דער שטאַנדפונקט און די מיינונגען פון דעם פאַרפאַסער: אַ שטייגער, וויסנשאַפטלאַכע ווערק.

זיי זיינען דאָס, וואָס זיי זיינען, ניט וואָס מיר, לעזער, מאַכן פון זיי. זיי עקזיסטירן פאַר אונז, ניט דורך אונז. זיי ווילן ניט געלעבט ווערן פון אונז. זיי ווילן נאָר פאַרשטאַנען ווערן. זיי זיינען ניט מחויב דורכצוגיין, דורכצולייכטן און דורכצוליטערן זיך דורך אונזער פאַנטאַזיע, דורך אונזערע געפילן, דורך אונזער לעבנס דערפאַרונג. זיי ווענדן זיך נישט צו אַלע אָרגאַנען פון אונזער פסיכיק. זיי אַפּעלירן נאָר צו איין טייל פון אונזער גייסטיגן לעבן — צו דער לאָגיק. לאָגיק איז אַן אָביעקטיווע זאַך — זי זוכט, יעדנפאַלס, אויסצוגעפינען דאָס „אַלגעמיינגילטיגע“ — איז מעגלאַך צו געבן וועגן ווערק פון דעם מין אַ מער אָדער ווייניגער אָביעקטיוון באַריכט.

מען קאָן לייכט זען די טעמע פון אַ נאַטורוויסנשאַפטלאַכן אָדער היסטאָרישן בוך. עס איז ניט שווער „איבערצוגעבן דעם אינהאַלט“ און מאַכן אַ קיצור פון אַזאַ מין ווערק. מען דאַרף האָבן נאָר דערצו גענוג קענטעניש, פאַרשטאַנד און שרייבערישע פייאיגקייט. דער מעטאָד, דער שטאַנדפונקט און די הויפּט־פּרינציפּן פון אַ וויסנשאַפטלאַכן פאַרפאַסער לאָזן זיך פאָרמולירן מער אָדער ווייניגער קלאָר און אומפּאַרטייאיש. קאָנען מיר האָבן באמת אַ בילד פון זיין ווערק, ווען אַ קאָמפּעטענטער און

פּיאַיגער מענטש גיט אונז וועגן דעם אַ באַריכט, אַן איבער־בליק, אַ רעצענזיע.

פאַרשפּאָרן אונז לייענען דאָס עצם ווערק קאָן עס נישט. וואָרים מעג ווי גוט און ווי פולשטענדיג זיין די רעצענזיע., וועט עס אַלץ זיין נאָר אַ סכעמע, אַ פּלאַן, אַ צייכענונג פון דעם בנין, וואָס דער פאַרפאַסער האָט אויפגעבויט. עס וועט זיין אין בעסטן פאַל אַ סקעלעט פון דעם בוך, ניט זיין פלייש און בלוט און הויט.

אָבער עס קאָן אונז דאָך ברענגען נוצן. עס באַקענט אונז מיט די ראשי פּרקים, מיט דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער און צום טייל אויך מיט דעם ווערט פון בוך...

געוויס קאָנען אויך דאָ זיין טעות'ן. און נישט נאָר גע־וואוינטלאַכע מענטשלאַכע טעות'ן, נאָר טאַקע אַזעלכע, וואָס נע־מען זיך פון פּאַראורטיילן און פּאַרטייאישער איינזייטיגקייט (די וויסנשאַפטס־לייט האָבן זייערע אייגענע „וויסנשאַפטלאַכע" פּאַראורטיילן, זייערע אייגענע איינגעשפּאַרטקייטן און פּאַרטיי־אישקייטן). איז דאָך אונז באַקאַנט דער וויי־געשריי און דער ביטערער, פאַרביסענער פּראָטעסט פון שאָפּענהויער קעגן די „פּראָפעסאָרען", וואָס פאַרדרייען און פאַרקריפּלען יענעמס גע־דאַנקען און מיינונגען. האָט ער דאָך דוקא וועגן דער אָביעקט־טיווער וויסנשאַפטלאַכער „וואַרהייט" געזאָגט, אַז זי איז „נישט קיין גאָסנפרוי, וואָס וואַרפט זיך יעדן איינעם אין די אָרעמס", נאָר מען מוז איר טריי דינען, גרויסע קרבנות ברענגען און האָבן עפּעס גאָר אַ באַזונדערן זכות צו דערזען אויף אירע ליפּן אַ שמייכל... אויך וועגן אַ וויסנשאַפטלאַכן בוך איז, אַלזוי, ניט לייכט צו האָבן — און צו געבן אַנדערע — אַ ריכטיגן און גע־נויען באַגריף. אָבער פאַר אַ געלערנטן און פאַראַנטוואָרטלאַכן רעצענזענט איז עס דאָך מעגלאַך, און פאַר'ן לעזער — נ י צ־ ל א ך.

אַנדערש, גאָר אַנדערש איז מיט די ביכער, וואָס ברענגען אונז נישט דעם אמת פון טרוקענעם פאַרשטאַנד, נאָר יענעם העכערן און טיפערן אמת, וואָס לאָזט זיך נישט באַנעמען מיט'ן שכל, — דעם אמת פון שיינקייט, פון קונסט.

די דאָזיגע ביכער מוז מען לייענען נישט נאָר כדי צו קאָ־

נען פון זיי הנאה האָבן (אויך פון וויסנשאַפטלאַכע ווערק האָט מען קיין הנאה ניט, אויב מען לייענט זיי נישט אַליין און מען באַנוגנט זיך נאָר מיט קאָמפּילאַציעס און איבערזאָגונגען). ווען אַ בוך פון קינסטלערישן מין קאָן מען אַפילו קיין באַגריף נישט האָבען, ווען מען האָט עס אַליין נישט געלייענט.

איר מוזט זען אַליין די פאַרבן, די פאָרמען פון אַ בלום; איר מוזט אין זיך איינזאַפּן איר דופט, אויב איר ווילט וויסן, וו אָ ס זי איז. קיין באָטאַניקער וועט דאָ נישט העלפן.

קיין רעצענזענט קאָן אונז נישט געבן קיין אָביעקטיוו „באַשרייבונג" פון אַ ראָמאַן אָדער אַ דראַמע, שוין נישט גערעדט פון אַ לירישער פּאָעמע. ער קאָן אונז נאָר איבערגעבן, וואָס ער האָט געטראַכט, געטרוימט, געזען, געפילט, איבערגעלעבט, ווען ער האָט געלייענט דעם ראָמאַן, די דראַמע, דאָס ליד. ער קאָן אונז זאָגן, וואָס ער ווייס — און ווייסן ווייסט ער נאָר, וואָס ע ר האָט ג ע ל י י ע נ ט, ניט וואָס י ע נ ע ר האָט ג ע ש ר י ב ן.

דאָס איז ריכטיג אויך וועגן וויסנשאַפטלאַכע ווערק, אָבער די אויפפאַסונג פון וויסנשאַפטלאַכן אמת ווערט דאָך נישט אַזוי אינדיווידואַליזירט און איז דאָך ניט אַזוי פאַרשיידנאַרטיג, ווי דאָס אויפנעמען די שיינקייט פון אַ קונסטווערק.

די שיינקייט פון אַ קונסטווערק עקזיסטירט ניט פ אַ ר אונז. זי עקזיסטירט נאָר א י ן אונז — אין אונזער פייאיגקייט זי צו געפינען און צו געניסן („ווען מיר זאָלן דורכוואַנדערן אַפילו די גאַנצע וועלט צו זוכן דאָס שיינע", זאָגט עמערסאָן, „וועלן מיר עס נישט געפינען, אויב מיר טראָגן עס ניט אין זיך אַליין") און אַזוי ווי יעדער פון אונז לעבט־איבער דאָס שיינע און שאַפט עס איבער אויף זיין אייגענעם שטייגער, לויט זיין אייגענעם כאַראַקטער און כפי זיין מדרגה, איז דאָס בילד, וואָס יעדער איינער (און ממילא אויך דער קריטיקער) גיט אונז פון אַ קונסטווערק, אַ בילד פון דעם איינדרוק, וואָס דאָס ווערק האָט אויף אים געמאַכט, ניט פון דעם ווערק גופא. אַן אַנדערער קאָן האָבן אַן אַנדער איינדרוק, וועט ער אָפּגעבן ממילא אויך אַן אַנדער „באַריכט"...

„אין פראגן, וואס זיינען שייך צו ליטעראטור", זאגט אנא־טאל פראנס, „איז ניטא קיין איין מיינונג, וואס עס זאל נישט זיין לייכט איר אנטקעגנצושטעלן א מיינונג, וועלכע איז פונקט דער היפוך פון איר". און וואס אנאטאל פראנס זאגט וועגן „מיינונגען", איז ריכטיג וועגן דעם עצם אויפפאסונג פון א קונסטווערק. די עצם אויפפאסונג קאן זיין ביי איינעם אזא און ביי אן אנדערן — גאר אן אנדערע. איך האב שוין פריער געשריבן וועגן דעם.*) דא וויל איך נאר צוגעבן, אז אפילו דער ספור המעשה, די פאבל, און אפילו די טעמע, יע, אפילו די טעמע פון א קונסטווערק לאזט זיך נישט אביעקטיוו באשטימען און ריכטיג איבערגעבן.

עס קאן טרעפן, אז צוויי רעצענזענטן זאלן איבערדער־ציילן די פאבל פון א נאוועלע — און זי זאל ביי איינעם זיין אנדערש, ווי ביי דעם אנדערן. האט איינער „ניט ריכטיג" דערציילט? ניין, פאסירט האט עפעס אנדערש, עפעס אזוינס וואס מוז פאסירן. עס איז אוממעגלאך איבערצודערציילן אלץ. עפעס מוז מען אויסלאזן. וואס? דאס ווייניגער וויכ־טיגע. האלט איינער פאר „ניט גענוג וויכטיג" די פרטים און דער אנדערער — אנדערע. געפינט זיך אין איינעמס אי־בערדערציילונג דאס, וואס אין דעם אנדערנס פעלט, און פאר־קערט. מוזן שוין ממילא ארויסקומען צוויי גאנץ פארשיידענע ווערסיעס.

און ניט נאר די פאבל, אויך די טעמע פון א קונסטווערק איז נישט קיין זאך, וואס לאזט זיך אביעקטיוו פארמולירן. דעם קינסטלער אליין איז שווער צו געפינען גענויע ווערטער פאר זיין טעמע. ער האט זי אויסגעדריקט אין זיין ראמאן, אין זיין דראמע, אין זיין פאעמע. אנדערש קאן ער זי ניט אויס־דריקן. די טעמע פון א קונסטווערק איז דאס קונסטווערק. עס איז נאאיוו צו ריידן וועגן דער טעמע פון א ליד (אדער אפילו א ראמאן) און איר אויספירונג, ווי וועגן צוויי באזונדערע זאכן. די טעמע ווערט געשאפן אין דעם פראצעס

*) זע אויבן „דיכטער און קריטיקער".

פון איר אויספירונג. איידער די פּאָעמע אָדער די דערציילונג איז אָנגעשריבן, ווייסט דער שרייבער אָפט אַליין ניט אַקוראַט, וואָס ער וויל. ער האָט עפּעס אַן אַלגעמיינע — און אָפט זייער אַ נעפּלהאַפטע — „אידעע", „וויזיע", „פאַנטאַזיע" אָדער ווי איר וועט עס אָנרופן. ער ווייסט, וואָס ער טוט, ניט, וואָס ער ווי ל... ווען מען זאָל האָבן געפרעגט ביי סערוואַנטעס'ן, וואָס איז געווען די טעמע פון „דאָן קיכאָט", וואָלט ער געוויס געענטפערט: „די שעדלאַכקייט פון די ריטער־ראָמאַנען". אָבער די אמת'ע טעמע פון דעם אומשטערבלאַכן ראָמאַן איז גאָר אַן אַנדערע — אַ ניט אין ערך וויכטיגערע.

די באַשטימונג פון דער טעמע, וואָס אַ קונסטווערק האָט איז ענג פאַרבונדן מיט דער עצם אויפפאַסונג פונ'ם ווערק. איז עס פונקט אַזוי סוביעקטיוו, ווי די אויפפאַסונג.

היינט ווי קאָן מען פאָדערן פונ'ם רעצענזענט אָדער קרי־טיקער, אַז ער זאָל פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אָפּגעבן אונז נאָר אַ „באַריכט" פון דעם בוך? אַז עס איז גאָר ניטאָ און עס קאָן ניט זיין אַזאַ זאַך, ווי אַן אָביעקטיווער באַריכט.

נאָר ווען עס זאָל אַפילו מעגלאַך זיין צו באַשטימען די טעמע און איבערגעבן ריכטיג דעם ספּור המעשה פון אַ קונסט־ווערק, וואָלט עס אַלץ געווען ווינציג. וואָרים וואָס קאָן, אַ שטיינער, אַרויסקומען דערפון, וואָס איר וועט וויסן, אַז די שיינע געביידע איז געמאַכט געוואָרן פון האָלץ, פון שטיין אָדער פון שטאָל און אייזן? דער עיקר איז דאָך, וואָס עס איז פון דעם מאַטעריאַל געמאַכט געוואָרן און ווי עס איז געמאַכט געוואָרן. און אַז עס קומט צום וואָס און צום ווי פון אַ קינסטלערישער שאַפונג, איז דער, וואָס שרייבט אַ רעצענזיע, פונקט אַזוי סוביעקטיוו, ווי דער פאַרפאַסער פון אַן אויספירלאַכער קריטיק.

דער אונטערשייד צווישן אַ רעצענזיע, וואָס איז ווערט צו טראָגן איר נאָמען, און אַ קריטיק איז אין דער אמת'ן נאָר אַן אויסערלאַכער. רעצענזיעס רופט מען אָן געוואוינטלאַך קרי־טיקן וועגן ביכער, וועלכע זיינען נאָר וואָס אַרויס פון דרוק, בעת קריטיקן זיינען רעצענזיעס וועגן ביכער, וואָס זיינען שוין

לאנג פאַרעפנטלאכט געוואָרן. א חוץ דעם, זיינען רעצענזיעס געוואוינטלאך קירצער פאַר קריטיקן. דאָס מאכט, אז עס זאָל זיין שווערער — און מען זאָל דאַרפן האָבן מער פייאיגקייט — זיי צו שרייבן.

שרייבנדיג וועגן א בוך פון א לעבעדיגן און אָפט נאָך גאָר יונגן שרייבער, האָט מען ניט די פּערספּעקטיוו פון צייט, וועל־כע איז דאָ, ווען מען שרייבט וועגן די ווערק פון עלטערע שריפט־שטעלער. און אויך דאָס מאכט די אזוי־גערופענע רעצענזיע שווערער און ריזיקאַלישער, ווי קריטיק. אָבער אין דעם פּרט פון סוביעק־טיוויטעט זיינען זיי ביידע גלייך. און אפשר איז א רעצענזיע נאָך סוביעקטיווער, ווי א קריטיס.

די פראַגע איז, אַלזוי, ניט וואָס זאָל מען שרייבן, לאַנגע „מאמרים", אָדער קורצע „באַריכטן"? די פראַגע איז: וואָס פאַר א ווערט האָבן די ביידע פאָרמען פון קריטיק, אויב זיי זיינען נישט מער, ווי אַן אויסדרוק פון די אינדיווידועלע מיי־נונגען און שטימונגען פון זייערע פאַרפאַסערס?

וועגן דעם — אין קומענדיגן קאַפּיטל.

ב. דער הויפּט־ווערט פון קריטיק.

אויב דעם קריטיקער'ס אויסטייטשונג פון א קונסטווערק איז נישט מער ווי זיין אייגענער, סוביעקטיווער, איינדרוק, אויב זיין מיינונג איז נישט די איינציג־ריכטיגע מיינונג, היינט וואָס קאָן מען פון דעם האָבן? (וואָרים איך וויל דאָ ריידן וועגן דער קריטיק, נישט ווי זי איז, נאָר ווי זי קאָן און זאָל זיין.)

קריטיק קאָן, ערשטנס, פאַרשאַפן אונז עסטעטישן און אינטע־לעקטועלן פאַרגעניגן, פּונקט אזוי ווי א פּאָעמע אָדער א שיינע דערציילונג. מען קאָן גאָר אַמאָל איינגאַנצן פאַרגעסן, אז דער קריטיקער שרייבט וועגן דעם ווערק פון אַן אַנדערן. מען קאָן ווערן אזוי פאַר'כשופ'ט פון זיין אייגענער קונסט, אז מען זאָל זיין פאַרטאָן אין איר אַליין און ניט טראַכטן גאָר וועגן דעם בוך אָדער בילד, וואָס איז געוואָרן די טעמע, דער אויסגאַנגס־

פונקט, דער מאַטעריאַל, פאַר זיין עסיי. אזוי ווי ביים קינסטלער איז דער עיקר, וואָס ער אַליין האָט באַוויזן צו שאַפן, ניט דער שטאָף, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר זיין ווערק, אזוי קאָן אויך אַמאָל דעם קריטיקער'ס אייגענער אויפטו, דער אויסדרוק פון זיין גייסטיגער קראַפט און די קראַפט פון זיין אויסדרוק, זיין אזוי ווערטפול, אַז מיר זאָלן שוין מער קיין אַנדער זאַך ביי אים ניט דאַרפן זוכן. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז דער „האַלב־קינסטלער", וואָס זיצט אין דעם קריטיקער, קאָן ווערן אַ גאַנצער קינסטלער, דער „ניט־געראָטענער דיכטער" — אַ געראָטענער, און ממילא זאָל זיין קריטיק ווערן קונסט, פּאָעזיע.

עס קאָן אַפילו זיין, אַז לויט איר אויסדרוקס־אופן, נישט נאָר אין תוך, זאָל די קריטיק האָבן דעם כאַראַקטער ניט פון קיין אַרטיקל אָדער עסיי, נאָר פון אַ קונסט־ווערק — פון אַ ליד, פון אַ דערציילונג, פון אַ קינסטלערישן דיאַלאָג.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ טעאַטער־קריטיק — אַ ליד פון פּעטער אַלטענבערג וועגן יאָזעף קאַינץ. אויך אַנדערע לידער אין פּראָזע זיינען דאָ ביי אַלטענבערג'ן, וואָס זיינען אייגנטלאַך קריטיקן. דער רוסישער דיכטער באַלמאָנט האָט געגעבן אויס־געצייכנטע כאַראַקטעריסטיקעס פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, פון עדגאַר עלען פּאָ און אַנדערע אין דער פאָרם פון סאָנעטן. דער ענגלישער פּאָעט לענדאָר האָט אויסגעמאָלן אין אַ ליד דעם פּאָרטרעט פון בראָונינג, שעלי האָט געגעבן אין פערזן אַ כאַראַקטע־ריסטיק פון קאָלרידזש...

אויך אויף אידיש זיינען דאָ קריטיקן — לידער (יהואש'עס „ווי עס ווערן לידער פארפאַסט", ליעסינ'ס לירישע כאַראַקטע־ריסטיק פון אידיש, ר. אייזלאַנד'ס לידער וועגן לעוו טאָלסטאָי און אַנדערע, געוויסע קאַפּיטלאַך אין משה נאַדיר'ס „פון מענטש צו מענטש"). עס איז באַקאַנט דאָס העברעאישע ליד, אין וועלכן ביאַליק האָט אָפּגעשאַצט אחד העם'ן.

עס זיינען דאָ לירישע פּאָעמעס, דראַמעס און אַפילו ראָ־מאַנען, וואָס אינגאַנצן געגומען זיינען זיי ניט שייך צו קריטיק, אָבער זיי האָבן אין זיך טיילן, וואו עס רעדט זיך אויף אַן עבט־קריטישן אופן וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון קונסט און

קינסטלער. עס איז געווען גענוג צו דערמאָנען געטע׳ס „טאָרקוואטאָ טאַססאָ", גרילפּאַרצער׳ס „סאַפּפאָ", פּושקינ׳ס „יעווגעני אָניעגין", אָסקאַר ווײַלד׳ס „פּאָרטרעט פון דאָריאַן גרעי". ווי לײַכט וואָלט געווען צו באַנוצן שטעלן פון די דאָזיגע ווערק פאַר אַן אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע־קריטיק!

עס איז אין דער אמת׳ן ניטאָ גאָר קיין איין גרויסער דיכטער, וואָס זאָל ניט האָבן געגעבן אונז אין דעם אָדער יענעם פון זײַנע ווערק טיפּע פּאָעטישע אַנאַליזן און בילדלאַכע אויסטײַטשונגען פון קינסטלערישן שאַפן. אַזעלכע זאַכן, ווי פּושקינ׳ס „מאָצאַרט און סאַליערי", „דער פּאָעט", אָדער געטע׳ס „פאָרשפּיל אין טעאַטער" פון „פאַוסט" זײַנען נישט נאָר קונסטווערק, — זיי זײַנען אויך מוסטערן פון קינסטלערישער קריטיק.

עס וואָלט באמת געווען אַ וואונדער, ווען קינסטלער זאָלן זיך באַנוגענען נאָר מיט דער נאַטור און מיט דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט און נישט וועלן נעמען פון צײַט צו צײַט פאַר שטאָף צו זייער שאַפן דעם שאַפן אַליין. איז די וועלט פון קונסט דען נישט פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, אויב נישט נאָך אינטערעסאַנטער ווי אַנדערע וועלטן? וואַכט דען נישט אויף און ווערט דען נישט אָנגעצונדן דעם קינסטלער׳ס שאַפנדיגע פאַנטאַזיע, ווען ער זעט פאַר זיך אַ ווערק, וואָס איז אַליין פון פאַנטאַזיע געשאַפן?

האָבן טאַקע אַ סך דיכטער, ווי אויך מאָלערס און סקולפּטאָרס, גענומען די טעמעס און דעם שטאָף פון זייערע ווערק נישט בלויז פון מענטשלאַכן לעבן, נאָר אויך פון מענטשלאַכן שאַפן — פון רעליגיעזן מיטאָס, פון לעגענדעס, פון פאָלקסמעשיות אָדער פון אינדיווידועל־ליטעראַרישע ווערק, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך די פריערדיגע דורות. האָמער און דאַנטע און שעקספּיר און מילטאָן און געטע, פידיאַס און מיקל אַנדזשעלאָ און רעמבראַנדט — אַלע זײַנען זיי באַפרוכפּערט געוואָרן פון קאָלעקטיווע אָדער אינדיווידועלע קונסטשאַפונגען (פון דער אָריענטאַלישער, גריכישער, קריסטליכער מיטאָלאָגיע, פון דער ביבל, פון מיטלאַלטערלאַכע לעגענדעס, פון פאַרשיידענע לי־

טעראַרישע ווערק). אַלע האָבן זיי באַפּרוּבפּערט, באַנייט און אויסגעטייטשט די אָדער יענע קונסט־געשטאַלטן. אַלע זיינען זיי געווען קינסטלער־קריטיקער.

און נישט נאָר זיי אַליין. וואָס פאַר אַ קאַפּיטל איר זאָלט נישט לייענען אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור און קונסט, וועט איר אומעטום געפינען ווערק, וואָס זיינען פון ס'ניי באַלויכטענע, ניי־אויסגעטייטשטע אָדער אויף אַ נייער קינסטלערישער שפּראַך איבערגעזעצטע ווערק פון פריערדיגע דורות.

ליטעראַטור איז נישט נאָר „קריטיק פון לעבן", ווי אַרנאָלד האָט זיך אויסגעדריקט. ליטעראַטור איז אָפט אויך קריטיק פון ליטעראַטור.

איך האָב אָנגערופן לידער, ראָמאַנען, דראַמעס, וואָס האָבן אין זיך קריטיק, כאָטש די פאַרפאַסער זיינען אויסן געווען צו שאַפן לידער, דראַמעס, ראָמאַנען, נישט קיין קריטישע עסיים. אָבער עס זיינען דאָ אויך אַזעלכע דיכטערישע ווערק, וואו די פאַרפאַסער האָבן זיך באַוואוסטזיניג געשטעלט פאַר אַ ציל קריטיק. נעמט, אַ שטייגער, די פּאָעמעס פון עמיל ווערהאַרן וועגן די פלעמישע מייסטערס, אָדער די דיאַלאָגן וועגן ליטעראַטור און קונסט — פון פּלאַטאָ ביז אָסקאַר ווײַלד. האָבן דען נישט אַ סך פון זיי קיין ריין דיכטערישע באַדייטונג, כאָטש זיי זיינען לויטער קריטיק?

און פונקט אַזוי, ווי עס קאָן זיין דיכטונג־קריטיק, קאָן זיין אויך קריטיק־דיכטונג. דערמאָנט זיך אָן יענע זייטלאַך אין דער „ראָמאַנטישער שולע", וואו היינע הערט אויף צו זיין אַ זשורנאַליסט און ווערט צוריק היינע — געפינט איר דאָרט ניט אַזעלכע איראָניש־לירישע שורות ווי אין זיינע ליבע־לידער? אָדער זיין עסעי וועגן „דאָן קיכאָט": איז עס נישט קיין ליריק? לייענט דעם אָנהויב פון זאָלאַ'ס אַרטיקל וועגן באַלזאַק'ן — איר וועט צוגעבן, אַז ס'איז קונסט. לייענט קאָלרידזש'ס „ביאָגראַפיאַ ליטעראַריאַ!"

אָבער דאָס זיינען אַלץ דיכטער. דערפאַר, וועט מען זאָגן, פילט זיך דיכטערישער טאַלאַנט אויך אין דער קריטיק, וואָס זיי שרייבן, און זי האָט אַ ריין־ליטעראַרישע באַדייטונג, אַלץ

איינס וואָס פּאַר אַ מיינונגען עס ווערן אין איר אַרויסגעזאָגט. אָבער וואָס איז מיט די, וואָס שרייבן ניט קיין ראָמאַנען און קיין לידער, נאָר קריטיק אַליין? קאָן געמאָלט זיין, אַז אויך זייער שרייבן זאָלן מיר, פריער ווי אַלץ, געניסן ווי ליטעראַטור? איז עס מעגלאַך, אַז אויך זיי זאָלן אונז פאַרכאַפּן אַזוי מיט דער שיינקייט פון זייער ווערק, אַז מיר זאָלן זיי דערפאַר גופא שוין דאַנקען און לויבן?

נישט נאָר איז עס מעגלאַך. עס איז אַבסאָלוט נויטיג. אַ קריטיקער מוז, קודם כל, האָבן טאַלאַנט צו שרייבן. אויב ניט, איז ער נישט מער ווערט ווי אַנדערע אינטעליגענטע לעזער. צווישן זיי טרעפן זיך אָפט מענטשן, וואָס האָבן וועגן די ביכער, וועלכע זיי לייענען, אינטערעסאַנטע און ווערטפולע מיינונגען. פונדעסטוועגן זיינען זיי נישט קיין קריטיקער. מחמת זיי זיינען „שטומע נשמות". זיי האָבן ניט קיין כח אויסצודריקן און אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיגער שיין דאָס בילד, וואָס זיי האָבן פון דעם איבערגעלייענטן ווערק. זיי זיינען קריטיקער נאָר פאַר זיך אַליין, אַזוי ווי עס טרעפן זיך מענטשן, וואָס זיינען פּאָעטן פאַר זיך אַליין. אָבער אַן אמת'ער פּאָעט, איז דער, וואָס זיין וועלט איז אָפן פאַר אַנדערע. אַזוי איז אַן אמת'ער קריטיקער נאָר דער, וואָס לאָזט אונז אַלעמען אַריינקוקן אין דער ספערע פון זיינע לעזערישע איינדרוקן.

ער מוז פריער פאַר אַלץ זיין אַ גוטער לעזער, ד. ה., אַזאַ, וועלכער באַפרוכפּערט דעם ווערק, פון וועלכן ער איז אַליין באַפרוכפּערט געוואָרן, אָבער אינאיינעם דערמיט מוז ער האָבן אַ ריין שרייבערישן טאַלאַנט, דעם טאַלאַנט צו מאַכן אַרויסלייכטן זיין אינעווייניגסטן גייסטיגן לעבן, אַרויסלייכטן אַזוי, אַז מענטשן זאָלן עס קאָנען און וועלן זען.

און אין דער אמת'ן באַוואונדערן מיר טאַקע אין יעדן עכטן קריטיקער די שרייבערישע, נישט נאָר די לעזערישע, קראַפט, וואָס ער פאַרמאָגט. עס געפעלט אונז אין דער רוסישער קריטיק ביעלינסקי און מיר קאָנען אויך הנאה האָבן פון פּיסאַרעוו'ן, כאָטש זיי האָבן גאָר פאַרשיידענע און פאַרקערטע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט. מיר לייענען איינוגע

ווערק זייערע (די, וואָס זיינען נישט פאַרעלטערט געוואָרן) מיט פאַרגעניגן, נישט דערפאַר, ווייל מיר זיינען מסכים מיט אַלץ, וואָס זיי זאָגן. מיר האָבן הנאה פון זייער שרייבן. איך האָב עס באַזונדערס שטאַרק געפילט, ווען איך האָב געליינענט פּיסאַרעוו׳ן. עס איז מיר געווען אַזוי פרעמד, אַזוי פיינדלאַך דער וועג — און די אונטערשטע שורה — פון זיין דענקען. דערפאַר אָבער בין איך נאָך פרייער געווען צו קוויקן זיך מיט דעם פייער און ברען און טעמפּעראַמענט פון זיין שטורמדיגער פּאָלעמיק. זיין אַנטי־עסטעטיזם האָט מיר פאַרשאַפט עסטעטישן גענוס.

אַן ענליכע דערפאַרונג האָב איך געהאַט מיט אַ קריטיקער פון אַ נישט אין ערך העכערער קולטור־מדרגה ווי פּיסאַרעוו׳ם — מיט היפּאָליט טען. זיין „נאַטור־וויסנשאַפטלאַכער" מעטאָד האָט מיך ניט גענומען, זיין מיליע־טעאָריע איז פאַר מיר נישט קיין קונסט־טעאָריע. זי איז גוט נאָר פאַר קולטור־געשיכטע, אָבער — וואָס פאַר אַ פּרעכטיגע בילדער ער גיט אונז פון׳ם קולטור־היסטאָרישן לעבן! וואָס פאַר אַ וואונדערלאַבע אַרכי־טעקטור אין גאַנצן ווערק און אין יעדן זאַץ! וואָס פאַר אַ קלאָרקייט פון געדאַנק און וואָס פאַר אַ בילדלאַכקייט פון אויס־דרוק! איר מעגט ווי שטאַרק האַלטן פון טען׳ם טעאָריעס, וועט איר דאָך נישט טראַכטן, ווען איר לייענט זיינע ווערק, וועגן די קולטור־היסטאָרישע געזעצן, וועגן דער ראַסע, דער „סביבה" און דעם צייט־גייסט, וואָס האָט באַשטימט דעם כאַ־ראַקטער פון זיין שאַפן, איר וועט זיין אַריינגעטאָן אין אים אַליין, איר וועט באַוואונדערן זיין שריפטשטעלערישע פּערזענ־לאַכקייט, איר וועט אים זיין דאַנקבאַר פאַר זיין מייסטערשאַפט. איר וועט איינשטימען מיט גיזאָ, וועלכער האָט אַמאָל געזאָגט צו אים: „אייער טאַלאַנט צעשטערט אייער סיסטעם — און ראַטעוועט אייך אַליין". איר וועט פילן, אַז זשיול לעמעטער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז טען איז אין זיינע קריטישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע ווערק אַ פּאָעט — אַ „פּאָעט־לאָגיקער".

און דאָס איז ריכטיג נישט נאָר וועגן טען׳ען. אפילו

געאָרג בראַנדעס, וואָס איז געווען צו־פּראָדוקטיוו און אָפט שי־טער און זשורנאַליסטיש, — האָט אַזעלכע ביכער, וואו איר פילט פריער פאַר אַלץ און שטאַרקער פאַר אַלץ דעם שעפערישן שריפט־שטעלער! ניט קיין קלענערע, ווי איבסען, האָט בראַנדעס'עס מאָנאָגראַפיעס וועגן לאַסאַל און דיזראַעלי אָנגערופן „פּאָעמעס" און זיין ווערק וועגן שעקספּיר'ן — „גראַנדעזיער עפּאָס"!

בראַנדעס האָט געהאַלטן, אַז דער יסוד פון יעדער אמת'ער קריטיק איז אינטואיציע. „אפילו נאָך לאַנגער און איינ־געשפּאַרטער ארבייט, האָט ער געשריבן, ווען דער קריטיקער זעט, אַז ער האָט שוין דורכאויס באַהערשט זיין געגנשטאַנד, איז ער נאָך אַלץ ניט געקומען צו דער מדרגה, ווען ער קאָן זיך נעמען פאַר דער אמת'ער ארבעט, — און ער וועט זיך ניט זעצן שרייבן, וואו ער וועט ניט דערפילן, אַז אין אים לעבט יענע פּערזאָן, וועלכע ער קלייבט זיך צו כאַראַקטעריזירן — און אָפט קומט אים אוים צו וואַרטן אויף דעם חדשים"... אָבער ווען ער דערוואַרט זיך און אים געלינגט די ארבעט, „קאָן ער אַמאָל שאַפן, זאָגט בראַנדעס, עפּעס אַזוינס, וואָס אַ ווערק פון פּאָעזיע וועט זיך נישט קאָנען גלייכן דערמיט. אפילו דאַן, ווען אַ פּאָע־טיש ווערק איז העכער פון קריטיק מיט זיין פרישקייט און שיינקייט, — זעען מיר אָבער זעלטן אָדער גאָר קיינמאָל ניט, אַז אַ פּאָעט זאָל קאָנען אויסמאָלן פאַר אונז דעם גייסט פון אַ מענטשן מיט אַזאַ קלאָרקייט און אָריגינעלקייט, ווי דאָס איז מעגלאַך פאַר קריטיק. פּאָעזיע שילדערט כאַראַקטערן און האַנד־לונג, אָבער ניט דעם לעבן פון שעפערישן און פילאָזאָפישן גייסט און זעלטענער ווי אַלץ מאָלט זי דעם געני"...

בראַנדעס האָט, ווי אָסקאַר ווײַלד, געזען אין קריטיק די פּאָטענץ פון אַ שעפערישקייט, וואָס איז העכער ווי פּאָעזיע. יעדנפאַלס איז קריטיק, לויט זיין מיינונג, ניט נידעריגער פון פּאָעזיע.

וועגן סעינט־בעוו'ען זאָגט בראַנדעס, וואָס אין אַ געוויסן זין איז ער זיינער אַ תלמיד, אַז — „זיין קריטיק שאַפט אַן אָר־גאַניזם, אַ לעבן, ווי די פּאָעזיע גופא טוט עס".

און אַזוי ווי אין דער פּאָעזיע איז דער עיקר דער „אָרגאַ־

ניזם", דאָס „לעבן", וואָס איז באַשאַפן געוואָרן, און ניט דער שטאָף, פון וועלכן עס איז געמאַכט, אַזוי איז אויך אין קריטיק דאָס וויכטיגסטע דער גראַד און די מדרגה פון גייסטיגן לעבן, וואָס דעם שרייבער געלינגט אַרויסצוברענגען, ריידנדיג וועגן דעם ווערק אָדער דער פּערזענלאַכקייט פון אַן אַנדער שרייבער.

דאָס איז דאָס וויכטיגסטע. אָבער נישט דאָס איינציגע, וואָס מיר קאָנען און מוזן דערוואַרטן פון קריטיק. עס זיינען דאָ ביי איר נאָך אַנדערע פונקציעס.

ג. דער קריטיקער איז אַ שרייבער, אַ לעזער, אַ לערער.

דער קריטיקער איז אַ שרייבער — פריער פאַר אַלץ. אָבער ער איז אַן אייגנאַרטיגער סאָרט שרייבער. די טעמעס, ווי אויך דעם אימפּולס צו שרייבן, נעמט ער אין ווערק, וואָס אַנדערע האָבן געשאַפן. ער קומט צום שרייבן פון לייענען. זיין שאַפן נערט זיך פון זיין געניסן דעם אַנדערנ'ס שאַפן. איז וויכטיג דערפאַר זיין לייענען, זיין געניסן. פּונקט אַזוי ווי עס איז וויכ־טיג דעם קינסטלער'ס פאַרהאַלטן זיך צו דעם שטאָף, וואָס ער נעמט פון לעבן.

דער קינסטלער באַלעבט און באַרייכערט דעם לעבנס־שטאָף. אַזוי ווערט אויך דאָס ווערק פונ'ם קינסטלער נאָכ'ן קריטיקער'ס לייענען ברייטער, טיפער, פולער.

יעדער - לעזער לייענט עפּעס אַריין אין בוך, „יעדער נייער לעזער פון האַמלעט איז אַזוי ווי זיינער אַ נייער פאַר־פאַסער" — זאָגט דער רוסישער קריטיקער גאַרנפעלד. אָבער אויב דאָס איז ריכטיג וועגן יעדן לעזער, איז עס ריכטיגער נאָך וועגן דעם לעזער, וואָס איז געוואָרן אַ שרייבער, — וועגן דעם קריטיקער. ער איז דער בעסטער, דער אַקטיווסטער, דער שע־פערישסטער פון אַלע לעזער.

דאַרף ער מער ווי אַלע אַנדערע באַרייכערן און באַפרוכ־פּערן דעם ווערק, וואָס ער לייענט.

עס דאַרפן זיין אין אים אַנטוויקלט ביז'ן העכסטן גראַד די צוויי וויכטיגסטע פיאיגקייטן, וואָס זיינען נויטיג פאַר יעדן

קונסט־געניוס: די אויפנעמספּייאיגקייט, די פעיאיגקייט זיך אריינצולעבן אין אַן אַנדערענ'ס שאַפונגס־וועלט, און די אויפטו־פעיאיגקייט, די פעיאיגקייט אַליין שעפעריש זיך אויסצולעבן אין אַט דער וועלט. ער דאַרף קאָנען, מיט אַנדערע ווערטער, אָפּגעבן זיך דעם אַנדערענ'ס גייסט, לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון אים און ער דאַרף צו גלייכער צייט קאָנען זיין אַליין אַ געבער און אַ באַאיינ־פלוסער.

אַט דאָס איז ריכטיג נישט נאָר וועגן די פאָרשטייער פון דער אזוי־אָנגערופענער אימפּרעסיאָניסטישער קריטיק. דאָס איז אַ כלל, וואָס גילט פאַר אַלע סאָרטן קריטיקער. זיי מוזן אַלע האָבן אי אַ שרייבערישע, אי אַ לעזערישע באַ־דייטונג. נישט נאָר מוזן זיי אַליין עפּעס אויפטאָן מיט זייער שרייב־קונסט; זיי מוזן באַנייען אָדער אויף אַ נייעם אופן אויסטייטשן די אָדער יענע זייט פון דעם אַנדערענ'ס אויפטו.

היפּאָליט טען איז זיכער נישט געווען קיין אימפּרעסיאָניסט. ער האָט, פאַרקערט, געגלויבט, אַז ער באַנוצט אַן אָביעקטיוון וויסנשאַפטלאַכן מעטאָד. פונדעסטוועגן גיט ער אונז פאַקטיש נישט מער, אָבער אויך נישט ווינציגער, ווי די האַרמאָנישע צו־נויפגיסונג פון זיין אייגענער פערזענלאַכקייט און סטיל מיט דער פערזענלאַכקייט פון דעם דיכטער, וואָס ער „באַהאַנדלט". ער שפּינט ווייטער און פלעכט ווייטער די פעדים פון דעם דיכטער. דאָס פילט זיך ערגעץ ניט אַזוי קלאָר ווי אין דעם, וואָס ער שרייבט וועגן שעקספּיר'ן. דאָ זעט איר באַשיינפּערלאַך, ווי ער זייט אין שעקספּיר'ס בייטן זיינע אייגענע קערנדלאַך. ער פילט אָן אונזערע אויערן מיט די שטורעמווינטן פון שעקספּיר'ס פּאַ־טאָס און מיט די מעכטיגע, פאַר'שכור'ענדיגע קלאַנגען פון שעקס־פּיר'ס שפּראַך, ער ברענט אונז מיט דעם פייער פון שעקספּיר'ס אידעען, און אַנטפּלעקט פאַר אונז די קיניגלאַכע רייכקייט און די וועלטן־בויענדיגע מאַכט פון שעקספּיר'ס „פאַקיולטע מעט־רעסס" (הויפּט־פעיאיגקייט) — פון שעקספּיר'ס פאַנטאַזיע, — ער גיט אונז, מיט איין וואָרט, צו טרינקען פון שעקספּיר'ס פולן בעכער; אָבער מיר פאַרגעסן קיין איין מינוט ניט, אַז ע ר, נישט קיין אַנדערער, סערווירט עס פאַר אונז.

אויב מיר האָבן געהאַט אונזער אייגענעם שעקספּיר, האָבן מיר נאָכדעם, ווי מיר האָבן געלייענט טענ'ען, א נייעם שעקספּיר, — טענ'ס שעקספּיר.

נישט נאָר טען דער שרייבער, אויך דער לעזער טען איז פאַר אונז וויכטיג געוואָרן...

נאָך ווערטפולער איז דער ל י י ע ן ־ מייסטער, וואָס איז געווען אין טענ'ס פאַרגייער, סעינט־בעוו. ער האָט בפירוש געזאָגט, אז ער זעט אין דעם קריטיקער א ל ע ז ע ר, ו ו אָ ס ש אַ פ ט, ניט סתם אזוי א לעזער. „איך טראַכט וועגן קריטיק, האָט ער געשריבן, צוויי זאַכן, וואָס זעען אוים צו זיין סתירה'דיג און וואָס זיינען דאָס ניט אין דער אמת'ן: ערשטנס, איז דער קריטיקער א מענטש, וואָס קאָן לייענען און וואָס לערנט לייענען אנדערע; צווייטנס, איז קריטיק בסדר'דיגע אויסגעפינונג און שאַפונג". און ער אַליין טאַקע האָט נישט נאָר „געקאָנט לייענען", — ער האָט ל י י ע נ ע נ ד י ג ג ע ש אַ פ ן. „ער האָט דאָס ווערק (פון א געוויסן סאָרט שרייבער), זאָגט עמיל פאַגע, א י ב ע ר ג ע מ אַ כ ט, ער פלעגט דאָס אויסטראַכטן און פון ס'ניי באַשאַפן. ער האָט געהאַט די געוואוינהייט עס אויסצובעסערן, פאַרשטעלנדיג עס פאַר די לעזער, און ער פלעגט אריינלייגן אין דעם אזויפיל אייגענע געניאַליטעט, וויפיל עס האָט אריינגעלייגט דער פאַרפאַסער אַליין".

אין דער אָדער יענער מאָס טוט עס יעדער אמת'ער קריטיקער. לאָמיר נעמען אביישפּיל פון אונזער אייגענער ליטעראַטור — בעל מחשבות. פאַר אים האָט מען אויך געשריבן ביי אונז וועגן מענדעלע'ן און שלום עליכם'ן, אָבער קיינער האָט ניט געשריבן אזוי אינטערעסאַנט, ווי ער; פארוואָס? ווייל קיינער האָט די צוויי שריפטשטעלער ניט געלייענט אזוי שעפעריש, ווי ער. זעט איר, פּרצ'ן האָט ער שוין נישט געלייענט מיט יענעם גרויסן אינטערעס, וואָס ער האָט געהאַט צו די שילדערער פון דעם אידישן כלל־לעבן, איז אויך זיין שרייבן וועגן אים נישט אזוי פרוכטבאַר...

דער שרייבער אין דעם קריטיקער קאָן זיין אמאָל ווערטפולער, ווי דער לעזער אין אים, (אזוי איז, צום ביישפּיל, פּריש־

מאַן געווען אַ בעסערער שרייבער, ווי אַ לעזער). פאַרקערט, דער לעזער קאָן אַמאָל זיין רייכער און איינגאַרטיגער, ווי דער שרייבער אין דעם קריטיקער. דער אידעאַל פון קריטיק איז אַ געוויסער סאָרט גלייכגעוויכט צווישן דער שרייבערישער און דער לעזערישער פּיאַינקייט.

דער קריטיקער דאַרף אונז קאָנען פאַראינטערעסירן אי מיט די עצם רעזולטאַטען פון זיין לייענען, אי מיט דעם אופן, ווי ער מאַכט אונז באַקאַנט מיט אָט די רעזולטאַטן.

און ווען איך זאָג, אַז ער דאַרף אונז קאָנען פאַראינטערעסירן, מיין איך ניט, אַז ער דאַרף אונז דוקא מאַכן איינשטימיג זיין מיט אים. ניין, מיר קאָנען זיך האָבן אונזערע אייגענע איינדרוקן פון שעקספּיר'ן, אונזער אייגן בילד פון מענדעלע'ן אָדער שלום עליכמ'ן, אָבער דאָס פאַרמינערט נישט אויף אַ האָר דעם ווערט, וואָס עס האָבן פאַר אונז טען'ס איינדרוקן פון שעקספּיר'ן אָדער בעל מחשבות'עס בילדער פון מענדעלע'ן און שלום עליכמ'ן. עס זיינען דאָ אַזוי פיל אינטערעסאַנטע שעקספּיר־וואַריאַנטן און אַזוי פיל וואַריאַציעס פון פּושקינ'ען אָדער היינע'ן אָדער פּרצ'ן, וויפיל עס זיינען דאָ ביי זיי אינטערעסאַנטע לעזער. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס מיר אַליין האָבן איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט, ווען מיר האָבן געלייענט שעקספּיר'ן, פּושקינ'ען, א. אַז. וו.? לאָמיר זיך באַקענען מיט די געפילן און רעיונות, און אידעען־פאַרבינדונגען און טרוימען, וואָס אַנדערע האָבן געהאַט, ווען זיי האָבן געלייענט די דיכטער.

מיר האָבן אונזערע אייגענע איינדרוקן פון זון־פאַרגיין, פון ים, פון שטורעם, פון ליבע, פון שפּילן זיך מיט קינדער. אָבער מיר לייענען גערן אויך וואָס אַנדערע שרייבן וועגן די אַלע זאַכן, כאָטש אונזער דערפאַרונג קאָן זיך זיין גאָר אַן אַנדערע, ווי זייערע. פאַרוואָס זאָלן מיר זיך איינשליסן אין די פיר אייגענע פון אונזערע אייגענע איבערלעבענישן, ווען עס רעדט זיך וועגן קונסטווערק? איז דען ניט אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט די שפּורן, וואָס לערמאַנטאָוו, לאָמיר זאָגן, האָט איבערגעלאָזן אין ביעלינסקי'ן, נאָוואַליס — אין היינע'ן?

דאָס געניסן קונסט איז, ווי מיר האָבן געזען, פּונקט אַזוי אינדיווידועל און פּונקט אַזוי פאַרשיידנאַרטיג, ווי דאָס שאַפן. זוכן מיר ביים קריטיקער ניט נאָר זיין שאַפונגס־אופן, נאָר אויך די אייגנאַרטיגע פאָרם און אינהאַלט פון זיין געניסן...

און וואָס איז מכח זיין מ ב י נ ו ת? וועט פרעגן דער לעזער.

איך האָב גערעדט וועגן דעם קריטיקער, ווי וועגן אַ שרייבער און ווי וועגן אַ לעזער. איז ער דען נישט אויך אַ לערער?

יאָ, געוויס איז ער אויך אַ לערער. אָבער זיין לערעריי איז מער און אַנדערש ווי געוואוינטלאַכע מבינות־זאָגעריי. דער מבינות־זאָגער גלויבט, אַז עס איז דאָ אַ שלחן ערוך, לויט וועלכן מען קאָן פּסק'ענען, וואָסער בוך איז גוט און וואָסער — איז שלעכט. דער קריטיקער שטעלט נישט די טראָפּ אויף דער פראַגע: וואָס זאָל מען לייענען און וואָס ניט? ער ווייסט, אַז וואָס עס איז גוט פאַר איינעם צו לייענען, קאָן זיין שלעכט פאַר אַן אַנדערן און פאַרקערט. ער לערנט אונז ו י צו לייענען. ער עפנט פאַר אונז די וועלט פון זיין געניסן אַ קונסטווערק, און מיר ווערן זיינע מיטגעניסער, אַזוי ווי דער דיכטער מאַכט אונז פאַר מיטשאַפער, אַריינפירנדיג אונז אין דער וועלט פון זיין שאַפן.

די ביכער, וואָס זיינען באַפּרוכפּערט און באַרייכערט געוואָרן פון קריטיקער, לייענען מיר מיט אַן אויפגעוועקטן געדאַנק און מיט אַ מער באַפליגלטער פאַנטאַזיע.

דער אמת'ער קריטיקער מאַכט אונז אַליין פאַר קריטיקער — און דאָס איז אַ סך וויכטיגער פאַר אונז, ווי די פאַרטיגע מיינונגען, וועלכע מיר געפינען ביי אים.

דער קריטיקער מאַכט אונז אויפמערקזאַם אויף אַזוינע שטריכן אינ'ם ווערק, וואָס מיר אַליין וואָלטן זיי נישט באַמערקט. ער העלפט אונז אויסגעפינען דעם הויפּט־שטריך פונ'ם ווערק — און דאָס איז זיין הויפּט־אויפגאַבע.

אַ בוך, אַזוי ווי אַ בילד פון אַ מאַלער, קאָן מען דאַן נאָר אויפנעמען ווי געהעריג איז, ווען מען געפינט דעם ריכטיגן פּונקט, פון וועלכן מען דאַרף עס באַטראַכטן. דער קריטיקער

מיט זיין לעזערישער נעגיטקייט און לעזערישן טאלאנט העלפט אונז אויסצוגעפינען אָט דעם פּונקט.

און אָט דאָס איז ניט אין ערך װערטפולער װי דאָס אָנ־װייזן אויף די אָדער יענע איינציגע פעלערן, אויף די אָדער יענע איינציגע מעלה׳ס.

„עס איז דעם קריטיקער׳ס פרייד צו לויבן", שרייבט דער ענגלישער קריטיקער אַרטור סיימאָנס, „אָבער כ׳גלויב ניט, אַז לויבן איז אַ טייל פון זיין אויפגאַבע. עס קאָן זיך אים אָפט דוכטן, אַז ער איז געצוואונגען צו טאַדלען, אָבער עס איז אַ ספק צי טאַדלען איז אַ נויטיגער טייל פון זיין אַרבעט".

עס איז ניטאָ קיין ערגערער פּאַראורטייל װעגן קריטיק, װי די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז קריטיקירן הייסט זוכן פעלערן. נאָר אין דעם טאָגטעגלאַכן שפּראַכגעברויך איז אָט דאָס רייכע װאָרט דעגראַדירט געװאָרן ביז צו דעם אָרימען באַגריף פון חטאים־זוכעריי. אויף דער שפּראַך פון ליטעראַטור מיינט דאָס װאָרט „קריטיק" גאָר עפּעס אַנדערש.

די לעזער (און די קריטיקער), װאָס האָבן הנאה פון זוכן חסרונות, האָבן קיין הנאה ניט פון לייענען. זיי זיינען שלעכטע לעזער, ממילא זיינען זיי אויך שלעכטע קריטיקער. אין זייער אויג איז אַזוי װי אַריינגעפאַלן אַ שטויב־ברעקל פון יענעם שד׳ישן שפּיגל, װעגן װעלכן עס דערציילט אַנדערסען אין דער „שניי־מלכה". דער דאָזיגער שפּיגל האָט געהאַט די אייגנשאַפט, אַז „אַלעס גוטס און שיינס, װאָס האָט זיך אין אים אָפּגעשפּיגלט, איז צונישט געװאָרן, דערפאַר אָבער איז אַלץ, װאָס איז שלעכט און מיאוס, זייער קלאָר געװאָרן, און האָט זיך אַרויסגעװיזן נאָך ערגער און מיאוס׳ער, װי עס איז געװען אין דער אמת׳ן"...

דער קריטיקער, װאָס קװיקט זיך מיט אויסגעפינען װאָס מער גרייזן ביים שרייבער, איז יענער סאָרט קריטיקער, אויף װעלכן בעקלין האָט געמאַכט זיין באַרימטע קאַריקאַטור — אַ בילד, װאו דער קריטיקער זעט אוים װי עפּעס אַ בייזער מכשף. דאָס איז יענער מין קריטיקער, װאָס אַ סך דיכטער האָבן געשריבן װעגן אים עפּיגראַמען פון מיט ביטול און פאַראַכטונג. אַזוי איז, צום ביישפּיל, ביי דר. עטינגער דאָ אַן עפּיגראַם:

צו אַ קריטיקער זאָגט פאַר זיין טויט
טאַקע זיין בעסטער גוטער פריינד:
„דו ביזט דאָך גאָר אין אַזוי אַ נויט
קיינמאָל נישט געוועזן ווי היינט;
קענסטו דעם אויבערשטן דאָרט אויבן
באַטש היינט זיין לויב אָפּצוגעבן".
„ניין, ניין!" שרייט ער: „איך קאָן נישט לויבן!"
און האָט אויפגעהערט צו לעבן.

אפילו פאַר'ן טויט און אפילו גאָט אַליין האָט ער „נישט געקאָנט לויבן". איז יהואש גערעכט געווען, ווען ער האָט צו אָט דעם סאָרט „קריטיקער" געזאָגט:

אַן עקר ביזטו און פארגינסט ניט קיין געבערן.
רונדע שטיינדלאַך קאָן איך הערן
שאָרשקען אין דיין אָרימען געמיט,
דיין איינציגן רעפּרעין פון ניין און ניט.

די אמת'ע קריטיק נערט זיך נישט פון „ניין און ניט". זי איז שעפעריש און זי לערנט אויך אונז, לעזער, צו זיין שעפע־ריש. און נאָר זי, ניט די „ניין און ניט"-קריטיק, אַנטפּלעקט פאַר אונז אין דעם אידעאַלן קריטיקער יענע דריי כחות, וועגן וועלכע איך האָב דאָ גערעדט: א) דעם כח פון אַ שרייבער, ב) דעם לעזערישן און ג) דעם לערערישן כח.

די „ניין און ניט"-קריטיק איז נאָר איינע פון די פאָרמען — און ניט פון די גאָר הויכע פאָרמען — וועלכע עס נעמט אָן די קריטישע קונסט.

מער וועגן דעם — אין נאָענטסטן קאַפּיטל.

ד. קריטיק און פּאָלעמיק.

קריטיק און פּאָלעמיק? — עס וועלן זיך געפינען אודאי אַזעלכע, וואָס וועלן שטעלן אָט די פראַגע. און זיי וועלן זיין גערעכט אויף זייער שטייגער. זיי וועלן ניט פאַרשטיין, ווי קאָן מען עס באַטראַכטן קריטיק און פּאָלעמיק, ווי צוויי גאָר באַזונדערע זאַכן. סטייטש, וועלן זיי טענה'ן, קריטיקירן אַ שריי־בער הייסט דאָך אים אָנווייזן זיינע פעלערן — ניט אמת? —

און דאָס הייסט ניט זיין מיט אים איינשטימיג, אלזוי, האָבן מיט אים אַ ויכוח, — פּאָלעמיזירן מיט אים! היינט ווי קאָן מען זאָגן „קריטיק און פּאָלעמיק"? קריטיק איז פּאָלעמיק!

אָבער אזוי איז דאָס נאָר פאַר די, וועלכע מיינען, אז קריטיק איז אייביגע נייַן-זאָגעריי, פאַר די, וועלכע שטעלן זיך פאָר דעם קריטיקער, ווי אַ פּראָפּעסיאָנעלן חטאים-זוכער אָדער גאָר אזוי, ווי בעקלין האָט אים אויסגעמאָלן — מיט אַ פּנים פון אַ גזלן. אָט די, וועלכע גלויבן, אז דער קריטיקער לעבט אויף דער וועלט נאָר צו קרימען מיט'ן נאָז און צו זאָגן: דאָס טויג ניט און יענעם געפעלט מיר ניט, מוזן באמת זיין זיכער, אז ער האָט מער גאָרנישט צו טאָן, ווי צו דיספּוטירן. אָבער צו דען איז דער קריטיקער באמת אזאַ מין פאַרשווין, וואָס וואַרט נאָר, אז אַ ליטעראַט זאָל געשטרויכלט ווערן, ווען ער פאַרקאַשערן די אַרבל און נעמען זיך פאַר דער פּען? האָט ער באמת גאָרנישט צו זאָגן ווענן יענעמס אויפטו און נאָר אימיצענס אַ דורכפאַל איז פאַר אים אַ טעמע און אַ סטימול צום שרייבן?

ווען דאָס זאָל זיין אזוי, וואָלט דער קריטיקער געדאַרפט האָבן צווישן די „שאַפנדיגע מענטשן" נאָך מער שונאים, וויפיל ער האָט איצטער. ער וואָלט זיך אליין געדאַרפט ווערן אַ שונא. ער וואָלט געמוזט פאַר'מיאוס'ט ווערן אין זיינע אייגענע אויגן, ווען זיין גורל זאָל זיין — בויען אויף יענעמ'ס חורבות, נערן זיך נאָר פון יענעמ'ס טעות'ן, אויפבליען אויף יענעמ'ס מיסט... עס וואָלט אים געמוזט דערעסן אָט דאָס לויפן פאַראויס פאַר יעדן טויגעניכטס און שרייען: „לאָזט זיך ניט נאַרן, ס'איז אַ שלימזל'ניק!" אָדער דאָס שטענדיגע וואָרענען פאַר יעדן מצורע: „היט זיך, דער פאַרשפּרייט די מגפה!"

ווען דאָס זאָל הייסן זיין „דאָס געוויסן פון דער ליטעראַטור", איר „גערטנער", איר „טרייער וועכטער" און ווי מען רופט עס דאָרטן, וואָלט איך מיינע פריינט געוואונשן בעסער צו זיין פּשוט'ע לעזער, איידער צו שפּילן די אומדאַנקבאַרע ראָלע פון אָט דעם „אויסראַמער פון די דערנער אין וויינגאָרטן". עס איז, אמת

טאַקע, אַ ניצלאַכע מלאכה, אָבער מאַלע וואָס עס זיינען דאָ אויף דער וועלט ניצלאַכע מלאכות!

אויב קריטיק איז „דאָס געוויסן פון דער ליטעראַטור", דריקט זיך עס אויס מער אין דעם, וואָס זי ברענגט אַרויס און מאַכט קלאָר די אויפטואונגען פון די שרייבער, ווי אין דעם, וואָס זי דעקט אויף זייערע זינד. אויב דער קריטיקער איז, ווי די מליצה זאָגט, אַ גערטנער, איז זיין עובדה נישט נאָר צו טויטן די שעדלאַכע ווערים, צו פאַריאָגן די פּאַראַזיטן און אויסצו־ראָטן דאָס ווילדגראָז, נאָר אויך צו פרייען זיך מיט דעם וואוקס פון די יונגע שפּראָצונגען, אויפצובליען מיט דעם בליען פון די בוימער און זעטיגן זיך מיט דעם זאַפט פון די פּירות!

עס איז אמת, אַז דער קריטיקער האָט צו טאָן, אַזוי ווי דער פּאָלעמיקער, מיט אַנדערע שרייבער, אָבער להיפּוך צו דעם פּאָ־לעמיקער, איז ער אַ געניסער, אַ זאַמלער און אַ פאַרמערער, ניט אַ צעשטערער, פון דעם אַנדערנס גוטס.

געוויס איז דאָ אַ נעגאַטיווער קריטיקער אויך, אָבער . . . ער דערמאָנט מיך אָן דעם טרעפיק־פּאָליסמאַן*) . . . לעבן אַ וועג, וואו עס פאָרן אָפּט און אַ סך אויטאָמאָבילן, זיצט ער אויף אַ „מאָטאָרסייקל" — און „לויערט". עס ווערט איהם מיאוס זיצן און גאָרנישט ניט טאָן. עס איז אים לאַנגווייליג. נאָר אָט האָט זיין געניט אויער דערהערט פון ווייטן, אַז אימי־צער פאָרט דאָרט „צו שנעל". איז אין אים אַריין גאָר אַ נייע נשמה. ער איז גאָר אָן אַנדער מענטש געוואָרן: ער וועט זיך שוין מער ניט לאַנגווייליגן, עס וועט זיין „אַרבעט". זיינען אודאי דאָ אויך קריטיקער אַזעלכע, וואָס זיצן און „לויערן", זיצן און וואַרטן ביז אימעצער וועט עובר זיין אויף עפּעס אַ געזעץ... מיט וואָס פאַר אָן אימפּעט וואַרפן זיי זיך עס אַרויף אויף דעם, וואָס איז באַגאַנגען עפּעס אַ זינד! וואָס פאַר אַ טריפה'נע פייערלאַך צינדן זיך עס אָן אין זייערע אויגן!

יאָרנלאַנג האָט אַ שרייבער געשריבן, געשאַפן. זיי איז עס נישט אָנגעגאַנגען. אַזוי ווי עס גייט נישט אָן דעם פּאָליסמאַן

*) דער פּאָליציסט, וואָס גיט אַכטונג אויפ'ן גאַסן פאַרקער.

דער מאַנאַטאָנער גאַנג פון די „מאַשינעס", וועלכע היטן אָפּ די כללים פון פאָרן. אָבער אַט האָט דער שרייבער זיך פאַרזינדיגט און — זיי זיינען דאָ! פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? עס זעט אויס באמת, אַזוי ווי זיי זאָלן זיצן און וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד טאָמער וועלן זיי קאָנען כאַפּן אימיצן ביי אַן עברה.

די ערגסטע צווישן זיי זיינען די, וואָס זוכן קליינע עבירה'־לאַך. קליינע פאַרזעענס — אַ גרייז אין אַ וואָרט, אַ פאַלשע דאַטע, אַן איבעריגער „דגש" א. ד. ג. — קאָן מען געפינען ביי די גרעסטע שרייבער. קומען זיי, אַט די קליינקריטיקער, און לאָזן זיך וואָוילגיין. האָט נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק געזאָגט וועגן זיי דער ענגלישער קריטיקער העיזליט, אַז „זיי דעגראַדירן (די ליטעראַטור) דורך דעם, וואָס זיי רעדוצירן אייך צו זייער אייגענער מאָס. וואָרים די מעלה'ס, וועלכע זיי געפינען נישט ביי אייך אָדער די חסרונות, קעגן וועלכע זיי פּראָטעסטירן, זיינען אַזוי נישטיג, אַז באַווייזן, דאָס איר פאַרמאָגט די ערשטע אָדער איר זייט פריי פון די צווייטע, הייסט מאַכן זיך אינצווייען לעבערלאַך. קליינקייט איז זייער סטיכיע, און זיי גיבן־צו אַ געמיינעם כאַראַקטער אַלץ, צו וואָס זיי רירן זיך נאָר צו..."

ניט קיין סך בעסער זיינען אַנדערע סאָרטן קריטיקער פון דעם מין, וואָס האַלט זיך אין איין „טשעפּען" צו די שרייבער. אַלע ווייסן, אַז זיי האָבן נישט קיין באַדייטונג, אָבער עס איז דאָך נויטיג אָפּצושטעלן זיך אויף זיי. עס איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט, אַז זייער טעטיגקייט זאָל זיין זייער פאַרשפּרייט און אַפּילו פּאָפּולער. דאָס איז די באַזונדערע הנאה, וואָס מענטשן האָבן פון יענעמס פעלערן. דער קריטיקער ווייס, אַז ביים לעזער־עולם (און אויך ביים עולם שרייבער) וועט ער שטאַרק „אויסנעמען", ווען ער וועט דערנידעריגן יענעמס ווערק, — אַ סך שטאַרקער, ווי ווען ער וועט עס דערהויבן. און ער אַליין איז דאָך אויך „נישט מער ווי אַ מענטש", מוז אים רייצן דער טריפ'ער פאַרגעניגן, דער ביליגער פאַרגעניגן פון „דערהויבן" זיך אַליין דורך נידעריג מאַכן דעם אַנדערן.

אָבער די אמת׳ע פרייד פון אמת׳ער קריטיק ליגט אין אויפ־דעקן דעם זינען און באַוואונדערן דעם וואונדער פון קונסט־ווערק, ניט קלאָר מאַכן דעם אומזין פון אומקונסט.

קריטיק איז ליבע. קריטיק איז מיטגעפיל, מיטשאַפונג. ווי איז דער קריטיק, וואָס נערט זיך פון האַס. האַס איז אומ־פּרוכטבאַר, סיידן ער איז אַן אויסדרוק פון ליבע. די קונסט, ניט די אומקונסט, איז דער קוואַל פון קריטיק. ווערט די קונסט פּאַרטריקנט, איינגעשרומפּן, וועלקט אויך דער צווייג אירער, וואָס הייסט קריטיק. בליט די קונסט אויף, בליט און וואַקסט און ווערט פול מיט זאַפט איר כשר׳ע פרוכט, די קריטיק. זי קומט מיט איר דאַנקבאַרקייט, מיט איר באַגייסטערונג, מיט איר מיטפילן און מיטדענקען, ניט נאָר מיט השגות, טענות און תביעות, ווי דער פּאָלעמיקער.

דער קריטיקער איז דעם שרייבער׳ס צד, ניט זיין צד שכנגד, ווי דער פּאָלעמיקער.

ווען דער קריטיקער בייזערט זיך, ווען ער איז אין כעס, טוט ער ניט זיין אייגנטלעכע ארבעט — די שאַפונגס־ארבעט פון געניסן. און אפשר מאַכט ד א ס טאַקע שאַרפער זיין בייזקייט — דאָס, וואָס עס איז ניט געשטילט געוואָרן זיין דורשט צו געניסן... שטעלט זיך פאָר, אז מ׳האָט אייך אונ־טערגעטראָגן א בעכער מיט אַן ערנסטער איינלאַדונג צו טרינ־קען — און ער איז פּוסט! וועט עס אייך נישט פאַרדריסן?

דער קריטיקער איז שטענדיג א ל ע ז ע ר, תמיד אויפ־נעמונגס־פייאיג, מיט א פאַרטיגן דאַנק אויף די ליפּן. א לעזער איז ער אויך דאַן, ווען דער שרייבער אָדער זיין ווערק איז אים ניט געפעלן געוואָרן, מער נישט וואָס דאַן איז ער א נישט־באַפרידיגטער, אַן אָפּגענאַרטער און דערפאַר א ברוגז׳ער לעזער. ער איז ברוגז אויפ׳ן שרייבער און — אויף דעם, וואָס ער דאַרף פטר׳ן צייט און מי אויף . . . ברוגז׳ן זיך. ער האָט דאָך גע־קאָנט לייענען א גוטן בוך — און הנאה האָבן! ער האָט דאָך געקאָנט איבערגעבן זיין איינדרוק פון דעם גוטן בוך — און ווידער אמאָל האָבן א באַפרידיגונג!

דער ניט־צופרידענער אָדער ווי מען האָט עס ברוטאַל א

נאָמען געגעבן, דער „ארונטעררייסנדיגער" קריטיקער איז (אין דעם פרט) אזוי ווי א גוטער לערער, וועון ער באשטראָפט זיין תלמיד. ער מוז אים (ער מיינט, אז ער מוז אים) באשטראָפן, אָבער בע־סער איז אים, ווען ער האָט א געלעגנהייט אים צו לויבן און צו דערמוטיגן.

די בעסטע ווערק פון דער קריטיק זיינען שטענדיג געווען די, וואו זי איז באגייסטערט געוואָרן פאר די שרייבער, ניט יענע, וואו זי האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט פון זיי. אין אן עפּאָכע, וואָס פאַרמאָגט גרויסע שריפטשטעלער, איז אויך די קריטיק בא־דייטונגספול. דער גרויסער שריפטשטעלער וועקט ליבע צו זיך, און ליבע איז אויך אין קריטיק, ווי געזאָגט, פרוכטבארער ווי פיינטשאפט...

היינט פאַרוואָס איז אזוי פאַרשפּרייט די מיינונג, אז דער קריטיקער איז א ניין־זאָגער און א פאַרלייקענער? פאַרוואָס ווערט אזוי אָפט צונויפגעמישט קריטיק מיט פּאָלעמיק?

דער פּאָלעמישער עלעמענט אין קריטיק איז סענסאציאָנעל. פּאָלעמיק ציט צו צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון די ארומיגע, אזוי ווי יעדער געשלעג. מענטשן, אפילו פרידלאכע, האָבן ליב צו הערן ווי אַנדערע קריגן זיך, בפרט נאָך ווען אָט די אַנדערע זיינען פאַרשטייער פון ליטעראַטור. . . אז איר „לויבט" א שרייבער, איז עס אינטערעסאנט נאָר פאר די, וואָס האָבן אים אליין געלייענט. אטאקירט איר אימעצן, איז יעדערער גרייט צוצושטעלן אן אויער. אפילו אזא, וואָס ווייסט ניט, וועגן וואָס עס רעדט זיך.

דאָס איז איינע פון די סבה'ס, פאַרוואָס די פּאָלעמישע קריטיק פאַרשטעלט און פאַרטונקלט די אַנדערע, מער פּאָזיטיווע, פאָרמען פון קריטיק.

עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע סבה'ס, אָבער דאָ וויל איך נישט ריידן וועגן זיי. איך וויל נאָר זאָגן, אז דער פּאָלעמיקער, כאָטש ער מאכט אָן א צו־גרויסן טומל און פאַרנעמט (טאַקע דער־פאַר) א מער אָנגעזעענעם אָרט, ווי דער, וואָס אים קומט, — איז דאָך ניט קיין איבעריגער אין דער משפחה פון קריטיקער. ער האָט זיין פונקציע — די פונקציע פון אָפּריינִיגן דעם פּלאַץ

פאר דעם בנין פון דער ליטעראַטור, פון צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער אמת'ער קריטיק — און ווען ער פירט זי אויס ווי געהעריג איז, קומט אים א יישר כח.

אפילו דער אמת'ער קריטיקער, דער, וואָס האָט מער הנאה פון י אָ, ווי פון נ י י ן, פון זיין צופרידן, ווי פון בייזערן זיך, — מוז אמאָל אוועקלייגן זיינע פרידלאכע כלים און נעמען זיך פאַר קריגסגעווער. אפילו ער מוז אמאָל ארויס מיט טענות און תביעות. דאָס רוב אָבער טוט עס — און מיט מער ברען — דער ס פּ ע צ י ע ל ע ר ניין־זאָגער, דער, וואָס פּאָלעמיק איז ביי אים ניט איינע פון זיינע קריטישע פונקציעס, נאָר זיין איינציגע, זיין ב אַ ש ע ר ט ע · פונקציע, זיין גאַנצער חיות.

אזא איינער איז ביי אונז אין דעם עלטערן דור קריטי־קער געווען ד ו ד פ ר י ש מ אַ ן. איצט, צווישן די יונגע, גייט אויף דעם וועג מ ש ה ג ר אָ ס.

פרישמאַן האָט געשריבן אויך פּאָזיטיווע קריטיק (וועגן מענדעלע'ן, צום ביישפּיל), אָבער זיין אמת'ן טעמפּעראַמענט, זיין אייגנאַרטיגקייט, זיין א י ד, האָט ער ארויסגעוויזן, ווען ער האָט זיך געקאָכט און איז געווען אין כעס, פאַרוואָס דער אָדער יענער שרייבער איז ניט געווען אזוי ווי ער האָט געוואָלט. ווען ער האָט נאָר געהאַט די מינדסטע געלעגנהייט צו אַטאַ־קירן, צו דערנידעריגן און אויסצולאַכן א שרייבער, האָט ער עס געטאָן. אַן אינטערעסאַנט ביישפּיל אין דעם פּרט איז זיין עסעי וועגן ביאַליק'ן. ער האָט הויך געשעצט ביאַליק'ן, אָבער — אין זיין עסעי גיט ער זיך אָפּ נישט מיט אויסטייטשן ביאַליק'ס פּאָעזיע, נאָר מיט אויסלאַכן יענע, וועלכע האָבן זי פאַלש אויסגע־טייטשט. ער קאָן ניט פּאָלעמיזירן מיט'ן דיכטער, פּאָלעמיזירט ער מיט זיינע קריטיקער. פּאָלעמיק איז געווען דאָס, וואָס האָט אים סטימולירט צו שרייבן וועגן ליטעראַטור. פון קיין שום אנדער סאָרט שרייבן האָט ער אזוי ניט הנאה געהאַט, ווי פון דעם סאַטיריש־פּאַמפלעטיסטישן. קיינמאָל איז ער ניט געווען אזוי אויפגעלייגט, אזוי אימפּעטיג און אזוי גלאַנצנדיג ווי דאַן, ווען ער האָט — אַנשטאָט ו ו ע ג ן — געשריבן ק ע ג ן

עפּעס. ער האָט געגאָלטן פאַר אַ קריטיקער, ער איז געווען דער־הויפּט אַ פּאָלעמיקער.

אויף אַזאַ פּאָלעמישן קריטיקער שניידט זיך אויך משה גראָס. ער האָט אַ „פּראָגראַם" („געשטאַלט" און ניט „אי־דייע", שלום עליכם און ניט פּרץ). אָבער באַגייסטערט ווערט ער ניט אַזוי פון זיין אייגענער ריכטונג ווי פון זיין געגנערשאַפט צו אַנדערע. פון זיין שווערן דייטשעשן (ניט טייטשמע־רישן!) סטיל באַפרייט ער זיך דאַן ערשט, ווען ער האָט אַ קרבן אונטער דער פען. ער ווערט דאַן שפּילעוודיג, וויציג. זיינע פּאָזיטיווע „געשטאַלט־טעאָריעס" ברענגט ער אַרויס אין אַב־סטראַקטע, געמאַטערטע, פאַרפּלאָנטערטע און פאָרמלאָזע זאַצן. קאָנקרעט, לעבעדיג, געשטאַלטיג ווערט ער, ווען ער אַטאַ־קירט די „אידייע" פון זיינע (אמת'ע אָדער כלומר'שטע) פיינט. ער דאַרף זיי דאַנקבאַר זיין פאַר זייער וועקן זיין שרייבערישן בלוט, וואָרים בעת אַנדערע מוזן האָבן וואָס צו זאָגן, מוז ער האָבן קעגן וואָס צו שרייבן. אים איז תמיד ליבער אָפּצו־געבן זיך מיט די, וואָס ער האָט ניט ליב, ווי מיט די, וואָס געפעלן אים...

דאָס פירט און מוז פירן צו אַ געוויסער איינזייטיגקייט. דאָס נעגאַטיווע איז אין דער ליטעראַטור, ווי אין לעבן, גלייך צו זיך אַליין און איז תמיד איינס און דאָסזעלבע. אָבער אָט די איינ־טאָניגקייט האָט די מעלה, וואָס זי איז שאַרף, בולט, אויסדרוקס־פול, — די גרעסטע מעלה פון דער פּאָלעמישער קריטיק.

ה. דער קהל'שער מענטש.

דער קריטיקער איז אַ קהל'שער מענטש קעגן זיין ווילן. ער וואָלט וועלן טאָן זיין אַרבעט אין דער שטיל, ווי אַלע שרייבער. אָבער ער ווערט אַריינגעשלעפּט אין קהל'שע געשעפטן — על אפּו ועל חמתו.

דער אמת'ער קהל'שער מענטש האָט ליב זיך צו קהל'ען. ער האָט הנאה פון זיין אימפּעט, פון זיין טומלען זיך. אַרום איז אַ הו־האַ, אַ יאַריד, עס קאָכט ווי אין אַ קעסל־גרוב און ער איז אין מיטן, ער איז די „קאָכלעפל" — און אים איז גוט... אָבער ווען איז עס געווען געוואָרן? ווען ער איז טאַקע באמת

געבוירן מיט א טאלאנט צו קאָכן זיך און צו מישן זיך אין קהל'שע אנגעלעגנהייטן, ווען ער פיהלט זיך „אויפ'ן יאריד" ווי א פיש אין וואסער...

עס טרעפט אָבער, אז איינער ווערט א קהל'שער מענטש, כאָטש ער וויל עס גאָר ניט און טויג דערצו ניט. דורך עפּעס א פּארזען איז ער ארייננעוואָרפן געוואָרן אין „קעסל־גרוב" און ער קאָן שוין נעבאך נישט ארויסקריכן. זיין לאַגע איז זייער א שווערע. עס איז בכלל ניט גוט, ווען מען דארף טאָן א זאך, וואָס מען האָט נישט ליב. טויזנט מאָל ערגער איז ווען מען דארף נעמען אויף זיך אָן חשק דעם עול פון א קהל'שען מענטשן. וואָרים דאָס הייסט דאָך ווערן עפּעס א מין ישמעאל, וואָס „ידו בכל ויד כל בו" — ער זאָגט אלעמען און אלע זאָגן אים דעות, ער מישט זיך אין ניט־זיינע און אנדערע מישן זיך אין זיינע עסקים, ער איז ביי אלעמען אין מויל, ער איז קיינמאָל נישט „אין דער היים", ער געהערט ניט צו זיך אליין...

אזא מין אומגליקלאכער קהל'שער מענטש איז דער קריטי־קער. ער האָט זיך איינגערעדט אָדער אנדערע האָבן אים איינגע־רעדט, אז אויף אים האלט זיך די וועלט (וויינינגסטנס, די וועלט פון ליטעראטור). ער קאָן זי חרוב מאכן און אויפבויען. קומט מען צו אים ווי נאָר עס איז עפּעס א צרה אָדער מען מיינט, אז עס איז א צרה אין דער ליטעראטור (ווען עס איז אלץ גוט און גלאַט, פארגעסט מען אָן אים, אָבער ווי נאָר עס איז עפּעס ניט גלאַט, קומט מען צו אים) מיט טענות: סטייטש, ווי דער־לאָזט ער עס? וואָס מישט ער זיך ניט אריין? ווער זאָל עס טאָן, אויב נישט ער? צו וואָס דארף מען אים אינגאנצן, אויב ער זאָל ניט „שטיין אויף דער וואך"?... א. אז. וו.

מען קרוינט אים פאר א שופט, פאר א מענטשן וואָס ווייס אלץ און וואָס אים געהערט דאָס „לעצטע וואָרט" אין אלע לי־טעראַרישע פראַגן און מיינונגספארשיידנהייטן — און דערנאָך, אויב ער זעצט זיך ניט צו דער מינוט אויפ'ן „ריכטער־שטול" און זאָגט ניט ארויס זיין מיינונג (איר'ט ווען געזען — א מענטש זאָל ניט אנדערש מוזן „זאָגן זיין מיינונג"?) אָדער ער דריקט

אויס אַ מיינונג, וואָס ניט אַלעמען געפעלט זי (אַ מיינונג מוז דאָך טאַקע ניט אַנדערש אַלעמען געפעלן זיין!), אָדער ער זאָגט נאָר אַרויס אַ פאַלשע מיינונג (אַ מענטש מעג דאָך אַמאָל אַ טעות האָבן אויך — ער איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש) — באַפאַלט מען אים גלייך און מען מאַנט ביי אים, סטייטש, פאַרוואָס פאַרשוועכט ער די „קרוין", וועלכע מען האָט אויף אים (מיט גוואַלד!) אָנגעטאָן, אָבער אַנשטאָט צו נעמען אָט די נאַרישע קרוין און צעברעכן זי פון כעס אויף פּיצפּיצלאַך, טוט מען זי אָן אויף אַ צווייטן און דערנאָך אויף אַ דריטן און דאַן אויף אַ פערטן — אַבי עס זאָל זיין ביי וועמען צו מאָנען...

מען מאַכט דעם קריטיקער פאַר אַ „גאַנצן סולטאַן", כדי יעדער איינער זאָל קענען קומען און שרייען:

— דאָס איז דאָך ניט קיין סולטאַן, דאָס איז גאָר אַ . . . יעוונוך!

ווען איינער זאָגט עפּעס אין גראַמען אָדער אָן גראַמען, נאָר אין „פּערזן", וואָס אַנדערע האָבן שוין פריער הונדערטער מאָל געזאָגט אין אַלע שפּראַכן און דיאַלעקטן פון דער וועלט, איז עס פּראָדוקטיוו־שעפעריש, קינסטלעריש א. אז. וו. אָבער דער וואָס צינדט אָן זיין אייגן ליכט אין דער טונקלקייט פון אַ ווערק, דער וואָס זאַמלט אויף איינציגע שטריכן און מאַכט פון זיי אַ בילד, דער וואָס שפּינט אויס די פיינסטע געדאַנקענפעדים, פאַר־וועבט זיי און פאַרוואַרפט זיי, ווי נעצן, אין די טיפענישן פון אַ גרויסן גייסט און ציט אַרויס פון דאָרט אַ לעבן, אַ פּער־זענלאַבקייט, אַ וועלט אַ גאַנצע, — דער איז אַ פּאַראַזיט, אַ גאָרנישט. ווען איינער „מאָלט אויס" פאַר אונז זיינע פּוסטע חלומות אָדער ער „באַזינגט" די לאַנגוויילן און די נודנעקייט פון זיין עלענטער נשמה, איז ער אַ „שעפּפער". אָבער דער, וואָס דערציילט אונז, וואָס ער האָט געטראַכט און געפילט, ווען ער איז געקומען אין באַרירונג מיט אַ רייכן קרעאַטיוון לעבן, ווען ער איז באַלויכטן און אויפגעציטערט געוואָרען פון אַ גרויסן ווערק — איז אָן איבעריג באַשעפעניש אויף גאָט'ס וועלטל.

אָבער ניין, ער איז ניט איבעריג. מען דאַרף אים האָבן פאַר אַ שעיר לעזאזל.

מען שטעלט זיך פאָר דעם קריטיקער, ווי אַ מענטשן וואָס שטייט מיט אַ בייטש איבער דער ליטעראַטור, כדי צו קאָנען דערנאָך טענה'ן, אַז ער מאַכט זי מיט זיינע „גיפטיגע סקאָרפּיאָנען" פאַר אַ קאַליקע, אַנשטאָט זי צו טרייבן פאָראויס...

מען שרייבט אַזוי: „פון אַזוינע סקאָרפּיאָנען הענגט לרוב (אָפּ) דאָס שיקזאַל פון די ערשטע בלומען פון מענטשלאַכן זשעני, זיינע ערשטע און זיכערע טריט פון אַ וועלט־באַשאַפונג. די ערשטע צאַרטע בלומען פרירן ניט זעלטן שוין בלויז פון קעלט. די גאַל אָבער פון אַ סריס און קריטיקער איז אָפט פאַר זיי אַ זיכערער טויט"... און דערנאָך שרייט מען אויס: „דער אינסטיטוט פון קריטיקער איז פונקט אַזאַ אומגעהויער ווי דער אינסטיטוט פון סריסים, און ביידע דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן פון דער וועלט!"*)

אָבער ווער הייסט אייך צושרייבן דער קריטיק אַזאַ מאַכט? ווער הייסט אייך זיין — אָדער מאַכן זיך — נאַאיוו און גלויבן, אַז דער „מענטשלאַכער זשעני" ליגט אין די הענט פון די אַזוי־אָנגערופענע קריטיקער? מיר האָט זיך נאָך ניט געמאַכט צו זען אַ „זשעני" אָדער אפילו אַ פשוט'ן טאַלאַנט אָדער אפילו נאָר אַ פשוט'ן גראַפאָמאַן, וואָס זאָל אויפהערן שרייבן צוליב אַ בייזער קריטיק. ווען אַ „בייזע" אָדער אַ „גוטע" קריטיק וואָלט פאַר'ן שרייבער געווען טאַקע מיט אַן אמת אַ פראַגע פון „לעבן און טויט", וואָלט יעדער שרייבער דאָך געמוזט כאָטש עטלאַכע מאָל אין זיין לעבן אַוועקשטאַרבן און עטלאַכע מאָל פון דאָס ניי געבוירן ווערן! וועגן יעדן שרייבער דרוקט מען אי „בייזע", אי „גוטע" „קריטיקן": וואָלט ער פון דער בייזער קריטיק געדאַרפט קריגן דעם „זיכערן טויט", און פון דער „גוטער" — צוריק אויפשטיין תחית המתים... צום גליק, נעמט זיך דער אמת'ער טאַלאַנט גאָר ניט אַזוי שטאַרק צום הארצן, ווען מען שרייבט וועגן אים „שלעכט", און ער ווערט ניט אַזוי שטאַרק נתפעל, ווען מען „לויבט אים"...

און איך רעכן, אַז אַזוי טוען אויך די, וואָס מען רופט זיי

---

*) „די פעדער", ניו יאָרק, מערץ, 1920.

אָן (הלואי וואָלט מען זיי בעסער ניט אָנגערופן) „קריטיקער". אויך זיי טוען דאָס זייעריגע — און א מיינונג וועגן זיי מעג זיך יעדער איינער, טראַכטן זיי, האָבן וואָסערע ער וויל, פּונקט אַזוי ווי זיי אַליין ווילן האָבן די פרייהייט צו טראַכטן וואָס זיי ווילן וועגן אַנדערע.

אויב אַ קריטיקער נעמט זיך און דאַרף זיך נעמען עפּעס צום האַרצן, איז עס דאָס, וואָס וועגן אים און וועגן זיין ליטעראַרישער פאָרם רעדט מען געוואוינטלאַך ניט אַזוי ווי וועגן אַנדערע שרייבער און אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַטור. געוואוינטלאַך איז אַ שרייבער פאַראַנטוואָרטלאַך בלויז פאַר זיך אַליין. דער קריטיקער איז אָבער אַ קהל'שער מענטש. די קריטיק משפּט מען ווי א קהל'שע אינסטיטוציע...

קיינער וועט ניט זאָגן, אז דראַמע אָדער ליריק דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן פון דער וועלט — וואָס איז? מענטשן וואָס שרייבן שלעכטע דראַמעס אָדער שלעכטע לידער זיינען אין דער ליטעראַטור דאָ מער ווי פאַרפאַסערס פון גוטע דראַמעס און גוטע לידער. אָבער ווען אימעצן איז ניט געפעלן איינעמס „קריטישע" טעטיגקייט, גיט ער זיך אַ קרים און זאָגט: אָ, די קריטיק! און ער איז מבטל ניט דעם אָדער יענעם פאַרשטייער פון אָט דער ליטעראַרישער פאָרם, נאָר די עצם פאָרם, דעם עצם פאַך. ווייבאַלד, אַז צווישן די וואָס שרייבן קריטיק זיינען דאָ אַזוינע וואָס זיינען אימפּאָטענט (און געוויס זיינען צווישן קריטיקער דאָ אַזוינע נישט ווייניגער ווי צווישן ליריקער, דראַמאַטיקער א. אז. וו.), הייסט עס, אַז קריטיק איז אַ „אינסטיטוט פון סריסים"... די קריטיק ווערט באַשטראָפט פאַר די שולדן פון יעדן פון אירע פאַרשטייער.

אַזאַ באַציאונג צו קריטיק מוז באמת אַרויסרופן ביי אונז טרויעריגע געדאַנקען. אַזאַ באַציאונג ציי גט ווי פאַלש מען פאַרשטייט דעם עצם ענין קריטיק. זי איז פּונקט אַזאַ פרייע און אינדיווידועלע פאָרם פון שאַפן, ווי אַלע אַנדערע פאָרמען. האָט מען גענומען און געמאַכט פון איר עפּעס אַ קהל'שען האַנדטוך, עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט ניט צוליב זיך אַליין, נאָר צוליב דער השגחה אויף ליטעראַרישער כשרות...

מען טראַכט אַזוי: דער קריטיקער שרייבט וועגן ליטעראַטור — הייסט עס: ער איז איבער איר דער אויפזעער, און וויבאַלד אַז ער איז דער אויפזעער איז — אָדער: זע, אַז פון דאָך זאָל ניט רינען און אַז עס זאָל זיין ווינטער וואַרעם און זומער קיל, אָדער: „מיר דאַרפן ניט קיין אויפזעער!"

מען קוקט אויף דעם קריטיקער, ווי אויף אַ כהן גדול — און מען הייסט אים זיין אַ שמש.

דער לעזער וויל, אַז די קריטיק זאָל אים באַדינען. פאַר דעם שרייבער עקזיסטירט זי נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ער קאָן מאַכן פון איר אַ . . . פּרעסע־אַגענט. אַנדערש, זאָגט ער, דאַרף ער זי נישט האָבן. אים פאַלט נישט איין, אַז זי איז אַ ציל פאַר זיך אַליין, ווי אַלע אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַרישן שאַפן.

מען פאַרגעסט, אַז איינער קאָן מאַכן פאַר זיין טעמע ליטעראַטור אָדער קונסט און האָבן דערביי אין זינען ניט די ליטעראַטור אָדער די קונסט, נאָר — זיך אַליין, ד. ה. זיין אייגענע באַדערפעניש (און זיין אייגענע פייאיגקייט) אויסצודריקן די געדאַנקען און די געפילן און די חלומות וואָס ער האָט, בעת ער לייענט אַ בוך אָדער באַטראַכט אַ קונסט־ווערק. מען פאַרגעסט, אַז אַ שרייבער מעג מאַכן פאַר דעם אָביעקט פון זיין שרייבן ליטעראַטור אָדער קונסט און דערביי נישט נעמען אויף זיך מער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט און מער התחייבות'ען, ווי דער, וואָס שרייבט וועגן די איינדרוקן, וואָס ער האָט פון אַ זונפאַרגאַנג, פון דעם רעש אין שטאָט, פון זיין געליבטער, פון קריג, פון רעוואָלוציע. פון דעם ליריקער אָדער פון דעם דראַמאַטיקער פאָדערן מיר ניט, אַז ער זאָל ווירקן אויפ'ן עצם „לעבן", וואָס ער שילדערט; מיר ווילן ער זאָל ווירקן אויף אונז — מיט זיין טאַלאַנט, מיט זיין שאַפונגס־קראַפט. בלויז פון דעם, וואָס מיר רופן־אָן קריטיקער, פאַרלאַנגען מיר, אַז ער זאָל ענדערן דעם אָביעקט פון זיין שרייבן, די ליטעראַטור, און ניט באַנוגענען זיך מיט דער ווירקונג, וואָס ער האָט אויף אונז. אַזוי ווי עס איז גאָר ניט מעגלאַך, אַז איינדרוקן פון ליטעראַטור זאָלן זיין פונקט אַזוי וויכטיג און באַדייטנדיג ווי די איינ־

דרוקן וואָס אַנדערע שרייבער (לירקער, ראָמאַניסטן, דראַמאַ־טיקער) באַקומען פון לעבן.

מיר נעמען אָפּ ביי דעם קריטיקער די רעכט, וואָס עס האָבן אַנדערע שרייבער, און פאָדערונגען שטעלן מיר צו אים גרעסערע, ווי צו אַלעמען. מיר פאַרלאַנגען פון אים, אַז ער זאָל ניט נאָר אַליין זיין אַ גוטער שרייבער, נאָר אַז ער זאָל אַנ־דערע אויך לערנען זיין גוטע שרייבער. מיר לייגן אויף אים אַרויף די גרעסטע התחייבות'ען, מיר גיבן־איבער אין זיין רשות די לעזער מיט די שרייבער אינאיינעם, מיר הויבן אים אויף אויף דער העכסטער הויך, און דערנאָך, ברוגז ווערנדיג, וואַרפן מיר אים אַראָפּ לבירא עמיקתא און לייגן אים אריין צען איילן אין דער ערד, דערקלערנדיג אים פלוצלונג פאַר אַ קאַליקע...

א קהל'שער מענש! — מעג יעדער קומען צו אים מיט טענות!

אַזוי אַ שרייבער וועט קיינער נישט איינזאָגן קיין דעה, וועגן וואָס ער זאָל שרייבן און וועגן וואָס — ניט. אויב ער האָט ליב צו נעמען זיך דוקא פאַר אַזאַ מין טעמע און אַן אַנדערע מיידט ער אויס — וועט מען עס אויסנוצן אויף צו כאַראַקטעריזירן זיין גוסט, זיין טעמ־פעראַמענט, א. ד. ג. מען וועט נישט קומען צו אים מיט טענות, פאַרוואָס ער שילדערט אַזוינע טיפּן און נישט קיין אַנדערע. ער נעמט דעם שטאָף, וואָס ער דאַרף פאַר זיין שאַפן. קרי־טיקער אָבער האָבן ניט אַפילו די פרייהייט זיך אויסצוקלייבן זייערע טעמעס. יעדערער גיט זיי עצות, יעדערער האָט עפּעס אַ רעכט אויף זיי: שרייבן זיי וועגן פּאָעזיע, האָבן פאַראיבל די, וואָס האָפן געבויט צו ווערן פון זייער פּראָזע־קריטיק; וועלן זיי אָנהויבן שרייבן וועגן פּראָזע, וועט זיך קרימען אַן אַנ־דערער...

און אַ דריטער וועט זאָגן: ניט וועגן פּאָעזיע און ניט וועגן פּראָזע דאַרף מען „זיי" לאָזן שרייבן, וואָרים פּראָזע פאַר־שטייען נאָר די, וואָס זיינען מייסטערס פון פּראָזע, און פּאָע־

זיע פארשטייען נאר פּאָעטן. און אויב זיי וועלן זאָגן צו אים: היינט ווי אזוי קאָנסטו שרייבן וועגן קריטיק — דו ביזט דאָך ניט קיין קריטיקער? וועט עס זיין אומזיסט. וואָרים א קרי־טיקער קאָן נישט האָבן קיין טענות, מען קאָן נאָר האָבן טענות צו אים: ער איז א ק ה ל ׳ ש ע ר מ ע נ ט ש...

א קהל׳שער מענטש, וואָס וואָלט זיך געפילט גליקלאך, ווען מען וואָלט אים געלאָזט צורו און נישט ארויפגעלייגט אויף אים קיין שום אנדערע התחייבות׳ן און קיין שום אנדערע פאראנט־וואָרטלאכקייטן, א חוץ די, וואָס עס טראָגט אויף זיך יעדער שרייבער.

ו. ניט גוט און ניט שלעכט.

. . . א שלעכט בוך איז שלעכט. ערגער איז א בוך, וואָס איז — „ניט גוט און ניט שלעכט״. דאָס איז דער אומפּרוכט־בארסטער מאַטעריאל פאר קריטיק.

א שלעכט בוך קאָן אייך ארויסברענגען פון געדולד, ארײנ־ברענגען אין כעס: איז עס שוין אויך עפּעס א זאך! ביבער, וואָס זיינען „ניט גוט און ניט שלעכט״, לאָזן אייך קאלט, גלייכגילטיג, פּאַסיוו; איר האָסט זיי ניט אפילו!

אז איר דערזעט אן אייגנארטיג געזיכט, אזוי עפּעס א מאָדנע אומגעריכט בילד, — שטעלט איר זיך אָפּ קוקן. איז עס שיין, איז גוט; העסלאך, — איז עס אמאָל נאָך אינטע־רעסאנטער. ווי אָפּט קוקן מיר זיך צו צו עפּעס אן אומגע־לומפּערטער אויסגעקרימטקייט פון א ליניע, צו א ווילדן מיש־מאַש פון פארבן, צו א מום אויף א קערפּער, צו עפּעס א העס־לאכן אויסדרוק פון א געזיכט, צו עפּעס א פּיפּערנאָטערישער געשטאַלט פון א האלב־פארגליווערטן וואָלקן! מיר קוקן זיך צו צו אזוינע זאכן נאָר דערפאר, ווייל זיי זיינען אויסטערליש... אויסטערלישקייט איז דעם יצר־הרע׳ס געלונגענסטע מאַסקע. לילית פארשטעלט זיך ניט אזוי פאר א שיינער, ווי פאר אזא, וואָס איר האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען. מיר שאַצן צו וויי־ניג אָפּ די ראָלע, וואָס עס שפּילט אין אונזער לעבען (און אויך

אין אונזער עסטעטישן לעבן) נייגיריגקייט... און אַ שלעכט בוך איז אָפּטמאָל גוט שוין דערמיט אַליין, וואָס עס רייצט אונ־זער נייגיריגקייט. ווען אפילו עס רייצט זי נאָר אויף, אָנשטאָט זי צו באַפרידיגן, — איז עס אויך אַן ענין: אנטוישט ווערן, אָפּגענאַרט זיין איז אַן ענדערונג אין אונזער פּסיכישן צושטאַנד, און יעדע ענדערונג לאָזט איבער אין אונז די אָדער יענע שפּורן. אנדערש איז אַ בוך, וואָס איז „ניט גוט און ניט שלעכט": עס פאַרשווינדט אַן אַ זכר, אַזוי ווי עס וואָלט קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. עס בלייבט ניט קיין פלעק אויף דעם אָרט, וואו עס איז געלעגן. עס אנטוישט אונז ניט, ווייל עס האָט ניט באַוויזן אויפצואוועקן אין אונז האָפענונגען.

אַ שלעכט בוך קאָן אונז אַמאָל אַמוזירן — מיט זיין לע־כערלאַכקייט. איך האָב געקענט אַ געבילדעטן גראַפאָמאַן, וואָס האָט אויפגעשריבן אַ . . . צווייטן „פאַוסט"; ס'איז געווען ניט קיין לאַנגווייליגער, כאָטש אַ זייער אומבאַהאָלפענער חיבור. איך האָב עס געלייענט ווי אַ פּאַראָדיע. דעם פאַרפאַסער'ס פייערלאַך־אָנגעשטרענגטער ערנסט האָט די פּאַראָדיענהאַפטיגקייט פון בוך נאָך געמאַכט קענטיגער, אויסדרוקספולער. איך האָב געזען פאַר זיך אַ קליינגעוויקסיגן מענטשעלע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצונעמען מיט זיין קאָמיש אויסגעצויגן הענטעלע די קרוין פון דעם קאָפּ פון אַ ריז. דאָס האָט זיך געפּאַסט כמעט פאַר אַ לוסטיגן „קינאָ"-בילד... אַ בוך, וואָס איז „ניט גוט און ניט שלעכט", וועט אייך קיינמאָל ניט געבן אַזאַ איינדרוק. אין אַזאַ בוך זיינען די צילן און די מיטלען קיינמאָל ניט אַזוי דיספּראָפּאָר־ציאָנעל, אַז איר זאָלט זיך צעלאַכן. די צילן אין אַזאַ מין שאַפונג זיינען אַזוי אומבאַדייטנדיג, אַז איר מערקט גאָרניט, ווי און ווען זיי ווערן . . . ניט דערגרייכט.

אַזעלכע ווערק זיינען שלעכט נאָך אויך דערמיט, וואָס זיי מאַכן אייך פאַר אַן אומדאַנקבאַרן מענטש: איר גראַטולירט ניט זייער פאַרפאַסער, איר דריקט אים ניט די האַנט, איר ווייזט אים ניט אַרויס דעם מינדסטן סימן פון צופרידנקייט, ווען ער האָט זיין זאַך אפשר גוט געטאָן. איר זענט ניט דאַנק־

באַר. אָבער איר זענט ניט שולדיג: איר האָט די גוטסקייט ניט באַמערקט, אַזוי ווי איר וואָלט ניט באַמערקט אויך, ווען די זאַך זאָל ניט זיין גוט... איר האָט איינפאַך ניט קיין אויג, קיין אויער און קיין שום חוש פאַר אַזאַ מין זאַך, ווייל איר האָט ניט קיין מאָס פאַר איר. קאָנט איר פאַרגלייכן די אַרבעט פון איין מוראַשקע מיט דער אַרבעט פון אַן אַנדערער? עס קאָן זיין, אַז צווישן מוראַשקעס זיינען פונקט אַזוי, ווי צווישן מענטשן, פאַראַן גוטע אַרבעטער און שלעכטע, גאָר גוטע און גאָר שלעכטע; אָבער כדי עס צו קאָנען אָפּשאַצן כדי עס צו וויסן, מוז מען אַליין זיין אַ מוראַשקע! דער חסרון פון די ביכער, וואָס וועגן זיי רעדט זיך דאָ, איז ניט דאָס, וואָס זיי זיינען ניט גוט און ניט שלעכט; זיי זיינען אפשר שלעכט? און אפשר זיינען זיי גאָר גוט? אָבער עס עקזיסטירט ניט פאַר אונז ניט זייער גוטסקייט און ניט זייער שלעכטקייט. עס איז אַזוי ווי אַ געריכט, וואָס מען האָט פאַרגעסן אַריינצושיטן אין דעם זאַלץ: ווער קאָן וויסן, צי עס איז געשמאַק אָדער ניט?

פון אַ שלעכטן בוך, איך מיין פון אַזאַ בוך, וואָס שטעלט אייך ניט צופרידן, אָבער עס ליגט אין דעם פעלד פון אייער ראיה און אייערע ווערטן — קאָנט איר עפּעס לערנען: איר קאָנט לערנען פון אים, ווי מען דאַרף ניט שרייבן און פאַרוואָס מען דאַרף ניט שרייבן אַזוי. דאָס קאָנט איר פון אַ שלעכטן בוך לערנען גיכער ווי פון אַ גוטן. אַ גוט בוך וועט אייך אויסלערנען דעם ווי, אָבער ניט דעם פאַרוואָס. אין אַ גוטן בוך זיינען אָדער גאָר ניטאָ קיין פעלערן, אָדער (און דער פאַל איז אַ סך אָפטער) די פעלערן זיינען באַהאַלטן אַזוי, אַז איר זעט זיי ניט, אָדער (און דאָס איז דער אָפטסטער פאַל) די מעלות פאַרנעמען, פאַרכאַפּן אייך אַזוי, אַז עס בלייבט ניט ביי אייך קיין אויפמערקזאַמקייט פאַר די פעלערן. לערנען זיך אָבער קאָן מען נאָר, ווען מען איז צו די פעלערן אויפמערקזאַם. און אויפמערקזאַם איז מען צו זיי מער ווי אַלע מאָל, ווען אַן אַנדערער האָט זיי געמאַכט (אָדער ווען מען האָט זיי אַליין געוועסט געמאַכט, אָבער

מען איז איצט שוין פאר זיך אליין — אן אנדערער) — און ווען מען האט זיי געמאכט אזוי, אז זיי זיינען קענטיג. אין א בוך, וואס איז „ניט גוט און ניט שלעכט", זיינען זיי ניט קענטיג. ווילט איר זיי זען (און אויסמיידן), מוזט איר לייענען פון צייט צו צייט ביכער, וואס זיינען שלעכט. זייער מעלה איז, וואס זייערע חסרונות זיינען פונקט אזוי בולט, ווי אין גוטע ביכער — די מעלות. און אזוי ווי לערנען זיך אויסמיידן פעלערן איז לייכטער ווי לערנען זיך האבן מעלות, זיינען, אין א געווויסן זין, שלעכטע ביכער (פאר גוטע תלמידים) א בעסערער לערער, איידער גוטע ביכער. גוטע ביכער דערציען אייער געשמאק, ניט אייער באוואוסטזיין. האבן א גוטן געשמאק איז געווים וויכטיגער, איידער וויסן, וואס איז א גוטער געשמאק און פארוואס איז ער גוט, אבער אויך וויסן איז וויכטיג. און דאס קאן מען זיך אויסלערנען דוקא פון א שלעכטן בוך. דערפאר איז ניצלאך צו לייענען, א חוץ גוטע, אויך שלעכטע ווערק. די גוטע — וועלן דערציען אייער געשמאק (אויב ער איז ראוי דערצויגן צו ווערן), די שלעכטע — אייער באוואוסטזיין. די גוטע — וועלן מאכן, אז איר זאלט זיך צוגעוואוינען צו גוטעס, די שלעכטע — אז איר זאלט עס פארשטיין צו שעצן, ד. ה. אז עס זאל זיין ביי אייך ניט בלויז א געוואוינהייט, נאר אויך א ווערט.

שלעכטע ביכער קאנען פארדארבן דעם געשמאק. אבער דאס איז, ווען מען לייענט נאר זיי. לייענט מען אויך גוטע, דאן העלפן די שלעכטע בעסער צו פארשטיין און העכער צו שעצן די גוטע ביכער.

א שלעכט בוך, איז אגב, ניט שטענדיג א טאלאנטלאז בוך; עס קאן אמאל געשריבן זיין דוקא פון א טאלאנטפולן שרייבער. און אין דער גנזעלשאפט פון א טאלאנט איז גוט צו זיין אפילו דאן, ווען ער דערגרייכט ניט זיין ציל, נאר ער קעמפט פאר דעם. פארוואס קעמפן די פארפאסער פון די ביכער, וואס זיינען „ניט גוט און ניט שלעכט"? קיינער ווייסט ניט.

הינטער א בוך, וואס איז ניט גוט און ניט שלעכט, שטייט א מיטלמעסיגקייט. אן אמת־טאלאנטפולער מענטש וועט ניט אנ־

שרייבן קיין „פּאַרעווע" בוך. ער וועט אונז שטענדיק מיט עפּעס פּאַראינטערעסירן; פאַראינטערעסירן, אויב ניט מיט זיין ציל, איז מיט זיין וועג, אויב ניט מיט זיין וועג, איז מיט זיינע אומוועגן, מיט זיין בלאָנדזשען. אַ באַגאַבטער מענטש וועט צען מאָל גע־שטרויכלט ווערן, צען מאָל פאַלן, אָבער דאָס וועט זיין אַ „פאַלן, וואָס האָט דאָס אויפקומען אין זיך". ער וועט פאַלן, שטייגנדיק. עס וועט זיין אַ קראַפט, אַ ווילן, אַ געוואגטקייט, אַ פּרוב — און ממילא אויך אַן אַנלערנעריש און אַן אויפטו — אין זיין ניט־געלונגענעם ווערק.

אַ ניט־געלונגען ווערק — ווי אָפט איז עס דער אָנהויב און דער אומפאַרמיידלאַכער וועג פון אַ געלונגענעם!

אַן אומגעלונגען ווערק איז אָפט אַ געבורט פאַר דער צייט, אָבער דאָך אַ געבורט; אָפט איז עס אַ טויט־געבוירן באַשע־פעניש, אָבער עס איז דאָך געשטאַנען אויפ׳ן שוועל פון לעבן. ווערק, וואָס זיינען „ניט גוט און ניט שלעכט", שטייען אויף יענער זייט שוועל.

זיי זיינען ניט „נידעריגער פון יעדער קריטיק". זיי זיינען אויסער קריטיק.

אַ שלעכט בוך קאָן באַפרוכפּערן דעם קריטיקער, אַזוי ווי אַ גוט בוך. עס זיינען פאַראַן קריטיקער, וואָס דווקא נישט־געלונגע־נע שאַפונגען סטימולירן זייער אויסדרוקס־פייאיגקייט. גיט זיי אַ גוטע זאַך, האָבן זיי ניט וואָס צו זאָגן וועגן איר: זייער אנט־ציקונג איז אַ שווייגנדיגע; נאָר זייער צאָרן רעדט. זיי „ווערן געבויט פון דעם אנדערנ׳ס חורבן"...*) אָבער ביכער, וואָס „זיינען ניט גוט און ניט שלעכט" — אויף זיי איז קיינער ניט אין כעס, קיינער האָט צו זיי גאָרנישט, און אפילו דעם בייזעסטן קריטיקער ווערן זיי נישט אויפרעגן.

זיי רופן נישט אַרויס קיין פּראָטעסט, קיין ווידערשטאַנד, קיין שום אַקטיוויטעט. זיי מאַכן אונז נאָר געניצן, זיי מאַכן קאַליע אונזער אַפּעטיט צו לייענען.

---

*) זע אויבן „קריטיק און פּאָלעמיק".

דערפאַר איז שוין גלייכער צו לייענען שלעכטע ביכער, איי־דער אַזוינע, וואָס זיינען „ניט גוט און ניט שלעכט".

אָבער דוקא זיי מערן זיך און פּרוכפּערן זיך און פילן אָן דעם גענויצדיגן חלל פון די ביכער־שראַנקען. און מען דאַרף פון זיי וואָרענען דעם ניט געניטן עולם. אַזוי ווי צווישן מענטשן, זיינען אויך צווישן ביכער די „ניט גוטע און ניט שלעכטע", — די ערגסטע, די „אומשעדלאַכע" — די שעדלאַכסטע.

ז. די מיטלמעסיגקייט (אַמאָל און איצט).

מיר קאָנען נישט זאָגן אַקוראַט, וואָס איז אַזוינס אַ האַלבער אָדער אַ פערטל שרייבער, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין גענויע דעפיניציע פאַר דעם אמת'ן טאַלאַנט — אָבער מיר פילן עס.

מיר פילן, וואָס איז עס אַזוינס אַ מיטלמעסיגער שרייבער, אָבער מיר האָבן צו אים אַמאָל איין געפיל און אַמאָל — אַן אַנ־דערן. מיר רעספּעקטירן אים אַמאָל מער און אַמאָל — ווייניגער. דאָס ווענדט זיך אָן דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער ליטע־ראַטור.

ווען די נייע אידישע ליטעראַטור האָט ערשט אָנגעהויבן צו בויען איר בנין, זיינען איר פּשוט'ע אַרבעטער, ליים־קנעטער און ציגל־טרעגער, געווען פּונקט אַזוי נויטיג, ווי קינסטלער־אַר־כיטעקטן. ווער עס האָט נאָר געקאָנט האַלטן אַ פּען אין האַנט, איז צוניץ געקומען.

קוקט, אדרבא, אריין אין אונזערע עלטערע פּעריאָדישע אויס־גאַבן — און נישט דוקא אין צעדערבוים'ס „קול מבשר", גיט אַ בלעטער ספּעקטאָר'ס „הויז־פריינד", שלום־עליכם'ס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" אדער אפילו „דעם יוד" און די ערשטע טעגלאַכע אידישע צייטונגען, וואָס זיינען שוין גאָר נאָענט צו אונ־זער צייט, וועט איר געפינען דאָרט אַ היבש ביסל נעמען, וואָס זיי־נען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, נעמען, וואָס האָבן קיין שום שפּורן אין דער אידישער ליטעראַטור ניט איבערגעלאָזן. אינ־איינעם מיט די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם,

פרץ, פרישמאַן אָדער פרוג, אינאײנעם מיט די ווערק פון די — נאָך דאַן יונגע — אַש, רייזען, נאָמבערג, שניאור, ל. שאַפּיראָ, וויסענבערג, יונה ראָזענפעלד, י. ד. בערקאָוויטש, בעל מחשבות און אַנדערע — זיינען געדרוקט געוואָרן לידער, דערציילונגען, ארטיקלען, פאַר וועלכע איצט וואָלט אין אַ ליטעראַרישער אויסגאַבע קיין פּלאַץ ניט געווען. זיי זיינען געשריבן געוואָרן פון שרייבער, וואָס זיינען אָפּט ניט געווען אפילו מיטלמעסיג. אָבער *זיי זיינען ניט געווען איבעריג*. מען האָט זיי גערדאַרפט האָבן. מען האָט גערדאַרפט האָבן יעדן איינעם, וואָס האָט געשריבן אידיש. אפילו אַזעלכע, ווי שמ״ר און בלאָשטיין, ווען מיר קוקן אויף זיי איצט פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, זיינען געווען נויטיג פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דעם געדרוקטן אידישן וואָרט. מען האָט גערדאַרפט דעם עולם צוגעוואוינען צו הײנטיג־וועלטיגע ביכלאַך. און דער עיקר איז, וואָס מען האָט אים געוואָלט מאַכן וועלטלאכער, געבילדעטער, אויפגעקלערטער, און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל דאָס טאָן. מען האָט געשריבן העברעאיש אָדער רוסיש. פּראָסט אידיש, „זשאַרגאָן״, איז ניט אָנגעשטאַנען צו שרייבן. דער אידישער לעזער־עולם האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל באַפרידיגן זיין באַדערפעניש אין אַ ביכל. עס איז ניט געווען, וואָס אים צו געבן לייענען.

קוקט דורך די רשימה׳ס פון די אידישע ביכער, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין די אַכציגער און ניינציגער יאָרען פון פאָריגן יאָרהונדערט. איר וועט זען, ווי קליין עס איז געווען די צאָל פון אידיש־שרייבער. אַז שלום עליכם האָט געוואָלט האָבן פאַר זיין „אידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״ רעכטע מיטאַרבעטער, האָט ער זיך געמוזט ווענדן צו די העברעאישע אָדער רוסיש־אידישע שרייבער און איינריידן זיי שרייבן אידיש.

די אַנטוויקלונג פון דער טעגליכער פּרעסע אויף *יענער* זייט ים און דערהויפּט דאָ אין אַמעריקע, די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג, דער פאָלקיזם און אויך דער ציוניזם האָבן מעגלאַך געמאַכט דעם וואוקס פון דער אידישער ליטעראַרישער משפחה. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, איז די צאָל פון אידישע שרייבער־

אין דער פאַר־מלחמה צייט געווען נאָך אַלץ קליין און פאַר־גלייך מיט זייער צאָל איצט.

זלמן רייזען האָט פאַרעפנטלאַכט שוין צוויי דיקע בענד פון דער נייער אויסגאַבע פון זיין לעקסיקאָן און ער האַלט ערשט ביי פ׳, כאָטש ער האָט אויסגעלאָזן די פאַרשטייער פון דער על־טערער אידישער ליטעראַטור, אָבער די ערשטע פאַר־מלחמה־אויס־גאַבע פונ׳ם לעקסיקאָן (1914) האָט אין איין באַנד אַרומגענומען די גאַנצע אידישע ליטעראַטור און פרעסע, די אַלטע אַזוי גוט ווי די נייע. און דאָס נעמט זיך ניט נאָר דער־פון, וואָס דער פאַרפאַסער פונ׳ם לעקסיקאָן איז געווען דאַן מער אויסקלייבעריש, ווי איצט. עס איז געווען פשוט ווינציג אידישע שרייבער...

קלענער דער עולם, מער שמחה. אַ קלע־נערער טיש, איז יעדערער געווען נעענטער צום אויבנאָן. און מען האָט זיך מער אומגעקוקט אויף יעדן איינעם... האָט זיך געוויזן אַ נייער מענטש, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט אַ קוק טאָן, ווער ס׳איז געקומען... יעדעס ניי ביכל, יעדע נייע זאַמ־לונג, שיר ניט יעדע נייע דערציילונג איז רעצענזירט געוואָרן.

מען האָט שוין געהאַט אַ מאָס אין האַנט און מען האָט גע־וואוסט, וואָס גרויס איז און וואָס קליין. אָבער עס איז געווען אַן אָרט אויך פאַר אַ משה טייטש און פאַר אַ ליפּמאַן לעווין און פאַר יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אַ נייער טעמע, מיט אַ נייעם מאָטיוו, מיט דער מינדסטער אָנצוהערעניש אויף אַ נייעם טאָן... עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס איז שוין געווען אַ קדשי־קדשים מיט אַ כהן גדול, — דער בנין איז נאָך ניט פאַרטיג געווען און מען האָט געדאַרפט האָבן בוייער אויך פאַר׳ן פּאָליש, און מען האָט געדאַרפט צוגרייטן שמשים אויך, ניט נאָר כהנים... „די ליטעראַטור״, האָב איך געשריבן דאַן, „דאַרף האָבן אויך מיטעלע טאַלאַנטן. אין אַ טעמפּל זיינען פאַראַן אי כהנים, אי משרתים. די גרויסע בויען נייע פעסטונגען אין דער ליטעראַטור, די קליינע — היטן זיי. די גרויסע שאַפן נייע אידעען, נייע פאָרמען, די קליינע פאַרשפּרייטן זיי. ניט נאָר די וויסנשאַפט, אויך די קונסט האָט אירע פּאָפּולאַריזירער״...

עס איז געווען אַן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור פאַר'ן קלערנן שרייבען, — אָבער ער אַליין האָט ג ע ו ו א ו ס ט זיין אָרט.

איצט איז פונקט קאַפויר. די צאָל פון „נישקשה'דיגע" שרייבער איז אַזוי געוואַקסן, אַז מיט איינעם מער צי מיט איינעם ווינציגער איז ניט אַזאַ גרויסער אונטערשייד. מיר זוכן שוין איצט א י כ ו ת (קוואַליטעט). דער עצם מין אידישע שריי־בער האָט זיך שטאַרק פאַרמערט און איז שוין מער ניט קיין יחסן. אָבער די פרעטענזיעס פון דער מיטלמעסיגקייט זיינען איצט ניט אין ערך גרעסער, ווי זיי זיינען אַמאָל געווען. דער זעלבסטבאַוואוסטזיין פון דעם מיטעלן שרייבער איז געוואַקסן אין אַ פאַרקערטער פּראָפּאָרציע צו זיין ראָלע אין דער ליטעראַטור. וואָס ווייטער ער איז, לויט זיין אמת'ן ווערט, פון דער ליטעראַ־ראַרישער מזרח־וואַנט, אַלץ מער רייסט ער זיך אַהין. וואָס ווינ־ציגער אַנדערע קוקן זיך אום אויף אים, אַלץ מער צערטעלט ער זיך אַליין.

איז אין דעם גופא שוין דאָ אַ געוויסע דערקלערונג פון דעם, וואָס קומט פאָר. די מורא פאַר דערנידערונג, דאָס אינפעריאָ־ריטעט־געפיל מאַכט אַ מענטשן, און דערהויפּט אַ מענטשן פון דער עפנטלאַכקייט, פאַר אַ גרויסן בעל־גאוה.

אָבער עס זיינען דאָ נאָך אויך אַנדערע סבה'ס, וואָס דער־קלערן אונז דעם „בונד פון די שוואַכע" און דעם בונט פון יעדן איינעם פון זיי געגן זיין ניט געגוג אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער ליטעראַרישער וועלט. אויף עטלאַכע פון די דאָזיגע סבה'ס וועל איך דאָ אָנווייזן:

א) די קאַטאַסטראָפעס פון די לעצטע יאָרן, די מלחמה'ס, די פּאָגראָמען, דער הונגער, די פּאָליטישע און סאָציאַלע איבער־קערענישן אין מזרח־אייראָפּע האָבן פאַרקירצט די יאָרן פון דער קינדהייט און דער יוגנט. צו פופצען־זעכצען יאָר איז מען שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. צו צוואַנציג גלויבט מען שוין אַלץ צו האָבן געזען און אויסגעפּרואווט. מען איז אַלט געוואָרן, נישט

רייף ווערנדיג... אין דער ליטעראַטור האָט דאָס געפירט דערצו, אַז אפילו דער, וואָס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן שרייבן, האָט זיך נישט געפילט ווי אַן אָנהויבער, וואָס דאַרף זיך ערשט לערנען. ער האָט שוין אַזויפיל דורכגעמאַכט, ער איז שוין אַזוי נ י ט י ו נ ג — וועט ער גיין אין חדר? ער וועט גיכער אַליין נעמען אַ טייטל אין האַנט, און טאַקע אַ קאַנטשיק אויך, איידער לאָזן אַנדערע זאָלן אים מדריך זיין...

עס זיינען אין לעבן (דערהויפּט אויף יענער זייט ים, פון וואַנען עס קומען אַלע אונזערע שרייבער) — ניטאָ קיין יונגע מענטשן, וואָס זאָלן זיך פילן נישט־דערוואַקסן נאָך — זיינען ניטאָ אין דער ליטעראַטור קיין אָנפאַנגער, ניטאָ קיין תלמידים. אַלע זיינען רביים. דער אָנפאַנגער פאַנגט אָן פון אַ זשורנאַל, וואו ער אַליין אין דער רעדאַקטאָר. אָדער ער הויבט אָן דערמיט, וואָס ער „רייסט ארונטער" זיינע קאָלעגן. ער דאַרף אַנדערע „אָנערקענען", ניט אַנדערע — אים.

„עס איז איצט", זאָגט מען, „ניטאָ פּרץ", ניטאָ קיין פירנדיגע פּערזענלאַכקייט. עס איז בלויז אַ תירוץ. עס זיינען ניטאָ קיין פירער, ווייל עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי אָנטאָן די קרוין אויפ'ן קאָפּ. די חסידים קומען פריער פאַר'ן רבי'ן. איצט איז אַ דור אָן חסידים, דערפאַר זיינען ניטאָ קיין רביים... און דאָ קומען מיר צו אַ צווייטער סבה, וועלכע האָט אויך אירע וואָרצלען אין דעם וועלט־קריג.

ב) די מלחמה און די אַלע איבערקערענישן, וועלכע זיינען געקומען נאָך איר, האָבן אויפגעוועקט אין דעם מענטשן, דערהויפּט אין דעם סענסיטיוון ליטעראַרישן מענטשן, אַ פּראָטעסט געגן יעדער היעראַרכיע, געגן יעדן אויטאָריטעט, געגן יעדער סיסטעם פון העכער און נידעריגער. אַזאַ סיסטעם קאָן זיך האַלטן איצט אין די גאָר שטאַרק צעטרייסלטע לענדער — נאָר מיט דער הילף פון דיקטאַטור. „מיט גוואַלט, — זאָגט דער נאָך־מלחמה מענטש, קאָנסטו טאָן מיט מיר, וואָס דו ווילסט. מיט'ן גוטן ווילן וועל איך זיך נישט אונטערגעבן"... איז דאָרט, וואו עס איז ניטאָ קיין דיקטאַטור, ניטאָ קיין העכער און קיין נידעריגער. אַלע זיינען גלייך און אַלע שטופּן זיך אויבנאָן. דער־

הויפּט אַרבעטן מיט די איילנבויגנס די, וואָס זייער קראַפט ליגט מער אין זייער חוצפּה, ווי אין זייער טאַלאַנט...

ג) די ליטעראַרישע באַדינגונגען זינט נאָך דער מלחמה זייִנען ביי אונז גאָר באַזונדערס גינסטיג פאַר שוואַכע טאַלאַנטן מיט שטאַרקע איילנבויגנס. די עלטערע שרייבער זיינען אין די מלחמה־יאָרן כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן. די וויכטיגסטע „שטעט" אין מזרח־וואַנט שטייען ליידיג און רייצן די אַזוי־אויך צערייצטע אַפּעטיטן פון דעם ניי־אויפגעקומענעם ליטעראַרישן דור. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַן אַנדער זאַך, אַ פּיל וויכטיגערע.

ד) די וועלט פון דעם אידישן וואָרט איז צופאַלן געוואָרן אויף שטיקער. ניטאָ שוין מער קיין גאַנץ און איינהייטלאַך ליטעראַריש לעבן. עס איז דאָ אַ סאָוועטיש־אידישע ליטעראַטור, און עס איז דאָ אַ אידישע ליטעראַטור אין פּוילן, און אַ אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, און עס איז דאָ אַ באַזונדער ליטעראַרישער מנין אין ליטע, און אַ דאַוון־שטיבל אין לאַטוויע, און אַ קלייזל אין רומעניע און נאָך איינס אין אַרגענטינע — און וואו ניט? אַנשטאָט איין גרויסער בימה, זיינען דאָ אַן אַ שיר בימה'לאַך מיט אַן אַ שיר שלישי'ס, שישי'ס און מפטיר'ס. פּירט זיך, ווי עס האָט זיך געפּירט אַמאָל אין די שולן. מען האָט די בעל־מלאכה'ס געשטאָפּט מיט איינס פאַר אחרון, — זיינען זיי אַוועק, געמאַכט אַ פּועלי צדק מנין און זיך אַליין מכבד געווען מיט די פעטסטע עליה'ס...

ווערן אַ ליטעראַרישער גדול אין ווארשע אָדער אפילו אין ווילנע, ווען זי איז ניט געווען אָפּגעריסן פון דער גרויסער אידישער וועלט, איז געווען אַ שווערער ענין. אָבער איצט איז פאַר ליטע אַ הויפּטשטאָט קאָווגע, דער צענטער פון לאַטוויע איז ריגע, פון בעסאַראַביע — קישענעוו; פון אַרגענטינע — בוענאָס־איירעס: איז . . . במקום שאין איש א. אז. וו. אין ליליפּוטנלאַנד איז גוליווער — אַ ריז. באַשטייט איצט די אידישע ליטעראַטור פון גאַלע גדולים. איז איינער נישט אָנגעזעז אין ניו יאָרק, אָדער אין ווארשע, אָדער אין קיעוו, איז ער אַ ליטעראַרישער מנהיג הדור אין ריגע, אין מינסק, אין ריאָ דע־זשאַנעראָ... אַזאַ איינער, וואָס אין אַ ווילנער, אַ ווארשעווער אָדער

א ניו יאָרקער צענטראַלן זשורנאַל וואָלט ער ניט זוכה געווען מען זאָל אים דרוקן, האָט איצטער זיין אייגענע טריבונע און זיין אייגענע אָרטאָגראַפּיע.

ה) דערצו זיינען נאָך אָנגעשטאַנען די „נייע ריכטונגען". אזוי ווי די נייע מלוכה'לאך, האָבן זיי אויך געעפנט אָן א שיעור וואקאנסיעס פאר מיניסטערשע קעפּ און ניט אָנערקענטע גע־ניעס. די נייע ריכטונגען האָבן זיך געמוזט פארזאָרגן מיט איי־גענע „גדולים", — און דאָס איז געווען די קלענסטע זאָרג. ווערן פּרעזידענט אין עסטאָניע איז לייכטער, ווי צו זיין א פּאָליציי־מייסטער אין בערלין, און עס איז אויך ניט שווער צו זיין א פירער פון א „ר י כ ט ו נ ג". די ל י ט ע ר א ט ו ר פון א פאָלק איילט זיך ניט אויסצוקלייבן זיך א מנהיג, אָבער א „פּאָע־טישע שולע" — מען שאפט זי אליין און מען טוט זיך אליין אָן די קרוין אויפ'ן קאָפּ...

זיינען די נייע „שולן" אָדער „ריכטונגען" אויך שולדיג (כאָטש זיי האָבן זייערע פארדינסטן) אין דעם, וואָס די מאַניא גראַנדיאָזא איז געוואָרן ביי אונז אַן עפּידעמישע קראַנקהייט. אינאיינעם מיט די פריער־דערמאָנטע אומשטענדן האָבן זיי אויך געפירט דערצו, אַז עס זאָל זיך ביי אונז צעוואַקסן די צאָל פון מיטלמעסיגקייטן, וועלכע שטעלן ארוים זייער קאנדידאטור אויף אומשטערבלאכקייט גראָד אין אזא צייט, ווען מיר נויטיגן זיך אין גרויסע און גאנצע טאַלאַנטן, וויל מיטעלע און האַלבע האָבן מיר גענוג.

דאָס מערן זיך און פּרוכפּערן זיך פון די מיטעלע און מיטל־מעסיגע שרייבער גיט צו דעם וואוקס פון דער אידישער ליטע־ראַטור א קוואַנטיטאַטיוון כאראקטער, און דאָס שטעלט אויך די קריטיק אין א שווערער לאַגע. זי מוז זיך אָפּגעבן מיט לי־טעראַרישע ע ק ז י ס ט ע נ צ ן, בעת איר אמת'ע באַגייסטער־רונג און איר שעפערישע ראָלע הויבט זיך אָן דאָרט, וואו עס זיי־נען דאָ שריפטשטעלערישע ל ע ב נ ס, קינסטלערישע פּערזענ־לאַכקייטן.

די נייערע אידישע ליטעראַטור האָט אודאי ארויסגעבראַכט אויך אזעלכע שרייבער, וואָס ל ע ב ן, ניט נאָר זיי ע ק־

זיסטירן, אזעלכע שרייבער, וואָס האָבן זייער אייגענעם פּנים, אָבער דער קריטישער אָבסערווירער קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור איז אין דעם לעצטן פּעריאָד, דערהויפּט דאָ אין אמעריקע, געווען מער אַן עקסטענסיווע, ווי אַ אינטענסיווע.

ח. אין דער ברייט.

דעם סך הכל פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקע זינט נאָך די מלחמה־יאָרן וועט דער קומענדער היסטאָריקער אָנרופן — די ליטעראַרישע באַוועגונג. מיר אַליין זיינען אין רעכטן מיטן שטראָם, מיר באַוועגן זיך אַליין — זעען מיר עס ניט אַזוי גוט. פון דער ווייטן אָבער און פון דרויסן וועט זיין קלאָר, אַז פריער ווי אַלץ בעט זיך דאָ אָט דער ריין־פיזישער באַגריף — באַוועגונג. ווארים אַז מען וועט ווארפן אַ בליק אויף דעם פעלד, וואָס איבער אים האָט זיך אויסגעשפּרייט אין די דאָזיגע יאָרן די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועט מען זען די ערשטע זאַך אָט די אומגעריכטע אויסשפּרייטונג, און מען וועט זיך פריער ווי אַלץ אָפּשטעלן אויף דער מאַסע ליטעראַרישע פּראָדוקטן און פּראָדוצירער. ניט אַזוי די הויכע קוואַליטעט פון אייניציגע ווערק, ניט אַזוי די אייגנאַרטיגע אינדיווידואַליטעט פון אייניציגע שרייבערס וועט זיין בולט, ווי די אַלגעמיינע מאַסנהאַפטיגע שטראָמיגקייט פון דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע.

דערהויפּט וועט עס זיין קענטיג, ווען מען וועט פאַרגלייכן די לאַגע פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אין יענע יאָרן מיט איר לאַגע איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועלט־קריג.

דאַן איז אַפילו קיין אַפּאַראַט נאָך ניט געווען אויף אַרויסצוגעבן ביכער. די פּרעסע איז געווען כמעט די אייניציגע פאַרמיטלערין צווישן דעם שרייבער און די לעזער. קיין גרויסע ביכער־פאַרלאַגן זיינען כמעט ניט געווען. דער אייניציגער גרויסער פאַרלאַג, די „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני",

האָט זיך אָפּגעגעבן מער מיט ספרי־רומל, ווי מיט מאָדערנער ליטעראַטור.

אין די לעצטע יאָרן פון דעם מלחמה־פּעריאָד זיינען אין אַמעריקע געווען פון אַכט ביז צען פאַרלאַגן, וואָס האָבן געאַרבעט אין א מער אָדער ווייניגער גרויסן מאַסשטאַב.

אַ חוץ דעם, זיינען געווען נאָך „פּאַרטיי"־פאַרלאַגן (פון די „פּועלי־ציון", פון דער „אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע", פון דער „פרייע ארבייטער שטימע"), פאַרלאַגן, וואָס האָבען אַרויסגעגעבן די שריפטן פון איינציגע שרייבער (שלום־עליכם, יהואש, זישטלאָווסקי) און אַן א שיעור אַנדערע.

ווען עס וואָלט ניט געווען וואָס צו דרוקן און דאָס געדרוקטע וואָלט ניט געווען ווען צו פאַרקויפן, וואָלט, פאַרשטייט זיך, ניט מעגלאך געווען אַזאַ גרויסע צאָל פאַרלעגערישע אונטערנעמונגען, וואָס פאַרמעסטן זיך אַזוי ברייט.

די אַלע פאַרלאַגן האָבן זיך דאָך כּמעט גאָרנישט אָפּגעגעבן מיט איבערדרוקן אַלטע ווערק. דאָס רוב האָבן זיי געדרוקט אָדער גאָר נייע זאכן (דערהויפּט איבערזעצונגען), אָדער שריפטן וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט געדרוקט געווען אין בוך־פאָרם. באַזונדערס שטאַרק געוואַקסן איז די איבערזעצונג־ליטעראַטור. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף אידיש אַלע אָדער אויסגעקליבענע ווערק פון שעקספּיר, היינע, געטע, עדגאַר עלען פּאָו, באַלזאַק, אַנאַטאָל פראַנס, זאָלאַ, מאָפּאַסאַן, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, טורגעניעוו, טשעכאָוו, קופּרין, לאַנדאָן, אַלטענבערג, וואַסערמאַן, שניצלער; ניטשע, מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, באַקונין, קראָפּאָטקין, בראַנדעס און אַן א שיעור אַנדערע. די קוואַליטעט פון דאָס רוב איבערזעצונגען (דערהויפּט די בעלעטריסטישע) איז ווייט פון אידעאַל, און אויך איצט איז נאָך אַפילו א הונדערט־חלק ניט איבערגעזעצט געוואָרן פון דעם, וואָס דאַרף אַרויסגעגעבן ווערן אויף אידיש פון דער וועלט־ליטעראַטור; אָבער אין פאַרגלייך מיט די פריערדיגע „פאַרקירצונגען", שונדיגע קאָמפּילאַציעס און צופעליגע איבערזעצונגען איז די איצ־

טיגע סאָלידע אידישע איבערזעצונג־ליטעראַטור אַ גרויסער שריט פאָראויס, סיי אין איכות, סיי אין כמות. און זי איז אויסגע־וואַקסן אין משך פון די עטלאַכע יאָר!

נאָך די איבערזעצונגען גייען די געזאַמלטע שריפטן פון אידישע שרייבער. עס זיינען געזאַמלט געוואָרן די שריפטן פון כמעט אַלע אידיש־אַמעריקאַנישע שרייבער און אויך פון אייניגע „רוסישע״. עס זיינען אויפגעקליבן און ארויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם כמעט אַלע דערציילונגען, סקיצן און לידער, וואָס זיינען ווען עס איז געדרוקט געוואָרן אין די אַמעריקאַנער אידישע צייטונגען און זשורנאַלן. איך ווייס ניט, צי איז נאָך געבליבן אין אַמעריקע איין אידישער שרייבער, וואָס האָט ניט ארויסגעגעבן אַ זאַמלונג סקיצן אָדער לידער. אפילו די פעליע־טאָנען האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם צייטונגס־מבול און אריין אין דער תבה פון דער בוך־ליטעראַטור. היינט ווער רעדט שוין די ערנסטע פובליציסטיק און די קריטיק — זי ווערט דאָך געוויס אויפגעהיט „פאַר די קומענדיגע דורות״...

עס איז אָנגעשטאַנען אַ מין „חג האָסיף״, עפּעס אַ זאַמל־פעריאָד אין דער אידיש־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור. אַ לאַנגע צייט האָט זי געוואוינט אין אַ געצעלט (דאָס זיינען געווען די צייטונגען), און אַז זי האָט זיך אויסגעבויט אַ הויז (דאָס בוך) האָבן אַלע געריסן פון געצעלט אין הויז אריין.

און דאָס הויז איז אַלץ ברייטער געוואָרן. אויפ׳ן גע־ביט פון וויסנשאַפט זיינען אַמאָל ביי אונז געווען נאָר קאָמפּילאַ־ציעס: אין די לעצטע יאָרן הויבן זיך אָן צו ווייזן זעלבסשטענ־דיגע וויסנשאַפטלאַכע ארבעטן, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע, דערהויפּט אין די אָפּטיילן פון געשיכטע און סאָציאַלע פראַגן. עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַזוינע נאָר נייע געביטן, ווי קינדער־ליטעראַטור, לער־ביכער, פּעדאַגאָגיק...

עס איז אויסגעוואַקסן די צאָל און עס האָבן זיך פאַרמערט די מינים ביכער, וואָס ווערן געדרוקט אויף אידיש. אויך זיינען די שרייבער געוואַקסן אין צאָל, דערהויפּט זיינען צוגעקומען פּערזנ־שרייבער. עס האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע שרייבערינס. עס אַרבעט זיך אויס אַ טיפּ פון אַ פּראָפעסיאָנעלן איבערזעצער...

קורץ, עס איז געווען א מערונג און אן אויסברייטונג אויף אלע געביטן פון דער ליטעראַרישער טעטיגקייט. בעת אויף יענער זייט ים, אין רוסלאַנד, פוילן און אַנדערע לענדער, האָט די מלחמה כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט די אידישע ליטעראַרישע פּראָדוקציע, זיינען אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור אָנגעקומען די „זאַטע יאָרן". אַזוי ווי די אידישע ליטעראַטור וואָלט זיך אין אַמעריקע געוואָלט קאָמפּענסירן פאַר די היזקות, וואָס זי האָט געהאַט אין דער אַלטער היים.

און אין אַ געווּיסן זינען איז עס אַ קאָמפּענסאַציע. פאַר אַ יונגער ליטעראַטור, ווי די אידישע, איז די עקספּאַנסיווע אַנטוויקלונג זייער וויכטיג. אַ יונגע ליטעראַטור נויטיגט זיך אין אויסערלאַכן אַנזען. בפרט נאָך אַזאַ יונגע ליטעראַטור, וואָס דאָס אויסערלאַכע אַנזען איז פאַר איר אַ מיטל צו קעמפן פאַר אירע רעכט און די רעכט פון דער שפּראַך, וואָס אויף איר ווערט זי געשאַפן.

אַ חוץ דעם, האָט פאַר דער ליטעראַטור אויך אַ גרויסע באַדייטונג די אַלגעמיינקולטורעלע אַנטוויקלונג פון די לעזער: וואָס נייאיגער זיי ווערן צו נעמען, אַלץ פייאיגער איז זי צו געבן. און דאָס איז ריכטיג אויך בנוגע צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור. אויך זי האָט געוואונען פון דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרמערט ביי אונז די צאָל פון בעלעטריסטישע איבערזעצונגען און וויסנשאַפטלאַכע ביכער, וועלכע העלפן אַנטוויקלען דעם אידישן לעזער, פיינער מאַכן זיין גוסט, ברייטער — זיינע האָריזאָנטן. און מען קאָן זיכער ריידן וועגן דער אידישער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג אין אַמעריקע, ווי וועגן אַ געוויסער קאָמפּענסירונג פאַר דעם קריזיס, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט איבערגעלעבט אויף יענער זייט ים.

דאָך איז דאָס אַן אַנטוויקלונג, וואָס איז געגאַנגען מער אין דער ברייט, ווי אין דער טיף.

די איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן קאָנען געוויס העלפן פאַר ווערן אונזער ליטעראַרישן שאַפן: זיי קאָנען אים אויס-

לערנען שטעלן זיך ערנסטערע פּראָבלעמען און געברויכן פיינערע מעטאָדן און אַן איידעלערן סטיל, ווי פריער. אָבער דאָס וועט זיך ניט אַרויסווייזן אַזוי שנעל. דאָס וועט קומען ערשט שפּע־טער, ווען די שאַפונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור וועלן איינ־געזאַפּט ווערן אין אונזער באָדן. דערווייל ליגט די ווערדע פון די איבערזעצונגען דערהויפּט אין דער פאַרמערונג פון דער צאָל גוטע ביכער, ד. ה. אין דער אויסברייטונג פון דעם אידישן וואָרט.

דאָס אייגענע מוז מען זאָגן וועגן דאָס אויפזאַמלען די ווערק פון די אידישע שרייבער און דאָס אַריבערטראָגן זיי פון צייטונגען און זשורנאַלן אין ביכער. געוויס שטעלט דאָס זיי אַוועק אויף אַ קענטיגערן אָרט און מאַכט גרעסער זייער וויר־קונג. אין די צייטונגען און זשורנאַלן וואָלטן זיי פאַרלוירן גע־גאַנגען; איצט אין בוך־פאָרם ווערן זיי אויפגעהיט פאַר די היינ־טיגע און קומענדיגע אידישע לעזער. אָבער דאָס זיינען דאָך פאָרט ניט קיין נייע שאַפונגען. די אַלע דערציילונגען, סקיצן, בילדער, לידער, עסעים, אַרטיקלען, זיינען שוין פריער געווען, מער ניט, עס איז ברייטער געוואָרן דער קרייז פון זייער וויר־קונג.

און וואָס איז מיט דער פאַרמערונג פון דער צאָל שרייבער? איז עס געווען אַ פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פּער־זענלאַכקייטן אין דער אידישער ליטעראַטור? האָט עס דיפערענצירטער געמאַכט אונזער אַלגעמיינעם שאַפן, אָדער טיפער, אינטענסיווער — דאָס שאַפן פון יעדן באַזונדער? האָט עס אַריינגעטראָגן אין אונזער ליטעראַטור נייע פאָרמען, נייע סטילן, נייע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן?

איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטוויקלונג אין דער ברייט, איידער עס איז אָנגעשטאַנען דער — מער פאַרלעגערישער, איי־דער שרייבערישער — פּעריאָד, האָט כמעט יעדער איינער פון די דאַמאַלסטיגע נייע געהאַט עפּעס אַן אייגן וואָרט. פּונקט ווי פריער ראָזענפעלד, ליעסין, רייזען, יהואש, ראָלניק אין דער פּאָעזיע, אָדער קאָברין, פּינסקי און אַנדערע אין דער פּראָ־זע, — אַזוי איז אויך שפּעטער כמעט יעדער פון דער

גרופּע יונגע געווען פאַר זיך אַליין אַ וועלט אָדער אַ וועלטל, ניט איינער פון פיל. מאַני לייב, מ. ל. האַלפּערן, זישא לאַנדוי, שפּעטער לייוויק, אין דער פּאָעזיע, ראַבאַי, אָפּאַטאָשו, משה נאַדיר און איגנאַטאָוו, — זיינען קינסטלעריש ניט בטל געוואָרן אין דער גרופּע, און עס איז געווען ליכט צו זען, אַז יעדער איינער „טרינקט פון זיין אייגענעם גלאָז". עס איז געווען דאַן באמת אַ פּעריאָד פון אינטענסיווער אינדיווידועלער אַנטוויקלונג. עס זיינען אינגאַנצן אַרויס דאַן צוויי אָדער דריי נייע אָריגינעלע ביכער (זאַמלביכער), נאָר יעדער, וואָס האָט געהאַט אויגן, האָט געזען, אַז עס האָט זיך געעפנט אַ נייער קוואַל. צווישן די נייערע זיינען דאָ מער גרופּעס, ווי יחידים, און אפילו צווישן די פריערדיגע זיינען שוין דאָ אַזעלכע, וואָס גייען אין דער ברייט און ניט מער אין דער טיף. טאָמער ווייזט זיך אפילו אַמאָל אַ פּרוב צו שאַפן אַ נייע פאָרם, אַ נייעם סטיל, איז עס אויך דער פּרוב ניט פון איינעם, נאָר פון אַ גרופּע. מען וויל מיט אַ קאָלעקטיוו פאַרבייטן די פּערזענלאַכקייט. אַזוי ווי סטיל וואָלט באמת געווען ניט מער ווי איבער'חזר'ונג...

נאָר אַזוי איז שוין די פּסיכאָלאָגיע פון אַ דור, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזן אין דער ברייט: די אויסשפּרייטונג שלינגט איין זיין גאַנצע ענערגיע.

און אָט דאָס אויסשפּרייטן זיך ליגט אַרויף גאָר באַזונדערע פליכטן אויף דער קריטיק.

ט. די ספּעציאַליזירונג פון דער אידישער קריטיק.

דער כמות'דיגער וואוקס און די פאַנאַנדערצווייגונג פון דעם אידישן וואָרט־שאַפן ענדערט די באַדינגונגען, וועלכע עקזיסטירן פאַר דער אידישער קריטיק.

זי מוז דיפערענצירט ווערן. צעפאַלן אויף פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, אַזוי ווי דאָס איז געשען אין דער ליטעראַטור. מען קאָן שוין איצט ניט פאַרלאַנגען פון אַ אידישן רעצענזענט אָדער קריטיקער, אַז ער זאָל זיך אָפּרופן אויף אַלץ, וואָס ווערט געדרוקט אין דער אידישער שפּראַך. דאָס איז שוין נישט מעגלאַך, יוען דאָס זאָל אפילו זיין געוואונשן.

דאָס איז געווען מעגלאך, ווען די גאַנצע אידישע ליטעראַטור איז באַשטאַנען כמעט דורכאויס נאָר פון בעלעטריסטיק און פּאָ־עזיע, ווען אידישע בעלעטריסטן און פּאָעטן זיינען געווען געציילטע, ווען אַ נייער שרייבער, אַ נייער נאָמען איז געווען אַ פּאַסירונג אין דער ליטעראַרישער וועלט, ווען קיין איבערזעצונגען זיינען כמעט ניט געמאַכט געוואָרן, און די צאָל נייע ווערק אויף אידיש איז געווען זייער קליין. דאַן האָבן די בעסערע לעזער געלייענט כמעט אַלץ, וואָס איז ביי אונז געדרוקט געוואָרן. איצט איז אַ אידישן לעזער — און דער קריטיקער איז דאָך אַ לעזער, פריער ווי אַלץ — שווער און כמעט אוממעגלאך נאָכצופאָלגן אפילו נאָר די בעלעטריסטיק, וואָס דערשיינט אויף אידיש, אויב ער זאָל צו איר צורעכענען אויך די איבערזעצונגען. עס זיינען פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר איבערגעזעצט געוואָרן אַ סך אַלטע און נייע ווערק פון כמעט אַלע אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. אין דערזעלביגער צייט איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אַ היבש ביסל ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמעס פון אידישע שרייבער. עס זיינען אַרויס צענדליגער נייע לידער־זאַמלונגען. כדי דאָס אַלץ אָפּצושאַצן איז נויטיג אַ גאַנצע גרופּע רעצענזענטן. איינער קאָן נישט האָבן גענוג צייט אפילו דורכצולייענען דאָס אַלץ, סיידן ער זאָל לייענען נאָר בעלעטריסטיק און — נאָר אויף אידיש.

איז אין דער לעצטער צייט געוואַקסן ביי אונז אויך די צאָל ליטעראַטן, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט שרייבן קריטיק און רעצענזיעס. אויף דעם געביט פון קריטיק איז ביי אונז אַזאַ גערעטעניש, ווי אויף אַנדערע געביטן. אָבער עס מוז דורכגעפירט ווערן דער פּרינציפּ פון אַרבעט־צעטיילונג צווישן אונזערע קריטיקער און רעצענזענטן.

אין אַנדערע ליטעראַטורן זיינען שוין לאַנג אפילו אין דער קריטיק פון קינסטלערישער ליטעראַטור דאָ ספּעציאַליסטן. איינער אינטערעסירט זיך מער מיט ראָמאַנען, אַן אַנדערער מיט לירישער פּאָעזיע. איינער שרייבט וועגן איבערזעצונגען פון ראָמאַנישע שפּראַכן, אַ צווייטער האָט געמאַכט אַ ספּעציעלען שטוד־

יום פון די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטורן, אַ דריטער איז מער באַהאַוונט אין דעם רוסישן ראָמאַן. און זאָל מען נישט מיינען, אַז ס'איז אַ ריין מעכאַנישע צעטיילונג. ניין, ס'איז אַבסאָלוט נויטיק, אַז ווען אַ מענטש שרייבט וועגן אַ בוך פון אַ געוויסן שרייבער, זאָל ער זיין גוט באַקאַנט ניט נאָר מיט אַלע איבעריקע ווערק פון דעם געגעבענעם פּראָפעסער, נאָר אויך מיט דער גאַנצער ליטעראַטור, מיט דער גאַנצער קולטור־סביבה, אין וועלכער דער שרייבער איז אויסגעוואַקסן. עס איז אָבער שווער, כמעט אוממעגלאַך צו האָבן אַ גאָר נאָענטע אינטימע באַקאַנטשאַפט מיט דער גאַנצער ליטעראַטור פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. מוז אַ געוויסנהאַפטיגער קריטיקער אויסקלייבן פאַר זיך אַ געוויסן טייל אָדער געוויסע טיילן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור און ניט שרייבן דילעטאַנטיש וועגן אַלץ און אַלעמען.

ביי אונז האָט זיך אין די לעצטע יאָרן די ליטעראַטור געשיכטע אָנגעהויבן אָפּצוטיילן פון דער ליטעראַרישער קריטיק — און דאָס איז דער ערשטער סימן פון אַ געזונטער דיפערענצירונג. אַ חוץ דעם, וואָס געשיכטע און קריטיק זיינען צוויי גאָר באַזונדערע זאַכן און פאָדערן גאָר באַזונדערע סאָרטן פייאיגקייטן, איז, פשוט, שווער (און אפילו ביי אונז ווערט עס שוין שווער) צו זיין פאַכמעניש (ד. ה., פון די ערשטע קוועלן) באַקאַנט אי מיט דער אַלטער, אי מיט דער מאָדערנער ליטעראַטור. אָבער אין דער אויספאָרשונג פון דער נייער ליטעראַטור גופא, סיי אין דער היסטאָרישער, סיי אין דער ריין קריטישער אויספאָרשונג און באַלייכטונג וועט זיך מוזן אָנהויבן אַ פּראָצעס פון ספּעציאַליזירונג. אונזערע קריטיש־ביבליאָגראַפישע און אַלגעמיין־ליטעראַרישע אָרגאַנען וועלן נישט קאָנען מער באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי וועלן דרוקן סתם אַזוי רעצענזיעס אַמאָל פון איינעם, אַמאָל פון אַן אַנדערן. זיי וועלן מוזן געפינען — און העלפן אַנטוויקלען — ספּעציעל־צוגעגרייטע רעצענזענטן פאַר יעדן סאָרט ביכער. עס וועט נישט קאָנען מער גילטן די נאַאיווע מיינונג, אַז אַ קריטיקער איז עפּעס אַ מין זונציגער אויטאָמאַט. יעדעס בוך, וואָס מען וואַרפט אין אים אַריין, גייט אַרויס צוריק מיט אַ פאַרטיגער רעצענזיע. מען

וועט מוזן זיך רעכענען מיט דעם פשוט'ן אמת, אז אזוי ווי דער דיכטער דאַרף זיין צוגעגרייט צום שרייבן, מוז דער קריטיקער האָבן אַ ספּעציעלע צוגרייטונג צו קאָנען לייענען און אָפּשאַצן דעם דיכטער'ס ווערק. די פֿייאיגקייט צו גענִיסן איז אודאי ב ר י י ט ע ר, ווי די שאַפֿונג־פֿייאיגקייט, און דער קריטיקער איז ניט אַזוי אָנגעוויזן אויף אַ באַשטימטער פֿאָרם און אַ באַשטימטן סטיל, ווי דער קינסטלער, אָבער אויך אויפֿנעמען און אָפּשאַצן קאָן מען נישט אַלץ. אויך די קונסט פֿון קריטיק האָט אירע גרעניצן.

בפרט, אז מען קאָן זיך שווין ניט באַנוגענען מער מיט קריטיק פֿון קונסט. אונזער ליטעראַטור הערט אויף צו זיין נאָר אַ ליטעראַטור פֿון „מעשיות און לידער". עס הויבט זיך אָן אין איר שטאַרק צו אַנטוויקלען דאָס, וואָס מען רופֿט אָן „עסעיס" — אַ סאָרט שרייבן וואָס שטייט צווישן קונסט און וויסנשאַפֿט, קונסט און פּובליציסטיק. עס ווייזן זיך ווערק, וואָס זיינען געשריבן אויף וויסנשאַפֿטלעכע, סאָציאָלאָגישע און פֿילאָזאָפֿישע טעמעס. דאָס אַלץ פֿאָדערט, וואָס ווייטער, אַלץ מער ספּעציאַליזירונג.

י. ליטעראַטור־קריטיק און טעאַטער־קריטיק.

די צילן, די אויפֿגאַבן, די אַלגעמיינע מעטאָדן קאָנען אין טעאַטער־קריטיק זיין די זעלביגע, וואָס אין דער קריטיק פֿון ביכער. דאָ און דאָרט קאָנען דעם קריטיקער אינטערעסירן די פֿראַגן: ו א ָ ס ? פ א ַ ר ו ו א ָ ס ? אָדער ו ו ע ר ? — ו ו א ָ ס פֿאַר אַ ווערק און וואָס פֿאַר אַ סאָרט ווערק איז דאָס, וואָס ער האָט געלייענט אין בוך אָדער געזען און געהערט אויף דער בינע ? אָדער פ א ַ ר ו ו א ָ ס — פ א ַ ר ו ו א ָ ס זיינען די ביכער, די ספּעקטאַקלען אַזעלכע און ניט קיין אַנדערע ? פֿ ו ן ו ו א ַ נ ע ן נעמט זיך דאָס? וואָס פֿאַר אַ היסטאָרישע אורזאַכן, וואָס פֿאַר אַ סאָציאַלע אומשטענדן, וואָס פֿאַר אַ פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון רופֿן עס אַרויס ? אָדער זיין אויפֿגאַבע קאָן זיין קלאָר צו מאַכן ו ו ע ר איז דער שרייבער ? ו ו ע ר זיינען די טעאַטער־קינסטלער ?

וואָס פאַר אַ א י ך האָט יעדער פון זיי ? אָדער ער קאָן זיך פאַרגינען צו פרעגן : „צ ו ל י ב ו ו אָ ס ? צוליב וואָס שרייבט מען, צוליב וואָס שפּילט מען אַזאַ זאַך ? וואָס פאַר אַן עטישע אָדער פילאָזאָפישע אָדער געזעלשאַפטלאַך־פּאָליטישע צילן איז מען אויסן דערמיט ? אָדער ער קאָן זיך שטעלן די דאָזיגע אַלע אויפגאַבן. אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ סאָרט קריטיק דאָס זאָל ניט זיין, אַ קינסטלעריש אויסטייטשנדיגע אָדער אַ סאָציאָלאָגיש דערקלערנדיגע, אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע אָדער אַ סאָציאַל־עטישע, אַן אימפּרעסיאָניסטישע אָדער אַ דאָגמאַטישע, אַזאַ, וואָס נערט זיך פון לעבעדיגע איינדרוקן אָדער אַזאַ, וואָס האַלט זיך אויף כּללים און זוכט אַלגעמיינע געזעצן — אַלץ איינס, קאָן זי אָנגעווענדט ווערן אי צו דער ליטעראַרישער, אי צו דער סצענישער קונסט.

אָבער מעגן ווי גלייך זיין די צילן, די מיטלען פון דעם טעאַטער־קריטיקער און דעם ליטעראַטור־קריטיקער — די אומ־שטענדן, די תּנאָים, ביי וועלכע דער און יענער קריגט זיין מאַ־טעריאַל און פאַרמירט אים, זיינען פאַרשיידן. די פאַראַנט־וואָרטלאַכקייטן, וואָס זיי ביידע טראָגן, די דערפאַרונגען, וואָס זיי מוזן האָבן, די מניעה'ס, וואָס זיי דאַרפן בייקומען, די נסיונות, וועלכע זיי מוזןביישטיין, די געפאַרן, וואָס לויערן אויף זיי, זיינען נישט גלייך.

אין געוויסע פּרטים איז די לאַגע פון דעם ביכער־קריטיקער אַן ערנסטערע, אַ שווערערע, און עס זיינען דאָ פונקטן, וואָס מאַכן, פאַרקערט, די מיסיע פון דער טעאַטער־קריטיק באַזונדערס וויכ־טיג און קאָמפּליצירט.

איך וועל אָנהויבן פון די אייגנאַרטיגע און ספּעציעל פאַר־וויקלטע תּנאָים, מיט וועלכע עס מוז זיך רעכענען יעדער אמת'ער ט ע אַ ט ע ר ־ קריטיקער. איך וויל, פריער ווי אַלץ, ווייזן, ווי ווייט עס איז אין אַ סך זייער וויכטיגע פּרטים שווערער צו זיין אַן אויסטייטשער און אַן אָפּשאַצער פון דער בינע־קונסט, ווי אַ קריטיקער פון ליטעראַטור. איך וויל עס טאָן דערפאַר, ווייל געוויינטלאַך פאָדערט מען פון אַ טעאַטער־קריטיקער ווינציגער, ווי פון די, וואָס פאַרצייכענען זייערע איינדרוקן פון ביכער און

שרייבן כאַראַקטעריסטיקעס אָדער אָפּשאַצונגען פון וואָרט־קינסט־לער. מען גיט זייער אָפּט איבער די פונקציע פון טעאַטער אָפּ־שאַצונג פּערזאָנען, וועלכע מען וואָלט קיינמאָל נישט אָנגעטרויט די אויפגאַבע פון ליטעראַרישער קריטיק. די רעדאַקציעס שיקן זייער אָפּט אין טעאַטער אַריין ברענגען באַריכטן דעם „ערשטן בעסטן" רעפּאָרטער.

טעאַטער־רעצענזאַנטן זיינען אומעטום דאָ אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל, ווי ליטעראַטור־קריטיקער. וועגן ביכער איז רעכט, אַז מען שרייבט אין דער צייטונג און ס'איז רעכט אַז ניט אויך. אָבער טעאַטער איז אַ פּאָפּולערע אינסטיטוציע, טעאַטער איז, אַ חוץ דעם, זייער אַ וויכטיגער קונד פון דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג, איז ניטאָ קיין איין פּעריאָדישער אָרגאַן, וואָס זאָל נישט אָפּגעבן זיך מיט דער בינע. ממילא, נויטיגט זיך די וועלט פון טעאַטער־קריטיק אין אַ סך „הענט". איז דאָס איינע פון די סבה'ס, פאַרוואָס מען איז ניט אַזוי שטאַרק מקפּיד אויפ'ן ק אָ פּ, אויפ'ן געשמאַק, אויף דעם גראַד בילדונג און אויף די פייאיג־קייטן — פון דעם, וואָס איז ממונה אויפ'ן טעאַטער אין דער פּרעסע.

אָבער דאָס איז ניט די איינציגע סבה. מען גיט זיך, פּשוט, ניט אָפּ קיין רעכענונג פון די גרויסע און שווערע התחייבות'ן, וועלכע ליגן אויף דער טעאַטער־קריטיק. מען טראַכט ניט גענוג וועגן די אומשטענדן, וועלכע מאַכן נויטיג, אַז אירע פאָרשטייער זאָלן קינסטלעריש, אינטעלעקטועל און מאָראַליש שטיין גאָר אויף אַ באַזונדער הויכער מדרגה. מען נעמט טעאַ־טער זייער לייכט (מען קוקט אויף דעם דערהויפּט ווי אויף אַן אַמוזירונג־אינסטיטוציע) און ממילא פאָדערט מען נישט קיין סך אויך פון די, וואָס גיבן־אָפּ די באַריכטן פון טעאַטער־אויפפירונ־גען.

מען וואָלט אָבער געדאַרפט שטעלן צו זיי זייער הויכע פאָ־דערונגען. און אָט פאַרוואָס:

1. דער טעאַטער־קריטיקער מוז צו גלייכער צייט זיין דאָך אויך אַ ליטעראַטור־קענער. לויט אַ שיטה, וואָס איז דאָ גאָר ניט לאַנג נאָך געווען זייער שטאַרק אָנגענומען, איז די אויפגאַבע פון דער־

בינע אויסצוטייטשן און פאַרקערפּערן דעם דיכטער׳ס ווערט. די דראַמע. דאָס ליטעראַריש־דראַמאַטישע ווערק איז, לויט דער דאָזיגער מיינונג, דער צוועק, דאָס שפּיל פון די אַקטיאָרן — דאָס מיטל צום ציל. מוז דאָך דער קריטיקער זיין פייאיג צו באַנעמען און צו באַלייכטן דעם עיקר — די דראַמאַטישע דיכטונג, — ניט נאָר דעם תפל — דעם שפּילן פון דער טרופּע. ער מוז דאָך זיין א „מבין" אויף שעקספּיר׳ס „האַמלעט", אויף גאָגאָל׳ס „רעוויזאָר", אויף איבסענ׳ס „בוימייסטער סאָלנעס", אויף אַש׳ס „גאָט פון נקמה", אויף לייוויק׳ס „גולם", אויף סעקלער׳ס „דעם רבינ׳ס נסיעה", נישט נאָר אויף די אַקטיאָרן, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר די העלדן פון די דאָזיגע וואָרט־שאַפונגען... נאָר ווען אפילו עס זאָלן גערעכט זיין — און עס זיינען אין א געוויסן זינען גערעכט — יענע, וועלכע האַלטן, אַז טעאַטער איז א זעלבסטשטענדיגע קונסט, אַז עס דינט און מוז דינען זיך אליין, ניט דער ליטעראַטור, — ווען אפילו דעם דיכטער׳ס שאַפונג זאָל זיין נאָר „דער מאַטעריאַל", פון וועלכן די בינע־קונסט שאַפט איר ריין־טעאַטראַליש ווערק, קען אויך די דראַמע ניט איגנאָרירט ווערן פון דעם טעאַטער־געניסער און טעאַטער־קריטיקער. דער „מאַטעריאַל" פון דער קונסט איז זייער וויכטיג. בפרט נאָך, אַז דער רעזשיסאָר און די אַקטיאָרן, אפילו די סאַמע „טעאַטראַלישע" און „אַנטי־ליטעראַרישע", נעמען אָפּט ביי דעם וואָרט־קינסטלער ניט קיין רוי־שטאָף, נאָר עפּעס אַזוינס, וואָס איז ליטעראַריש־קינסטלעריש פאָרמירט, פאַרענדיגט, מעגן זיי עס ווי שטאַרק ענדערן און צופּאַסן צו זייערע אייגענע צילן און אויפגאַבן. א געוויסער עלעמענט פון וואָרט־שאַפונג איז דאָ און מוז זיין כמעט אין יעדן טעאַטראַלישן ספּעקטאַקל. א געוויסע דערציילונג, א געוויסע דראַמאַטיש אויסגעשמידטע קייט פון פּאַסירונגען איז דאָ אפילו אין שטומען טעאַטער. מוז דאָך דער בינע־קריטיקער מסוגל זיין צו באַנעמען און צו דערקלערן אָט די, זאָל זיין ניט אַרויסגערעדטע, דערציילונג, אָט די, זאָל זיין שטומע, דראַמע. ער מוז דאָך אָפּגעבן (זיך אַליין און אונז) א חשבון נישט נאָר פון דעם שפּילן, נאָר אויך פון דעם, וואָס ווערט געשפּילט — פון דער דורך וואָרט אָדער דורך מימיק, פּלאַסטיק,

קלאַנגען, ליניעס און פאַרבן אויסגעדריקטער ליטעראַרישער קאָמ־פּאָזיציע. און ווער רעדט אויב ער זאָל היסטאָריש ווען באַלייכטן די אָדער יענע פּאַסירונג, די אָדער יענע באַוועגונג אָדער שטרעמונג אין דער וועלט פון טעאַטער, וועט ער דאָך אודאי מוזן זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע און דער עוואָלוציע פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור ניט ווייניגער ווי מיט דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון אַלע אַנדערע עלעמענטן פון טעאַ־טער. אַלזוי, דער טעאַטער קריטיקער מוז אין אַ גרויסער מאָס זיין באַהאַוונט אויך אין ליטעראַטור ענינים.

2. די סצענישע קונסט איז אין אַ געוויסן זינען אַ סינטעט־טישע קונסט. אין איר לעבן און אין איר טעטיגקייט נעמען אַן אַנטייל פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אַנדערע קונסטן, א חוץ דעם דיכטער. אין איר שפּילט אַ גרויסע ראָלע מאַלעריי, גע־זאַנג, טאַנץ, מוזיק, צום טייל אויך (אין דער לעצטער צייט) אַר־כיטעקטור. דאָס עצם היסטריאָנישע שאַפן איז אַ פּילזייטיג שאַפן. זיין מעדיום, זיין אינסטרומענט איז ניט איין אָרגאַן — ניט דאָס אויג אַליין, דאָס אויער אַליין א. ד. ג. — נאָר די גאַנצע קערפּערליכע, אַזוי ווי די גאַנצע פּסיכישע אָרגאַניזאַציע פון דעם מענשען — דאָס הערען, דאָס זען, דאָס ריידן, דער אויסדרוק פון געזיכט, די באַוועגונג פון יעדן מוסקול, יעדער מינדסטער ריר, יעדער צאַפּל פון די נערוון. און אויפנעמען טעאַטער קאָנען מיר אויך ניט אַנדערש, ווי מיט אַלע אונזערע חושים. מוז דאָך אויך דער אויסטייטשער און דער באַריכט־אָפּגעבער פון דעם טעאַטראַלישן ווערק זיין סענסיטיוו צו די איינדרוקן פון די אַלע פאַרשיידענע קונסט־געביטן, פון די אַלע מעגליכע קונסט־פונקציעס, וועלכע שאַפן די פילפאַכע איינהייטלאַכקייט פון אַ קינסטלערישער טעאַטער־דערגרייכונג. ער מוז זיין פייאיג און צוגעגרייט צו פילן אַ טעם אין דער מימיק פון דעם אַקטיאָר, אין זיינע פּלאַסטישע באַוועגונגען, אין זיין שטים, אין זיין אויסשפּראַך, אין זיין זין פאַר ריטם, אין זיין פייאיגקייט זיך צו פאַרשטעלן, אין זיין קענען זיך אָנטאָן, אין זיין איינלעבונג־און כאַראַקטעריזירונג־קונסט. ער מוז האָבן אַ חוש פאַר'ן ריטם פון מענטשן־און זאַכן־גרופּירונגען. ער מוז האָבן אַן אויער פאַר

דער מוזיק, וואָס באַלייט דעם שפּילן און גיסט זיך צונויף דער־מיט, אַן אויג פאַר דער מאַלערישער זייט, אַ געוויסע געניטקייט אין דער גרויסער קונסט פון מאָדערנער רעזשי.

אַ סך פון די דאָזיגע זאַכן טאָרן ניט פרעמד זיין אויך דעם ליטעראַרישן קריטיקער, וואָרים אויך צו זיין קונסט, צו דער קונסט פון וואָרט, ציען זיך שטילע פעדים פון פיל אַנדערע קונסט־טעטיגקייטן — אויך דאָרט שפּילט אַ ראָלע ריטמישקייט, מוזיקאַ־לישקייט, מאַלערישקייט, פּלאַסטיק, אַרכיטעקטאָניק, און אַז. וו., אָבער דאָרט ווירקט דאָס אַלץ אינדירעקט, בעת דאָ אויף דעם טעאַטער־געביט ווייזט זיך עס אַרויס אָפן און דירעקט. מוז אַ טעאַטער־קריטיקער זיין, פּשוט, אומבאַהאָלפן, ווען ער זאָל ניט פאַרמאָגן אָט די גרויסע פילזייטיגע דערפאַרונג, אָט די ברייטקייט פון קינסטלערישע אינטערעסן, אויף וועלכע איך האָב דאָ נאָר אָנגעוואונקען.

3. אַ וויכטיגער ענין פאַר'ן טעאַטער־קריטיקער איז די פּסיכאָלאָגיע פון פּובליקום, די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. ער מוז האָבן אַ חוש פאַר איר. ער מוז זי האָבן שטודירט. אויך אַ קריטיקער פון ביכער, אויב ער וויל באַנעמען און דערקלערן די ראָלע פון ליטעראַטור אין דעם אַרומיגען, נישט נאָר אין זיין אייגענעם, לעבן, מוז קענען דעם עולם לעזער און וויסן זיינע פאָדערונגען, זיינע קאַפּריזן, ווי אויך די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם געשמאַק פון זיינע פאַרשיידענע עלעמענטן. אַ סך וויכטיגער איז עס אָבער פאַר דעם טעאַטער־קריטיקער. אין טעאַטער פאַרלויפט דער פּראָצעס פון שאַפן גלייכצייטיג מיט דעם פּראָצעס פון געניסן — דער זאַל, וואו עס זיצט דאָס פּובליקום, און די בינע, וואו די קינסטלער געפינען זיך, זיינען נאָר אָפּגעטיילט, ניט אָפּגעזונדערט איינס פון דאָס אַנדערע. זיי זיינען צוויי העלפטן פון איין גאַנצער זאַך. זיי געפינען זיך אין איין געביידע, אונטער איין דאַך און זיי אָטעמען איין און אויס איינע און דיזעלביגע לופט. זייער קעגנ־זייטיגע ווירקונג איז אַ גלייכצייטיגע און אַ דירעקטע. אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע, געפינט גלייך אַן אָפּקלאַנג אין פּוב־ליקום; פאַרקערט, דאָס פּובליקום, זיין כאַראַקטער, זיין סענסיטי־וויטעט, זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זיינע געוואוינהייטן

און זיין געשמאַק ווירקן אוממיטלבאַר אויף דעם אינהאַלט און דער פאָרם און דעם גראַד פולקאָמענהייט פון די טעאַטער־קינסטלער. צווישן זיי ביידן איז דאָ אַן אינעווייניגסטע, אַ קינסטלערישע פאַרבינדונג.

אַ פּאָעט אָדער אַ דענקער, ווי באַלד נאָר ער טראַכט ניט פ אַ ר ק ו י פ ן זיינע ווערק, קאָן אין אַ געוויסן זינען איגנאָרירן דעם עולם און שרייבן נאָר „פאַר זיך אַליין" אָדער „פאַר די קומענדיגע דורות". דער טעאַטער־קינסטלער קאָן זיך דאָס ניט פאַרגינען. ער קען ניט שפּילן „פאַר ליידיגע בענק". ער קען ניט שאַפן פאַר אַ פּובליקום, וואָס דאַרף ערשט אויסוואַקסן. ער מוז גלייך שפּילנדיג האָבן פאַר זיך דעם געניסער פון זיין קונסט, און ניט איין געניסער און ניט עטלאַכע, נאָר אַ „פולע הויז", און ניט יעדן פון זיי באַזונדער, נאָר זיי אַלעמען אינאיינעם. דאָס געניסן, אַזוי ווי דאָס שפּילן טעאַטער האָט אין זיך עפּעס קאָלעקטיוועס. דאָס פּובליקום מוז אָדער לכתחילה זיין, מער אָדער ווינציגער, פאַראייניגט אין זיינע דערוואַרטונגען און פאַרלאַנגען, אָדער עס מוז צונויפגעגאָסן ווערן אינאיינעם, ווערן איין פּילקעפּיגע מאַסע, איין קאָלעקטיוו אונטער דער היפּנאָטישער ווירקונג פון דעם ספּעקטאַקל... די אַקטיאָרן שפּילן ניט פאַר יעדן פון די טעאַטער באַזוכער, נאָר פאַר זיי אַלעמען, ווי פאַר אַן איינהייט, און יעדער פון זיי ווערט אַלץ מער פאַרכאַפּט פון שפּילן, וואָס ווינציגער ער פילט זיין אָפּגעזונדערטקייט פון די אַרומיגע און, פאַרקערט, וואָס מער ער איז צונויפגעגאָסן מיט'ן עולם, וואָס מער ער איז מסוגל אונטערצוגעבן זיך אָט דעם מאַסן־היפּנאָז, אַלץ אַ שטאַרקערן איינדרוק האָט ער פון'ם שפּילן. ממילא, איז דער געמיטסצושטאַנד פון עולם און די כסיכאָלאָגיע פון זיינע בשותפות'דיגע איבער־לעבענישן זייער וויכטיג פאַר דעם קריטיקער פון דער בינע. ער מוז זיך קענען אָריענטירן אין ביידע העלפטן פון טעאַטער — אין דער, וואָס געפינט זיך אויף איין זייט און אין דער, וואָס איז אויף דער אַנדער זייט ראַמפּע. ער מוז פילן און פאַרשטיין דעם בסדר'דיגן ווירקונגס־שטראָם, וואָס פליסט אָדער דאַרף פליסן פון דער בינע צום פּובליקום און, פאַרקערט, פון פּובליקום צו דער בינע. ער מוז קענען די פּסיכאָלאָגיע און דעם מעכאַניזם פון

געניסן דעם אַקטיאָר'ס קונסט פּונקט אַזוי גוט ווי די אינעווייניג־סטע געזעצן פון טעאַטער שפּיל. אויב די קריטיק פון ביכער קאָן זיין סאָציאַל, קאָן די טעאַטער־קריטיק, ווי די קריטיק פון אַ קאָלעקטיווער קונסט, ניט זיין אַנדערש ווי סאָציאַל, הגם זי מוז אויך קענען די נשמה פון יחיד.

4. אָט דער קאָלעקטיווער און סאָציאַלער כאַראַקטער פונ'ם טעאַטער־געניוס לייגט ניט נאָר אַרויף די נאָר וואָס דער־מאָנטע באַזונדערע התחייבות אויף דעם בינע־קריטיקער. ער שאַפט פאַר אים נאָר אַ באַזונדער שוועריגקייט. ער מאַכט, אַז דער טעאַטער־קריטיקער זאָל דאַרפן פירן בסדר אַן אינעווייניגסטן קאַמף פאַר דער זעלבשטענדיגקייט פון זיין איינדרוק. ער קאָן ניט געניסן דעם פּראָדוקט פון דער סצענישער שאַפונג ביחידות, אַזוי ווי דער ליטעראַרישער קריטיקער נעמט־אויף אַ בוך. ער מוז קומען אין טעאַטער אַריין. ער מוז זיך זעצן צווישן עולם. ממילא, ניט ווילנדיג, מוז ער ווערן אַ טייל פון פּובליקום און ריזיקירן פאַרשלונגען צו ווערן פון דער מאַסן־לופט, פון דער קאָלעקטיווער שטימונג, וואָס הערשט אין טע־אַטער־זאַל... אָט האָט „אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָ־דיסמענטן". אַ פייער פון עקסטאַז האָט אַרומגעכאַפּט דעם פיל־הונדערט־קעפּיגן עולם. אַ פונק האָט זיך אָנגעצונדן אויך אין דעם רואיגן, קאַלטן, סקעפּטישן קריטיקער. דער פונק וועט וואַרעמען היבשע עטלאַכע שורה'ס אין זיין רעצענזיע. אָבער פון וואַנען קומט אָט די וואַרעמקייט? מעגלאַך, אַז פון אים אַליין. ס'איז אָבער אויך מעגלאַך, אַז ס'איז אַ פונק, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם עולם'ס ענטוזיאַזם, און דעם קריטיקער'ס אייגענער איינדרוק וואָלט געווען אפשר גאָר אביסל אַנדערש, ווען עס זאָל ניט זיין אָט די סוגעסטיע פון דער קאָ־לעקטיווער באַגייסטערונג. אַמאָל קאָן, פאַרקערט, די קאַלט־קייט פון עולם אָפּקילן און אָפּשוואַכן די התפעלות, וואָס דער קריטיקער וואָלט געכאַפּט פון דעם אָדער יענעם מאָמענט אין שפּילן, ווען ער זאָל האָבן די פּסיכישע מעגלאַכקייט אויפצו־נעמען אים אַליין, אָן דער סוגעסטיווער אַריינמישונג פון דער אַרומיגער מאַסע צוזעער...

אמת, דער „פּראָפעסיאָנאַל", וואָס זיצט אינ׳ם קריטיקער, האַלט אים אין אַ געוויסער מאָס אָן אַ זייט פון פּובליקום און מאַכט, אַז ער זאָל קאָנען זיין אַ צוקוקער פונ׳ם עולם גופא, נישט נאָר פון די אַקטיאָרן. דאָס פאַרקלענערט זיין סענסיטיוויטעט צו דער שטימונג, וואָס הערשט אין זאַל, און לאָזט אים ניט פאַרהיפּנאָטיזירט ווערן פון איר. אָבער דאָס איז גאָר ניט אַזאַ מעלה. אַ טעאַטער־קריטיקער מוז, פריער ווי אַלץ, זיין אַ טעאַטער־באַזוכער, אַזוי ווי אַ ליטעראַרישער קריטיקער מוז, פריער ווי אַלץ, זיין אַ לעזער, און אַ טעאַטער־באַזוכער דאַרף זיך ניט איזאָלירן פונ׳ם פּובליקום, אויב ער וויל ניט אָפּשוואַכן זיין גענוס־פעיִקייט. דער טעאַטער־גענוס איז בטבע, חזר איך איבער, אַ קאָלעקטיווער גענוס. מוז דער קריטיקער אָפּשפּיגלען אין זיך אין אַ געוויסן גראַד דעם אַלגעמיינעם געמיטס־צושטאַנד פונ׳ם עולם, אויב זיין גענוס־פעיִקייט איז נאָך גענוג פריש, גענוג אינטענסיוו און איז ניט מעכאַניזירט אָדער אָפּגעטויט געוואָרן פון דער פּראָפעסיאָנעלער געוואוינהייט. איז בדרך כלל אָט דער אומבאַוואוסטזיניקער אויסדרוק פון התפּעלות אָדער די גלייכגילטיקייט פון דער מאַסע צושויער ניט קיין חסרון אין טעאַטער. דער רושם, וואָס די אַקטיאָרן מאַכן אָדער מאַכן ניט אויפ׳ן פּובליקום איז זייער אָפט דער אמת׳ער סימן פון טעאַטראַלישן ערפאָלג אָדער טעאַטראַלישן דורכפאַל. אָבער דאָס איז ניט שטענדיק אַזוי. אָפט מישן זיך אַריין זייטיקע פאַקטאָרן, ווי, צום ביישפּיל, פּאָפּולערע אָדער אומפּאָפּולערע דראַמאַטישע מאָטיוון, טעכנישע עפעקטן, נייע אָריגינעלע מעטאָדען, פערזענלאַכער „מאַגנעטיזם" און פערזענלאַכע ניט סימפּאַטישקייט פון אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע. אָט די זייטיקע זאַכן קאָנען גורם זיין, אַז אַ שוואַכע אויפפירונג זאָל אויסנעמען ביים עולם, אָדער, פאַרקערט, אַ קינסטלעריש אינטערעסאַנטער ספּעקטאַקל זאָל דורכפאַלן. ביי אַזעלכע אומשטענדן איז נויטיק, אַז דער קריטיקער זאָל האָבן די אינעווייניגסטע מעגלאַכקייט ניט אונטערצוגעבן זיך דער אַלגעמיינער שטימונג און אויפנעמען די טעאַטראַלישע פאָרשטעלונג זעלבשטענדיג און אָן קיין שום שותפות

מיט דעם ארומיגן עולם. אָבער אַט די זעלבשטענדיגקייט איז, ווי געזאָגט, דעם קריטיקער פון טעאַטער־שפּיל שווערער אַ סך איינצוהיטן, ווי דעם ביכער־רעצענזעט, צוליב דער מאַסן־אַטמאָספערע און דער קאָלעקטיווער שטימונג, וואָס הערשט אין טעאַטער.

אָבער ניט נאָר דאָס אַליין שטעלט אין געפאַר די אומאָפּ־געהאַנגנקייט פון טעאַטער־קריטיקער׳ס געדאַנק. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע זאַכן, צוליב וועלכע דער טעאַטראַלישער קריטיקער מוז זיין מער אויף דער וואַך פון זיין זעלבשטענדיגקייט, ווי דער קריטיקער פון ביכער.

5. צו די דאָזיגע זאַכן געהערט די מעגלאַכקייט פון פער־זענלאַכער ווירקונג מצד די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען.

דעם דאָזיגן נסיון האָט דער טעאַטער־קריטיקער בייצושטיין אָפטער און ביי שווערערע אומשטענדן, ווי דער קריטיקער פון ליטעראַטור.

פאַר דעם לעצטן איז אויך ניט זייער באַקוועם דאָס, וואָס הינטער די ביכער, וועגן וועלכע ער שרייבט, שטייען לעבעדיגע מענטשן, כ׳מיין די פאַרפאַסער. זיי ווילן, אַז ער זאָל זאָגן וועגן זיי און זייערע ווערק דאָס, וואָס זיי אַליין טראַכטן וועגן זיך און זייער שרייבן. זיי ווילן עס און זיי פאָדערן עס אָפט. עס זיינען דאָ אַפילו אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען ניט דעם חילוק צווישן קריטיק און „פּאָבליסיטי". אָבער וועגן זיי רייד איך ניט. איך האָב אין זינען יענע פאַרפאַסער, וועלכע האָבן ניט קיין שלעכטע כונה׳ס, ווען זיי פאַרלאַנגען אַ „גוטע" קריטיק. זיי קאָנען זיך, פשוט, ניט פאָרשטעלן, אַז אַ פאַרשטענדיגער און אויפ־ריכטיגער לעזער זאָל האָבן וועגן זייערע ווערק ניט קיין גינסטיגע מיינונג. ווען זיי ווילן דער קריטיקער זאָל זיי „לויבן", ווילן זיי נאָר, אַז ער זאָל זיין אינטעליגענט און אויפריכטיג. מער גאָר־נישט. און אַז זיי לייענען אַ קריטיק, וואָס שטימט ניט מיט זייער אייגענער מיינונג וועגן זיך, ווערן זיי פול מיט חשד. דעם חשד זייערן וואָלטן זיי געדאַרפט וואַרפן נאָר אויף דעם פאַר־

שטאַנד און דעם געשמאַק פון׳ם קריטיקער, דאָס רוב אָבער הויבן זיי אָן צו צווייפלען אויך אין זיין ערליכקייט, און אויב זיי זיינען מיט אים געווען באַפריינדעט, באַטראַכטן זיי אים, פּשוט, ווי אַ בייזוויליגן פאַררעטער. זיי הויבן אָן צו זוכן די פּערזענלאַכע פּניה׳ס און פאָראורטיילן, וואָס דער קריטיקער האָט, לויט זייער מיינונג, געמוזט האָבן. און דער רעזולטאַט איז, אַז דער געגעבענער פּאַרפאַסער פילט זיך באַרעכטיגט און געצוואונגען צו ווערן אים אַ פיינט. דערביי איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דאָס חושד זיין דעם קריטיקער אין בייזוויליגקייט פאַרט זיך אָפּט מיט׳ן פאָרוואורף, אַז ער האָט אַ שלעכטן געשמאַק און איז ניט קיין מבין אויף אמת׳ער קונסט. דאָס איז, אין פלוג, אַ לאָגישע סתירה. וואָרים, ממה נפשך, איז דער קריטיקער פערזענלאַך פאַראינטערעסירט צו שעדיגן דעם פאַרפאַסער, איז דאָך מעגלאַך, אַז אין הארצן וויים ער ווי צו שעצן יענעמ׳ס ווערק, נאָר ער איז „אַ רשע”, וויל ער עס ניט צוגעבן; און אויב ער איז, נעבאַך, ניט קיין מבין, קאָן דאָך זיין, אַז ער האָט געהאַט די בעסטע כונה׳ס... נאָר לאָגיק שפּילט, כידוע, אַ קלענערע ראָלע, ווי פּסיכאָלאָגיע... און אָט די „פּסיכאָלאָגיע” קען פירן דערצו, אַז דער קריטיקער, וועלכער איז דאָך אויך ניט געקנאָטן נאָר פון לאָגיק אַליין, זאָל שרייבן ניט אַזוי אָדער ניט אינגאַנצן אַזוי, ווי ער טראַכט, נאָר אַזוי, אַז ער זאָל ניט פאַרגרעסערן די צאָל פון זיינע שונאים. מוז, אַלזאָ, יעדער קריטיקער, ניט נאָר דער טעאַטער־קריטיקער, זיך היטן ניט אונטערצופאַלן אונטער דער ווירקונג פון די דערמאָנטע און אַנדערע, ניט דערמאָנטע, חשבונות. ער מוז זיין באַזונדערס שטאַרק געוואָרענט קעגן יענע פּערסאָנעלע ווירקונגען, וועלכע קאָנען זיך אומבאַוואוסט פאַר אים אַריינ׳גנב׳ענען אין זיין שרייבן און אין זיין דענקען. ער מוז קאָנען זיך פילן ריין פאַר זיין אינטעלעקטועלן געוויסן. ער מוז קאָנען זאָגן זיך אַליין מיט אַ מאַקסימאַלער זיכערקייט, אַז אַלץ, וואָס ער שרייבט, צום גוטן אָדער צום שלעכטן, — אַז אַלע זיינע יע׳ס און ניינ׳ס זיינען אַ פּראָדוקט פון זיינע אייגענע איינדרוקן, פון זיין טיפער איבערצייגונג און ניט קיין דירעקטער

אָדער אינדירעקטער רעזולטאַט פון זיין וועלן געפעלן אימיצן אָדער זיין וועלן אימיצן אָפּטאָן א שפיצל... אַט די זיכערקייט האָבן איז איינע פון די שווערסטע מאָראַלישע און פסיכאָלאָגישע אויפגאַבן פון יעדן קריטיקער.

„די שריפטשטעלער פון אונזער צייט", האָט געשריבן אַמאָל וויליאַם העיזליט, א קלאַסיקער אין דער ענגלישער קריטיק, — „די שריפטשטעלער פון אונזער צייט קאָנען בדרך כלל ווערן איינ־געטיילט אין צוויי גרופּעס — אונזערע פריינט און אונזערע פיינט. וועגן די לעצטע זיינען מיר געצוואונגען צו דענקען צו גוט און וועגן די ערשטע האָבן מיר די טבע צו דענקן צו . . . שלעכט, כדי צו באַקומען פון זיי א סך אמת'ן פאַרגעניגן און כדי צו קאָנען אָפּשאַצן ריכטיג די פאַרדינסטן פון יעדן פון זיי"... העיזליט איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געהאַלטן שיר ניט פאַר אוממעגלאַך צו שרייבן וועגן די שריפטשטעלער פון זיין אייגענעם דור. נאָענט צו אַט דער מיינונג איז געווען אויך געטע. ווען זיין פריינט עקערמאַן האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז מען ליינט אים פאָר צו שרייבן פאַר א זשורנאַל קריטיק וועגן דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור, האָט ער אים נישט געראַטן אָנצו־נעמען דעם פאָרשלאָג. ער האָט אים אויסגעמאָלן א בילד פון דער שווערער אַרבעט, וואָס אים שטייט־פאָר, ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט מוזן פּטר'ן שעה'ן און טעג אויף צו לייענען ביכער, וועל־כע זיינען גאָרנישט ניט ווערט און צום סוף האָט ער אים גע־וואָרנט, אַז, ענדלאַך, ווען „ער וועט אויסגעפינען, אַז דאָס שלעכטע איז שלעכט, וועט ער עס אפילו נישט קאָנען זאָגן, אויב ער וועט נישט וועלן שטעלן זיך אין דער געפאַר צו זיין צעקריגט מיט דער גאַנצער וועלט"...

פאַר אַט דער געפאַר, פאַר דעם נסיון שטייט יעדער, וואָס שרייבט וועגן דעם מאָדערנעם שאַפן, דערהויפּט אָבער — דער, וואָס שרייבט וועגן טעאַטער. יעדער קריטיקער מוז, ווי עמיל פאַגע דריקט זיך אויס, זיין — „ניט נאָר זייער קלוג און זייער פלייסיג און האָבן נאָך א חוץ דעם אין זיך שאַפונג־פיאַיגקייט, — ער מוז אויך זיין שיר ניט א צדיק, וואָס איז פריי פון

קנאה, פאַרביטערטקייט און האַרץ־שוואַכקייטן״... גאָר באַזונדער אָפּגעהיט מוז זיין אָבער דער טעאַטער־קריטיקער.

דער, וואָס שרייבט וועגן ביכער, ווענדט זיך אָפּט צו די ווערק פון פּראָפעסער, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן. אָדער ער שרייבט וועגן אויטאָרס, וועלכע געפינען זיך ערגעץ ווייט און קומען מיט אים ניט אין קיין שום פּערזענלאַכער באַרירונג. און אַפילו דאַן, ווען ער רעצענזירט אַ ווערק פון אַ לעבעדיגן שרייבער, וועלכער איז דערצו נאָך זיינער אַ פריינט, שטייט ער ניט פאַר אַזאַ „פּראָבלעם״, ווי דער טעאַטער־קריטיקער, — כּחמת אַ ריין־אַריטמעטישן חשבון: אַ בוך האָט נאָר איין פאַרפאַסער און איין פאַרלעגער; די רעצענזיע פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג „רירט אָן״ צענדליגער אַקטיאָרן און אַקטריסעס, שוין ניט גערעדט וועגן די דירעקטאָרס, די מוזיקער אָדער יענע פּערזאָנען, וועלכע זיינען ריין מאַטעריעל פאַראינטערעסירט אין דער טעאַטער־ביזנעס. אַ בוך פאַר׳ן פאַרפאַסער און פאַר׳ן אַרויסגעבער אַפילו האָט, אגב, זעלטן ווען אַזאַ גרויסע פינאַנ־ציעלע באַדייטונג, ווי אַן אויפפירונג פאַר די בעלי־בתים און די אָנגעשטעלטע פון טעאַטער. דאָ רעדט זיך אָפט וועגן אַ גע־שעפטס־אונטערנעמונג, אין וועלכער עס זיינען פאַרמישט צענ־דליגער, אויב ניט הונדערטער מענטשן, און זיי אַלע ווילן, מוזן וועלן, אַז די קריטיק זאָל זיי העלפן „אַרויפאַרבעטן״ די ביזנעס, אַנשטאָט איר צו שעדיגן. זיי אַלע האָבן קיין אינטערעס ניט צו די ריין קינסטלערישע אויפגאַבן פון דער קריטיק. פאַר זיי איז זי, פריער ווי אַלץ און נאָך אַלעמען, אַ „פּאָבליסיטי״־אָר־גאַן. זיי טוען אַלץ וואָס זיי קאָנען צו מאַכן דעם קריטיקער פאַר זייער פאַרשטעלטן — און דערפאַר מער עפעקטיוון — פּרעס־אַגענט. זיי פּרואוון אויס, צוליב דעם דאָזיגן צוועק, די סאַמע „אײדעלע״ און „ראַפינירטע״ מעטאָדען. זיי שטעלן זיך אָבער ניט אָפּ אויך פאַר די גראָבסטע און וואולגאַרסטע מיטלען.

דאָס, וואָס די צאָל טעאַטער־רעצענזענטן איז אַ גאַנץ היבשע, מאַכט אַז אין דער דאָזיגער פּראָפעסיע זאָלן זיך אַריינ־כאַפּן מענטשן אויך פון „לייכטערן״ טיפּ און אָפּט אַפילו אַזוינע, וואָס געהערן מער צו דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג, ווי צו דער רעדאַק־

ציע פון דער צייטונג. אָט דער סאָרט „קריטיקער" פאַרשטאַרקט דעם חשק פון די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען אַראָפּצופירן די טעאַטער־קריטיק פון איר וועג און אויסצוניצן זי צוליב זייערע אינטערעסן. איז דער דאָזיגער אומשטאַנד, פאַרשטייט זיך, ניט קיין דירעקטע און אַפילו ניט קיין אומדירעקטע געפאַר פאַר די אמת'ע און פאַראַנטוואָרטלאַכע פאַרשטייער פון דער טעאַטער־קריטיק. אָבער שלעכט איז דאָס אויך פאַר זיי. דאָס רינגלט אַרום זייער ערנסטע און וויכטיגע אַרבעט מיט אַן אַטמאָספערע פון קליינלאַכקייט און וואָכעדיגקייט.

דאָס צווינגט אַמאָל אַ קריטיקער אויסצומיידן יעדע פּערזענלאַכע באַקאַנטשאַפט מיט די טעאַטער־מענטשן. אַזוי דער־ציילט די „ניישאָן" וועגן דעם אַמעריקאַנער טעאַטער קריטיקער רענקין טאַוז (Towse), אַז ער האָט תמיד אויסגעמידן צו טרעפן זיך מיט אַקטיאָרן אָדער אַקטריסעס. איינמאָל האָט מען אים פאַרנאַרט און באַקענט מיט זייער אַ שיינער און באַרימטער אַקטריסע. האָט ער שיר ניט געוויינט, וואָס ער האָט געבראָכן אַ מנהג, וועלכן ער האָט שטרענג געהיט אין משך פון דריי־און־פופציג יאָר. ער האָט געהאַלטן (דערציילט אָסוואַלד גאַר־ריסאָן ווילאַרד), אַז „מען טאָר זיך נישט באַגעגענען מיט יענע, וועלכע מען קריטיקירט, כדי צו קאָנען זיין פריי פון באַוואוסט־זיניגע אָדער אומבאַוואוסטזיניגע פּערזענלאַכע פּניה'ס"... אָבער דאָס איז ניט שטענדיג באַקוועם, און אַמאָל איז עס ניט גוט אויך. פאַר אַ קריטיקער קען זיין ניצלאַך (הגם ניט שטענדיג איז עס ניצלאַך) צו קאָנען דעם קינסטלער פּערזענלאַך. אַמאָל קאָן עס אים העלפן בעסער פאַרשטיין און בולט'ער כאַראַקטערי־זירן זיין פּערזענלאַכקייט. און נאָך אַנדערע, ריין־טעכנישע, אור־זאַכן קאָנען שטערן דעם טעאַטער־קריטיקער צו זיין איזאָלירט פון די לעבעדיגע פאַרשטייער פון דער טעאַטער־סביבה. שאַפט דאָס פאַר אים אַלערלעי שוועריגקייטן, וועלכע עס האָט ניט דער קריטיקער פון ליטעראַטור.

און ער באַגעגנט נאָך אַנדערע שטרויכלונגען אויף זיין וועג.

6. ווען ער גיט איבער זיין איינדרוק פון אַ טעאַטער־פאַר־שטעלונג, האָט ער זי שוין מער נישט פאַר זיינע אויגן. ער

מוז זיך פאַרלאָזן אויף זיין זכרון. ער קען אונז נישט דערציילן, וואָס ער זעט און הערט, נאָר — וואָס ער האָט געזען און גע־הערט.

דאָס איז ריכטיג, וועט מען זאָגן, אויך וועגן דעם, וואָס גיט אָפּ אַ באַריכט פון אַ ליטעראַרישן ווערק: ער קאָן דאָך נישט איבערלייענען דעם בוך בנשימה אחת; ער לייענט פריער איין קאַפּיטל, דערנאָך דעם צווייטן און אַזוי כסדר; ווען ער קוקט אַריין אין דעם לעצטן זייטל, זיינען אַלע פריערדיגע זייטלאָך פאַר אים אַ זאַך, וואָס לעבט נאָר אין זיין זכרון. דאָס איז אמת. עס איז אָבער אויך ריכטיג, אַז ער קאָן זיך לייכט אומ־קערן צוריק צום בוך, צום קוואַל פון זיינע איינדרוקן, און קאָנ־טראָלירן זיי, ווען עס איז דאָ ביי אים אַ ספק. ווען ער איז נישט איינגאַנצן זיכער, צום ביישפּיל, מיט דעם כאַראַקטער פון דעם אַלגעמיינעם ריטם אָדער פון אַזאַ און אַזאַ איינצלהייט, וואָס ער האָט דערפילט אין דעם שרייבער׳ס סטיל, קאָן ער נאָך אַמאָל עפענען דעם בוך און אַריינקוקן אין די אָדער יענע שטעלן. ער קאָן אפילו איבערלייענען נאָך אַמאָל דעם גאַנצן בוך, אויב עס איז נויטיג. דער באַריכטגעבער פון אַ טעאַטער־שפּיל האָט נישט אַזאַ מעגלאַכקייט. דעם בינע־קינסטלער׳ס שאַפונג עקזיסטירט נאָר בעת׳ן שאַפן. אָפּגעשפּילט, איז געבליבן נאָר דער אַקטיאָר און דער איינדרוק פון זיין שפּילן, ניט דאָס שפּילן אַליין. און ווען אַ געוויסער מאָמענט אין ספּעקטאַקל זאָל פאַר׳ן קריטיקער זיין מטושטש, בעת ער שרייבט, מוז אָט די מטושטש׳דיגקייט זיך פילן אין זיין שרייבן. ער האָט ניט קיין מיטל ווי אַזוי זיך אַליין קלערער צו מאַכן אָט דעם פּונקט.

ער קען, וועט מען זאָגן, זען די זאַך נאָכאַמאָל. אָבער ערשטנס, טרעפט, אַז אַ זאַך ווערט געשפּילט נאָר איין מאָל (דאָס טרעפט דערהויפּט אין גאַסטראָלירנדיגע טעאַטערס) און צווייטנס, קאָן מען ניט שפּילן צוויי מאָל פּונקט אויף דעם זעלביגן אופן, אויב מען שפּילט ניט מעכאַניש. דאָס, וואָס מען האָט איינמאָל געזען און געהערט אויף דער בינע, וועט מען פּונקט אין דער זעלביגער פאָרם שוין מער קיינמאָל ניט זען. מוז זיך דער טעאַטער־קריטיקער פאַרלאָזן אויף דעם כח פון זיין אויג־

און אויער־זכרון. און דאָס הייסט, אַז עס פֿאָדערט זיך פֿון אים, ווען ער זיצט ביי אַ פּרעמיערע, גאָר אַ באַזונדער אויפמערק־זאַמקייט און גאָר אַ באַזונדער אַריינטאָן זיך. ער טאָר זיך אויף איין רגע ניט אָפּקערן אָן אַ זייט, ער טאָר ניט האָבן אין זינען קיין שום אַנדער זאַך, אַ חוץ דעם, וואָס טוט זיך אויף דער בינע.

ער קאָן זיך אפילו נישט פֿאַרגינען, ווי דאָס טוט דער, וואָס לייענט אַ בוך, אָפּצושטעלן זיך אויף אַ ווײַלע און פֿאַר־טראַכטן זיך. ער מוז זיין די גאַנצע צייט נאָר אויג און אויער. און דאָס איז גאָר ניט אַזאַ לייכטע זאַך, דערהויפּט פֿאַר דעם פּראָפֿעסיאָנעלן קריטיקער, וואָס זיצן אין טעאַטער איז שוין געוואָרן ביי אים אַ געוואוינהייט.

7. איך האָב פֿריער געזאָגט, אַז דעם אַקטיאָר'ס שאַפֿונג עקזיסטירט נאָר בעת'ן שאַפֿן; דערנאָך פֿאַרשווינדט זי. און דאָס איז — אין אַ געוויסער מאָס — שייך אויך צו אַנדערע טעאַטער־קינסטלער, ווי, צום ביישפּיל, דעם רעזשיסער, דעם צייכענער, דעם מאָלער אָדער דעם מוזיקער. דאָס, וואָס זיי טוען אויף פֿאַר יעדער בינע־דערגרייכונג איז אמת טאַקע נישט אַזוי פֿאַרבונדן מיט זייער פּערזאָן און מיט דעם מאָמענט פֿון זייער שאַפֿן, ווי דאָס שפּילן פֿון דעם אַקטיאָר, פֿון אָט דעם קינסטלער, וואָס דער מאַטעריאַל און דער מעדיום פֿון זיין קונסט איז זיין אייגענער קערפּער. דער רעזשיסאָר אָדער דער מאָלער אָביעקטיווירט זיין אַנטייל אין דעם ספּעקטאַקל דורך צייכענונגען, פּלענער, בילדער און אַנדערע מאַטעריעלע זאַכן, וועלכע בלייבן עקזיסטירן אויך נאָכ'ן שפּילן. אָבער זייער אמת'ע באַ־רייטונג און זייער אמת'ן כאַראַקטער קאָן מען, אַזוי ווי די באַ־רייטונג און דעם כאַראַקטער פֿון דעם אַקטיאָר, זען און אָפּשאַצן נאָר בעת דער אויפֿפֿירונג, נאָר אין פֿאַרבינדונג מיט אַלע אַנ־דערע עלעמענטן פֿון דער אויפֿפֿירונג. יאָ, וואָס אַ מאָלער אָדער אַ מוזיקער האָט אָפּגעטאָן פֿאַר דער בינע, ניט פֿאַר דער מאָלעריי אָדער מוזיק, קאָן מען וויסן נאָר דאַן, ווען מען זעט אָדער מען הערט זיין שאַפֿונג אין טעאַטער. ווערט די זאַך

מער נישט אויפגעפירט, עקזיסטירט זי מער ניט אין טעאטראַלן זינען.

און אַט די איינגנאַרטיגקייט פון דער בינע־קונסט, אַט דער נישט־פּערמאַנענטער, נישט בלייבנדיגער כאַראַקטער פון אירע שאַפונגען, לייגט אַרויף גאָר אַ באַזונדער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט אויף דעם טעאַטראַלן קריטיקער. וואָרים עס קומט אַ צייט, ווען די טעאַטער־קריטיק איז שיר ניט דער איינציגער דאָקומענט, וואָס דערציילט אונז עפּעס וועגן דעם אַקטיאָר און זיין פּערזענלאַכקייט, וועגן אַן איינציגן בינע־ווערק און זיין באַדייטונג, וועגן אַ גאַנצן טעאַטער און זיינע אויפטואונגען. אין דעם פּרט איז די טעאַטער־קונסט באמת אַן אויסנאַם צווישן אַלע אַנדערע קונסטן. אַלע אַנדערע קונסטן לאָזן איבער נאָך זיך זייערע אַמאָליגע ווערק, אפילו דאַן, ווען זיי הויבן אָן צו אַנטוויקלען זיך אין אַ גאָר נייער ריכטונג. אפילו אַזעלכע שאַפונגען, וואָס זיינען איינאונאיינציג לויט זייער אָריגינאַליטעט, שטאַרבן ניט אינאיינעם מיט זייער שאַפער. דעם סקולפּטור׳ס סטאַטוען, דעם מאַלער׳ס בילדער, דעם מוזיקער׳ס קאָמפּאָזיציעס, דעם שרייבער׳ס ביכער בלייבען נאָך זייער טויט. און יעדער נייער דור קאָן זיי פון ס׳ניי שטודירן, פון ס׳ניי כאַראַקטעריזירן און אָפּשאַצן... אַ פּשוט׳ער ביישפּיל. כדי צו קענען שעקספּיר׳ס אָדער מאָליער׳ס ליטעראַרישע אויפטואונגען, דאַרפן מיר נישט אָנקומען צו יענע, וועלכע האָבן זיי געהערט פון דער בינע, בעת שעקספּיר אָדער מאָליער איז געווען אַליין אַן אַקטיאָר. מיר קאָנען זיי לייענען אין בוך. אָבער ווי זאָלן מיר זיך שאַפן איצט אַ באַגריף וועגן דעם אַקטיאָר שעקספּיר, וועגן מאָליער דעם טעאַטער־קינסטלער? אַזאַ באַגריף קאָנען אונז געבן נאָר די, וואָס האָבן געלעבט אין זייער צייט, געזען זיי שפּילן און פאַרצייכנט זייערע איינדרוקן פון דעם שפּילן. נאָר אין זייערע באַריכטן, נאָר אין זייער קריטיק האָט געקאָנט בלייבן דאָס בילד פון שעקספּיר׳ס אָדער מאָליער׳ס אַקטיאָרישער קונסט.

כל זמן דער אַקטיאָר לעבט און ווירקט, איז די טעאַטער־קריטיק ניט דער איינציגער עדות פון זיין שפּילן. שטאַרבט ער,

אָדער ער הערט אויף צו שפּילן, האָבן מיר קיין אַנדער מיטל ניט צו דערווייזן זיך עפּעס וועגן זיין קונסט, ווי צו לייענען דאָס, וואָס עס האָט אין איר צייט געשריבן וועגן אים די טעאַטער־קריטיק. מיר זיינען נישט מחויב צו פאַרלאָזן זיך, לאָמיר זאָגן, אויף דער „האַמבורגער דראַמאַטורגיע" בנוגע צו די ד ר אַ מ ע ס, וואָס זיינען געשריבן און געדרוקט געוואָרן אין לעסינג'ס צייטן; מיר קאָנען אַליין אין זיי אַריינקוקן. אָבער אַז עס קומט צו דער ריין טעאַטראַלישער זייט, צו דער אויפפירונג פון די דאָזיגע דראַמאַטישע ווערק, מוזן מיר זיך ווענדן צו לעסינג'ן און אַנדערע דייטשע טעאַטער־קריטיקער פון יענער עפּאָכע.

עס איז, אמת, דאָ אַזאַ זאַך, ווי טראַדיציע, און יעדע גרויסע עפּאָכע, ווי אויך יעדע איינציגע גרויסע פּערזענלאַכקייט אין דער געשיכטע פון טעאַטער, ווירקט אויף די קומענדיגע דורות און לעבט אין אַ געוויסן גראַד אין זייער שאַפן, אָבער — טאַקע נאָר אין אַ געוויסן גראַד און נאָר אומדירעקט. אַ מער דירעקטן און מער פולן באַריכט פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס און געשטאָרבענע. קינסטלער אין דער וועלט פון טעאַטער גיט אונז די קריטיק פון דער געהעריגער צייט. און אָט דאָס, זאָג איך, מאַכט איר ראָלע גאָר באַזונדער וויכטיג און גאָר באַזונדער פאַר־אַנטוואָרטלאַך.

8. אויך פון דעם געזעלשאַפטלאַך־מאָראַלישן שטאַנדפּונקט איז די מיסיע פון דעם טעאַטער־קריטיקער העכער און דאַנקבאַרער ווי די שליחות, וועלכע עס פירט אויס יעדע אַנדער קריטיק. טעאַטער איז די געזעלשאַפטלאַכסטע פון אַלע קונסטן. טעאַטער זאַמלט אויף אַרום זיך די מאַסן, באַהעפט זיי אינאיינעם און ווירקט אויף זיי שטאַרק און דירעקט. בלויז געזאַנג און מוזיק קאָן זיך פאַרגלייכן אין דעם פּרט מיט דער בינע, אָבער זיי האָבן כמעט שטענדיג אַ שייכות צו איר, און אין אַ געוויסן זינען זיינען זיי אַליין טעאַטער. יעדנפאַלס, געזאַנג, מוזיק און טעאַטער־שפּיל — דאָס זיינען די שאַרפסטע וואָפן אין סאָציאַלן קאַמף. און וואָס העכער עס הויבט זיך אויף די כוואַליע פון געזעלשאַפט־לאַכן אויפבראַוז, אַלץ גרעסער ווערט זייער ראָלע... עפּאָכעס

פון רעוואָלוציע זיינען בכלל נישט קיין וויכטיגע קונסט־עפּאָכעס (קונסט איז אַ לוקסוס פאַר זיי), אָבער דאָס זיינען תקופה׳ס, ווען עס בליט טעאַטער. און אַפילו אין געוויינטלאַכע צייטן האָט די בינע אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער עפנטלאַכער מיינונג און אויף די מאַסנשטימונגען פון פאָלק, ווי מאַלעריי, סקולפּטור אָדער אַפילו ליטעראַטור. דערפאַר האָט אויך די טעאַטער־קריטיק מער מעגלאַכקייט צו ווירקן סאָציאַל־עטיש, — צו ווירקן צום גוטן אָדער צום בייזן, — ווי די קריטיק פון בילדער אָדער ביכער. ממילא, איז די מאָראַליש־געזעלשאַפטלאַכע ראָלע פון דעם בינע־קריטיקער פונקט אַזוי פילפאַכיג און פאַראַנטוואָרטלאַך, ווי זיינע ריין־קינסטלערישע אויפגאַבן.

9. און אַז מען האָט דאָס אַלץ אין זינען, פרעגט מען זיך: צי וואָלט טעאַטער־קריטיק נישט געדאַרפט געשריבן ווערן מיט מער ישוב־הדעת און נאָך גרעסערע הכנות, ווי יעטווידער אַנדער קריטיק? אין דער אמת׳ן אָבער איז די לאַגע אַזוי, אַז גראָד דער טעאַטער־קריטיקער, דערהויפּט דער, וואָס איז אַקטיוו אין דער טעגלאַכער פּרעסע, מוז שרייבן אין דער גרעסטער איי־לעניש און אין דער מינדסטער מעגלאַכקייט איבערצוטראַכטן דאָס, וואָס ער וויל זאָגן, אין די תנאים, וואָס זיינען נויטיג צו קאָנען אָפּמעסטן און אָפּוועגן יעדן וואָרט... איז אין אָט דער נערוועזער און פיבערהאַפטיגער שנעלקייט דאָ אַ געוויסע מעלה. זי ווירקט סטימולירנדיג און העלפט איבערצוגעבן דעם איינדרוק פריש און צאַפּלדיג. זי לאָזט אים ניט אָפּקילן זיך, אויסגעוועפּט ווערן. אָבער זי לאָזט אים אויך ניט ווערן געלייטערט, און אין די איינ־דרוקן פון די טעאַטער־רעצענזענטן איז טאַקע זייער אָפט דאָ עפּעס אַ רויקייט. עס פאַלן אַריין עפּיטעטן און גאַנצע כאַראַקטעריס־טיקעס, וואָס דער קריטיקער וואָלט זיי געענדערט, געשליפן, אויסגעבעסערט, ווען ער זאָל האָבן מער צייט זיך צו איבערלייגן.

אין דער אידישער פּרעסע איילט מען זיך ניט אַזוי מיט פאַרעפנטלאַכן די באַריכטן וועגן אַ נייער אויפפירונג, שאַפט דאָס פאַר דעם אידישן טעאַטער־רעצענזענט אַ בעסערע לאַגע. ער קאָן האָבן מער צייט און ישוב הדעת. אָבער געוויינטלאַך ווערן די טעאַטער־קריטיקן געדרוקט גלייך אויף מאָרגן נאָך דער

פאַרשטעלונג, ממילא ווערן זיי געשריבן בחפזון, און עס העלפט ווינציג אפילו דאָס, וואָס אַנדערע רעצענזענטן שרייבן שפּעטער נאָך אַמאָל וועגן דער אייגענער זאַך, מחמת די מיינונג, וואָס איז פריער, אין איילעניש, אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט שוין געהאַט איר ווירקונג אויפ׳ן שרייבער אַליין, נישט נאָר אויפ׳ן לעזער...

אַט די אַלע אומשטענדן, יעדער פון זיי באַזונדער און אַלע אינאיינעם, מאַכן די אַרבעט פון דעם טעאַטער־קריטיקער שווערער, קאָמפּליצירטער און אחריות׳דיגער, ווי די קריטיק פון ביכער. אָבער, עס זיינען דאָ פּונקטן, וואו, פאַרקערט, דער באַריכט אָפּ־געבער, שילדערער און אָפּשאַצער פון ליטעראַרישן שאַפן האָט פאַר זיך גאָר באַזונדער פאַרוויקלטע אויפגאַבן. איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אייניגע פון זיי, די מער וויכטיגע.

1. דער ליטעראַרישער קריטיקער, האָב איך פריער גע־זאָגט, קריגט זיין מאַטעריאַל, זיינע איינדרוקן און זיין אינספּי־ראַציע אַליין, ביחידות, נישט בצבור, ווי דער, וואָס שרייבט וועגן טעאַטער. דאָס, האָבן מיר געזען, גאַראַנטירט דער ביכער־קריטיק, ביי דער גלייכקייט פון אַלע אַנדערע אומשטענדן, אַ גרעסערע מאָס זעלבשטענדיגקייט און אַ מער זיכערע פרייקייט פון זייטיגע השפּעות, ווי די, וועלכע עס האָט דער בינע־רעצענ־זענט, וועלכער אָטעמט אַריין און אַרוים די לופט פון דעם אַרו־מיגן עולם. אָבער אַט דאָס, וואָס פאַרלייכטערט דעם קריטי־קער פון ליטעראַטור זיין קאַמף פאַר זיין אייגענער מיינונג, מאַכט, אַז ער זאָל טאַקע מוזן בויען מער, ווי דער טעאַטער־אָפּשאַצער, אויף זיינע אייגענע, און נאָר אויף זיינע אייגענע, איינדרוקן.

דער, וואָס שרייבט וועגן דעם בינע־לעבן, איז נאָר אין אויסנאַמספאַלן אין אַזאַ לאַגע, אַז ער טאָר זיך ניט רעכענען מיט דעם ענטוזיאַזם אָדער דער קאַלטקייט פון פּובליקום, וואָס רינגלט אים אַרום. געוויינטלאַך איז די ווירקונג, וואָס דאָס שפּילן און די גאַנצע אויפפירונג האָט אויפ׳ן עולם, איינער פון די אמת׳ע סמנים, וואָס ווייזן דעם קינסטלערישן אויפטו אָדער דעם קינסטלערישן דורכפאַל פון דער פאַרשטעלונג. אַזוי, אַז דער קריטיקער קאָן אין אַ געוויסן זינען מעסטן דעם ווערט פון

זיין איינדרוק (און יעדנפאלס קאָן ער אים פארגלייכן) מיט די שפורן, וואָס די זאַך האָט איבערגעלאָזן אין טעאטער־זאל. ער איז נ י ט מ ח ו י ב (הגם ער מעג און מוז) זיך פארלאָזן אינגאנצן אויף זיך אליין. ער האָט, א חוץ זיין פערזענלאכער מיינונג, א געוויסן אָביעקטיוון צייכן — דאָס פארהאלטן זיך פון די צוהערער. פון דעם קאָנטאַקט אָדער דער פרעמדקייט, וואָס ווערט באשאפן צווישן זיי און דער בינע, קאָן דער קריטיקער לערנען עפעס אפילו דאָן, ווען זייער גייסטיגער מצב איז א סך נידעריגער פון אירן אָדער ווען זי איז פאַר זיי צו ניי, צו אָריגינעל א. ד. ג. דערהויפּט איז וויכטיג פאר'ן טעאטער קריטיקער דער אופן, ווי דער עולם רעאגירט אויפ'ן שפילן, ווען צווישן אים, דעם פובליקום, און דער אויפפירונג איז ניטאָ קיין באדייטנדיגער קינסטלערישער אָדער אלגעמיין קולטורעלער געגנ־זאַץ. אין דעם פאל איז דעם קריטיקער'ס דערפארונג נאָר א מער באוואוסטזיניגער און מער אינטענסיווער אויסדרוק פון דעם, וואָס דער גאנצער עולם האָט איבערגעלעבט אין טעאטער. דער בינע־קריטיקער איז אין דעם פאל א שליח צבור. ער זאָגט הויך אויפ'ן קול, און זאָגט קלאָר און שיין, דאָס, וואָס שטייט ביי אלעמען אין סידור. גאָר אנדערש איז די לאגע פון דעם, וואָס שרייבט וועגן א נייעם בוך, און ספּעציעל דאָן, ווען דער פארפאסער פון בוך איז א פנים חדשות. קיין שום אנדער זאַך, א חוץ זיין אייגענעם איינדרוק פון לייענען דעם ווערק, האָט דאָ ניט דער קריטיקער. ער ווייסט ניט, ווי אָט די נייע שאפונג וועט ווירקן אויף אנדערע מענטשן פון זיין גראַד. דאָס וועט ער וויסן ערשט שפעטער — דאָן, ווען דאָס בוך וועט פאר־שפרייט (אָדער ניט פארשפרייט) ווערן אָדער דאָן, ווען אנ־דערע וועלן שרייבן וועגן דעם. אָבער דאָן וועט זיין קריטיק שוין זיין פארעפנטלאכט און ווער ווייסט — אפשר וועט זי צום טייל זיין פאראַנטוואָרטלאַך פאר דער אָדער יענער מיינונג, וואָס וועט וועגן דעם געגעבענעם ווערק באשאפן ווערן. און אָט די פאראנטוואָרטלאכקייט מוז דער ליטעראַרישער קריטיקער טראָגן אויף זיך איינער אליין, און עס דאַרף אים ניט אויס־מאַכן, וואָס עס איז ניטאָ ווער עס זאל זי טיילן מיט אים.

ער מוז, לייענדיג דעם נייעם בוך פון דעם נייעם שרייבער, אריינקוקן נאָר אינווייניג אין זיך אריין און רעכענען זיך נאָר מיט זיין אייגענער איבערלעבונג. ער מוז אַליין פירן דעם חשבון, מאַכן אַליין דעם סך הכל, וואָרים עס איז ניטאָ קיין פובליקום, וואָס ער זאָל קאָנען אָדער סומך זיין זיך אויף אים, אָדער זיך אים אנטקעגן שטעלן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דעם טעאַטער־רעזענזענט — ווען ער דריקט אויס זיינע מיינונגען.

אין דעם פּרט איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן די, וואָס שרייבן וועגן נייע ביכער און נייע שרייבער, און די, וואָס זייער טעמע איז אַ ווערק, אָדער אַ שרייבער, וואָס פאַרנעמט שוין אַ געוויסן אָרט אין דער ליטעראַטור. אין לעצטן פאַל איז צווישן דעם ביכער־קריטיקער און דעם קריטיקער פון טעאַטער דאָ אַ גע־וויסע ענלאַכקייט. זיי ביידע ווייסן שוין דאָ, וואָס פאַר אַן אָפּ־קלאַנג דאָס בוך אָדער די טעאַטער־פאָרשטעלונג האָט געפונען אין די הערצער פון אנדערע מענטשן. זיי ביידע דאַרפן שוין דאָ, פאַרקערט, אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן לאָזן הערן זייער אייגענע שטים און ניט זיין קיין עכאָ פון אַרום. אָבער אפילו אין דעם פאַל איז דער, וואָס שרייבט וועגן ליטעראַטור, ניט אינגאַנצן גלייך צו דעם טעאַטער־קריטיקער, מחמת דאָס אויסנעמען אָדער ניט־אויסנעמען ביים עולם האָט פאַר דעם ווערט און דער אָפּ־שאַצונג פון אַ ליטעראַרישן ווערק אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג, ווי פאַר דער טעאַטער־קריטיק. מוז אפילו דער, וואָס שרייבט וועגן קלאַסיקער און בכלל וועגן „באַרימטע” ווערק, זיך מער פאַרלאָזן אויף זיך אַליין און זיין אייגענער אויסטייטשונג, ווי דער טעאַטער־רעזענזענט.

בפרט נאָך, אַז דער באַריכט־אָפּגעבער פון טעאַטער באַנוגנט זיך געוויינטלאַך מיט אָפּשאַצונג און מבינות, בעת דער ליטעראַ־טור־קריטיקער גיט זיך אָפּ מער מיט דער אויסטייטשונג און דער כאַראַקטעריזירונג פון דעם ווערק אָדער פון דעם שרייבער. פאַר אַ נייער אויסטייטשונג און אַ נייער כאַראַקטעריסטיק האָט די שוין פון פריער אָנגענומענע מיינונג אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג, ווי פאַר דער מבינות־זאָגעריי. מעג אַ ווערק אָדער אַ שרייבער

זיין ווי באַרימט, איז נאָך אַלץ דאָ אַ מעגלאַכקייט פֿון אַ נייער באַלייכטונג, פֿון אַ נייעם פּירוש, און אין אַט דעם נייעם צוגאַנג צו אַן אַלטער שאַפֿונג מוז דער, וואָס שרייבט וועגן קלאַסיקער, זיין פּונקט אַזוי אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, און נאָר אויף זיך אַליין, ווי דער, וועלכער רעצענזירט אַ בוך פֿון אַ נייעם, נאָך נישט באַקאַנטן, שרייבער.

2. דער פֿאַקט, וואָס אין דער קריטיק (און אַפֿילו אין די רעצענזיעס) פֿון ביכער איז די הויפּט־אויפֿגאַבע די אויסטייטשונג און די כאַראַקטעריזירונג, בעת דער טעאַטער־רעצענזענט גיט זיך אָפּ מער מיט אָפּשאַצונג און מבינות — דער פֿאַקט (ווי ווייט ער איז ריכטיג) מאַכט, אַז די ליטעראַרישע קריטיק זאָל זיין ברייטער, ניט נאָר זעלבשטענדיגער, ווי די קריטיק פֿון טעאַט־ראַלישע אויפֿפֿירונגען. דער אָפּשאַצער האָט פֿאַר זיך נאָר די פֿאַרשיידענע מדרגה'ס פֿון יע אָדער ניין, גוט אָדער שלעכט. קיין סך וואַריאַציעס זיינען נישטאָ ניט אין די מיינונגען און ניט אַפֿילו אין דער מאָטיווירונג פֿון דעם מבינות־זאָגער. אַנדערש איז אָבער מיט די אויסטייטשערס, קאָמענטאַטאָרס, כאַראַקטערי־זירערס. זיי האָבן פֿאַר זיך אָן אַ שיעור מעגלאַכקייטן. דער איין יע, די איין הסכמה, וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף אַ ווערק, קאָן האָבן אַזויפֿיל פּירושים און אַזויפֿיל ניואַנסן, וויפֿיל דורות און וויפֿיל יחידים עס האָבן געזאָגט אָט דעם יע און געגעבן אָט די הסכמה. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז בעת אַ ווערק לאָזט־צו נאָר עטלאַכע אָפּשאַצונגען, אַ פּאָזיטיווע, אַ נעגאַטיווע אָדער אַ מיטעלע, — מאַכט עס אָבער מעגלאַך אָן אַ שיעור פֿאַרשיידענע קאָמענטאַרן. און דערפֿאַר האָט די ליטער־ראַרישע קריטיק, ווי ווייט זי איז באמת אַ מער כאַראַק־טעריזירענדיגע, ווי אַ מבינות־זאָגערישע, — אַ ברייטערן פֿעלד פֿאַר איר אַקערן און זייען, ווי די טעאַטער־קריטיק, כל־זמן זי באַנוגנט זיך (און זי באַנוגנט זיך אָפּט) נאָר מיט אַ יע אָדער אַ ניין.

3. דער ליטעראַטור־קריטיקער (ווי דער קריטיקער פֿון אַ סך אַנדערע קונסטן) האָט אויך אין דעם זינען גינסטיגערע תנאים פֿאַר זיין אַרבעט און זיין אַנטוויקלונג, ווי דער טעאַטער־

רעזענזענט, וואָס ער איז ניט אָנגעוויזן, ווי דער לעצטער, נאָר אויף די שאַפונגען פון זיינע צייט־חברים. ער קאָן געניסן (און לערנען אונז געניסן) די ווערק פון פאַרצייטן, נישט נאָר פון היינט. ער קאָן פון ס'ניי אָפּשאַצן און כאַראַקטעריזירן די אַמאָליגע שאַפונגען. די דערציאונג פון זיין געשמאַק און זיין גאַנצע קינסטלערישע נערונג באַנוגנט זיך נישט נאָר מיט דער שול און דער שפייז פון דער געגנוואַרט. ער גייט אין חדר צו די מייסטערס פון אַלע צייטן און ער באַרייכערט זיין דערפאַרונג דורך דעם, וואָס ער באַקענט זיך מיט די אוצרות, וואָס עס האָט אָנגעזאַמלט פאַר אונז די געשיכטע פון דער קונסט.

דער טעאַטער־קריטיקער קאָן אויך וויסן, ווי זיין קונסט האָט אויסגעזען אַמאָל, ווי זי האָט זיך געענדערט און אַנטוויקלט, אָבער — נאָר וויסן קאָן ער עס, ניט געניסן, ניט דירעקט איבערלעבן, ווי דער, וואָס לייענט אַלטע ביכער, באַטראַכט אַלטע בילדער, סטאַטועס אָדער טעמפּלען. וואָרים דאָס טעאַטער, אפילו דאָס בעסטע און גרעסטע, עקזיסטירט שוין מער ניט, עס עקזיסטירן נאָר געוויסע ידיעה'ס וועגן דעם. קאָן ער האָבן לעבעדיגע איינדרוקן און קאָן איבערגעבן זיינע איינדרוקן נאָר פון די טעאַטער־קינסטלער און טעאַטער־דערגרייכונגען, וועלכע זיינען אַ פּראָדוקט פון זיין צייט און אָפּטמאָל — נאָר פון זיין לאַנד אָדער גאָר אפילו נאָר פון זיין שטאָט. איז די טעמע, דער אָביעקט פון זיין שרייבן און (וואָס עס איז נאָך וויכטיגער) זיין קינסטלערישע דערפאַרונג באַגרעניצט.

א ליטעראַטור־קריטיקער איז נישט מחויב צו בלייבן פּאַסיוו, ניט ווי א לעזער און ניט ווי א שרייבער, ווען עס ווערן נישט פאַרעפנטלאַכט אַזעלכע נייע ביכער און עס ווייזן זיך נישט אַזעלכע נייע שרייבער, וואָס זאָלן אים אינטערעסירן. ער קאָן שטענדיג געפינען וואָס צו לייענען און וועגן וואָס צו שרייבן אין יענע רייכע אָפּטיילונגען פון דער ביבליאָטעק, וואו עס שטייען די געקליבענע ווערק פון די אויסדערוויילטע מייסטערס פון אַלע פעלקער און אַלע דורות. ער קאָן שטענדיג געפינען דאָרט עפּעס סטימולירנדיגס, עפּעס, וואָס לעבט נאָך ביז איצט, כאָטש עס איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אַנדער צייט און טראָגט אויף זיך דעם

שטעמפּל פון אַן אַנדער עפּאָכע. אַ טעאַטער־קריטיקער האָט ניט וואָס צו טאָן, ווען דאָס טעאַטער פון זיין צייט אָדער אַמאָל אַפילו נאָר פון זיין לאַנד ווערט אויף אַ ווײַלע אָפּגע'חלש'ט, פאַרשטומט אָדער סתם אומפּראָדוקטיוו. ער קאָן נאָר אָפּגעבן זיך דאַן מיט טעאָריע, מיט דעראינערונגען אָדער געשיכטע.

און אַפילו די עצם געשיכטע איז פאַר דעם קריטיקער פון ליטעראַטור אַ מער לעבעדיגע זאַך, ווי פאַר דעם טעאַטער־קריטיקער, ווייל אין דער ליטעראַטור קאָן מען מיט דער פאַרגאַנגנהייט (דורך לייענען אירע ווערק) קומען אין דער נאָענטסטער באַרירונג, בעת אין טעאַטער איז דאָ נאָר אינפאָרמאַציע וועגן אַמאָל, נישט דאָס אַמאָל גופא. ווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער שרייבט וועגן תנ"ך, וועגן די ווערדאַס אָדער דער אָדיסעע, האָט ער אַליין געלייענט די דאָזיגע ווערק. ווען דער, וואָס שרייבט וועגן טעאַטער, דערציילט אונז עפּעס וועגן דער בינע אין גריכנלאַנד, וועגן דער קאָמעדיע דעל אַרטע אָדער וועגן די וואַנדערטרופּן פון זיבעצענטן יאָרהונדערט, דערציילט ער ניט, וואָס ער האָט אַליין געזען, נאָר וואָס עס דערציילן אַנדערע, וועלכע האָבן עס אויך נישט געזען אַליין.

4. די טעאַטער קונסט (און ממילא אויך די קריטיק פון טעאַטער) איז בכלל ניט אַזוי בויגעוודיג, ניט אַזוי רייך אין מעגלאַכקייטן, ווי די קונסט (און די קריטיק) פון וואָרט. דער וואָרט־קינסטלער קאָן שרייבן אַלץ און וועגן אַלץ. דער בינע־קינסטלער איז געבונדן פון דעם פּובליקום, פון זיין קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע און פון די ספּעציעלע דרויסנדיגע באַדינגונגען, אָן וועלכע ער קאָן זיך נישט באַגיין. ער קאָן ניט שפּילן אַלץ (עס זיינען דאָ צו קאָמפּליצירטע, צו טיפע אָדער טעכניש צו ווינציג טעאַטראַלישע דראַמעס). ער קאָן ניט שפּילן אַלעמאָל און אומעטום. ער מוז האָבן אַנדערע קינסטלער און אָפט אויך אַנדערע קונסטן — צו זיין קונסט. קורץ, דאָס טעאַטער און די טעאַטער קריטיק האָט ניט יענעם ברייטן, כמעט אומבאַגרעניצטן אויסוואַל פון מאַטעריאַל, פון טעמעס און מאָטיוון, האָט ניט יענע רייכקייט פון צילן און מיטלען, וועלכע עס איז דאָ ביי דעם שאַפער און דערהויפּט ביי דעם קריטיקער פון ליטעראַטור.

אין דעם זינען איז די מיסיע פון דער ליטעראַטור־קריטיק אַ מער פאַרשיידנאַרטיגע, אַ מער דאַנקבאַרע און מער פאַראַנט־וואָרטלאַכע, ווי די אַרבעט פון דעם טעאַטער־קריטיקער. (אָבער עס זיינען דאָ פּונקטן, וואו די לאַגע איז, ווי מיר האָבן פריער געזען, אַ פאַרקערטע.)

י"א. סאָציאַל־עטישע קריטיק.

פּעטער קראָפּאָטקינ'ס „אידעען און ווירקלאַבקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור"*), איז דאָס ערשטע בוך וועגן דעם רוסישן וואָרט אויף אידיש און איז צו גלייכער צייט אַ מוסטער פון דעם סאָציאַל־עטישן מעטאָד אין דער ליטעראַרישער קריטיק. די „קראָ־פּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט" האָט עס אַרויסגעגעבן, ווי אַ טייל פון קראָפּאָטקינ'ס „געזאַמלטע ווערק". אָבער אויך אַליין פאַר זיך האָט עס מעלות, וואָס צוליב זיי איז עס ווערט געוועזן איבערגעזעצט צו ווערן אויף אידיש.

די ערשטע מעלה איז, וואָס עס איז לכתחילה פאַרפאַסט גע־וואָרן פאַר פרעמדע, ניט פאַר רוסן. אין דער געשיכטע פון אַ ליטעראַטור, וואָס ווערט געשריבן אויף דער שפּראַך פון דער דאָזיגער ליטעראַטור גופא און פאַר אירע אייגענע לעזער, זיינען דאָ געוויינטלאַך פּרטים, וואָס פאַר אַנדערע לעזער אויף אַנדערע שפּראַכן זיינען זיי ניט אינטערעסאַנט, אָדער ניט פאַרשטענד־לאַך. אַזאַ מין געשיכטע איז זעלטן ווען צוגעפּאַסט צו די באַ־דערפעגישן פון אַ פרעמד־שפּראַכיגן לעזער. פּעטער קראָפּאָטקין איז אויסן געוועזן דווקא אָט דעם מין לעזער: זיין בוך איז אויסגע־וואַקסן פון לעקציעס, וואָס ער האָט געלייענט אין באָסטאָן אויף ענגליש, אין יאָר 1910, איז עס גוט דערפאַר אויך פאַר דעם אי־דישן לעזער, וואָס איז ניט באַקאַנט געגנוג מיט דער רוסישער געשיכטע און דעם רוסישן לעבן.

דאָס איז די ערשטע מעלה פון בוך. די צווייטע איז —

*) איבערגעזעצט פון ה. ראָזענפעלד, אַרויסגעגעבן פון דער „קראָ־פּאָטקין־ליטעראַטור געזעלשאַפט", ניו יאָרק, 1922.

די לייכטקייט פון קראָפּאָטקינ'ס שטייגער שרייבן. ס'איז ניט דער סטיל פון אַן ערשטקלאַסיגן שריפטשטעלער: עס איז ניטאָ אין אים קיין גלאַנץ און קיין אָריגינאַליטעט. אָבער איין זאַך איז איבערגעגאַנגען צו אים בירושה פון די רוסישע קלאַסיקער: איינפאַכקייט און קלאָרקייט.

וואָס איז שייך צום מעטאָד, וואָס קראָפּאָטקין באַנוצט אין זיין בוך, איז עס אויך דער קלאַסישער מעטאָד פון דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק: דער מעטאָד פון „טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און זייערע מאָדערנע נאָכפאָלגער: מיכאַילאָווסקי, אַרסעניעוו, סקאַביטשעווסקי, ווענגעראָוו און אַנדערע". די דאָזיגע אַלע קריטיקער האָבן געזוכט אין דער ליטעראַטור מער געזעלשאַפטלאַכע און עטישע, ווי ריין־קינסטלערישע ווערטן. פאַר זיי איז קריטיק געווען ניט אַ מיטל אַרויסצובערענגען דעם קינסטלער'ס סטיל און פּערזענלאַכקייט, אויך ניט אַ מיטל אויסצודריקן די אייגענע פּערזענלאַכקייט, און צו יוערן אַליין דער שאַפער פון אַ סטיל, נאָר — אַ געווער אין קאַמף פאַר געוויסע עטישע און געזעלשאַפטלאַכע אידעאַלן. עס זיינען געווען כמעט אָפּגעווישט ביי זיי די גרעניצן צווישן קריטיק און פּובליציסטיק.

קראָפּאָטקין, אין זיין פאָררעדע, רעכנט צו צו זיי אויך ביעלינסקי'ן. אָבער אין זיין בוך פילט זיך ביעלינסקי'ס גייסט ווינציגער, ווי דער גייסט פון די דערמאָנטע פּובליציסטישע קריטיקער. ביי ביעלינסקי'ן איז געווען אַ קינסטלערישער ברען, און אָט די קינסטלערישקייט האָט זיך געפילט אפילו אין זיינע פּובליציסטישע און פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. אין יעדן דיכטער האָט ער, פריער פאַר אַלץ, באַוואונדערט זיין שאַפונגס־קראַפט, זיין קינסטלערישע אייגנאַרטיגקייט; די עטישע אָדער געזעלשאַפטלאַכע אידייען זיינען געווען ביי אים אַ בייזאַך. ביי קראָפּאָטקינ'ען, ווי ביי זיינע רביים טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, מיכאַילאָווסקי און אַנדערע, זיינען זיי דער עיקר.

קראָפּאָטקין דערמאָנט געווים אויך די קינסטלערישע זייט פון די ווערק, וואָס ער באַטראַכט, אָבער ער באַנוגנט זיך דערביי מיט

זועלכע אַלגעמיינע באַגריפן, ווי „רעאַליסטיש", „מײַסטער־
אפּט", „מעלאָדיש", „איינדרוקספול", „גרויס" א. ד. ג.
רעאַליזם האַלט קראָפּאָטקין פאַר דעם גרעסטן אויפטו און
ער הויפּט־אייגנשאַפט פון דער רוסישער ליטעראַטור אין דעם
יינצענטן יאָרהונדערט, און אין דעם קאַפּיטל, וואו ער רעדט
וענן גאָגאָל'ן, גיט ער זייער אַ ברייטע דעפיניציע פון דעם רו־
זישן רעאַליזם, להיפּך צום רעאַליזם אָדער, ריכטיגער, נאַטוראַ־
יזם פון אַזאַ שרייבער, ווי זאָלאַ. „לויט אונזער באַגריף, —
ורייבט ער, — קאָן זיך דער רעאַליזם ניט באַגרעניצן בלויז מיט
ער אַנאַטאָמיע פון דער געזעלשאַפט: ער מוז האָבן אַ העכ־
ערן הינטערגרונט (אין אָריגינאַל איז עס בעסער אויסגע־
ריקט. — ש. נ.): די רעאַליסטישע באַשרייבונגען מוזן זיין
ונטערגעוואָרפן צו אַן אידעאַליסטישן צוועק" א. אז. וו. דאָס
יז ריכטיג. אָבער עס איז דאָך דאָ אַן אונטערשייד ניט נאָר
ווישן דעם רעאַליסטישן אידעאַליזם פון די רוסן און דעם נאַ־
וראַליזם פון אַ טייל פראַנצויזן. ביי די רוסישע שרייבער
פאַ האָט יעדערער זיין אייגענעם רעאַליזם. דער מאַספולער,
אַרמאָנישער פּושקין, דער קלאָרער, לויטערער טאָלסטאָי און דער
ילדער געני גאָגאָל אָדער דאָסטאָיעווסקי — דאָס זיינען דאָך צוויי
זר באַזונדערע וועלטן. עס איז ווידער ניט גלייך דער לייכטער,
כטיגער, הומאָרפולער רעאַליזם פון פּושקין מיט דער שווער־
זלאָדענער, טיף־אָטעמענדער לעבנס־שילדערונג פון טאָלסטאָי.
יך זיינען די גראָטעסקע, מגוזמ'דיגע, פון לעבן און לאַכן גע־
זפּענע געשטאַלטן פון גאָגאָל אַנדערש, ווי דער פאַרטיפטער
ן צעשרויפטער רעאַליזם פון דאָסטאָיעווסקי'ס נשמה־קראַנק־
יטן און גייסטיגע אָפּגרונטן. יעדער גרויסער רוסישער „רעאַ־
זסט" האָט זיין אייגענעם אינדיווידועלן מעטאָד פון שאַפן.
כן אים קלאָר, אויפדעקן זיינע וואָרצלען אין די ווערק פון די
יערדיגע שרייבער, אויסזוכן זיינע שפּורן אין דער שפּעטער־
ער ליטעראַטור, — באַלייכטן די ריין־קינסטלערישע טראַדי־
נ פון דער ליטעראַטור — איז די אויפגאַבע פון דעם היסטאָ־
ער, וואָס ליטעראַטור איז פאַר אים — קונסט. פאַר קראָ־
טקינ'ען איז די רוסישע ליטעראַטור — קונסט, אָבער —

ניט נאָר קונסט אַליין. שוין אין זיין פאָררעדע דערמאָנט ער דעם לעזער, אַז די רוסישע ליטעראַטור „האָט אָט דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך, וואָס זי טראָגט אַריין אין דעם רייך פון קונסט — פון דער פּאָעמע, דערציילונג, דראַמע — כמעט אַלע יענע פראַגן, סאָציאַלע און פּאָליטישע, וואָס ווערן אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, וויינינגסטנס, אין אונזער איצטיגן דור, דיסקוטירט אין די פּאָליטישע ווערק פונ׳ם טאָג. אָבער זעלטן ווען אין דער ליטעראַטור" (די נייע אַמעריקאַנער ליטעראַטור, די וואָס גייט אין די וועגן פון דער רוסישער, האָט, אגב, אויך ליב צו דיסקוטירן סאָציאַלע פראַגן, מער ניט וואָס איר פעלט די טיפקייט און די אינהאַלטס־רייכקייט פון דער רוסישער ליטעראַטור). און מיט אָט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע פראַגן גיט זיך דערהויפט אָפּ קראָפּאָטקין אין זיין בוך. עס רופט זיך „אידעאַלן אוןווירקלאַכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" — און ווי עס רופט זיך, אַזוי איז עס. דעם פּאַרפאַסער אינטערעסירן די רוסישע שרייבער דערהויפט ווי ווייט זיי שפּיגלען אין זיך אָפּ די „ווירקלאַכקייט" פון דעם רוסישן פּאָלק און די „אידעאַלן" פון דער פּאָלקס־טרייער רוסישער אינטעליגענץ. צו פּושקינ׳ען, וועלכער איז ניט גענוג טיף פאַרבונדן מיט „די אידעאַלן פון דער רוסישער אינטעליגענץ", איז ער קאַלט. עס איז ביי אים רעכט צו זאָגן, אַז שילער איז העכער פאַר פּושקינ׳ען. שילער האָט געהאַט הויכע אידייען, אָבער פּושקין — „די שיינע פאָרם, דער געלונגענער אויסדרוק, די אומפאַרגלייכלאַכע באַערשונג פון פערז און גראַם זיינען כאַראַקטעריסטישע שטריכן — ניט די שיינקייט פון זיינע אידייען. אין פּאָעזיע אָבער זוכן מיר געוויינטלאַך די העכערע אינספּיראַציע, די ערהאַבענע אידייען, וואָס העלפן אונז צו ווערן בעסער". אַזוי שרייבט קראָפּאָטקין. מען קאָן באמת מיינען, אַז „ערהאַבענע אידייען" קאָנען אויסגעדריקט ווערן נאָר אויף אַן אַבסטראַקטן דענקערישן אופן, ווי ביי שילער׳ן. עס איז דאָך אָבער נישט אַזוי. אין אייניגע געדיכטן פּושקינ׳ס און אַפילו אין זיין „לייכטן" „יעווגעני אָניעגין" איז דאָ מער אינספּיראַציע און מער „געהויבענע אידייען", ד. ה. אַ טיף אַריינקוקן אין דעם מענטשנ׳ס לעבן און אין דעם לעבן

איבערהויפּט און אַ גרעסערע מעגלאַכקייט אונז צו באַגייסטערן און אַנטציקן (און ממילא אויך „בעסער מאַכן"), ווי אין דער גאַנצער שילער־פילאָזאָפיע... אָבער קראָפּאָטקין, ווי די גאַנצע „ראַדיקאַלע" רוסישע אינטעליגענץ, האָט אַלץ נאָך ניט פאַרגעסן די תורה פון די „נאַראָדניקי", אַז די קונסט, ווי אַלץ אין דער וועלט, דאַרף דינען נאָר דעם „פאָלק"...

לערמאָנטאָוו איז פאַר קראָפּאָטקינ'ען פריער פון אַלץ געווען אַ הומאַניסט — „אַ טיף הומאַניטאַרער דיכטער". גאָגאָל איז גוט דערמיט, וואָס זיין קונסט „איז ריינער רעאַליזם, וואָס איז אָבער אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט'ן וואונטש צו שאַפן פאַר דער מענטשהייט גוטעס און גרויסעס". ריידנדיג וועגן טאָל־סטאָי'ס „קריג און פרידן", פאַרגעסט זיך דער פּראָפעסער ניט צו זאָגן, אַז דער ראָמאַן איז „אַ מעכטיגער באַשולדיגונגס־אַקט קעגן מלחמה". וועגן טורגעניעוו'ן שרייבט ער מיט מער באַגייסטערונג, ווי וועגן אַזעלכע ריזן פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי: ביי טורגעניעוו'ן איז מער דאָ פון דעם מין, וואָס רופט זיך אָן „אידעאַלן און ווירקלאַכקייט" פון דער רוסישער אינטעליגענץ. מחמת דעם אייגענעם טעם גיט ער אָפּ אַ גאַנצן קאַפּיטל נעקראַסאָוו'ן און נאָר עטלאַכע שורות טיוטשעוו'ן און פעט'ן. טויטשעוו און פעט האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער מאָדערנער רוסישער פּאָעזיע, זיי האָבן געהאַט אָבער אַ קנאַפּע אָדער גאָר אַ נעגאַ־טיווע שייכות צו דער רוסישער „פרייהייטס־באַוועגונג": האָט דער פּראָפעסער פון „די אידעאַלן און ווירקלאַכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" ניט קיין אינטערעס פאַר זיי...

הכלל, עס איז אַ גאַנץ איינזייטיג בוך וועגן דער רוסישער ליטעראַטור — אַ רעזולטאַט פון דעם איינזייטיגן סאָציאַל־עטישן מעטאָד. אָבער מיט איין זייט — מיט דער געזעלשאַפטלאַכער און אַלגעמיין קולטורעלער זייט פון דער ליטעראַטור — מאַכט עס דעם לעזער באַקאַנט; איז עס — בעסער ווי גאָרנישט. מיר האָבן דאָך ביז איצט אפילו אַזאַ בוך וועגן דער רוסישער ליטע־ראַטור אויך ניט פאַרמאָגט. די סאָציאַל עטישע קריטיק איז נאָר איין פאָרם — און אַ גאַנץ באַגרעניצטע פאָרם — פון קריטיק,

אָבער זי האָט פּונקט אַזאַ רעכט אויף עקזיסטענץ ווי אַלע אַנדערע מעטאָדן.

אגב, די איינלייטונג צום בוך (וועגן דער רוסישער שפּראַך און דעם רוסישן פאָלקלאָר) איז, פון אַלע שטאַנדפּונקטן, אינטערעסאַנט און אינהאַלטסרייך. די ערשטע העלפט פון דעם דאָזיגן קאַפּיטל גיט אַ קורצן, אָבער קלאָרן איבערבליק איבער דער פאָרגעשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור.*)

י״ב. קולטורהיסטאָרישע קריטיק.

אַ בוך, וואָס זאָל געבן דעם אידישן לעזער די מעגלאַכקייט צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, איז זייער אַ נויטיגע זאַך. ביי אונז זיינען דאָ שוין עטלאַכע איבערגעזעצטע און אָריגינעלע ביכער וועגן געשיכטע בכלל, אָבער ליטעראַטור־געשיכטע פעלט ביי אונז כמעט אינגאַנצן. בראַנדעס׳עס „הויפּט־שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נייַנצענטן יאָרהונדערט" און קראָפּאָטקינ׳ס „אידעאַלן אוןווירקלאַכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" זיינען, אויב

*) די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. א. מעריסאָן, און ער „האָט פאַרגליכן כמעט יעדן זאַץ מיט׳ן אָריגינאַל", ווי עס שרייבן די אַרויסגעבער. די שפּראַך איז ערטערווייז טרוקן, אָבער קאָרעקט. איניגע פעלערן האָב איך באַמערקט, אָבער דאָס זיינען פעלערן, וואָס עס מאַכן נאָך אַ סך אידישע שרייבער, ניט נאָר דער איבערזעצער. כמעט אַלע שרייבן נאָך „איבערזעצט", כאָטש מען דאַרף שרייבן אויף אידיש „איבערגעזעצט", „ציקל פון לידער", אָנשטאָט „ציקל לידער", „שטיקער פון אויסגעצייכנטער פּאָעזיע", אנשטאָט „שטיקער אויסגעצייכנטע פּאָעזיע", „דאָס שילדערן פון די פיגורן", אָנשטאָט „דאָס שילדערן די פיגורן", „לעגענדן" אָנשטאָט „לעגענדעס", „באַזיצן" אָנשטאָט „האָבן", „יאָרצענדליגע" אָנשטאָט „צענדליגער יאָרן". אויך „גליקלאַכערוויזע", „נויטווענדיגערווייזע", „קוועלן" (מאַטערן), „ערשטוינענד", „עגטפּערט נישט אויף אונזערע הויגטיגע פאָדערונגען" — שטעלן ניט צופרידן די פאָדערונגען, וואָס מיר האָבן איצט צו אַ ריינעם אידיש. אָבער דאָס זיינען אויסנאַמען. בכלל איז עס אַ גוטע, געווויסנהאַפטע איבערזעצונג.

איך האָב ניט קיין טעות, די איינציגע (איבערגעזעצטע) ווערק אויף אידיש, וואס האָבן צו טאָן מיט דער געשיכטע פון אייראָפּעאישן ליטעראַרישן שאַפן. אָבער זיי רירן־אָן ביידע דער־הויפּט נאָר די נייערע געשיכטע. עס איז ניטאָ קיין בוך אויף אידיש, וואָס זאָל געבן אַן איבערבליק איבער דעם גאַנצן אַנט־וויקלונגס־גאַנג פון דער וועלט־ליטעראַטור אָדער כאָטש נאָר פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

דערפריידט מען זיך, ווען מען זעט דעם נאָמען פון פּ. קאַגאַנ׳ס בוך, וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן פון רוסיש: — „די געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטורען*).״ ענדלאַך, טראַכטן מיר, האָבן מיר אויף אידיש אַ האַנט־בוך פאַר מערב־אייראָפּייאישער ליטעראַטור־געשיכטע.

ווען מען קוקט אָבער אריין אין דעם „אינהאַלט״ פון בוך, נאָך איידער מען באַווייזט עס צו לייענען, פילט מען זיך אַ היבש ביסל אָפּגענאַרט. מען זעט פונ׳ם „אינהאַלט״, אַז עס איז ווייט ניט קיין געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן. עס איז בלויז אַ סעריע קאַפּיטלאַך פון דער דאָזיגער געשיכטע.

די פראַגע וועגן דעם אויפקום פון די נאַציאָנאַלע מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, דער זייער אינטערעסאַנטער פּעריאָד, ווען זיי האָבן ביסלאַכווייז, איינע נאָך דער אַנדערער, אָנגעהויבן גובר צו זיין די אַריסטאָקראַטישע מיטלאַלטערלאַכע ליטעראַטור אויף לאַטיין, און געוואָרן וואָס ווייטער, אַלץ מער די שאַפונג און דאָס אייגנס פון דער גאַנצער נאַציע, נישט נאָר פון די גייסטלאַכע און געלערנטע, — אַט דער זייער וויכטיגער מאָמענט איז גאָר אינגאַנצן אויסגעלאָזן געוואָרן. די ווייטער־דיגע אַנטוויקלונגס־פאַזיסן זיינען רעפּרעזענטירט נאָר דורך איינ־ציגע שריפטשטעלער: דער סוף־מיטלאַלטער — דורך דאַנטע׳ן, די עפּאָכע פון רענאַסאַנס — דורך סערוואַנטעס׳ן און שעקספּיר׳ן א. אז. וו.

נאָר דאָס וואָלט נישט שטאַרק אַזוי אויסגעמאַכט. אויב

---

*) אידיש פּ. האַלפּערן, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1925.

עס זיינען דאָ טיילן אין דער מענטשלאַכער געשיכטע, וואו די איינציגע פּערזענלאַכקייט שפּילט די הויפּט־ראָלע, איז איינער פון זיי געווים די ליטעראַטור. די אַלגעמיינע געשיכטע פון אַ פאָלק האָט שוין טאַקע לאַנג אויפגעהערט צו זיין די געשיכטע פון זיינע פירשטן, פון זיינע פירער. אָבער אין דער וועלט פון ליטעראַטור פאַרנעמען פּאָרט די פירער און די פירשטן פון גייסט דעם אויבנאָן. אין פּ ר ט י ם קאָן זיך די געשיכטע פון דער ליטע־ראַטור זיין טאַקע נישט מער ווי אַ שפּיגל אָדער אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַלגעמיינער לעבנס־אַנטוויקלונג, ד. ה., עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט זעלבסטשטענדיג. אָבער א י ן ת ו ך איז עס די געשיכטע פון שאַפן, פון וואָגן, פון גובר זיין די טראַדיציע און גיין קעגן דעם שטראָם פון לעבן. א י ן ת ו ך איז עס די געשיכטע פון יענע, וועלכע זיינען מ ו ר ד אין דער געשיכטע!

וואָלט מען געקאָנט זיך אַ סך דערווייסן מכח דעם עצם פון די מערב־אייראָפּעאישע ליטעראַטורן, ווען מען זאָל באמת האָבן אַ בילד פון זייערע וויכטיגסטע פאָרשטייער, — און עס וואָלט ניט געווען קיין גרויסער חסרון, וואָס די קלענערע ווערק און די ווינציגער אָריגינעלע שרייבער ווערן נישט דערמאָנט. מיר הויבן אויף אונזערע אויגן צו די העכסטע פונקטן, צו די שפּיצן, ווען מיר קוקן אויף בערג...

דער חסרון איז, וואָס דער פאַרפאַסער פון דעם בוך ווייזט אונז גאָר ניט די פון דער זון־באַלויכטענע אָדער אין וואָלקנס־איינגעטונקטע בארג־שפּיצן פון דער ליטעראַטור. ער רופט נאָר אָן זייערע נעמען. ער מאַכט אפילו ניט קיין פּרואוו אויסצו־מאָלן פאַר אונז די קינסטלערישע גרויסקייט און די אָריגינאַליטעט פון אַ דאַנטע, אַ סערוואַנטעס, אַ שעקספּיר, אַ מאָליער, אַ געטע. ער רעדט וועגן דער סביבה, נישט וועגן די דיכטער. אַזוי ווי דער עיקר וואָלט געווען דער פאַקט, וואָס דאָס ארומיגע האָט גע־ווירקט אויף זיי, ניט דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זיך דעם כח צו ווירקן נאָך מער אויף דער וועלט.

ער מאַכט אַ ווענן פון דער צייט, ווען זיי האָבן געלעבט, בעת אין דער אמת'ן איז יענע עפּאָכע שוין לאַנג פאַרשוואונדן, בעת ז י י לעבן נאָך, און אונז אינטערעסירט ניט אַזוי דאָס,

וואָס זיי האָבן געלעבט אין אַ געוויסער היסטאָרישער תקופה, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן זי איבערגעלעבט.

זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט אין ערך מער ווערט, ווי דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן גענומען פון דער היסטאָרישער עפּאָכע און דער סאָציאַלער סביבה. זיי האָבן אונז עפּעס וויכטיגס געגעבן, און דאָס איז טויזנט מאָל ווערט־פולער, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן גענומען.

זיי האָבן אונז געגעבן יעדער עפּעס אַן אַנדער זאַך, יעדער אויף אַן אַנדער אופן, און אָט די אַנדערשקייט, אָט די איינג־אַרטיגקייט פון יעדן ליטעראַטור־שאַפער מוז פריער ווי אַלץ קלאָר ווערן, אויב מען רעדט וועגן די איינציגע פירער פון דער ליטעראַטור, נישט וועגן איר אַלגעמיינעם גאַנג. (ווען מען וויל אויסמאָלן די אַלגעמיינע עוואָלוציע פון דער ליטעראַטור, אונטער דער ווירקונג פון די אויסערלאַכע היסטאָרישע אומשטענדן, זיינען דאָ די קלענערע, ווינציגער־אָריגינעלע שרייבער אַ פּאַסיגער מאַ־טעריאַל און אַ בעסערע אילוסטראַציע, איידער די גרויסע ליטע־ראַרישע פּערזענלאַכקייטן.)

ה׳ קאַגאַן באַנוגנט זיך, ווען ער כאַראַקטעריזירט די איינ־ציגע שרייבער, מיט אַזעלכע אַלגעמיינע פראַזן, ווי — „ערטער־ווייז ערשיינט ער (שעקספּיר), ווי אַ גרויסער פּסיכאָלאָג, אַ געניאַלער קענער פון מענטשענ׳ס האַרצן, פון דעם מענטשענ׳ס נשמה, א. אַז. וו.״ דער פאַרפאַסער פאַרגעסט, אַז אַזעלכע זאַכן קאָן מען זאָגן וועגן יעדן גרויסן דיכטער. וואָס אונז אינ־טערעסירט איז ניט דאָס, וואָס שעקספּיר האָט געהאַט בשותפות מיט אַנדערע מענטשן פון זיין צייט און אויך ניט דאָס, וואָס מאַכט אים נאָענט צו די גרויסע שרייבער פון אַלע צייטן. וואָס מיר ווילן וויסן, איז — מיט וואָס איז ער געווען אַנדערש פון אַנדערע מענטשן און מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעטיילט און אויסגעצייכנט צווישן די גרויסע דיכטער פון אַלע צייטן. דאָס זאָגט אונז ניט דער פאַרפאַסער.

ער גיט אונז איבער די געדאַנקען און די אידייען, וועלכע זיינען אויסגעדריקט געוואָרן אין די וויכטיגערע ווערק פון די גרויסע מערב־אייראָפּעאישע דיכטער. ער טוט עס נישט פאַר־

בייגייענדיג; ער קוקט אויף דעם, ווי אויף איינער פון זיינע הויפט־אויפגאבן. „אונזער אויפגאבע", שרייבט ער צום סוף פון דעם קאפיטל וועגן שעקספיר'ן, — „אונזער אויפגאבע איז געווען נאר צו באווייזן, ווי העל און אלזייטיג דער דאזיגער גרעסטער פון די ענגלישע פאעטן האט אויפגענומען די פראגן און די אידייען, וואס האבן אינטערעסירט די אייראפעאישע געזעלשאפט פון זיין צייט. ווי אים איז געלונגען איבערצוטראגן יארהונדערטן און דערקלערן אונז די אייביגע, אויך אין אונזער צייט ניט־אפגעשטארבענע, זייטן פון מענטשלאכן גייסט... אויך אין אונזער צייט, ווי אין זיבעצעטן יארהונדערט, בלייבן אלץ שעקספיר'ס ווערק דער קוואל, פון וועלכן די מענטשהייט שעפט לעקציעס פון חכמה". אבער „לעקציעס פון חכמה" שעפט די מענטשהייט אויך פון דענקער און פילאזאפן. ביי דיכטער זוכן מיר דאס, וואס נאר דיכטער אליין פארמאגן, און דאס איז — שיינקייט, לעבעדיגע געשטאלטן. אין וואס באשטייט די שיינקייט, די קונסט, דאס נ י י ע לעבן, וואס שעקספיר אדער סערוואנטעס אדער געטע האט געשאפן? וואס פאר א נייעם אויסדרוקס־כח האבן זיי אריינגעלייגט אין דער קינסטלערישער פארם? וואס פאר א געשטאלטונגס־מעטאדן האבן זיי געברויכט? וואס פאר אן אייגנארטיגן כאראקטער האט זייער סטיל און דער גאנצער ריטם פון זייער שאפן? אויף דעם וועט איר אומזיסט זוכן אן ענטפער אין פ. קאגאנ'ס „געשיכטע פון די מערב־אייראפעאישע ליטעראטורן". אזוי ווי די געשיכטע פון ליטעראטור זאל זיין באמת נאר א געשיכטע פון אידייען, פון מאראל, פון סאציאלע, פאליטישע און עקאנאמישע אומשטענדן!

די געשיכטע פון ליטעראטור איז און מוז זיין פריער ווי אלץ ל י ט ע ר א ט ו ר ־ געשיכטע, געשיכטע פון ל י ט ע ר א ר י ש ן שאפן און ל י ט ע ר א ר י ש ע אנטוויקלונגען.

די אידייען, די מאראל, די פאליטיק, די עקאנאמיק פון דער צייט און די גאנצע אזוי־אנגערופענע סביבה ווירקן זייער שטארק אויף דער ליטעראטור, אבער זיי מאכן זי דאך נישט פאר אוים ליטעראטור, זיי נעמען נישט צו ביי איר די מעגלאכ־

קייט פון אן אייגענער אינעווייניגסטער שעפערישער עקזיסטענץ. זיי פאסן זי איין אין א געוויסער ראם, אבער אין דער ראם פון דער באשטימטער צייט און דער באשטימטער סביבה געפינט זיך דאך אִ י ר בילד, דאס בילד פון דער ווארט־קונסט, ניט דאס בילד פון דער מאראל אדער דער עקאנאמיק אדער דער פא־ ליטיק פון דער צייט.

אמאל, ווען מען האט זיך גאר אינגאנצן ניט גערעכנט מיט דער אלגעמיינער קולטור־היסטארישער אטמאספערע פון לי־ טעראַרישע אנטוויקלונגען, ווען מען האט זיי באטראכט און גע־ פארשט און געשילדערט אינגאנצן אפגעזונדערט פון דעם ארו־ מיגן לעבן, אזוי ווי דער שרייבער וואלט זיך געפונען אויסער דער מענטשלאכער געזעלשאפט און ניט געהאט גאר קיין שייכות צו דעם גייסט און דער קולטור פון דער עפאכע, — איז עס געווען א גרויסער אויפטו, ווען מען האט אנגעהויבן צו באַ־ טראכטן די געשיכטע פון דער ליטעראטור אין פארבינדונג מיט דער אלגעמיינער קולטור־געשיכטע. עס וועט איצט שוין קיינעם ניט איינפאלן צו איזאלירן אינגאנצן די ליטעראטור פון דעם ארומיגן לעבן. אלע ווייסן איצט, אז ליטעראטור־געשיכטע איז געשיכטע, נישט נאר ליטעראטור. אבער מען טאר דאך נישט פארגעסן, אז עס איז ניט סתם אזוי געשיכטע, נאר געשיכטע פון ליטעראטור, ד. ה., פון א זעלבשטענדיגן און א שעפערישן אויסדרוק פון דער אלגעמיין־היסטארישער אנטוויקלונג, נישט נאר פון אירער אן אפשפיגלונג און נישט נאר פון אן אילוסטראַ־ ציע צו איר.

פאר אונזער פארפאסער איז די ליטעראטור אזוי ווי נאר א מיטל צו באקענען דעם לעזער מיט די אידייען, די לעבנס־פארמען און די סאציאל־עקאנאמישע אומשטענדן פון פארשיידענע תקופות. פאר אים איז די ליטעראטור, אין בעסטן פאל, א לאבאראטאריע פון נייע געדאנקען, ניט קיין וועלט פון אלזייטיגער שאפונג, ניט קיין וועלט, וואו עס ווירקן אזעלכע וואונדערלאכע כחות, ווי די פערזענלאכקייט פון דעם קינסטלער און די קונסט פון דער פערזענלאכקייט.

דערפאַר איז עס ניט קיין אמת'ע ליטעראַטור־געשיכטע. דאָס זיינען קאַפּיטלאַך אין דער געשיכטע פון דער אייראָפּעאישער קולטור, פון דעם אייראָפּעאישן לעבן, ליטעראַריש אילוסטרירט.

אַן אמת'ע געשיכטע פון ליטעראַטור מוז געווים איינשליסן אין זיך אַ בילד פון דער סביבה, און פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין איר, אָבער זי טאָר נישט פאַרגעסן, אַז ליטעראַטור איז אַ שעפערישע קראַפט, ניט נאָר אַ רעזולטאַט פון ארום.*)

י"ג. מאַרקסיסטישע קריטיק.

מאַרקסיסטישע קריטיק עקזיסטירט שוין אַ לאַנגע צייט. זי האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט נאָך איידער עס איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. זי איז ניט קיין רעזולטאַט פון דער באַוועגונג צו שאַפן „פּראָלעטאַרישע קונסט". זי איז גיכער, פאַרקערט, אַן אורזאַך פון דער דאָזיגער באַוועגונג.

אָבער איר ציל איז געווען אין אָנהויב ניט אַזוי צו סטימולירן די שאַפונג פון אַ נייער, „פּראָלעטאַרישער", קונסט, ווי צו דערקלערן און אָפּצושאַצן אויף אַ נייעם שטייגער די עקזיסטירענדיגע קונסטווערק. זי האָט זיי געזאָלט דערקלערן און אָפּשאַצן פון דעם שטאַנדפּונקט פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, ספּעציעל פון דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסנקאַמף.

די מאַרקסיסטן, וואָס האָבן געפּרוווט אָנווענדן אָט דעם מעטאָד אין דער ליטעראַטור־און קונסט־קריטיק, זיינען געווען פאַר זיך גערעכט. זיי זיינען ווינציגסטנס געווען קאָנזעקווענט. לויט זייער מיינונג, איז „די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כחות" די הויפּטזאַך, וואָס באַשטימט דעם כאַראַקטער

*) די איבערזעצונג איז אַ גוטע, אָבער עס טרעפן זיך אוינציגע נישט־געלונגענע ווערטער און אויסדרוקן, ווי, צום ביישפּיל, „פילאָזאָפן פון דער אַלטערטימלאַכקייט", „דעם מענטשענ'ס שכל קאָן זיך ניט אָפּזאָגן פון דער איינשאַפטליכער פאַר איום באַדערפניש", „התלהבותדיגע תסתכלות", „ראַוועסניקעס", „גייסטליבשאַפט" א. ד. ג.

פון דער גאַנצער קולטור; היינט ווי איז עס מעגלאַך, אַז דאָס זאָל ניט ווירקן אויך אויף דעם כאַראַקטער פון דער קונסט? זיי האַלטן, אַז אָן דעם קאַמף, וואָס קומט פאַר צווישן די געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן, ווענדן זיך אַלע פאָרמען פון לעבן; איז דאָך קלאָר, אַז אין אים דאַרף מען זוכן אויך דעם שליסל צו די פאַרשיידענע קונסט־פאָרמען: האָט מען געגומען זוכן.

אין איין גרופּע קינסטלער האָט מען אויפגעדעקט די ווירקונג פון דער „פעאָדאַלער ווירטשאַפט". אַן אַנדער גרופּע איז געוואָרן דער אויסדרוק פון קאַפּיטאַליזם. איין קינסטלער האָט מען געמאַכט פאַר דעם קלאַסן־אידעאָלאָג פון די פּריצים, אַן אַנדערער האָט זיך מיט אַמאָל דערוואוסט, אַז ער איז גאָר אַ „קליינבירגערלאַכער אידעאָלאָג", א. אַז. וו.

איז עס געוועזן קינסטלעריש אומפּרוכטבאַר. מיט סאָציאָלאָגישע מעטאָדן קאָן מען פיל דערקלערן אין קונסט, אָבער ניט דעם עיקר, — ניט דאָס קינסטלערישע אין איר. דער סאָציאָלאָג האָט צו טאָן מיט גרויסע צאָלן, מיט מאַסן דערשיינונגען. אין קונסט איז דער ווערט דער עיקר, ניט די צאָל; אין קונסט איז דער עיקר דאָס איינציגע, דאָס אינדיווידועלע, ניט דאָס מאַסנהאַפטיגע.

אין די ווערק פון אַ לעוו טאָלסטאָי קענען זיך טאַקע זיין שפּורן פון דער „פּריצישער סביבה", וואָס אין איר איז ער אויפגעצויגן געוואָרן. אָבער האָבן דען די „שפּורן" עפּעס אַ שייכות צום עיקר ווערט פון טאָלסטאָי'ס שאַפן, צו דעם, וואָס קיינער, אַ חוץ אים, האָט נישט געקאָנט געבן? אָט איז אויך בונין, זאָגן די מאַרקסיסטן, אַ „פּריצישער שרייבער". מאַכט עס אים ענלאַך אויף טאָלסטאָי'ען? ווען זיי זאָלן ביידע אפילו האָבן עפּעס בשותפות'דיגס, איז קלאָר, אַז ניט דאָס בשותפות'דיגע איז ווערטפול אין זיי, נאָר פאַרקערט, דאָס אינדיווידועלע, דאָס, וואָס יעדער פון זיי האָט אַרויסגעבראַכט אַליין און אויף זיין אייגענעם אָריגינעלן אופן.

געוויס איז אמת, אַז דער קינסטלער, ווי יעטווידער אַנדער מענטש, געהערט צו אַ באַשטימטער סאָציאַלער גרופּע. אָבער אַ קינסטלער איז דאָך דערמיט אַנדערש פון דעם געוויינטלאַכן

מענטשן, וואָס דורך זיין סאָציאַלער גרופּע זעט ער — און שאַפט — עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער ווי אַ סאָציאַלע גרופּנ־זאַך. ווען ער זאָל דאָס נישט טאָן, וואָלט ער געווען אַן ענטנאָ־גראַף, אַ מיליע־שילדערער און וואָס איר ווילט אַליין, נאָר נישט קיין קינסטלער. די מאַרקסיסטן מוזן אַליין צוגעבן, אַז די גרויסע און אַפילו די קלענערע טאָלסטאָי׳ס וואַקסן־איבער די קלאַסנמיליע, צו וועלכער זיי געהערן, אַזוי ווי זיי לעבן־איבער די „צייט”, די עפּאָכע, כאָטש זי ווירקט אויף זיי אין געוויסע פּרטים. גריבלען זיך אין די צייט־און סביבה־אומשטענדן פון אַ קינסטלער אָדער אַ קונסטווערק האָט אַ זינען נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס ראַמט אָפּ דעם וועג און העלפט אונז צוקומען צו דאָס איבערצייטלאַכע און איבער־סביבה׳דיגע, וואָס איז אין אים.

די מאַרקסיסטישע קריטיקער קאָנען נישט אַרויסקריכן פון די צייט־און אָרט־באַדינגונגען. דערפאַר קאָן זייער אַרבעט פירן אפשר צו קולטור־געשיכטלאַכע, צו סאָציאָלאָגישע, אָבער ניט צו קיין קינסטלערישע רעזולטאַטן.

די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגן האָבן אויפ׳ן געביט פון קונסט־קריטיק נישט געקאָנט זיין פּראָדוקטיוו. אָבער זיי זיינען, ווי געזאָגט געווען טריי צו זייער אַלגעמיינער סאָציאָ־לאָגישער שיטה, און עס איז געווען נאַטירלאַך, אַז זיי זאָלן זוכן זי אָנצואווענדן אויך אין דער קונסט.

אין אָנהויב האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט „פּראָלעטאַרישער” קריטיק פון דער עקזיסטירענדיגער קונסט; אין דער לעצ־טער צייט האָבן זיי — דערהויפּט אין רוסלאַנד — גענומען פּרעדיגן די שאַפונג פון אַ נייער, „פּראָלעטאַרישער” קונסט. זיי ריידן שוין איצט וועגן נייע, „פּראָלעטאַרישע”, פאָרמען, נישט נאָר ווי פריער, וועגן אַ פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע אין דער קונסט. זיי ווילן רעוואָלוציאָניזירן די מעטאָדן און דעם אינעווייניגסטן ריטם פון קינסטלערישן שאַפן, נישט נאָר זיינע געזעלשאַפטלאַכע און פּאָליטישע טענדענצן. זיי טראַכטן־צו פאַרשיידענע פּראָגראַמען, מאַכן פאַרשיידענע עקספּערימענטן...

אָבער איך וויל דאָ נישט ריידן וועגן די פּראָבעס, וואָס

ווערן געמאַכט צו שאַפן אַ „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור". מיך אינטערעסירט דאָ נאָר די מאַרקסיסטישע קריטיק.

ניט אַלע מאַרקסיסטישע קריטיקער האַלטן, אַז עס איז שוין געקומען די צייט (אָדער אַז עס וועט קומען ווען עס איז אַ צייט) פאַר פּראָלעטאַרישער קונסט. אַזעלכע קריטיקער זיינען ל. טראָצקי אין דער רוסישער ליטעראַטור און מ. ליטוואַקאָוו — אין דער אידישער.

ל. טראָצקי.

אין דער פּאָליטישער וועלט איז אָנגענומען צו שטעלן העכער לענינ'ען פאַר טראָצקי'ן. דאָס איז די מיינונג, וואָס איז דער־הויפּט פאַרשפּרייט צווישן זייערע ביידנס פּאַרטיי־חברים — די קאָמוניסטן, און זיי זיינען — פון זייער פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט און אויך פון אַ ברייטערן היסטאָרישן שטאַנדפּונקט — גע־רעכט.

לענין האָט זיך זיכער מער געפּאַסט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן פּאַרטיי־פירער, ווי טראָצקי. לענין האָט אין זיך צייטנווייז פאַר־אייניגט פעסטקייט מיט בויגעוודיגקייט. דערהויפּט אָבער האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גראַדליניגער, ווען אפילו עלאַסטישער, אַנטשלאָסנקייט, מיט אַן אכזריות'דיגער איינזייטיגקייט, מיט אַ קאָנצענטרירטער, איינגעשפּאַרטער און אומ'ברחמנות'דיגער ווילנס־קראַפט. דאָס זיינען מעלות און חסרונות, וועלכע זיינען ביז גאָר נויטיג פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן פירער... לענין איז געווען אַ גרויסער כאַראַקטער, און אין דעם זינען האָט זיך קיינער נישט געקאָנט מיט אים פאַרגלייכן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אַז מען זאָל אָבער פרעגן, ווער איז צווישן די פירנדיגע גייסטער פון סאָוועט־רוסלאַנד דער טאַלאַנטפולסטער, דער אַלזייטיגסטער, דער גלענצענדסטער, וועט מען מוזן ענטפערן: טראָצקי.

ער איז שוין אָביסל צו באַגאַבט, צו אַלזייטיג און צו טעמ־פּעראַמענטפול פאַר אַ מענטשן, וועלכער מוז היטן דיסציפּלין און זיין טריי די באַשלוסן פון דער מערהייט. אויך קאָן ער צו גוט און ליבט צופיל דעם כח און כשוף פון וואָרט. דאָס איז

נישט תמיד א מעלה פאַר אַ מאַן פון טאַט. דאָס איז אָבער שטאַרק צוניץ געקומען טראָצקי׳ן דעם רעדנער און אויך דעם שרייבער טראָצקי׳ן.

דאָס געשריבענע, ווי דאָס גערעדטע וואָרט איז ביי אים, ווי ביי יעדן אמת׳ן שרייבער און אמת׳ן רעדנער, אַ פאָרם פון זעלבסטאויסדרוק. ער געהערט ניט צו יענע פּאַרטיי־פּירער, וואָס נעמען זיך פאַר דער פּען אוים פליכט אָדער לשם פּראָפּאַגאַנדע. ער וואָלט זיך סאַי־ווי אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור, וואָרים שרייבן איז ביי אים אַן אינעווייניגסטע באַדערפעניש, אַ ליידנשאַפט. ער האָט הנאה פון שרייבן. אַ געלונגענער זאַץ, אַ שאַרפע כאַראַקטעריסטיק, אַ קרעפטיגער אויסדרוק, אַ וויציגער עפּיטעט, אַ שניידיגע איראָניע און דערהויפּט אַ בייסיג, סאַרקאַסטיש ווערטל, אַ שטעכווערטל, פאַרשאַפט אים פרייד... ער איז באַרימט געוואָרן אין דער וועלט ווי דער אָרגאַניזאַטאָר און דער באַגייסטערער פון דער רויטער אַרמיי, ווי אַ שרייבער איז ער באַקאַנט נאָר אין רוסלאַנד, אָבער זיין אמת׳ער, כאָטש זיכער ניט זיין איינציגער, באַרוף איז — שרייבן. און זיין בוך „ליטעראַטורא אי רעוואָלוציאַ״ (ליטעראַטור און רעוואָלוציע) וואָלט גע־ווען פאַר אונז אינטערעסאַנט אויך ווען ער זאָל זיין נישט קיין וועלטבאַרימטהייט. עס איז פאַראַן אין דעם בוך אמת׳ער סאַר־קאַזם, שאַרפע סאַטירע, הייסע פּאָלעמיק, און דערהויפּט — טאַ־לאַנט...

דער מעטאָד פון טראָצקי׳ס ליטעראַרישער קריטיק איז דער מעטאָד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, פון מאַרקסיזם. אָבער מען איז נישט מחויב אָנצונעמען דעם דאָזיגן מעטאָד אין די אַלע אויספירונגען, וואָס טראָצקי מאַכט פון דעם, כדי צו האָבן אַן אינטערעס פאַר זיין שרייבן. ווי אין יעדער קריטיק, זוכן מיר אויך אין טראָצקי׳ס בוך וועגן ליטעראַטור, פריער פאַר אַלץ, אויסדרוקסקראַפט, שאַפונגפייאיגקייט, ליטעראַרישע קונסט, דער־נאָך ערשט פרעגן מיר זיך, צי זיינען מיר מסכים מיט דעם פאַר־פאַסער אָדער נישט. מיר לאָזן נישט דער מיינונג אונזערע־ווערן אַ מחיצה צווישן אונז און דעם שאַפנדיגן גייסט. אַ מיי־

גונג גייט אוועק, א מיינונג קומט, דער שאפונגסגייסט בלייבט. די, וואס צאמען־ארום די קונסט און זיך אליין מיט די בייזע, שטעכיגע דראט פון סאציאלע און אנדערע פארטייאישקייטן, ווערן באשטראפט פון זייער אייגענער איינזייטיגקייט: זי באגרעניצט זייערע גייסטיגע גענוס־מעגלאכקייטן, זי פארשטעלט פון זיי יעדע אלע שאפונגסקוואלן, וועלכע זיינען טיפער פון סאציאלע און אנדערע סתירות. זי לאזט איבער אין זייער רשות, ווען זיי זיינען רעוואלוציאנער־פארטייאיש, נאר די ווערק, וועלכע „דינען דער רעוואלוציע". אלע איבעריגע זיינען פאר זיי „אסור בהנאה". זיי ווערן קינסטלערישע אסקעטן.

אנדערש איז מיט די, וועלכע פילן, אז רעוואלוציע איז ניט אלץ (אפילו אין אן עפאכע פון רעוואלוציע). זיי זוכן אין ליטעראטור — ליטעראטור, נישט עפעס אנדערש. קאנען זיי געניסן אפילו די ווערק, וועלכע זיינען געשאפן פון זייער פאליטישן און סאציאלן פיינט. א ליטערארישער געגנער אפילו קאן זיי געפעלן, ווען ער שרייבט גוט.

טראצקי קאן זיין אונזערער א פאליטישער און נאך מער א ליטערארישער שונא, אבער ער האט א לעבעדיגע, א שארפע און אן אויסדרוקספולע פען; ער געהערט צו דער שרייבער־משפחה. איז ער אונז נעענטער, ווי יענע, וואס זייער איינציגע מעלה איז — זייער „ריכטיגע מיינונג" און וואס אין דער אמת'ן זיינען זיי א פסול אין דער ליטערארישער משפחה.

טראצקי געפעלט מיר מיט זיין ווי, אבער ניט מיט זיין וואס.

זיין בוך איז פול מיט מיינונגען, וואס זיינען דורכאויס פאלש, לויט מיין מיינונג. ער זעט און זוכט אין ליטעראטור, און אפילו אין די ווערק פון איינציגע שרייבער, נישט נאר אין גאנצע ליטערארישע תקופות, דעם אויסדרוק פון קלאסן־אינטערעסן און קלאסן־פסיכאלאגיע. ער מאכט זיך אפט נישט וויסנדיג פון די טיפערע און ברייטערע ווערטן, וואס זיינען דא אין יעדן אמת'ן שאפן. ער איז גרייט איבערצוגעבן דער רעגירונג — דער „ארבעטער־און פויערים־רעגירונג" — דעם קאנטראל און די השגחה איבער דער ליטעראטור. אט דער גאנג

מוז יעדן איינעם, וואָס איז ניט קיין פּאַרטיי־רעוואָלוציאָנער, זיין פרעמד און דערווידער.

אָבער דאָס איז דאָך נישט נאָר טראָצקי'ס שיטה. א גרוי־סער טייל פון דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענץ איז דורכגע־דרונגען מיט איר; אין רוסלאַנד שפּילט זי איצט אַ דאָמינירנדיגע ראָליע. און אַז מען וויל וויסן, וואָס זי איז אויסן, איז בעסער צו לייענען, וואָס עס שרייבט אַזאַ פאָרשטייער אירער, ווי ל. טראָצקי, איידער צו לייענען אַזעלכע, וועלכע האָבן גאָר ניט קיין שייכות צו קונסט־פראַגן. יענע זיינען נישט נאָר לאַנג־ווייליג און נישט־אינטערעסאַנט פון אַן אַלגעמיין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. יענע פאַרקריפּלען און מאַכן לעבערלאַך זייער אייגענע טעאָריע. זי זעט אויס ביי זיי נאַרישער, ווי זי איז אין דער אמת'ן, זי ליידט פון זייער אומפייאיגקייט און פון זייער פרעמד זיין צום ענין פון ליטעראַרישן שאַפן, נישט נאָר פון איר אייגענער פאַלשקייט. ווילן מיר זי קענען, ווי זי איז; ווילן מיר זי האַלטן פאַראַנטוואָרטלאַך נאָר פאַר אירע אייגענע און אמת'ע זינד קעגן קונסט און נישט פאַר די זינד, אין וועלכע עס זיינען שולדיג אירע טעמפּע פאָרשטייער, נישט זי אַליין, דאַרפן מיר לייענען טראָצקי'ס „ליטעראַטורא אי רעוואָלוציאַ".

טראָצקי פילט און פאַרשטייט ליטעראַטור. ער וואָלט זי נאָך טיפער געפילט און בעסער פאַרשטאַנען, ווען ער זאָל זיין פריי און נישט געבונדן פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעאָריע און רעוואָלו־ציאָנערער פּראַקטיק. אין זיין אינעווייניגסטער באַציאונג צו קונסט איז ער קינסטלערישער, ווי זיין מעטאָד דערלויבט עס אים. עס קומט־פאָר אין אים אַ שטילע, פאַרשטיקטע מלחמה צווישן זיין קינסטלערישן געוויסן און זיין „קלאַסנבאַוואוסטזיין". עס מערקט זיך ביי אים אַ שטרעבונג, אַן אומבאַוואוסטזיניגע שטרע־בונג איינצוצאַמען, אנשטאַט אויסצושפּרייטן די דיקטאַטור פון דער „פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע" אינ'ם קינסטלערישן שאַפן. קאָן עס נישט געפעלן דעם עקסטרעמען אָנהענגער פון „פּראָלעט־קולט", אָבער פאַר'ן זייטיגן מענטשן איז עס ניצלאַך. ניצלאַך דערמיט, וואָס עס גיט אים די מעגלאַכקייט צו זען און צו באַ־

טראַכטן דעם „קלאַסנשטאַנדפּונקט“ אין דער ליטעראַרישער קריטיק נישט דאָן, ווען ער ווערט דערפירט ביז צו לעבערלאַכקייט, נאָר דוקא דאָן, ווען ער ווייסט זיינע גרעניצן און האָט אַ געוויסן זין.

מען מערקט כמעט אין יעדן פּאַראַגראַף ביי טראָצקין, אַז ער הערט זיך צו מיט איין אויער צו די פּאַרטיי־שטימען און מיט דעם אַנדערן — צו דער שטים פון זיין איינענעם, אינטעלעקטועלן און עסטעטישן, געוויסן. ער זאָגט: „פּראָדוקטן פון קינסטלערישן שאַפן דאַרפן, פריער ווי אַלץ, געמשפּט ווערן לויט זייערע אייגענע געזעצן, ד. ה. לויט די געזעצן פון קונסט. אָבער נאָר דער מאַרקסיזם איז פייאיג צו ד ע ר ק ל ע ר ן, פאַרוואָס און פון וואַנען האָט זיך אין דער געגעבענער עפּאָכע גענומען די געגעבענע קונסט־ריכטונג, ד. ה. ווער און פאַרוואָס האָט פאַרלאַנגט גראָד אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען“. קאָן מען אים דערמאָנען, אַז נישט נאָר דער מאַרקסיזם, אויך די טעאָריע פון דעם נישט־מאַרקסיסטישן אידעאַליזם, אויך די טעאָריע... פּאָליט טען גלויבט, אַז זי קאָן דאָס „דערקלערן“. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. וויכטיג איז, וואָס טראָצקי איז מודה (הגם נישט תמיד געדענקט ער), אַז מען קאָן זיין אַ מאַרקסיסט און דאָך משפּט'ן די ווערק פון קינסטלערישן שאַפן לויט זייערע אייגענע געזעצן, ד. ה. לויט די געזעצן פון קונסט פריער ווי אַלץ.

ער וויל אודאי, אַז די ליטעראַטור זאָל דינען דער רעוואָלוציע, דעם פּראָלעטאַריאַט, אָבער ער פאַרשטייט (און האָט דעם מוט צו זאָגן), אַז אַזאַ זאַך, ווי „פּראָלעטאַרישע קולטור איז נישט בלויז ניטאָ, נאָר זי קאָן אויך ניט זיין, און עס איז באמת, זאָגט ער, ניטאָ וואָס צו קלאָגן אויף דעם, וואָרים דער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרכאַפּט די מאַכט טאַקע, כדי צו מאַכן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו דער קלאַסן־קולטור און כדי צו מאַכן ווען פאַר דער מענטשלאַכער קולטור“ (דער שרייבער פון די שורות האָט עס נישט איינמאָל געזאָגט און געשריבן; האָט מען אים דערפאַר אָנגערופן „קליינבירגער“, „בורזשואַזער אידעאָ־

לאַנג" אַ. ד. גל.). אין דער איבערגאַנגסצייט, אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע, דאַרף דער אַרבעטער־קלאַס, לויט טראָצקי'ן, ווען איינצוואַפּן אין זיך די געזונטע און לעבנספייאיגע עלעמענטן פון דער עקזיסטירנדיגער קולטור, ערשט דאַן וועט ער קאָנען העלפן שאַפן אַ נייע לעבנס־פאָרם.

טראָצקי געדענקט זייער גוט, אַז ער איז דער פירער פון דער רויטער אַרמיי (דאָס בוך, וואָס וועגן אים רייד איך דאָ, איז אַרויס נאָך אין יאָר 1923), זאָגט ער אָפן, אַז „אויב די רעוואָ־לוציע האָט רעכט, ווען עס איז נויטיג, צו צעשטערן בריקן און קינסטלערישע מאָנומענטן, וועט זי אודאי נישט מורא האָבן אַרויפצולייגן איר האַנט אויף יעדער קונסטריכטונג, וועלכע איז, ביי אַלע אירע פאָרמעלע דערגרייכונגען, מסוגל אַריינצוטראָגן אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה, אַ אַז. וו. אונזער קריטעריום איז אַ בולט פּאָליטישער, באַפעלערישער און אומטאָלעראַנטער". אָבער צו גלייכער צייט ווייסט טראָצקי (און ער וויל, אַז אויך זיינע חברים זאָלן וויסן), אַז „די צילן, אויפגאַבן און מעטאָדן פון אַרבעטער־קלאַס זיינען ניט אין ערך מער קאָנקרעט, באַשטימט און טעאָרעטיש באַאַרבעט, אין דער ווירטשאַפט, ווי אין דער קונסט", און ער ראָט צו זיין זייער פאָרזיכטיג, ווען עס רעדט זיך וועגן דער קאָמוניסטישער „רע־גולירונג" און אָפּשאַצונג פון קונסט־ווערק.

טראָצקי'ס בוך פאַרמאָגט אַ היבש ביסל פּאָזיטיווע געדאַנ־קען און אָריגינעלע באַמערקונגען וועגן קונסט און ליטעראַטור בכלל און דערהויפּט וועגן יענער קונסט און יענער ליטעראַ־טור, וועלכע וועלן, לויט טראָצקי'ס מיינונג, אויסוואַקסן אין דער קומענדיגער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די הויפּטבאַדייטונג פון דעם בוך אָבער ליגט אין דעם, וואָס עס ציינט אונז, אַז מען קאָן זיין אַ מאַרקסיסט און דאָך פאַרשטיין, אַז ווען מען וויל אָנווענדן דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אין קונסט־פראַגן, מוז מען זיין פאָרזיכטיג און איינגעהאַלטן. די אמת'ע קונסט האָט שוין איצט אין זיך עפּעס פון דער צוקונפט, פון יענער צייט, ווען דער קלאַסנשטאַנדפּונקט וועט מער ניט עקזיסטירן. די אמת'ע קינסטלער שאַפן שוין איצט אַזוינע ווערק, וועלכע גייען־איבער

דעם קלאַסנגרעניץ פון דער היינטיגער געזעלשאַפט. טראָצקי זאָגט דאָס ניט בפירוש, אָבער ער ברענגט אַזאַ ביישפיל, וואָס קאָן אַנדערש ניט אויסגעטייטש ווערן, ווי נאָר אין דעם זינען. ער פרעגט:

„אין דער „געטליכער קאָמעדיע" האָט זיך געוויס אָפּגעשפיגלט דאָס לעבן פון באַשטימטע קלאַסן אין אַ באַשטימטער עפּאָכע. היינט ווי קאָנען מיר עס נאָך היינט געניסן, ווי אַ קונסטווערק?" „דאָס דערקלערט זיך", גיט ער אונז צו פאַרשטיין, „דורך דעם, וואָס די קלאַסנגעזעלשאַפט האָט געוויסע שותפות'ע שטריכן, ניט געקוקט אויף איר גאַנצער פאַרענדערלאַכקייט. קונסטווערק, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַ מיטלאַלטערלאַכער איטאַליענישער שטאָט, קאָנען, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אָנשטעקן אויך אונז. וואָס איז דערצו נויטיג? ניט קיין סך: עס איז נויטיג, אַז אָט די געפילן און שטימונגען זאָלן קריגן אַזאַ ברייטן, אָנגעשטרענגטן, מעכטיגן אויסדרוק, וועלכער זאָל זיי אויפהויבן איבער דער באַגרעניצטקייט פון דעם דעמאָלסטדיגן לעבן. אודאי איז אויך דאַנטע אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה. אָבער דאַנטע איז אַ געני, הויבט ער אויף די איבערלעבונגען פון זיין עפּאָכע אויף אַ מורא'דיגער קינסטלערישער הויך". הייסט עס ניט, אַז אין קונסט זיינען דאָ דויערנדיגע אָדער ווי מען רופט עס אָן, אייביגע ווערטן? הייסט עס ניט, אַז אַ אמת קונסט־ווערק, כאָטש עס איז „אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה", לעבט עס פונדעסטוועגן אויך דאַן, ווען פון דער סביבה אין וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן, איז שוין לאַנג קיין זכר ניטאָ? אָבער אַזאַ מיינונג מעג האָבן נאָר טראָצקי. ניט קיין קאָמוניסט, ווען ער שטייט אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט, איז ער . . . אַ „בורזשואַזער אידעאָלאָג"..

מ. ליטוואַקאָוו.

מ. ליטוואַקאָוו איז דער הויפּט־טאָנגעבער פון דער אידישער ליטעראַרישער קריטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. ער איז דער, וואָס „שטייט אויף דער וואַך פון דער אָ ק ט אָ ב ע ר ־ רעוואָלוציע"

אין דער אידישער ליטעראטור. ער פסק'ענט, צי איז א ווערק כשר, צי איז עס טריף אָדער עס האָט אויף זיך א סרכא, לויט דעם קאָמוניסטישן יורה־דעה... איז דער באנד „אין אומרו", אין וועלכן עס זיינען אריין אלע קריטישע ארטיקלען, וואָס מ. ליטוואקאָוו האָט געשריבן „אין א משך צייט פון 1918 ביז 1926 איינגעשלאָסן", — א מין „שאלות ותשובות" פון א קאָמוניסטיש־קריטישן פוסק. קוקט מען אריין אין זיי, באקענט מען זיך מיט א וואריאנט פון דעם מארקסיסטישן מעטאָד אין דער ליטעראַרישער קריטיק.

מען דערוויסט זיך, ווען מען לייענט די פ אָ ר ר י ד, „אז דער מארקסיסטישער מעטאָד אין דער אָנווענדונג פון א מענשוועוויק און דערזעלבער מעטאָד אין דער אָנווענדונג פון א קאָמוניסט־לעניניסט איז ניט איינס און דאָס זעלבע — ס'איז פאָלג מיך א גאנג"...

אין וואָס אייגנטלאך אָט דער אונטערשייד באשטייט, איז מיר ניט קלאָר געוואָרן, און איך וואָלט זיך ניט אָנגענומען אים צו פאָרמולירן, אָבער איינציגע פרטים צייגן זיכער, אז דער פארפאסער איז ניט סתם אזוי א מארקסיסט, נאָר א „קאָמוניסטיש־לעניניסטישער" מארקסיסט.

וואָסערע פאָדערונגען שטעלט אָט דער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ־ ל ע נ י נ י ס ט י ש ־מארקסיסטישער קריטיקער צו דער אידישער ליטעראטור? פארלאנגט ער פון איר, אז זי זאָל זיין „פראָלע־טאריש"? האלט ער, ווי אנדערע חברים זיינע, אז עס דארף און קאָן שוין איצט זיין אזא זאך, ווי פראָלעטארישע קונסט? ווייס ער, וואָס דאָס איז אזוינס פראָלעטארישע קונסט? ער גלויבט, אז ער ווייס, וואָס דאָס איז, אָבער ער האלט, אז עס איז נאָך ניט געקומען די צייט דערפאר. ערשט דאן, זאָגט ער, וועט מעגלאך זיין דאָס, וואָס ער רופט אָן פראָלעטארישע ליטע־ראטור, ווען „דער זיגרייכער ארבעטער־קלאס וועט שאפן ניט בלויז א פלאנירטעווירטשאפט, נאָר אויך א פלאנירטע קול־טור, (און) אָנשטאָט דער סטיכיע פון געפילן וועט הערשן דער באגייסטערטער רעגולאטאָר פונ'ם פארשטאנד. דאָס הייסט ניט, (זאָגט ער) אז מיר וועלן ווערן עמאַציאָנסלאָזע פארשטאנד־

מעכאַניזמען. דאָס הייסט נאָר, אַז ס׳וועט קומען דער העכסטער סינטעז, ווען געפילן וועלן דערגרייכן די גענויקייט פון פאַר־שטאַנד און דער פאַרשטאַנד וועט אין זיך איינזאַפּן די וויברי־רונגען פונ׳ם וואַכן געפיל״... נו, און דערווייל, כל־זמן די גע־פילן האָבן נאָך נישט דערגרייכט די נישט נאָר גענויע — „גע־נויקייט פון פאַרשטאַנד״ און דער פאַרשטאַנד האָט נאָך נישט באַוויזן דעם קונץ „איינצוזאַפּן אין זיך די וויברירונג פונ׳ם וואַכן געפיל״? דערווייל האָט מ. ליטוואַקאָוו גענוג געפיל פון מאָס און ליטעראַרישן פאַרשטאַנד צו פּראָטעסטירן קעגן יענער „פאַבריק־מליצה און רעוואָלוציאָנערער טאַראַראַם־ליטעראַטור״, וועלכע מאַכט דעם אָנשטעל פון דער איינציג־אמת׳ער „פּראָלע־טאַרישער״ פּאָעזיע. דערווייל זאָגט ער ארוים וועגן דעם גאַנץ קלוגע און געלאַסענע מיינונגען. „איך לייקן כלל ניט, זאָגט ער, אין דער נויטיגקייט פונ׳ם פּראָלעטקולט, ווי אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו ס׳קומען פאָר די זוכענישן פונ׳ם פּראָלעטאַרישן קונסט־גייסט. איך בין אויך ניט מסכים מיט איינגע אויספירן פון ח׳ טראָצקי וועגן דער אוממעגלאַכקייט פון פּראָלעטאַרישער קולטור איבערהויפּט, אָבער דאָס איז געווים, אַז נאָך גאַנץ לאַנג וועט פאַר׳ן פּראָלעטאַריאַט שטיין די אויפגאַבע ניט אַזוי צו שאַפן אַן אייגענע קולטור, נאָר צו ירש׳ענען די אמת׳ע ווערטן פון דער אַלטער קולטור און אין דער ערשטער ריי זיך צו באַהעפטן מיט קולטור איבערהויפּט — — — פריער באַהערש די עלע־מענטאַרע מלאכה פון שרייבן, פריער לערן זיך שאַפן אַן איי־גענע פּרעסע, קאָן פריער האַלטן די פען אין האַנט און זי פאַר־וואַנדלען אין זיין אייגענעם אינסטרומענט, וואָס זאָל דורכעגבערן די געדיכטעניש פון פינסטערניש, פוילקייט, עולה׳ס און מיס־ברויכן, וועלכע רינגלען דיך אַרום, — דאַן וועט זיך שוין ממילא שטעלן, און ביי מער גינסטיגע באַדינגונגען, אויך די פּראָבלעם פון אַן אייגענער סינטעטישער קולטור״...

אַלזוי, דערווייל האַלט נאָך דער פּראָלעטאַריאַט ניט ביי שאַפן זיין אייגענע קולטור, ער דאַרף ערשט פריער „ירש׳ענען די אמת׳ע ווערטען פון דער אַלטער קולטור״. און די הויפּט אויפגאַבע פון דער קאָמוניסטיש־מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־

קריטיק דאַרף, אויף דעם אופן, באַשטיין אין אויסגעפינען און אָנ־ציינן וואָסערע ווערטען פון דער עקזיסטירענדער ליטעראַטור זיינע „אמת׳ע" און וואָסערע ניט.

איז דאָס אייגנטלאַך אַן אויפגאַבע פון יעדער קריטיק. אָבער עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם ניט־מאַרקסיס־טישן און דעם מאַרקסיסטישן קריטיקער אין דער אויסטייטשונג פון דעם באַגריף „אמת׳ער ווערט".

דער ניט־מאַרקסיסט גלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אַזעל־כע אמת׳ע ליטעראַרישע ווערטן, וועלכע זיינען דויערהאַפטיגער, ווי די אָדער יענע סאָציאַלע לאַגע פון דער אָדער יענער סאָציאַלער גרופּע. דער מאַרקסיסט האַלט, אַז יעדער געזעלשאַפטלאַכער קלאַס האָט זיינע באַזונדערע ליטעראַרישע ווערטן, — אַזעלכע און נאָר אַזעלכע וואָס אין דעם געגעבענעם מאָמענט דינען זיי די צילן פון זיין הערשאַפט אָדער באַפרייאונג. אָבער צו גלייכער צייט איז מ. ליטוואַקאָוו מודה, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי „קולטור איבערהויפּט". מאַכט עס זיין אויפגאַבע שווער־לאַך. פון איין זייט, אינטערעסירן אים נאָר די ווערטן, וואָס לויט זיין מיינונג זיינען זיי נויטיג דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס; פון דער אַנדער זייט, קאָן ער נישט פאַרגעסן, אַז אפילו אין דער „בורזשואַזער קולטור" איז דאָ אַזאַ זאַך „וואָס ס׳לוינט פון איר צו ירש׳ענען און ס׳איז ווערט גע׳ירש׳ענט צו ווערן"

פון איין זייט, טרעפט, אַז ער שאַצט־אָפּ זאַכן — און שאַצט אָפּ ריכטיג — פון אַ ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפונקט, פון אַ שטאַנדפונקט, וואָס באַנוגנט זיך ניט מיט דער אידעאָלאָגיע און דער סאָציאַלער פונקציע פון אַ קונסטווערק. ער ווייס, צום ביישפּיל, אַז טורגעניעוו׳ס „שריפטן פון אַ יעגער" זיינען אין דער רוסישער ליטעראַטור געווען וויכטיגער פון גריגאָראָוויטש׳עס „אַנטאָן גאָרעמיקאַ", כאָטש „אין זיין צייט האָט דאָס דאָזיגע ווערק געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און אין אידעאָלאָגישן זין איז דאָס פּראָגרעסיווער... פון טורגעניעוו׳ס „שריפטן פון אַ יעגער". ער שטעלט העכער אַש׳ס „קוילער געסל" פון ווייסענ־בערג׳ס „שטעטל", כאָטש „דאָס שטעטל" איז „אַ ווערק מיט רע־

וואָלוציאָנערן אינהאַלט, וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שטייגער פון דער רעוואָלוציאָנערער אידישער ארבעטער־באַוועגונג פון ערב און בשעת דעם 1905 יאָר"... ער גיט צו, אַז ס'איז „זעלטן, ווען ריינער אינהאַלט זאָל ווערן אַ באַוועגונג־קראַפט אין דער אַנט־וויקלונג פון קונסט. אָט האָבן מיר, למשל, אין רוסיש סעראַפימאָ־וויטש'עס „אייזערנער שטראָם" — ער לייענט זיך מיט אינ־טערעס, ווי „אַ קינסטלערישע קאָרעספּאָנדענץ פונ'ם פּלאַץ פון די געשעהענישן" (לויט טורגעניעוו'ס ווערק), אָבער קיין קונסט־שפּורן לאָזט דאָס ווערק ניט איבער. דאָס איז אַ געהילפס־מיטל צו דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס מיר האָבן דאָס שטאַרק נויטיג, אָבער ניט אַזעלכע ווערק וועלן בילדן די קונסט־ירושה, וואָס אונזער רעוואָלוציע וועט אי־בערלאָזן די קומענדיגע דורות". די קונסט־ירושה פון דער רע־וואָלוציע וועט מוזן, הייסט עס, טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון קונסט, ניט נאָר דעם רעוואָלוציע־שטעמפּל. מ. ליטוואַקאָוו ווייסט עס. פונדעסטוועגן איז, פון דער אַנדער זייט, דער גרעסטער טייל פון זיינע קריטישע אַרטיקלען פאַרנומען ניט מיט קונסט, נאָר מיט רעוואָלוציע. אין דעם גרעסטן טייל פון זיי משפּט ער די נייע ליטעראַטור לויט דעם ווערט, וואָס זי האָט ווי אַן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע, ניט ווי אַ קונסט־אויס־דרוק.

און דאָס נעמט זיך ניט נאָר פון זיין טיפן פאַראינטערעסירט־זיין אין קאָמוניזם. דאָס שטאַמט אויך דערפון, וואָס דער מאַרקסיסטישער מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק איז אַ סאָציאָלאָגישער מעטאָד, אַ סביבה־מעטאָד. ווי אַ מיליע־קריטי־קער מוז זיך ליטוואַקאָוו אָפּגעבן מער מיט די סאָציאַלע אומ־שטענדן, וואָס רינגלען אַרום דעם קינסטלער, ווי מיט דעם קינסטלער אליין. און זיינע פעלערן אין דעם פּרט זיינען אָפט די פעלערן פון זיין מעטאָד. אָפט, אָבער ניט אַלעמאָל. עס טרעפט, אַז זיי נעמען זיך פון זיין פאַלשן אָדער קינסטלאַכן אָ נ ו ו ע נ ד ן דעם מיליע־מעטאָד.

אָט האָט איר אַ ביישפּיל. „מענדעלע" — פּרוּווט אונזער מאַרקסיסטישער קריטיקער באַשטימען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון

אונזערע קלאַסיקער, — „מענדעלע האָט אין זיין שאַפונג אויס־געדריקט דעם אומרו פון דעם פּאַטריאַרכאַלישן אידישן כּלל ע ר ב זיין צעפאַלן ווערן אונטער די קלעפּ פון׳ם אָנקומענדיגן קאַפּי־טאַליזם. שלום־עליכם — דאָס איז דער אויסדרוק פון דער נ א א י ו ו ע ר ב ה ל ה פון׳ם קליינבירגערלאכן אידישן המון צוליב די משונה׳דיגע נסים און „פּאַטעפּאַלנאַסטן״ פון׳ם קאַפּי־טאַליזם, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אריינגעריסן אין דער אידישער סביבה. פּרץ — דאָס איז שוין די מאַניפעסטאַציע פון דער דיפערענצירטער אידישער בורזשואַזער פּערזענלאַכקייט, וואָס אָקאָרשט אויפגעקומען, געפינט זי זיך שוין אונטער דער אויפווירקונג פון צוגווינטן, וואָס בלאָזן פון פאַרשיידענע אַזוי איבערגעפלאָכטענע עפּאָכן: פאַרצויגענער אידישער מיטל־אַלטער, טריאומפירנדער קאַפּיטאַליזם און אויפקומנדיגע אידישע אַרבע־טער באַוועגונג״. פון אויבנאויף קלינגט אָט די כּלומר׳שט סאָ־ציאַל־פּסיכאָלאָגישע פּראָזעאָלאָגיע העכסט מאַרקסיסטיש. ווען איר טראַכט זיך אָבער אריין אין דעם, זעט איר איין, אַז ס׳איז מער פ ר א ז ע ווי מ א ר ק ס י ז ם. איר פרעגט: האָט מ. ליטוואַקאָוו געמאַכט אַן אַנאַליז פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סביבה, וואו עס האָבן געלעבט מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ? האָט ער אויסגעפונען, אַז מענדעלע שטאַמט פון׳ם „פּאַטריאַר־כאַלן אידישען כּלל״, אַז שלום־עליכם איז געווען פאַרבונדן סאָ־ציאַל מיט׳ן „קליינבירגערלאכן אידישן המון״, אַז פּרץ האָט גע־האַט אַ שייכות צו דער „דיפערענצירטער אידישער בורזשו־אַזער פּערזענלאַכקייט, וואָס״ א. אז. וו.? ניין, ער האָט אַזאַ אַנאַליז פון דער סביבה ניט געמאַכט און אַזעלכע אונטערשיידן אין איר ניט אויפגעדעקט, און ניט געקאָנט אויפדעקן. צוויי פון די כאַראַקטעריזירטע שרייבער, שלום־עליכם און פּרץ, זיינען געווען כּמעט אין איינע יאָרן, און האָבן געלעבט כּמעט אין איין צייט און דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן געהערט כּמעט צו איין „קלאַס״ — צום קלאַס פון אינטעלעקטועלע אַרבעטער. פאַר־וואָס פילט זיך אין די ווערק פון איין דיכטער אַזאַ „סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע״ און אין דער שאַפונג פון דעם אַנדערן — אַן אַנ־דערע? פאַרוואָס האָט זיך צו שלום־עליכמ׳ען צוגעקלעפּט גראָד

דער „קליינבערגערלאַכער אידישער המון" און צו פּרץ'ן — די „דיפערענצירטע אידישע בורזשואַזע פּערזענלאַכקייט"? וואו איז די סאָציאַלע אָדער די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג דער־פון?

מ. ליטוואַקאָוו האַלט פון דעם מ י ל י ע ־ מעטאָד, אָבער ער באַנוצט אים א ו י ף א פ א ר ק ע ר ט ן אופן. ער גייט ניט פון דער סביבה צו די שרייבער (ווי עס טוט, צום ביישפּיל, איפּאָליט טען), ער גייט פון די שרייבער צו דער סאָציאַלער סביבה. ווען ער געפינט (אָדער אים דוכט זיך, אַז ער געפינט) אין א דיכטער עפּעס א סאָציאַלן שטריך, זעצט ער דעם ד י כ ט ע ר א ר י י ן אין דער געהעריגער קלאַסן־סביבה און מאַכט אים פאַר איר פאָרשטייער. הייסט דאָס דערקלערן די ווערק פון א שרייבער דורך דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קלאַס, צו וועלכן ער געהערט? דאָס הייסט אַריינ'פּשט'לען אין זיי אַזא „קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע", וועלכע דעם קריטיקער ווילט זיך. דאָס הייסט צ ו ש ר י י ב ן דעם דיכטער צו אַזא אָדער אַן אַנדער קלאַס בהסכם מיט דעם — ריין־סוביעקטיוון — איינדרוק, וועלכן דער קריטיקער האָט פון זיינע ווערק.

געפינט ער אין זיי, אָדער אים דאַכט זיך, אַז ער געפינט אין זיי, „פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע", שטעלט ער אַוועק דעם פאַרפאַסער אין די „ערשטע רייען פון דעם קעמפנדיגן ארבעטער־קלאַס". פאַלט אים איין, אַז אין די ווערק איז דאָ עפּעס „קליינ־בירגערלאַכס", פּסקנ'ט ער, אַז דער שרייבער איז א נאָענטער קרוב מיט דעם קליין־בירגערטום. ער מאַכט ניט דעם מינדסטן פּרואוו אַפילו אָביעקטיוו צו אַנאַליזירן די סאָציאַלע אָפּשטאַמונג און די סאָציאַלע לאַגע פון דעם שרייבער. אים גייט גאָרנישט אָן דעם שרייבער'ס פּראַקטישע קלאַסן־אָנגעהעריגקייט. ער איז אַזוי ווי מודה אומבאַוואוסטזיניגערהייט, אַז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סביבה, צו וועלכער דער שרייבער געהערט פאַקטיש, איז ניט וויכטיג: וויכטיג איז, וואָס פאַר אַן „אידעאָלאָגיע" ער האָט. ער קאָן, הייסט עס, סאָציאַל־עקאָנאָמיש זיין פאַרבונדן מיט איין קלאַס און אידייאיש — מיט אַן אַנדערן. די אי־

דעאָלאָגיע, הייסט עס, פון אַ דיכטער דאַרף ניט זיין געבויט דוקא אויפ׳ן באַזיס פון זיין „עקאָנאָמיק". די דיכטערישע אי־דעאָלאָגיע איז אַזוי ווי אַ זעלבשטענדיגע זאַך...

מאַכט ניט אויס, וואָס דאָס איז גיכער אַן אידעאַליסטישער, ווי אַ מאַטעריאַליסטיש־מאַרקסיסטישער געדאַנקענגאַנג. אַבי דאָס גיט דעם „מאַרקסיסטישן" קריטיקער די מעגלאַכקייט צו קאָ־מאַנדעווען מיט די שרייבער, צוצוקלעפּן צו זיי אַזאַ קלאַסן־צעטל, וואָס אים גלוסט זיך, און צוצורעכענען זיי היינט צו איין סאָ־ציאַלער גרופּע, מאָרגן צו אַן אַנדערער.

פאַרוואָס טאַקע ניט? ווי באַלד, אַז עס רעדט זיך ניט וועגן אָביעקטיווע סאָציאַלע אומשטענדן, נאָר וועגן „סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע", קאָן זיך דער „סאָציאַלער" קריטיקער פאַרגינען צו זיין גאַנץ סוביעקטיוו און אַריינצוטייטשן אין דעם שרייבער, וואָס פאַר אַ „פּסיכאָלאָגיע", ער וויל נאָר. „פּסיכאָלאָגיע", און בפרט נאָך „סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע", איז זייער אַן עלאַסטישע זאַך. מען קאָן זי בויגן און דרייען אין אַלע זייטן.

איז, אַ שטייגער, ד. בערגעלסאָן אויף ז. 86 פון מ. ליטוואַ־קאָוו׳ס בוך „לכתחילה געוואָרן נאָענט דעם אַרבעטער" „מיט׳ן סאָציאַל־קינסטלערישן אינהאַלט פון זיין שאַפן", נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער „האָט זיך געצערטלט דוקא מיט׳ן אידישן מיטלשטאַנד", און אויף ז. 194 פון דעמזעלביגן בוך פאַרלירט שוין בערגעלסאָן „זיין חן און באַדייטונג" צוליב זיין „קינסטלע־רישער אָריענטאַציע אויפ׳ן אידישן מיטלשטאַנד". פריער איז בערגעלסאָן, מחמת די אָדער יענע מאָטיוון, געווען געפעלן דעם לעניניסטישן קריטיקער, איז בערגעלסאָן געווען „נאָענט דעם אַר־בייטער", שפּעטער האָט ער אים אויפגעהערט צו געפעלן, האָט ער זיך מיט אַמאָל אַרויסגעוויזן פאַר אַ דיכטער, וואָס „אָריענ־טירט זיך קינסטלעריש אויפ׳ן אידישן מיטלשטאַנד"!

די גרעסטע סוביעקטיוויטעט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַ מעטאָד, וואָס פּרעטענדירט צו זיין די אָביעקטיוויטעט אַליין! דער קלייזלדיגסטער, פּאַרטייאישסטער און פּערזענלאַכסטער

קאפריז געוועלטיגט דארט, וואו מען געברויכט און מען מיסברויכט אזוי אפט די ווערטער „נויטווענדיגקייט", „געזעצ־מעסיגקייט" א. אז. וו.

מען זאגט אונז, אז די געשיכטע פון דער ליטעראטור איז די געשיכטע פון קלאסנקאמף; מען גייט נאך ווייטער און מען דערקלערט, אז נישט נאר אין דעם גייסט פון גאנצע היסטארישע עפאכעס פילט זיך די קלאסן־דיפערענציאציע פון דער געזעלשאפט, נאר אז אין יעדן איינציגן שרייבער און שיר ניט אין יעדן איינציגן ווערק שפיגלט זיך אפ די אידעאלאגיע פון דער סאציאלער גרופע, צו וועלכער דער שרייבער געהערט; מען איז זיכער, אז די אנטוויקלונג פון ליטעראַרישן לעבן קומט פאר לויט די שטרענגסטע מארקסיסטיש־סאציאלאגישע געזעצן, — און צו גלייבער צייט לאזט מען צו דעם געדאנק, אז דער און דער שרייבער אדער די און די גרופע שרייבער איז אייערנעכטן געווען „בורזשואזיש", נעכטן „המוני'ש" און היינט איז ער אדער זי גע־ווארן „פראלעטאריש". מען האלט עס פאר מעגלאך און מען שטעלט זיך נישט די פראגע: ווי אזוי איז עס מעגלאך? האט זיך אין דער קורצער צייט געענדערט די קלאסן־לאגע פון אט דעם שרייבער אדער פון אט דער גרופע שרייבער? איז אין דעם קלאס גופא פארגעקומען אן ענדערונג? אדער איז קלאס עפעס א מין חברה, וואס היינט קאן מען זיך פארשרייבן אין איר און מארגן אויסשרייבן זיך?

מען רעדט וועגן סאציאלאגיע, בעת מען פארמאגט אין דער אמת'ן נישט מער ווי סאציאלע פראזעאלאגיע.

איז דען, אין דער אמת'ן, מער ווי פראזעאלאגיע די דערקלע־רונג פון מ. ליטוואקאוו, אז א שטייגער, דוד האפשטיין האט (בעת'ן אויסברוך פון דער אקטאבער־רעוואלוציע) „געהאט א קלאר־אויסגעשפראכענע פסיכא־אידעאלאגיע פונ'ם אידישן קליינ־בירגערטום," אז אשר שווארצמאן איז געווען „אן אינערלאך גאנצער מענטש מיט ארגאנישע רעוואלוציאנערע נטיות", אז קוויטקא איז אן „אנפארמיגע מאסן־סטיכיע" א. אז. וו.? זיינען די דאזיגע ריין־סאציאלע כאראקטעריסטיקעס געבויט אויף א ־יעלכן עס איז אביעקטיוו־סאציאלן אנאליז? ניין, דאס איז אלץ

נישט מער ווי דעם קריטיקער׳ס ריין־פּערזענלאַכע אימפּרעסיעס. אַ מין אימפּרעסיאָניסטישער „מאַרקסיזם״. דעם דיכטער׳ס „קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע״ ווערט אַרויסגעדרונגען פון זיין (און דעם קריטיקער׳ס) אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע.

אָבער אויך דאַן, ווען אונזער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער קריטיקער באַנוצט דעם סאָציאָלאָגישן מעטאָד אזוי, ווי ער דאַרף באַנוצט ווערן, אפילו דאַן, ווען ער גיט זיך נישט אָפּ מיט צ ו ־ ק ל י י ב ן אַ סאָציאַלע סביבה פאַר׳ן שרייבער, נאָר ער הויבט אָן לכתחילה פון דער סביבה, — איז ער ווייט פון צו רעכענען זיך מיט די אָביעקטיווע סאָציאַלע אומשטענדן.

אָט, צום ביישפּיל, וויל ער ניט אַנדערש פאַרבינדן פּרץ׳ס „חסידיש״ מיט דער רעוואָלוציע פון 1905. ער וויל אונז איינ־ריידן, אַז „ווען עס זיינען אונטערגעקומען די גראַנדיעזע אַר־בעטער־שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע פון 1905, האָבן זיי צו־זאַמען מיט דער גאַנצער בורזשואַזער אינטעליגענץ שטאַרק אָפּ־געשראָקן אויך פּרצ׳ן״ און אַז דאָס זאָל האָבן געווען דער לעצ־טער שטויס צו פּרצ׳ס „חסידיש״ און כלומר׳שטער „תשובה צו אידישקייט״. אי־וואָס פּרץ איז מיט דעם וויכטיגסטן טייל פון זיינע חסידישע דערציילונגען פאַרטיג געווען שוין אין יאָר 1900, ווען די „גראַנדיעזע אַרבעטער־שלאַכטן״ האָבן אים נאָך ניט גע־קענט אָפּשרעקן? אי־וואָס, צווישן פּרצ׳ס חסידישער „ראָמאַנ־טיק״ און זיין סאָציאַלן ראַדיקאַליזם איז בכלל גאָר קיינמאָל קיין סתירה ניט געווען? אי־וואָס, גיכער איז צווישן זיי געווען נאָר אַ נאָענטע קרובה׳שאַפט? דאָס מאַכט ניט אויס! ליטוואַ־קאָוו׳ן געפעלט ניט פּרצ׳ס „תשובה צו אידישקייט״. דערציילט ער אונז אַ מעשה, אַז פּרץ האָט זיך דערשראָקן פאַר דער רע־וואָלוציע — און ס׳איז ניט זיין דאגה, וואָס די רעוואָלוציע מיט אירע „גראַנדיעזע אַרבעטער־שלאַכטן״ איז געקומען ערשט נאָכדעם ווי פּרץ האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן זיינע חסיד׳ישע דערציי־לונגען.

אַזוינע באָבע מעשיות זיינען דאָ אַ סך אין בוך. די אומ־געלומפּערטסטע פון זיי איז די, וואו מ. ליטוואַקאָוו דערציילט, אַז ביז אָ ק ט אָ ב ע ר האָט די אידישע ליטעראַטור כמעט

גאָר קיין באַדייטונג ניט געהאַט פאַר דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון די אידישע מאַסן, און „אַזוי אַרום, זאָגט ער, האָט די אידי־שע ליטעראַטור כמעט אויפגעהערט צו האָבן אַ סאָציאַלע פונק־ציע". ווען דאָס זאָל זיין אַזוי, וואָלט עס הייסן, אַז ביז ליט־וואַקאָוו'ען און זיינע תלמידים האָט די אידישע ליטעראַטור ניט געהאַט גאָר קיין באַדייטונג און קיין רעכט אויף עקזיסטענץ, וואָרים „אַ ליטעראַטור", זאָגט ער, „האָט אַן עקזיסטענץ־זין און אַ באַדייטונג אויף אַזוי פיל אויף וויפיל זי ווערט געשאַפן פ ו ן און פ אַ ר געוויסע קלאַסן אָדער שיכטן פון פאָלק". די פאַר־רעוואָלוציאָנערע אידישע ליטעראַטור אָבער האָט „די (קלאַסן), וואָס זי האָט אָפּגעשפּיגלט, ניט באַדינט, און די, וואָס זי האָט באַדינט, האָט זי ניט אָפּגעשפּיגלט".

אַזוי זאָגט דער לענינסטישער קריטיקער, — און ער וויל, אַז מיר זאָלן נעמען ערנסט זיין דערקלערונג, אַז „מיר, אין ראַטן־פאַרבאַנד, באַציען זיך ניט מיט ביטול צו אונזער ליטעראַרישער ירושה"! זאָגן, אַז די אידישע מאַסן זיינען פאַר דער אידישער ליטעראַטור געווען נאָר אַן „אַודיטאָריע", אַ „קליענטור", אָבער ב אַ ד י נ ט האָט זי זיי ניט און קיין סאָציאַלע פונקציע אין זיין לעבן האָט זי נישט געהאַט — הייסט ניט באַציען זיך מיט ביטול צו אונזער ליטעראַרישער ירושה?

אָבער לאָמיר זאָגן, אַז אין דעם איז ניטאָ קיין ב י ט ו ל. איז דאָ אמת אין דעם? איז אמת, אַז די אידישע ליטעראַטור האָט ניט געשפּילט קיין שום ראָלע אין דער אויפוואַכונג פון דעם סאָציאַלן באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן? איז אמת, אַז די אידישע ליטעראַטור איז אין דעם פּרט געווען ווינציגער פּרוכט־באַר ווי די רוסישע? איז אמת, אַז „די אידישע ליטעראַטור, ווי עס אינסינואירט מ. ליטוואַקאָוו, האָט אָפּגעשפּיגלט נאָר די באַוועגונגען פון דער אידישער בורזשואַזיע"? דער אמת איז פונקט דער היפּוך דערפון. דער אמת איז, אַז אפילו די השכלה־שרייבער, וואָס אין זייערע העברעאישע ווערק האָבן זיי אַרויסגע־וויזן געוויסע סמנים פון קאָנסערוואַטיזם, זיינען אין זייערע א י ד י ש ע שאַפונגען געווען ראַדיקאַל און שיר ניט רע־

וואָלוציאָנער, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן דער סאָציאַלער לאַגע פון די אידישע מאַסן. דער אמת איז, אז כמעט די גאַנצע אידישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט פון דעם ריב"ל'ס „הפקר־וועלט" ביז מענדעלע'ס „טאַקסע" און לינעצקי'ס העזה־דיגע פאַמפלעטן, פון אקסענפעלד'ס „קבצן־עושר־שפּיל" און בערל בראָדער'ס בעל־מלאכה־לידער ביז מאָריס ראָזענפעלד'ס און באָוור־שעווער'ן און ליעסינ'ען און רייזענ'ען — איז א ליטעראַטור פון סאָציאַלן פּראָטעסט, א ליטעראַטור, וואס קעמפּט פאר די מאַסן און וועקט און רופט זיי אליין צום קאַמף פאר גערעכטיגקייט.

עס זיינען ניט געווען אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין דער אידישער ליטעראַטור „די פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס און מאַניפעסטאַ־ציעס, די סטרייקס א. אז. וו." אָבער צי וואָלטן גאָר מעגלאַך געווען די עצם סטרייקס, דעמאָנסטראַציעס א. אז. וו., ווען ניט דער סאָציאַלער פּאַטאָס פון דער אידישער ליטעראַטור? איז די אידישע ליטעראַטור ניט געווען די פּאָר־שול פון דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג? איז מענדעלע'ס „קליאַטשע" און „טאַקסע" אָדער פּרצ'ס „בלעטלאַך" ניט געווען דאָס וויכטיגסטע פּראָפּאַגאַנ־דע־מיטל אין די אַכציגער און ניינציגער־יאָרן, ווען עס זיינען געקומען די פּיאָנערן פון דעם אידישן ארבעטער־קאַמף? איז עס ניט די גרעסטע אומוויסנקייט און די מיאוס'טע אומדאַנקבאַרקייט צו זאָגן אויף דער אידישער ליטעראַטור, אז „זי האָט אָפּגע־שפּיגלט נאָר די באַוועגונגען פון דער אידישער בורזשואַזיע"?

אָבער — פאַרפאַלן: אז מען מוז פסל'נען די אידישע ליטעראַטור פון פאר מתן קאָמוניזם און מען מוז אונז איינריידן, אז ערשט פון אָקטאָבער הויבט זיך אָן אלץ, איז דאָך ניט שייך!

די קליינלאַכע פּאַרטייאיש־באָלשעוויסטישע טענדענץ האָט ליטוואַקאָוו'ן געשטערט דורכצופירן די גרעסערע טענדענץ — די טענדענץ פון דעם סביבה־און קלאַסן־מעטאָד. דער „לעניניזם" האָט ביי אונזער לענינסטיש־מאַרקסיסטישן קריטיקער איינגע־שלונגן דעם „מאַרקסיזם".

מען מוז אָבער צוגעבן, אז מ. ליטוואַקאָוו ווערט פאַר־פירט פון זיין פּאַרטייאישקייט דערהויפּט דאַן, ווען עס רעדט

זיך וועגן אנערקענען שרייבער אָדער ריכטונגען. אז עס קומט צו ביטול, צו נעגאַציע, האָט ער אַזוי שטאַרק הנאה דערפון, אַז עס איז ביי אים רעכט צו פאַרלייקענען אפילו אַן אייגענעם פּאַרטיי־חבר, אַבי זאָגן נ י י ן.

מיט זיין נ י י ן טרעפט ער אַן אַנדערש מאָל אין פּינטל, אָבער אָפט פאַלט ער אַריין דערביי אין ווילדע און אומגעלומ־פּערטע גוזמאות. ווערט ביי אים בעל־מחשבות אַ „באַגרעניצטער קלישע־קריטיקער" און וועגן שלום־עליכמ'ען איז ביי אים רעכט צו זאָגן, אַז ער „איז אַזוי געווען פאַרשלונגען דורך דער רייכ־קייט פון שטייגער־דעטאַלן, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען בכח דעם סכום זייערן דערהויבן צו אַלגעמיינע אויספירונגען, צו באַדייטפולע סינטעזן". דער שאַפער פון סטעמפּעניו און מנחם מענדל און טביה און מאָטל און אַנדערע קינסטלערישע ט י פּ ן איז פאַרשלונגען געווען אין שטייגער דעטאַלן און קיינמאָל זיי ניט דער־הויבן צו „אַלגעמיינע אויספירן" !

סטיליסטיש געלינגט אמאָל מ. ליטוואַקאָוו'ן אַ גלאַנץ צו טאָן מיט זיין שאַרפקייט און אמאָל פיין זיך אַ שפּיל צו טאָן (אַ שטייגער: „ווי שלום עליכם האָט זיך אינגאַנצן אויסגעשעפּט אין זיין סטיל און זיין סטיל האָט זיך אויסגעשעפּט אין אים, אַזוי האָט נסתר זיך פאַרלוירן אין זיין סטיל און זיין סטיל האָט זיך פאַרלוירן אין אים". אָדער „ח' לעניו איז ניט געווען אַ שרייבער, וועלכער קעמפט, נאָר אַ קעמפער, וועלכער שרייבט."). בכלל אָבער איז מ. ליטוואַקאָוו'ס — פון רוסיש און פון דער פּאַרטיי־געגומענער — סטיל אַ גאַנץ האַמעטנער. ל ה י פּ ו ך צו אַנדערע אידישע שרייבער, וועלכע שטאַמען פון דרום־רוסלאַנד, איז ער נ י ט געבענטשט מיט מעלאָדישקייט, און עס טרעפן זיך ביי אים, אינאיינעם מיט גראָבע רוסיציזמען, ווי צום ביי־שפּיל: „ס'איז שוין געוואָרן אַן אַלגעמיין אָרט", אַזעלכע ניט־וואוילקלינגענדיגע פּראַזן, ווי צום ביישפּיל: „ווייל פּרץ איז געווען ניט אַזוי אַ דיכטער, וואָס זיינע קינסטלערישע זעאונגען ווערן דורך דער קראַפט פון אינטואיציע דערהויבן צו דער מדרגה פון אידעאָלאָגישע פאַראַלגעמיינערונגען, נאָר אַ דענקענדע פּערזענלאַכ־

קייט, וואס שטרעבט צו דערווייזן אירע אידעאָלאָגישע טעזיסן דורך קינסטלערישע פאָרמולעס..." א גאנץ אינטערעסאנטער גע־דאנק, אָבער ווי ווילד, ווי בארבאריש־ווילד אויסגעדריקט!...

הכלל: „אין אומרו" איז ניט קיין מוסטער פון ליטעראַרי־שער קריטיק, אפילו ניט פון מאַרקסיסטישער קריטיק, אָבער עס איז א דאָקומענט, און א זייער כאראַקטעריסטישער דאָקומענט, פון דעם אידישן ליטעראַרישן לעבן אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

11. בעל־מחשבות

11. בעל־מחשבות.

פובליציסט און קריטיקער.

א.

בעל־מחשבות'עס דעביוט איז געוועזן האלב־בעלעטריסטיש: „ישראל'יק איז קראנק" (א חנוכה־פאנטאזיע) — האט עס גע־הייסן (1897). אין די „געקליבענע שריפטן" שטייט עס צווישן די אירא‌ָנישע מעשה'לאך. און אָט דאָ, אזוי ווי אין די שפּעטערדיגע „מעשה'לאך", ווייס מען נישט, וואו עס הערט אויף די איראָניע און עס הויבט זיך אָן דער ביטערער און הארציגער ערנסט. שוין דאָ איז פאראן אן אָנצוהערעניש אויף יענער פארבאָרגענער, מיט פאראכטונג פולער, מעפיסטאָפל־מינע, וואָס פלוצלונג ווערט פון איר א קנייטש, פול מיט צער, און ס'איז שוין מער ליבע, ווי שפּאָט.

אינאיינעם מיט'ן גרונט־געפיל איז דאָ, אין דער ערשטער זאך, שוין פאראן אויך די געמישטע און דאָך האר־מאָנישע הויפּט־פאָרם בעל־מחשבות'עס: בעלעטריס־טישע פובליציסטיק.

דאָס איז נישט — מאמרים אין דער געשטאלט פון בעלעטריסטיק. דאָס בעלעטריסטישע איז דאָ ווייניגער און אויך מער, ווי א פאָרם; ס'איז דער אָטעם פונ'ם אינ־האלט; ס'איז אזא מין דענקען, אזא מין וועג צו דערווייזן דורך באווייזן א זאך, דורך באווייזן עס מיט דער הילף פון בילדער און פארגלייכענישן. נישט געבן צו פארשטיין, נאָר געבן צו פילן דעם אנדערן; און אליין אויך אפשר מער פילן, ווי פארשטיין מיט'ן שכל, מער פילן דאָס פלייש און בלוט, איידער

דעם סקעלעט פונ'ם געדאַנק... „אַ שפּראַך, לייענען מיר אין די „געקליבענע שריפטן", — אַ שפּראַך איז אַ לעבעדיגע זאַך", — און שוין דער אופן, ווי דער פּראָפעסאָר רעדט וועגן איר, ווייזט אונז, אַז זי איז ביי אים גאָר באַזונדערס לעבעדיג: „זי איז אַ געפּעס, וואָס פּאַרלירט נישט קיין טראָפּן. אַלץ, וואָס די פריערדיגע דורות האָבן אין איר אַריינגעלייגט, בלייבט ביי איר, ווי אין אַ קאַלכגרוב, ווי אין אַ ברונען, וואָס לאָזט נישט דורך קיין אָנגערעגנט וואַסער; זי איז אַ גומענער זאַק, וואָס ציט זיך, און ציט זיך, אום אויפצונעמען נייע אוצרות פון מענטשלאַכע בילדער און געדאַנקען... ווי אַ לעבעדיגע הויט נעמט זי אַרום די נשמה פון דעם מענטשן, וואָס רעדט און טראַכט אויף איר"... חזר איך איבער נאָכאַמאָל: ס'איז נישט אַ סטיל אַזאַ אַ בילדלאַכער, ס'איז אַ בילדעריש, קינסטלע־ריש דענקען...

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן איז זיך אוצרות פון קונסט איינגעשלאָסן, נאָר עס פעלט זיי דער שליסל צו דער טיר. ציען זיי די שיינע זאַכן דורך שפּאַלטן, ציען שטיקלאַכווייז, בליצן־דורך אָט די גלאַנציגע, אומגעריכט־שטראַלנדיגע ברעקלאַך דורך דער טונקעלער לופט פון זייער שאַפן, ווי שטערן, וואָס פאַלן; ווי שטערן, וואָס פאַלן און ווערן צעשאָטן... דער שר־של־שכחה האָט אַזוי ווי אַ צויבער צעשפּרייט איבער דער וועלט פון קונסט, וואָס האָט געלעבט אין זיי אַמאָל, נאָך אפשר איי־דער זיי זיינען אויף דער וועלט געקומען, און נאָר ווען זיי געניסן אימעצנס אַנ'אַנדערס קונסט־ווערק, דערשפּירן זיי דאָס פיינלאַכע פאַרגעניגן פון טיילווייזן דערמאָנען זיך, וואָרים נאָר טיילווייז דערמאָנען זיי זיך, נאָר פּרטים, נישט אַלץ, און דורך די פּרטים קאָנען זיי נאָר אין דער פרעמדער וועלט אַריינקוקן, נישט די אייגענע עפענען... צום דאָזיגן מין געלעמטע קינסטלער, האַלב־שטומע זינגער געהערן אָפט די, וואָס מען רופט זיי אָן קריטיקער. צום דאָזיגן מין שריפטשטעלער געהערט אויך בעל־מחשבות. זיין שרייבן איז באַפרוכפּערט דורך דעם בלומען־שטויב פון קונסט, אים פעלט נאָר די קראַפט צו מאַכן עפּעס גאַנצעס פונ'ם שטויב. ער מוז אָנקומען צום משרת פון דער

קונסט, צו דעם גענײטן אינטעלעקט, ער זאָל די גאָלדענע שטויב־קערנדלאַך צונויפקלעפּן אינאײנעם. דער געדאַנק מוז ווערן דער פירער פון די בלינדע, פון אַנ'אַנדער וועלט פאַרבלאָנדזשעטע, געשטאַלטן...

אײן געדאַנק חזר'ט זיך אַפּט איבער ביי בעל־מחשבות'ן עטלאַכע מאָל. דאָך איז יעדעס וואָרט לעבעדיג. דערעסט עס אונז נישט: אין א לעבעדיגן וואָרט, אַזוי ווי אין א לעבעדיגן מענטשן, איז תמיד פאַראַן עפּעס נייעס.

בעל־מחשבות שרייבט „אָן א סדר" (וועגן א סכעמע איז נישט גאָר וואָס צו ריידן), דאָך איז אין יעדן פון זיינע מאמרים פאַראַן עפּעס א גאַנצקייט — און אויך דאָס איז אַן אויסדרוק פון זיין קינסטלערישקייט. אין זיין נישט גאָר דורכזיכטיגן, אָבער איבערזיכטלאַכן סטיל איז פאַראַן עפּעס א געדיכטקייט, כ'וואָלט זאָגן, א פעטקייט, וואָס מאַכט אַז די איינציגע טיילן פון זיי־נעם אַן אַרטיקל זאָלן זיין נישט אויסערלאַך פאַרבונדן איינס מיט'ן אַנדערן, נאָר אַזוי ווי צונויפגעקלעפּט. אַזוי ווי יעדע קינסטלערישע נאַטור, אַזוי זוכט אויך בעל־מחשבות צו מאַכן פון דער קלענסטער זאַך אַן אָרגאַניזם. אין די קלענערע זאַכן דער־גרייכט ער עס לייכטער, ווי אין די גרעסערע. דער עיקר אָבער איז, וואָס ער דערגרייכט עס מיט אינעווייניגסטע, נישט מיט קינסט־לאַכע מיטלען...

האַרמאָניע און קינסטלערישע גראַציעזישקייט איז ביי דוד פרישמאַנ'ען דאָ אין א סך א פולערער מאָס, ווי ביי בעל־מחשבות'ן, אָבער ביי פרישמאַנ'ען איז די לייכטקייט, די דורכזיכטיגקייט, די בויגעוודיגקייט פונ'ם סטיל, דער ווייכער קאַצן־שפּרונג, דער קאָקעטישער קנייטש, דער חנ'עוודיגער פּאַראַדאָקס, דער סטי־לירטער, נישט־צו־הויכער און נישט צו־שטילער קרעכץ, און דער נישט צו־טיפער וויץ, — דער תכלית, דער גאַנצער יש (איך זאָג נישט, אַז ס'איז א צו־קליינער יש); ביי בעל־מחשבות'ן איז די גראַציע מער פאָרם, ווי אינהאַלט. פרישמאַן איז קודם־כל **אַרטיסט**, סטיליסט, בעל־מחשבות איז פריער פאַר אַלץ אַן אויפריכטיגער שרייבער (הגם עס איז אָפּט מער נישט, ווי א

שטימונגס־אויפריכטיגקייט). ער זאָגט עפּעס א זאַך נאָר ד א ן, ווען ער מוז — און נאָר א ז ו י, ווי ער מוז עס זאָגן...

בעל־מחשבות'ן פעלט, האָב איך געזאָגט, די קראַפט, אָבער — מען דאַרף צוגעבן — נישט די רואיגקייט פונ'ם קינסטלער. פון דער רואיגקייט, וואָס אין זיין שרייבן, לייכט אַרויס צו אונז האַרציגע טיפקייט. וואָרים נישט פון „עסטעטיזם", נישט פון גרויסהאַלטערישער גלייכגילטיגקייט, נישט פון מידקייט און אויך נישט פון זוכן צו זיין א געזעצטער, מיושב'דיגער מענטש — קומט די רואיגקייט, נאָר פון א גאַנץ אַנדער קוואַל, פון א קוואַל, וואָס אַליין, וואָס האָט אים מוטנע און קאַפּיג געמאַכט, איז זיך אָפּגעשטאַנען אויפ'ן דעק, און דאָס וואַסער איז לויטער געוואָרן און שטיל...

מען האַלט בעל־מחשבות'ן פאַר א סקעפּטיקער, און מען מיינט, אז דערפון נעמט זיך די רואיגקייט מיט דער באַהאַלטענער איראָניע אין איר. ס'איז א טעות. ביי אים איז פאַראַן סקעפּטיציזם (נאָר א קליינער מעוט ליידט נישט ביי היינטיגן טאָג פון אָט דער עפּידעמישער מחלה), ער איז אָבער נישט קיין סקעפּטיקער ב ט ב ע (גיכער וואָלט געקאָנט פון אים אַרויסוואַקסן א סאַטיריקער). האַלט ער נישט פון עפּעס, איז ער ברוגז אויף דעם. דער, וואָס איז בטבע א סקעפּטיקער, איז נישט ברוגז. ער קאָן זיין א מענטש מיט האַרץ, מיט געמיט, אָבער גאַל? אן עכטער סקעפּטיקער איז „א מענטש אָן גאַל". בעל־מחשבות איז אָפט פאַרביטערט.

זוכט מען נאָך א באַווייז, אַז ער איז א מענטש, וואָס ליידט שטאַרק, בעת ער פאַרלירט זיין גלויבן, און זוכט, מיט וואָס עס ממלא צו זיין, און איז ער עס נישט ממלא, פּלאָגט ער זיך מיט דער פּוסטקייט, — זוכט מען נאָך א באַווייז דערצו, זאָל מען לייענען, ווי בעל־מחשבות באַשרייבט, ניין, באַזינגט, „די נאַציאָנאַל־אידישע טעג". זאָל מען זען, וואָס ער האָט דורכגעטראַכט און דורכגעלעבט אַמאָל אין א ראש השנה: „...מיינט נישט, האָט ער געטראַכט און געזאָגט אויפ'ן קול, מיינט נישט, אַז די יאָרן מאַכן אונז איינגאַנצן אויס קינד. די יאָרן פאַרהאַרטעווען דאָס האַרץ, פאַראומרייניגן אונזער געוויסן, מאַכן

קנייטשן אין אונזער נשמה, זיי נעמען ביי אונז צו די מעגלאכ־
קייט צו זיין דאָס, וואָס מיר זיינען געווען אין אונזער גאָלדע־
נער קינדהייט. מיר קאָנען אָבער קיינמאָל נישט באַגראָבן אין
אונז דעם אַלאייביגן וואונש צו וועלן זיין „אַזוי ווי קינדער".

מיינט נישט, אַז די יאָרן מאַכן אונז איינגאַנצן אויס קינד...

אָדער איר מיינט, אַז ס'איז נישט מער, ווי אַ בענקעניש נאָך דאָס קינדישע (וואָס מער מען דערווייטערט זיך פון דעם, אַלץ מער גלוסט זיך עס)? אָבער ווי קומט בענקשאַפט צו אַ סקעפּ־טיקער? איז די פאַרהאַנגנהייט דען מער ווערט אין זיינע אויגן, ווי אַ שמייכל? און זעט ער דען נישט אין דער צוקונפט דאָס אייביגע קאָמישע אומקערן זיך פון דאָס געוועזענע? נאָך וואָס, צו וואָס בענקען? וואָס איז געווען, וועט זיין, און וואָס ס'וועט זיין, איז שוין טויזנטער מאָל געווען... האָט דען נישט דער סקעפּטיקער אַ פאַרלאַנג — אויב ער האָט בכלל פאַרלאַנגען — אַז פון היינט זאָל ווערן נעכטן און פון דאָס דורכגעלעבטע — אָפּגעלעבטעס? האָט ער דען נישט פון פאַנאַנדערנעמען און צושטערן פונקט די אייגענע הנאה, וואָס אַנדערע האָבן פון צו־נויפשטעלן און בויען? אויב ער איז אַמאָל נייגעריג צו נייע זאַכן, איז עס דען נישט דערפאַר, ווייל ער האָט ליב די באַ־גילדקייט פון נאָך נישט פאַרלאָשענעם אש? נישט דערפאַר, ווייל דער קאַלטער מזבח פון צווייפל פאַרלאַנגט נאָך מער קרבנות, ווי דער גלויבן? אָבער אויב עמיצער ווייל די קרבנות נישט ברענגען, איז עס דען נישט אַ סימן, אַז ער האָט פיינט דעם געטל, דעם שד'ל פון צווייפל? בעל־מחשבות מאַטערט זיך און פּלאָגט זיך מיט די נאַרישע, קאַלטע קרבנות, וועלכע עס פאָדערט דער סקעפּסיס. „עס איז שווער, זאָגט ער, צו זיין אַן אייגענער פירער, אַן אייגענער גואל. עס ווילט זיך — און דאָס איז אויך אַ זכרון פון דער קינדהייט — האָבן איבער זיך עפּעס אַ גרויסן, גערעכטן, הויך דערהויבענעם פירער, וואָס זאָל צונעמען פון אונז די שווערע שרעקלאַכע אַרבעט פון בחירה, די דאגה צו ווילן צווישן פאַרשיידענע רצונות, צווישן פאַר־

שיידענע גייסטיגע און זעלישע מאָטיוון. עס איז שווער צו זיין זיין אייגענער פירער, זיין אייגענער גאָט! און אין צייטן פון צווייפל און נישט־זיכערקייט קוקט דער נישט פרומער מיט א קנאה אויף אַלע די קינדער, די גרויסע, ווי די קליינע, וואָס לעבן מיט דעם גליקלאַכן דמיון, אז קיין האָר פאַלט נישט פון קאָפּ אָן דעם אויבערשטנס רצון"... איז עס דען נישט מער, ווי די קנאה פון דעם אונאנטשלאָסענעם, וואָס איז צו שוואַך צו זיין זיין אייגענער האר, זיין אייגענער גאָט? האָט דען נישט דער, וואָס איז מקנא קינדער און גלויביגע, אין זיך אַליין עפּעס קינדישעס און גלויביגעס? (און צי נישט דערפאַר האָט בעל־מחשבות דערשפּירט דאָס קינדישע אין אברהם מאפו, אין שלום אַש, אפילו אין דר. הערצל?).

דער שיינער עסיי וועגן ש ב ת, די יום־טוב'דיגע אַרטיקלען וועגן ר א ש ה ש נ ה, פ ס ח, ס כ ו ת („די גרויסע שטאָדט"), די טיף דורכגעלעבטע זייטלאַך וועגן פ י י ע ר ב ע ר ג, די קליינע צירונג פון דער קינסטלערישער פּובליציסטיק אויף אידיש — „דער ווייבערשער טלית" — אַלע די דאָזיגע זאַכן, וואו עס רעדט זיך מיט אזא הארציגער ליבע וועגן די אידישע יום־טובים און דער אידישער פאַרגאַנגנהייט — זיינען מער, ווי „סענטימענטאַלע" ראָמאַנטיק (ראָמאַנטיק איז אָפט נישט מער, ווי א באהעלטעניש פונ'ם סקעפּטיציזם): דאָס זיינען רעשטלאַך פון א חרוב־געוואָרענעם רעליגיעזן געפיל.

„צי באַווייזט נישט אָט דער דאָזיגער גוסט, אז עס איז פאַרט געבליבן אין אונזערע אינסטינקטן א זכר פון דער ליכטיגער נאַטור, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט די ערשטע קינדישע יאָרן פון אונזער אַלטער געשיכטע? צי דערציילט אונז נישט די טערקישע טוך, אַז אונזערע מאַמעס זיינען נאָר על פּי טעות ליטוואַקשקעס? אַז נישט נאָר די טויטע ציט עס אונטער דער ערד צו זייער אַמאָליגן לאַנד, נאָר אויך די לעבעדיגע מיט זייערע האַלב־טויטע אינסטינקטן?" צי דערציילן אונז נישט די דאָזיגע ווערטער פון א ציוניזם, וואָס איז נישט קיין טעאָריע, נישט קיין פּאַרטיי־פּראָגראַם, נאָר א ירושה פון דורות?

„יעדער דור איז נישט נאָר פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זיך

אליין; ער ברענגט ארוים נייע דורות, וואָס וועלן לעבן אין אנדערע אומשטענדן, אין אַן אנדער בילדונגס־צייט. און ווער וויים, אויב די נייע דורות וועלן נישט שעלטן די מאַמעס, וואָס האָבן נישט געהיילט די וואונדן, וואָס האָבן נישט פאַרריכט דאָס שטיבל און זיי נאָכגעגעבן בירושה אַן אַלטע קרענק?" ס'איז אַ טויזנדיעריגער חוב אויף אונזער געווימן, אַ הייליגע ערבות, וואָס די געשיכטע האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז. ביז צו אַ טיפן עטישן געפיל האָט בעל־מחשבות אויפגעהויבן דעם ציוניזם.

דאָס ערבות־געפיל, וואָס איז פאַרפלאָנצט אינ'ם יחיד און מאַכט אים פאַר אַ טייל פונ'ם כלל, דאָס געפיל, וואָס איז די מאָס און די וואָג און די משא פון אונזער לעבן, דאָס געפיל, וואָס מאַכט אונז מיד און גרוים, וואָס איז דער סוד פון אונזער געשיכטע, פון אונזער טראַגעדיע און אונזער האָפענונג, — אָט דאָס געפיל איז, אינאיינעם מיט דער ציוניסטישער פאַראַכטונג צום „גלות־יודן", אַ גרונד־געפיל אין בעל־מחשבות'עם פובליציס־טיק. עס זינגט אין אים: „דו ביזט אַ קינד פון אַ פאָלק, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט אַ גאַנצע וועלט. ערגעץ וואו טיף לעבן אין דיר די זכרונות פון די עגיפּטישע פּיראַמידן, פון ריזן־גרויסע ספינקסן, פון זונען־געדטנער און אַפּיסן, פון שטעט מיט וואונדערלאַכע טירן און טויערן, פון בית־עלמינ'ס מיט שטיי־נערנע און מראַמאָרנע ארונות, מיט שיינע, צאַרטע, קרעפטיגע מענטשן מיט פּנימ'ער ווי פון עלפנביין, פון שיינע פרויען מיט דינע פיינע הענט, געטאָקט, ווי פון עלפנביין"... „אין זיין טויזנט־יעריגן גלות האָבן זיך אין זיין גייסט אָפּגעשפיגלט אָן אַ סוף פעלקער, קולטורן און רעליגיאָנען: דו טראָגסט מיט דיינע אייגענע זכרונות פון אַלע די, וואָס האָבן געלעבט מיט דיר און אַרום דיר; דו ביזט אַ שטיק לעבעדיגער ספר הזכרונות, דו ביזט די געשיכטע אַליין און אין איטלאַכן לעבנס־קעמערל פון דיין געטלאַכן גוף ליגט פאַרצייכנט אַ גאַנצער „דברי הימים"... „און מאַך איך אַ באַוועגונג, דוכט זיך מיר אוים, אַז טויזנטער עלטער־זיידעס פאַר מיר האָבן שוין דאָס איי־גענע געמאַכט. מיין לאַנגע היסטאָריע האָט אויסגעפוצט די

קאמערן פון מיין הארצן מיט טויזנטער שפיגלען, און טו איך עפעס, טוען עס גלייכצייטיג טויזנטער, טויזנטער נאך". אזוי זיינען מיר פארוועבט אין די געוועבן פון דער געשיכטע, און דאס ערבות־געפיל מוז אייביג אין אונז וואכן און אייביג מוזן מיר זיך ציען צום שורש, פון וואנען מיר שטאמען.

בעל־מחשבות פילט אומעטום דעם שורש. טראכט ער וועגן ביאליק'ן, איז אים קלאר, אז „דער געטלאכער פאדעם, וואס האט זיך אנגעהויבן שפינען אין לאנד כנען און דערנאך ביי די צעדערן פון לבנון, האט זיך נאך נישט אינגאנצן איבערגע־ריסן". לייענט ער די הארצנס־ביאגראפיע, דעם ודוי פון מ. ז. פייערבערג, זעט ער, ווי „ער איז צוזאמענגעוואקסן מיט'ן אידישן עבר", „ווי זיין פאראנטווארטלאכקייטס געפיל האט זיך אנט־וויקלט אין אן ערבות פאר אלע שיקזאלן פונ'ם אידישן פאלק", און אט די ערבות פאר דער געשיכטע, פאר דער צוקונפט פונ'ם אידישען פאלק, האט פייערבערג געפילט נישט בלויז ווייל ער איז געווען א הייסער נאציאנאלער איד, נאר ווייל „ווי איטלאכער גע־הויבענער גייסט, איז ער געקומען אויף דער וועלט מיט א מין ערבות". ווי איטלאכער געהויבענער גייסט. עס רעדט זיך וועגן פאראנטווארטלאכקייט פאר'ן מזל פון דער נאציע, דאך איז עס נישט קיין נאציאנאלע, נאר אן אלגעמיין־מענטשלאכע, אלגעמיין־עטישע פאראנטווארטלאכקייט.

אט דאס שטילע עטישע געפיל, וואס לעבט אין בעל־מחשבות'ן, גיט צו עפעס א ווארעמקייט זיין איראניע, און עס איז דא אין איר מער שטראף, ווי שפאט. אבער די שטראף איז אן האס. דער געבארענער ניין־זאגער האט הנאה פון זיין ניין, ער ליבט זיין האס: זעט ער שלעכטס אין לעבן, קוויקט ער זיך, אזוי ווי דאס לעבן וואלט אים געווען א שונא, און ער זעט אן אים נקמה. בעל־מחשבות געהערט צו די, וואס זיינען מער צופרידן מיט יא, ווי מיט ניין. דער ניין, די אפ־לאכעריי איז ביי אים נאר א מין שויץ־מיטל, א נויט־זאך. דאס האט אפשר א ווארצל אין זיין נשמה, אבער נישט אזא טיפן ווארצל, ווי די אוממיטלבארע, כמעט נאאיווע הארציגקייט.

דאס איז וועגן דעם תוך פון בעל־מחשבות'עס פובליציסטיק.

וואס איז שייך צו דער „פאָרם" (הגם מען קאָן זי איינגנט־לאך נישט אָפּטיילן פונ'ם אינהאַלט) האָט בעל־מחשבות, ווי גע־זאָגט, אויסגעאַרבעט אין דעם פובליציסטישן אַרטיקל דאָס בילד־לאַכע, דאָס קינסטלערישע. שרייבט ער וועגן דעם אידישן „אַריסטאָקראַט", דעם פּאַרוועניו, ווי ער זעט אויס אויף אַ אידישן באַל, וועגן דעם מרה־שחורה'ניק מיט זיין חשכ'דיגן „מאין באת?" וועגן די פּאַרטייען און די פּאַרטיי־טוער, וועגן קאָנ־גרעסן און אסיפות — תמיד זעט איר נישט אַבסטראַקטע זאַכן, נאָר געשטאַלטן, פיגורן, קאַריקאַטורן. ביי אים איז קיינמאָל נישט סתם אַזוי הוילע פּסיכאָלאָגיע, נאָר מאַלעריי.

נישט אומזיסט האָט ער געשריבן וועגן—געגן—דער „מאמר־יסטיק". קיינער האָט נישט אַזאַ רעכט אויף דעם, ווי ער. אין דעם טיפּ אַרטיקל, וואָס ער האָט געשאַפן — און ער האָט גאָר אַ נייעם טיפּ אַרטיקל געשאַפן — איז וויינציגער ווי אַלץ פאַראַן „מאמר'יסטיק". אויב זיין אַרטיקל האָט, אַזוי ווי דער „מאמר'יסטישער", אָפט קיין שייכות כלומר'שט נישט צום טאָג, צום הייניטיגן טאָג, האָט ער דערפאַר אָבער אַ שייכות צו נעכטן און צו מאָרגן: יעדער בעסערער עסעי זיינער איז אַ פּרק אידישע פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. זיין אויג כאַפּט אויף יעדן נייעם און נאָכמער יעדן אַלטן קנייטש פון דער אידישער נשמה, וואָס ווערט בולט פּלוצלונג אין עפּעס אַן אומבאַדייטנדיגן פאַקט, — זיין וואַך אויג נעמט עס אויף, און מיר אַלע דער־זעען עס.

און דאָס איז נישט נאָר אין די גרעסערע שטודיען, נאָר אויך, און אפשר נאָך מער, אין די אָנדערטהאַלבן־עמודים'דיגע „שטריכן און געדאַנקען".

די בעסערע פון די „שטריכן און געדאַנקען" זיינען זשור־נאַליסטישע נאָוועלן. דער סימן, וואָס זיי האָבן, איז נישט די קורצקייט (מאמר'יסטן האָבן זיך שוין אויך אויסגעע־לערנט צו שרייבן קורץ, און דערצו שרייבט מען אַמאָל קורץ, ווייל די געדאַנקען זיינען קורצע); דער סימן, וואָס די „שטריכן און געדאַנקען" האָבן, — איז זייער קינסטלערישע אָפּגעשלאָסנ־קייט.

ב.

דאָס אויבנגעזאָגטע איז געשריבן געוואָרן נאָך אין יאָר 1911, באַלד נאָכדעם ווי עס זיינען אַרויס די ערשטע צוויי בענד פון בעל־מחשבות'עס שריפטן. עטלאַכע יאָר נאָך זיין טויט, אין יאָר 1927, האָט דער בעל־מחשבות־קאָמיטעט אַרויסגעגעבן אַ נייע, ניט אין ערך גרעסערע, זאַמלונג פון דעם קריטיקער'ס פּובליציסטישע אַרבעטן מיט'ן נאָמען „אונטערן ראָד". אין דעם ראָזיגן באַנד זיינען אַריין די וויכטיגסטע עסעיס און אַרטיקלען (ניט גערעכנט די קריטיק) פון די יאָרן 1915־1923... איז עס אַ מין געזעלשאַפטלאַך־פּאָליטיש טאָג־בוך פון דער מלחמה־און נאָך־מלחמה־צייט.

עס איז אַ געזעלשאַפטלאַך־פּאָליטיש טאָג־בוך ניט פון אַ געזעלשאַפטלאַכן און פּאָליטישן טוער, נאָר פון אַ פּסיכאָלאָג, אַ ליריקער און אַ טרוימער. דער טוער זוכט פּראַקטישע רעזול־טאַטן, ווען ער זאָגט אַ דעה. ווערן זיינע מיינונגען פּאַרעלטערט אינאיינעם מיט די פּראַקטישע אויפגאַבן, וועלכע ער האָט זיך גע־שטעלט. אַנדערש איז מיט די צייט־אַרטיקלען פון אַזאַ שריי־בער ווי בעל־מחשבות. ער האָט, פריער ווי אַלץ, געזוכט איבער־צוגעבן זיין איינדרוק פון אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקו־מען אַרום אים. ער האָט אונז דערציילט, וואָס ער האָט גע־זען אין דעם אַרומיגן לעבן, און ווי ער האָט עס אָפּגעשאַצט. און ער האָט עס אונז דערציילט אָפט אין אַ לירישן טאָן, מיט דער הילף פון בילדער, מעשה'לאַך, משלים און פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, אַזוי, אַז מיר לייענען עס איצט ווי פּאָעזיע, ניט ווי פּוב־ליציסטיק.

אָבער אפילו די ריין־פּובליציסטישע זאַכן האָבן פאַר אונז אַ ווערט, ווייל זיי שטאַמען ניט פון אַ געוויינטלאַכער צייט. זיי זיינען געשריבן אין די יאָרן פון דער מלחמה און פון דער גרוי־סער רוסישער רעוואָלוציע, אין די יאָרן, ווען אַלץ איז געווען וויכטיג, אין די יאָרן, וועלכע האָבן שוין פאַר יעדער רגע זייערע געקראָגן אַן אָרט אין דער געשיכטע.

טאָג־טעגלאַך זיינען געשאַפן געוואָרן ריזיגע היסטאָרישע דאָ־

קומענטן. קאַלאָסאַלע מאַסן־באַוועגונגען, נצחונות און מפּלות פון אַרמייען, פון גאַנצע פעלקער, האָבן איבערגעלאָזן זייערע טיפסטע און אומפאַרגעסנגלאַכע שפּורן אין דער צייט־כראָניק. די קלענערע עפּיזאָדן, די אינדיווידועלע איבערלעבענישן זיינען ווי זעמדע־לאַך אויפ׳ן ברעג ים, פאַרטראָגן און פאַרשלונגען געוואָרן פון די מעכטיגע כוואַליעס. אָבער טאַקע דערפאַר איז אַזוי וויכטיג אויפצוהיטן די איינדרוקן, וועלכע איינציגע נישט־פירנדיגע פער־זענלאַכקייטן האָבן געהאַט פון די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן. אין דעם אָפּרוף פון יחידים איז נישטאָ די איבערמענטשלאַכע מאַכט פון די שטימען, וועלכע ריידן צו אונז מיט פייערדיגע צונגען פון וועלט־שרפות. דערפאַר אָבער איז אין אָט דעם שטילן אָפּרוף דאָ עפּעס פון דעם אינטימערן מענטשלאַכן ציטער פון דעם צייט־געשריי. בפרט נאָך ווען דער אָפּרוף איז פאַר־צייכנט געוואָרן פון אַזאַ פיינער און סענסיטיווער פען, ווי בעל־מחשבות׳עס, און אין אַזאַ צייט, ווען זיין אויג איז געווען גאָר־באַזונדערס שאַרף און זיין אויער — גאָר באַזונדערס וואַך.

דאָס איז געווען די צייט, ווען דער לעבנסדורשטיגער און לעבנס־מידער דר. עליאַשעוו האָט דערפילט אין זיך עפּעס אַזוי ווי אַ „צווייטע שטאַרקע יוגנט". ער האָט עס שפּעטער, אין סוף 1918, אויסגעדריקט ווי אַן אַלגעמיינעם געפיל פון דער גרויסער אומרואיגער תקופה. אין דער אמת׳ן איז עס געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגענעם געמיטס־צושטאַנד. ווען ער האָט געשריבן: „די פיר וועלט־קריגס־יאָר האָבן אונז, די עלטערע, די אויסגעמאַטערטע, ווידער צוריקגעגעבן די צייט. אין 1914 האָבן מיר, די פערציג־יאָריגע, שוין געפילט די שאָטנס פון קבר. מיר האָבן שוין מיט אומעטיגע הערצער געשפּירט, ווי גרעבער און גרעבער עס נעמט אַרום דער פאַנצער פון רגילות׳ן, אַלטע איינגעפונדעוועטע שעצונגען, געגנוואַרט־און צוקונפט־פירושים, אונזער גאַנצן אָפּגעלעבטן מענטשן. און אויך דער סקעפּטיקער האָט שוין געשפּירט, אַז זיין סקעפּסיס ווערט פאַרגליווערט און רוקט זיך נאָך כסדר איבער׳ן אַלטן, אויסגעגראָבענעם שליאַך — — דער וועלט־קריג האָט אָבער אים ווידער געמאַכט יונג. דער קול פון האַרמאַטן האָט צובראָכן דעם פאַנצער פון די מי־

טעלע עלטערם. זיי זיינען געוואָרן ווידער, ווי אין די צייטן פון דער יוגנט, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז געווען נאָר איין איינ־ציגע שורה פון אַלערליי באַוועגונגען און ענדערונגען...״ און ווייטער: „עס איז ניט וויכטיג, צי וועט דער פערציג־פופציג־יאָריגער קערפּער, אויסהאַלטען די פאָדערונגען פון זיין צווייטער שטאַרקער יוגנט. מעג דער קערפּער צופאַלן ווערן פון די כּסדר׳־דיגע, גרויסאַרטיגע, האַרץ־דערפרייענדיגע, האַרץ־באַקלעמענדיגע פאָרענדערונגען — פרעגט דען דער בחור אין זיין בחור׳שער האַסט, צי לוינט די אָנשטרענגונג, ווען ער פאָרט דורך נעכט אין אַן ענגער שיפס־קאַיוטע אויף צו זען פאַר זיך אַ נייע וועלט מיט נייע מענטשן״? („אונטער׳ן ראָד״, 9-10-11). — און דר. עליאשעוו האָט דאַן ווידער דערפילט אין זיך די „בחור׳שע האַסט״. דערפאַר איז זיין רעאַגירן אויף די האַסטיגע און אימ־פּעטיגע געשעענישן פון יענע יאָרן גאָר באַזונדערס אינטערע־סאַנט.

סאַי די, וואָס ווילן פאַרשטיין די אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע פון דער גרויסער עפּאָכע, סאַי די, וואָס זוכן אירע איינציגע, אינ־טימערע שטריכן, סאַי די, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט בעל־מחשבות׳עס אייגענעם געמיטס־צושטאַנד און געדאַנקען־גאַנג אין יענע שטורעמדיגע טעג און לאַנגע, אומענדלאַך לאַנגע יאָרן — וועלן אין דעם דאָזיגן בוך געפינען אַ סך פאַקטן און אויסטייטשונ־גען פון פאַקטן, אַ סך איינדרוקן און שטימונגען, וועלכע ווען אויפוועקן און באַפרוכפּערן זייערע אייגענע עראינערונגען און פאַנטאַזיע.

ניט אַלץ, וואָס זיי וועלן לייענען, וועט זיי געפעלן. אויב זיי זיינען, אַ שטייגער, ניט קיין ציוניסטן, וועלן זיין אָפּגע־פרעגט ביי זיי יענע שטעלן, וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן פון בעל־מחשבות׳ן דעם ציוניסט, און אויב זיי זיינען ציוניסטן, וועט ער אין אַ סך פאַלן זיין פאַר זיי צו פריי, צו אפיקורס׳יש, צו ניט־פּאַרטייאיש־ציוניסטיש. אָבער אַזאַ איינגאַרטיגן שריי־בער ווי בעל־מחשבות לייענען מיר ניט נאָר צוליב זיינע גע־דאַנקען און זיינע שטימונגען, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס

ער וועקט אונזער אייגענעם געדאנק און רופט ביי אונז אליין ארויס שטימונגען, פראגן, ספקות.

אייניגע נביאות'ן פון בעל־מחשבות, ווי אויך פון אנדערע שרייבער אין דער מלחמה־צייט, מאכן איצט דעם איינדרוק פון נבואות, וואס זיינען ניט מקוים געווארן. אזוי, צום ביישפיל, קלינגט איצט, שוין באלד צען יאר נאכ'ן קריג, מאדנע די שטעלע, וואו בעל־מחשבות האט אויסגעדריקט זיין האפנונג, אז נאך דער מלחמה וועט אנקומען א צייט פון פארשטארקטער רוחניות. ב'מיין די שטעלע, וואו ער האט (אין יולי, 1917) געשריבן: „דאס אמאליגע אייראפע, וואס האט זיך אזוי שטארק פאר־ליבט אין אלערליי ספארטן, אין די „אלימפישע שפילן", א. ד. ג., — דאס דאזיגע אייראפע, וואס האט אנגעהויבן אזוי שטארק צו אכטן און צו ערן א גוטן באקסער און אן אטלעט און געקוקט מיט אזא גרינגשעצונג אויף א מענטשן פון שמאלערע מוסקעלן, וועט באקומען נייע אידעאלן פון א מענטשלאכער שיינקייט, גע־זונטקייט און גאנצקייט. עס וועט אנקומען די נביאות פון א ישעיהו, ווען בערג מיט טאלן וועלן זיך אויסגלייכן, ווען די צעדער אין לבנון וועט זיך ניט האלטן העכער פאר א בלימל אין שרון, און אז. וו. (ז. 75), און — ווער ווייס? — אפשר וועט נאך די נביאות מקוים ווערן, אויב ניט נאך דעם געווע־זענעם, איז נאך דעם קומענדיגן גרויסן קריזיס, ווען די פעלקער און זייערע פירער וועלן שוין באמת ניט האבן מער קיין כח צו יאגן זיך נאך אויסערלאכער מאכט? דערווייל זיינען די בערג נאך בערג, די טאלן — טאלן און די זומפן — זומפן...

דאס אייגענע מוז מען זאגן, צום באדויערן, אויך וועגן אן אנדער חלום, א ריין אידישן חלום, וואס בעל־מחשבות האט אינאיינעם מיט אנדערע גע'חלומ'ט מער ווי מיט צען יאר צוריק, ווען עס איז ארוים די בארימטע און האלב־שוין־פארגעסענע באל־פור דעקלאראציע. ער האט דאן אין זיין גרויסער און אויפריכ־טיגער באגייסטערונג געשריבן: „ווי בלאס און צושוואומען זעען אוים אין קלארן ליכט פון טאג אלע ווערטלאך און פארטיי־געשרייען מכח אן אחד־העמ'יזם, פאליטישן ציוניזם, העבראַ־איזם, אידישיזם א. ד. ג.! וואס איז דאס פאר אן ארימער

באַגאַזש דער מרכז רוחני, ווען מיר טראָגן מיט זיך דעם ממשות־דיגן לעבעדיגן נאַציאָנאַלן צענטער! ווי קליין און ווי נישטיג איז איצט פאַר אונז דער גאַנצער שפּראַכן־קאַמף, וואָס ווערט געפירט אָן דעם הויפּט בעל־הבית — דעם אינטערנאַציאָנאַלן מאַסן־אידנטום — ווען מיר זעען שוין פאָראויס, אַז אין פינף, צען יאָר אַרום וועט אים אַנטשיידן דער פאָלקס־פּאַרלאַמענט פון אַ אידישער רעפּובליק אין ירושלים?" (ז. 121).

עס זיינען אָבער דאָ פּונקטען, וואו בעל־מחשבות האָט אַרויסגעוויזן אַ חוש פון אַ טרעפער. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער נאָך אין יאָר 1915 געשריבן, אַז „דער אידעאַל פון קומענ־דיגן תושב אויסער דעם תחום איז ניט דער קרעמער, ניט דער לופט־מענטש, נאָר דער פּראָדוקטיווער אַרבעטער, דער פּראָפעסיאָ־נאַל, קורץ און גוט — דער יעניגער, וואָס איז מער פאַכמאַן, ווי פאַרמיטלער". (ז. 16).

אָבער, ווי געזאָגט, ניט די איינציגע מיינונגען זיינען דער עיקר אין בעל־מחשבות'עס אַרטיקלען, נאָר דער אַלגעמיינער ווערט פון זיין לירישן און געדאַנקליכן אָפּרופן זיך אויף די פראַגן פון דער צייט.

ג.

אָט דער אַלגעמיינער ווערט קאָן באַטראַכט ווערן פון דריי שטאַנדפּונקטן: פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער צייט־געשיכטע, פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אידישן זשורנאַליזם און פון אַ ברייטערן ריין ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. איך האָב שוין אויף די אַלע דריי מאָמענטן אָנגעוואונקען, איצט וועל איך זיך אָפּ־שטעלן אויף זיי אויספירלאַכער.

פאַר דעם היסטאָריקער איז זיכער וויכטיג צו וויסן ניט נאָר וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַ שטורעמדיגער עפּאָכע, נאָר אויך ווי אַזוי די פּאַסירונגען זיינען אויפגענו־מען געוואָרן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיי האָבן געמאַכט אויף פאַרשיידענע סאָרטן גרופּעס און יחידים, וואָס פאַר אַ שפּורן זיי האָבן איבערגעלאָזן אין די מענטשלאַכע נשמות.

געשיכטע איז דאָס געלעבטע, ניט נאָר דאָס געשעענע. מוז

מען שטודירן די פסיכאָלאָגיע פון די מאַסן און זייערע פירער, כדי צו פאַרשטיין די מאַסנבאַוועגונגען. און פאַר אַט דעם שטודיום איז בעל־מחשבות'עס בוך אַ ווייכטיגער דאָקומענט. דער היסטאָריקער פון דעם אַלגעמיינעם און פון דעם אידישן לעבן אין רוסלאַנד בעת דער מלחמה און דער רעוואָלוציע וועט פיל לערנען פון בעל־מחשבות'עס פאַרצייכענונגען. ער וועט ניט געפינען אין זיי קיין נייע אים אומבאַקאַנטע פאַקטן און ער וועט גאָרניט זוכן אין זיי קיין פאַקטישע מיטטיילונגען, אָבער פסי־כאָלאָגישע אויסטייטשונגען, שטריכן און בילדער פונ'ם נשמה־לעבן, שטימונגען און שילדערונגען פונ'ם געמיטס־צושטאַנד, אין וועלכן דער שרייבער און אינאיינעם מיט אים אַנדערע האָבן זיך געפונען בעת די גרויסע היסטאָרישע געשעעענישן — דאָס איז דאָ לרוב אין בעל־מחשבות'עס בוך און דאָס וועט דעם צייט־היסטאָריקער, פונקט אַזוי ווי יעדן פון אונז, מיטהעלפן צו שאַפן זיך אַ בילד פון דער גרויסער עפּאָכע, אַ בילד מיט לעבע־דיגע פאָרמען, ניט קיין סכעמאַטישע צייכענונג.

עס וועט אונז העלפן צו פאַרשטיין, ניט נאָר צו זען דאָס איבערגעלעבטע... מיט אַ פּאָר שורות מאַכט אָפט בעל־מחשבות אַ סך־הכל פון גאַנצע באַוועגונגען. אָט ווי ער כאַראַקטעריזירט, צום ביישפּיל, די מערץ־רעוואָלוציע: „מיט וואָס פאַר אַ פרייד מיר האָבן באַגעגנט די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע! ווי גליקלאַך עס האָבן זיך געפילט אויך די, וואָס האָבן שוין פאַר־לאָרן איטלאַכע האָפענונג אויף עפּעס גוטס אין לעבן! האָט אָבער אָנגעהויבן די בת־מלכה צו ריידן און זי רעדט און זי רעדט: אי, וואָלט זי כאָטש אויף אַ רגע שטום געוואָרן! ווייניגער גע־רעדט און מער געאַרבעט אויף דער באַלעבאַטישקייט". און בעל־מחשבות דערציילט דערביי דעם אַנעקדאָט פון דעם קליינ־שטעטלדיגן שדכן, וואָס איז געקומען ריידן אַ שידוך אָן אַלטן בחור און אים אָנגעהויבן אויסצומאָלן די גליקן פון אַ פאַרהיי־ראַטן לעבן: „דו קומסט אַהיים, זאָגט ער, אַ מידער, אַ הונ־געריגער. באַגעגנט דיך אַ שיין ווייבל, גרייט צום טיש, צינדט אָן אַ לאָמפּ, רוקט דיר צו אַ שטול, גיט דיר אַ גלעט און הויבט אָן מיט דיר בנימוס'דיג צו ריידן און רעדט, און רעדט און

רעדט און רעדט... אוי (האָלט זיך דער שדכן ניט איין) וואָלט זי כאַטש, רבונו של עולם, שטום געוואָרן!"

דעם סאָציאַליזם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צוגעזאָגט איינצופירן אין רוסלאַנד, האָט בעל־מחשבות אויף זיין בילד־לאַכן לשון אָנגערופן „אַ פיינקאָכן אָן אייער און אָן פּוטער".

די „אייער און פּוטער", וואָס בעל־מחשבות האָט געוואָלט האָבן פאַר'ן סאָציאַליסטישן „פיינקוכן" זיינען ניט נאָר אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע, אַ הויכע עקאָנאָמישע פּראָדוקטיוויטעט, א. ד. ג. דערצו געהערט, לויט זיין מיינונג, אויך אַן איידעלערער סאָרט מענטש. „דער סאָציאַליזם, שרייבט ער, איז די העכסטע קאָמפּאָרטאַבלסטע פאָרם פון אַ מענטשלאַכן געזעלשאַפטלאַכן לעבן, און גראָד דארום פאָדערט ער אַן איידעלן הויכן מענטשן־מאַטעריאַל, סאַי אין דער מאָראַל ווי אין דער פּראָדוקטיוויטעט, אַזוי, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַזעצן צווישן מענטשן". (ז. 38).

אויך אין דעם אידישן לעבן האָט זיך בעל־מחשבות אָפּגע־שטעלט אויף די סוביעקטיוו־פּסיכאָלאָגישע און מאָראַלישע מאָ־מענטן. „די הויפּט צרה פון אונזערע פּאַרטייען, האָט ער, אַ שטייגער, געשריבן באַלד נאָך דער רעוואָלוציע, — איז די, וואָס זייערע פירער ווילן לויטער אָרגאַניזירן אַנדערע, נאָר ווילן ניט וויסן, אַז עס ליגט גאָר אַ חוב אויף זיי פריער זיך אַליין צו דיסציפּלינירן" (ז. 29). ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, וואָס ער קען „צענדליגער אידן מיט העכערע בילדונג", ווי אויך אידישע ארבעטער, „וואָס האָבן מער אינטערעס צו די קורסן פון די בערזן־פּאַפּירן, ווי צו געדרוקטע בלעטלאַך פון זייער אַמאָ־ליגער פּאַרטיי" (ז. 57).

ער האָט אַלע מאָל און אומעטום זיך אינטערעסירט ניט מיט אבסטראַקטע פּרינציפּן, ניט מיט אידייען סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, נאָר מיט דער שייכות, וואָס זיי האָבן צום לעבע־דיגן מענטשן און מיט דער שייכות וואָס ער האָט צו זיי.

קאָן אונז ניט געבן דאָס, וואָס מיר געפינען ביי בעל־מחשבות'ן, ניט די פּאַרטיי־פּרעסע און ניט די געוויינטלאַכע מע־מוארן־ליטעראַטור. די ערשטע אַגיטירט פאַר אַלגעמיינע פּרינ־ציפּן אָדער פּראָגראַמעס, די צווייטע איז פאַרשלונגען פון קאָנ־

קירעטע פאַקטן. בעל־מחשבות זוכט דאָס, וואָס באַהאַלט זיך הינ־
טער די פּרינציפּן און הינטער די פאַקטן — דאָס מענטשלאַכע.
ער איז אויסן ניט די אַבסטראַקטע פילאָזאָפיע און ניט דעם
עמפּירישן אינהאַלט, נאָר די נשמה, די פּסיכאָלאָגיע פון די
צייט־געשעענישן, און צי איר זייט איינשטימיג צי ניט איינ־
שטימיג מיט אַלץ, וואָס שטייט אין אַזעלכע פּרעכטיגע עסעיס
ויינע, ווי אַ שטייגער „טרויער און כאַקי־פאַרבן" אָדער „רוס־
לאַנד, סאָוועט־רוסלאַנד און מיר" — קלערער ווערט פון זיי
דאָס אינעווייניגסטע צייט־בילד. איר קוקט אַריין אין דעם בילד
נאָכדעם ווי איר האָט זיי געלייענט, טיפער ווי פריער.

דאָס איז די באַדייטונג וואָס בעל־מחשבות'עס בוך האָט
פאַר יענע, וועלכע ווילן שטודירן די געשיכטע פון די גרויסע
און שטורמדיגע רעוואָלוציע־יאָרן.

נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג האָט עס פאַר דער אַנטוויקלונג
און באַרייכערונג פון אונזער העברן סאָרט זשורנאַליזם.

בעל־מחשבות האָט געוויזן, אַז מען קאָן זיין זייער ערנסט
און דאָך בלייבן רואיג און ניט מאַכן קיין גוואַלדן און ניט ארויס
פון די כלים. ער האָט אונז געוויזן, אַז מען קאָן ריידן מיט אַ
שמייכל אויף די ליפּן וועגן די ביטערסטע געגנער אפילו, אַז
מען קאָן אַרויסזאָגן די שאַרפסטע מיינונגען — און זיין אַ
דזשענטלמען, אַז מען איז ניט מחויב צו שילטן זיך און צו ריידן
אויף דער העכסטער אָקטאַווע, ווען מען וויל עפּעס מבטל זיין,
אָדער צו פאַרגלאָצן די אויגן און שרייען מיט באַנומענע קולות
„אחד", ווען מען אַקצעפּטירט עפּעס...

דאָס איז אין פּלוג אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט. אָבער אין
אונזער פּובליציסטיק איז עס זייער אַ זעלטענע זאַך. אונזערע
געזעלשאַפטלאַכע וואָרט־פירער, אַ חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, גלויבן
ניט, אַז אימיצער וועט זיי הערן, ווען זיי וועלן ריידן שטיל...

ס'איז אמת, אַז אחד העם האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין
דער אידישער וועלט, און אַז זיין איבערציייגונגס־קראַפט איז
געלעגן דוקא אין זיין געלאַסנקייט. און דאָס איז ריכטיג אויך
וועגן אַזאַ וואָרט־פירער אונזערן ווי דר. זשיטלאָווסקי. מיט וואָס
האָט ער געווירקט? מיט דעם גרויסן כח־הסברה פון זיין

לאָגיק. אָבער אחד־העם און זשיטלאָווסקי זיינען ניט כאַראַק־טעריסטיש פאַר אונזער אַנגענומענעם פּובליציסטישן נוסח, כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר אים זיינען די סמאָלענסקינס, די פרישמאַנס, די צייטלינס — די אַלע, וואָס לאָזן פריי זייער טעמפּעראַמענט און שרייען: „ס'ברענט! ראַטעוועט!" איינער אַ אידישער זשורנאַליסט, ש. י. יאַצקאַן, האָט אָפּגעדרוקט אַמאָל אַ ביכל מיט'ן נאָמען „גוואַלד, אידן!" און אַט די אויפשריפט שטייט, דורכט זיך מיר, אויפגעשריבן מיט קדוש־לבנה־אותיות און מיט אַ פּאָר טוץ אויסרופּ־צייכנס איבער דער גאַנצער אידישער פּובליציסטיק. זי איז איין גרויסער גוואַלדיגער „גוואַלד!!" איינער האָט באמת אַ שטאַרקע שטים און דער אַנדערער קוויטשעט אויף אַ ביי־קול'כל, אָבער אַלע לייגן איין וועלטן, און אַז זיי נעמען די פען אין האַנט, איז אַזוי ווי פייער־לעשער וואָלטן מיט זייער גאַנצן קלאַפּערגעצייג זיך אַרויסגעלאָזט צו אַ שׂרפה...

אפשר איז עס געקומען צו אונז פון דער רוסישער פּרעסע? אָט ווי בעל־מחשבות כאַראַקטעריזירט דעם אונטערשייד צווישן דעם פּאָפּולערן טייל פון די רוסישע צייטונגען און דער פּרעסע פון די מערב־אייראָפּעאישע לענדער: „אויף אַ צייטונג באָאָב־אַכטער, וואָס פּלעגט אַריבער (אַזוי שרייבט בעל־מחשבות) פון אַ פראַנצויזיש בלאַט, אַ דייטשעם אָדער אַן ענגלישעם צו אַ רוסישן פּאַפּיר־לייאַך, פּלעגט דאָס מאַכן אַן איינדרוק אַקוראַט ווי דו וואָלסט פאַרלאָזן אַקאַרשט אַ רואיגן אַרבעטס־קאַבינעט און אַריינ־געפאַלן אין אַ חדר פון בית־לצנים. ווי רואיג און זאַכלאַך און ערנסט עס ווערן באַהאַנדלט אַלערליי פראַגן אין אַן אייראָפּעאיש בלאַט — אַזוי רואיג, אַז מען פילט כמעט ניט קיין קראַפט הינטער דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג. דאַגעגן, מיט וואָס פאַר אַ קאַזאַצקער בייזערדינקייט, אין אַ באַפעלהאַבערישן טאָן עס קלינגען די ווערטער פון אַ רוסישן פּאָפּולערן צייטונגס־פּובליציסט. וואָס פאַר אַ קרעפטיגע ווערטער ער געברויכט, ווי מורא'דיג איז זיין שופר, אין וועלכן ער בלאָזט! ניט נאָר די ווענט אין יריחו ציטערן פון דעם דאָזיגן שופר־טאָן. די גאַנצע וועלט הויבט אָן סקריפּען אין די זאַוויעסעס..." (ז. 172). האָבן מיר זיך אפשר אָנגענומען פון דער פּאָפּולערער רוסישער פּרעסע (און די פּ אָ־

פ ו ל ע ר ע פעריאָדיק איז, אגב, אומעטום אַ טומלערקע, ניט נאָר אין רוסלאַנד) ? און אפשר איז עס ביי אונז גאָר אַ ירושה — ביי וועמען אַ געזעצלאכע און ביי וועמען אַן אומגעזעצלאכע ירושה — פון די אַמאָליגע נביאים און די שפּעטערדיגע קעלמער מגידים — אָבער אַ פאַקט איז עס, וואָס פאַר אַ דערקלערונג ער זאָל ניט האָבן, אַז אונזער ערנסטע פובליציסטיק שפּילט אויף קיין כלי ניט אַזוי אָפּט, ווי אויפ׳ן פויק און אויפ׳ן טרומייט...

דערפאַר איז דער שטילער, איידעלער טאָן פון בעל־מחשבות׳עס צייטונגס־פובליציסטיק געווען אַזאַ גרויסער אויפטו. נאָך נאָמבערג׳ן איז ער געווען איינער פון דער זייער קליינער גרופּע אידישע זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן זיך פאַרגונען צו פירן געמיטלאַכע שמועסן וועגן גרויסע פראַגן און אַ שמייכל צו טאָן דאָרט, וואו אַנדערע וואָלטן געדונערט.

די שטילקייט, די הומאָרפולע געמיטלאַכקייט איז געווען שוין אויך אין די פריערדיגע זאַמלונגען פון בעל־מחשבות׳עס עסעים און פעליעטאָנען, אָבער גאָר באַזונדערס שטאַרק פילט זי זיך אין דעם בוך „אונטער׳ן ראָד". דאָ זיינען דאָך די עצם טעמעס — קריג, פאָגראָמען, רעוואָלוציע, אידישע גאולה — פאַטעטיש. עס בעט זיך אויפהויבן די שטים און אַרוים פון די כלים. אָבער בעל־מחשבות איז אויך דאָ איינגעהאַלטן. און עס איז באמת וואונדערלאַך צו זען, ווי זיין נאַטירלאַכער הומאָר שרעקט זיך ניט פאַר דער פאַטעטישקייט פון זיינע אייגענע געפילן: עס איז דאָ ביי אים אַ זעלטענע פאַראייניגונג פון הומאָר און פאַטאָס.

אַ חוץ דעם, צייכנט זיך אויס זיין פובליציסטיק מיט איר לירישן טאָן און איר בילדלאַכקייט. איך האָב אויף דעם שוין פריער אָנגעוויזן, אָבער איך וויל דאָ ברענגען עטלאכע ביי־שפּילן:

„חוה די מאַמע, דבורה די טאָכטער, חנא דער זון, שבתי דער אייניקל און שפּרינצע די דינסט — אַלע האַלטן אין איין ספּעקולירן. חוה ספּעקולירט מיט זאָקן, די טאָכטער מיט גאַ־לאַנטעריי, דער זון מיט מאַנופאַקטור, דאָס אייניקל מיט קאַלאָשן, א. אז. וו. (ז. 97) — איר לייענט עס און ווייסט ניט צי איז עס אַ פובליציסטישער אַרטיקל אָדער אפשר גאָר בעלעטריסטיק.

אין דער אמת'ן איז עס ביידע זאַכן אינאיינעם. בעל־מחשבות האָט באַנוצט אַ ליטעראַרישע פאָרם, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן בעלעטריסטישער זשורנאַליזם. בעל־מחשבות חקירה'ט זיך ניט און ברענגט ניט קיין לאָגישע באַווייזן. ער דערציילט און שילדערט. אָט אַזוי זע איך עס, אָט אַזוי איז עס...

„אין די זומערדיגע טעג, ווען אפילו אַן אַלטע גרושה דערמאָנט זיך אָן די יאָרן פון מוידוווייז, ווען אפילו דער מתמיד, דער קלויזניק, גייט אַרויס שעפּן פרישע לופט ביים ברעג פון טייך, ווען אפילו די לייט פון אַ מושב זקנים וואַרעמען זיך ביים טויער פון זייער הויז — אין אַזעלכע טעג בין איך אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, וואו איך האָב אָפּגעפינסטערט גאַנצע זיבן מאָנאַטן. צייט לעניין איז געוואָרן אַ מושל, האָט שוין די זון אַזאַ טבע, אַז אויך דער גרעסטער מרה־שחורה'ניק ווערט אויף אַ ווײַלע אוים עקשן און הויבט אָן שלום צו מאַכן מיט דער וועלט. און ניט ווילנדיג האָב איך געמוזט מודה זיין, אַז אין פּעטערבורג איז פאָרגעקומען אַ גרויסער שנוי צום בעסערן, עס איז אויסגעוואַקסן דער אַגראַ־האַנדל, אַ. אַז. וו.“ (ז. 191). אָדער: „אָריענטאַציע איז אַ מין פּאָלקע־מאַזורקע דאָס טענצלט אַ פּאָלק אויף די פּאַרקעטזאַלן פון דער דיפּלאָמאַטיע. דאָס בויגט דעם רוקן, פּאָכט מיט די פראַק־פּאָלבן, מאַכט אַן ערנסטן אָנשטעל אויף אַ רגע און שמייכלט חנ'עוודיג פריינטלאַך אַ פּאָלק, וואָס האָט אַלץ פאַרלאָרן אַ. אַז. וו.“ (ז. 205).

אַזעלכע בילדער און בילדערלאַכקייטן זיינען דאָ כמעט אין יעדן אַרטיקל בעל־מחשבות'עס, און דערפאַר אַליין שוין וועט אַ גרויסער טייל פון זיין זשורנאַליסטישן שאַפן צוציען נאָך אַ לאַנגע צייט צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אינטעליגענטערן לעזער אפילו דאַן, ווען אים וועט שוין ניט אינטערעסירן מער וואָס בעל־מחשבות האָט געטראַכט און געזאָגט וועגן געוויסע פראַגן — אַפילו דאַן, ווען די עצם פראַגן וועלן שוין זיין פאַר אים ניט מער ווי אַ שטיק פאַרגאַנגנהייט, וועט ער נאָך אַלץ געפינען עפּעס אַ חן און אַן אָריגינאַליטעט אין דעם אופן שרייבן בעל־מחשבות'עס.

דאָס שריפטשטעלערישע, אויב איר ווילט, דאָס קינסטלערישע

אין בעל־מחשבות׳עס ווערק וועט לעבן, ווען דאָס פּובליציסטישע אין זיי וועט זיין שוין פאַרבלאַסט און פאַרשטויבט.

עס זיינען דאָ אָבער (און דאָס וויל איך זאָגן וועגן אַלגעמיין־ליטעראַרישן ווערט פונ׳ם בוך „אונטער׳ן ראָד״) — עס זיינען דאָ איינצעלנע שטעלן און גאַנצע קאַפּיטלאַך אין דעם בוך, וואס אי דער אינהאַלט, אי די פאָרם זייערע האָט אַ דויערנדיגן ווערט. עס זיינען דאָ, וויל איך זאָגן, טיילן, וואס געהערן ניט צו דער צייט־געשיכטע און ניט צו דעם אידישן זשורנאַליזם, נאָר צו דער אידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען יענע טיילן, וואו בעל־מחשבות פאַרשט־אויס און דעקט אויף שטריכן פון דער אידישער פאָלקס־נשמה, טיילן, וואו אים געלינגט צו באַלייכטן פאַר אונז אַ קנייטש פון יעדן מענטשנ׳ס פסיכאָלאָגיע. צו אַט דער מדרגה דער־גרייכט ער אין אַזעלכע צוגלייך אי טיפע, אי גראַציעזע עסעיס, ווי: „ווערטער אָן אַ נגון״ (146־148), „צוויי נגונים״ (224־225), „רוסלאַנד, סאָוועט־רוסלאַנד און מיר״ (256־274) אָדער „די רויטע פאַטשיילע״ (353־356).

מיר געפינען אין זיי ניט קיין גאַנצע לעבנס־שיטה, קיין פילאָזאָפישע אדער עטישע סיסטעם. דאָס זיינען אַלץ נאָר פראַגמענטן, דימענט־שטויב, קלוגע איינפאַלן, איידעלע שטי־מונגען, לירישע אויסגוסן, אָבער הינטער דעם אַלעם פילט זיך אַן אייגנאַרטיגער און גייסטיג־לעבעדיגער מענטש, אַ מענטש, וואס האָט געזען די וועלט מיט זיינע אויגן און געזאָגט אונז אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, מיט זיינע אייגענע ווערטער.

ד.

אין דער ליטעראַרישער קריטיק איז בעל־מחשבות׳עס סטיל דערזעלביגער, וואָס אין זיין קריטיק פון לעבן — אין דער פּובליציסטיק. די אייגענע בילדלאַכקייט אין טראַכטן און שרייבן, די אייגענע בולט׳ע, אָבער ווייכע און נישט־פעסטע ליניע, אויך די געלאַסנקייט און בנימוס׳דיגקייט פון טאָן געפינט איר דאָ, און אויך יענע אויפריכטיגקייט, וועלכע לאָזט דער פען נישט ווערן אָפיציעל־ליטעראַריש, און אויך דעם שטימונגסכאַראַק־

טער פון דער אויפריכטיגקייט — דעם שטימונגסכאַראַקטער, וואָס דאַרף ניט צונויפגעמישט ווערן מיט׳ן אויבנאויפיגן קאַפּריז.

עס איז ניטאָ קיין באַשטימטע פּראָגראַם אין בעל־מחשבות׳עס פּובליציסטיק (דער ציוניזם איז אין איר נישט דאָס פּראָגראַם, נאָר, אַזוי צו זאָגן, די פּערספּעקטיוו), און דאָך, כאָטש זי איז נישט אָפּגעשטעמפּלט מיט דעם שטעמפּל פון אַ פּאַרטיי, הערשט אין איר איין געפיל און, מען קאָן זאָגן, איין טעמע: דאָס איז — דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און די נאַציאָנאַלע טעמע. און אַזוי איז עס אויך מיט זיין קריטיק. עס טאַרטשעט ביי אים נישט דער ליטעראַרישער „שטאַנדפּונקט", דער „מעטאָד", ער האָט קיין איין אַרטיקל נישט אָנגעשריבן, וואָס זאָל זיין אַ דוגמא פון אַן „עסטעטישן מאַניפעסט", און דאָך זיינען כמעט אַלע גרעסערע ליטעראַרישע אַרבעטן זיינע פון א י י ן מ י ן קריטיק. ריכטיג האָט ער (אין אַ בריף) זי אָנגערופן: נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע קריטיק.

נאַציאָנאַלע פּובליציסטיק, נאַציאָנאַלע קריטיק...

וואָס מיינט מען דערמיט? מען מיינט: זוכן אומעטום (אין לעבן און אין דער ליטעראַטור) דאָס פּ י נ ט ע ל ע פון דער נאַציע.

בעל־מחשבות איז אין דעם וויכטיגן פּרט אַ טרייער אייניקל פון דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַטור, מענדעלע, וואָס, ווי עס איז באַקאַנט פון דעמזעלביגן בעל־מחשבות׳עס אַרטיקלען, טוט ער אויך און זוכט אומעטום דאָס פּינטעלע איד...

אָבער דאָס נאַציאָנאַלע און אפילו דאָס אייביג־נאַציאָנאַלע פּ י נ ט ע ל ע איז נישט טויט, נישט פאַרגליווערט. אין יעדער עפּאָכע, ביי יעדן דור „פּיקט" זיך עס אַרויס, און דריקט זיך אויס אויף אַ באַזונדערן אופן: מוז מען זוכן ד י פּ אָ ר מ ע ן, וואָס ער האָט אין יעדער תקופה, ביי יעדן דור. מען מוז זוכן די ה י ס ט אָ ר י ש - נאַציאָנאַלע פאָרמען, די ה י ס ט אָ ר י ש - נאַציאָנאַלע סביבה. און אַזוי ווי מענדעלע זעט אין דער אמת׳ן נישט בלויז דאָס שטענדיגע און פאַרגליווערטע אין דער סביבה, נאָר אויך די כלומר׳שטע פאַרענדערונגען און נייסן, וואָס קומען אין איר פאָר, אַזוי האָט בעל־מחשבות אַן אויג, און גאָר אַ באַזונדער שאַרף אויג, פאַר דאָס, וואָס בייט זיך אינ׳ם אידישן לעבן, וואָס בייט זיך — און בלייבט ווי געווען.

בעל־מחשבות רעדט אמאָל אויך וועגן דער מאַטעריעלער, עפּטער אָבער — וועגן דער גייסטיגער סביבה, וועגן דער „פּסיכאָלאָגיע" פון דור, פון דער מאַסע און דער אינטעליגענץ, — וועגן דער נאַציאָנאַלער נשמה. אין זיינע אַרטיקלען וועגן מענדעלע'ן, וועלכן ער האָט אַזוי פלייסיג און מיט אַזאַ חריפות אויסגעפאָרשט, איז פאַראַן, פריער ווי אַלץ, אַן אַנאַליז, זייער אַ פיינער, אַ טיפער און אַ וויציגער, הגם אַ ביסל אַן איינזייטיגער, אַנאַליז פון'ם טיף־משכיל. די השכלה איז דער שפּיגל און די אָפּשפּיגלונג פון'ם דור, ווען דער „זיידע" איז אויפגעוואַקסן: „און דאָס, מיט וואָס דער דור האָט זיך אויסגעפיינט, איז אַ ביסל קלעפּן געבליבן אויפ'ן גרויסן טאַלאַנט פון אַבראַמאָוויטש'ן". אין זיינע ווערק אָבער האָט זיך נישט נאָר דער משכיל אָפּגעשפּיגלט, „אין איטליכן ברעקל פון זיינע אידישע געשטאַלטן, זאָגט בעל־מחשבות, זעט מען אַרויסשטייגן די נשמה פון דער גאַנצער אידישקייט", דערפאַר פאַרנעמט זיך דער קריטיקער מיט'ן לעבנס־שטייגער, מיט'ן גוסט און גייסט פון דער גאַנצער אידישקייט, פון דער גאַנצער אידישער עדה. דאָ גלויבט ער צו געפינען די קוואַלן, אַ שטייגער, „פון וואַנען אַבראַמאָוויטש האָט געשעפּט זיין קאַלטן וויץ". ער דרינגט אַרויס, „אַז אויף די ווערק מענדעלע'ס ליגט אויסגעשפּרייט דער גייסט פון דער אידישער מאַסע, וואָס איז זיך אַליין מבטל", ער (מענדעלע) איז איינער פון די ווייניגע יחידי סגולה, פאַר וועלכע די וועלט פון דער אידישער מאַסע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט אַלע פּרטים"...

און אויך ביי שלום־עליכם'ען, וואָס אייגענטליך פאַרוואַנדלט ער „אונזער רעאַלעם לעבן אין אַ חלום" און „דער אידישער סוחר אין געשטאַלט פון מנחם מענדל ווערט (ביי אים) עפּעס אַ פאַנטאַסטישע פיגור", — פונדעסטוועגן דערציילן אַפילו ביי שלום־עליכם'ען „ביידע הויפּט־העלדן בדרך משל דאָס לעבן און פילן פון דער אידישער מאַסע".

אויך „פייערבערג'ס הערצנס־ביאָגראַפיע איז צוגלייך די ביאָגראַפיע פון דער גאַנצער אידישקייט".

אין דעם געלעגנהייטס־אַרטיקל וועגן י. ל. פּרץ (וואו וועגן דעם שרייבער גופא איז, ליידער, ווייניג וואָס פאַראַן) רעדט זיך

וועגן דער סביבה, וואו די פאַרשווינען פון פּרץ'ס נאָוועלן לעבן, ד. ה. ווידער אמאָל וועגן דער גאַנצער אידישקייט, וועגן דער „עדה".

אין אַנדערע אַרטיקלען רעדט זיך שוין וועגן די פּערזענלאַכקייטן פון איינציגע שרייבער, אָבער אויך דאָרט פאַרבינדט זיך עס אָפּט מיט דער פּסיכאָלאָגיע, מיט דעם לעבן פּוּנ'ם כלל, פון דער סביבה.

איז עס אייגנטליך ט ע נ ' ס סביבה־טעאָריע, די מיליע־קריטיק. נאָר דאָ בעט זיך אַ קליין הגהה'לע. די סביבה, ווי ווייט זי ווירקט אויפ'ן קינסטלער און זיין ווערק, איז אַ סביבה אין אַ סביבה, און אין יענער נאָך איינע, און אַזוי ווייטער, אָן אַ סוף און אָן אַן עק. אַ חוץ דער אַלגעמיינער ראַסן־סביבה און דער נאַטור־סביבה איז פאַראַן נאָך אַן ענגערע נאַציאָנאַלע סביבה. די נאַציאָנאַלע סביבה איז אַ היסטאָרישער באַגריף, וואָס האַלט זיך אין בייטן, און, אויסער דעם אייביגן ע פּ ע ס , האָט זי פאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־מדרגות. אינוועניג אין דער נאַציאָנאַלער סביבה באַהאַלט זיך נאָך אַ סאָציאַלע אָדער קלאַסן־סביבה. דערנאָך קענען זיין נאָך ספּעציעלע עקאָנאָמישע און ספּעציעלע פּאָליטישע אומשטענדן, וואָס דער מיליע־קריטיקער טאָר נישט אָוועקמאַכן זיי אונטער דער האַנט. הײַנט די פאַמיליען־סביבה, די ירושה פון די עלטערן, און — דאָס איז אויך עפּעס ווערט — די סביבה פון די, וואָס געניסען און געברויכען דאָס ווערק פּוּנ'ם קינסטלער, די באַזונדערע סביבה פון דער געגעבענער עפּאָכע — קורץ : סביבה'ס און סביבה'ס...

אין זיין קונסט־פילאָזאָפיע שיידט ט ע ן נישט אָפּ איין סביבה פון דער אַנדערער, ער איז כולל זיי אַלעמען אינאיינעם, און זוכט ער דעם שורש פון אַ געוויסן מין קונסט, אַ שטייגער, פון דער רענעסאַנס־קונסט אין איטאַליע, גריבלט ער זיך נישט באַזונדער אין די עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע אָדער גייסטיגע תנאים פון דער צייט, נאָר ער מיט זיך צו שאַפן אַן אַלגעמיין קולטור־בילד, אַ בילד פוּנ'ם אַרומיגן לעבן, ווי גרויס און ברייט עס איז, און כל זמן ער רעדט וועגן מ י ל י ע , נישט וועגן ר אַ ס ע , איז ער אייגנטליך אויסן דעם באַרימטן, אַזוי אָנגערופענעם, „גייסט פון דער צייט". ט ע נ ' ס תלמידים זיינען ס'רוב נישט נאָר

ווענינער גלענצנדיג, נאָר אויך ווענינער סינטעטיש, ווי זייער רבי. זיי שטעלן די טראָפּ אַמאָל אויף איינער, אַמאָל אויף דער אַנדערער זייט פון דער פּילפּאַכיגער סביבה. די מיליע־טעאָריע פאַרבינדט זיך ביי זיי מיט די פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטען: דער מאַטעריאַליסט זוכט צו „דערקלערן" די קונסט דורך דער מאַטעריעלער סביבה, דער אידעאַליסט — דורך די אידעען פון דער צייט, דער סאָציאָלאָג פּראָוועט סאָציאָלאָגישע קריטיק, דער ראַסן־טעאָרעטיקער — ראַסן־קריטיק א. אז. וו.

בעל־מחשבות — און דאָס טיילט אים אָפּ פון אַנדערע מיליע־קריטיקער — אינטערעסירט זיך אין די אַרבעטן, וואו עס ווערט ביי אים אָנגעווענדט דער מיליע־מעטאָד, מער ווי אַלץ מיט דער נאַציאָנאַלער סביבה. ער גיט אונז בילדער אויך פונ'ם סאָציאַלן לעבן, אָבער נאָר, ווי וויט זיי גיבן אונז צו פילן און צו פאַרשטיין דאָס נאַציאָנאַלע.

איז ער נאַציאָנאַלער, נישט סאָציאַלער קריטיקער (אויב מען קאָן די דאָזיגע ביידע באַגריפן אָפּטיילן איינעם פונ'ם אַנדערן).

געוויס פאַרגעסט ער נישט, — אַ קריטיקער קאָן עס נישט פאַרגעסן, — אַז דער דיכטער איז פאַר זיך אַ מענטש און פאַר זיך אַ וועלט. ער ווייס, אַז טאַלאַנט איז אַ מתנה פון גאָט, נישט די סביבה האָט אים געבוירן. ער האַלט אָבער, אַז די סביבה, די נאַציאָנאַלע סביבה, האָט אים אויפגעהאָדעוועט, אין איר חדר געפירט, אירע לידלאַך אים אין אויער אַריינגעזונגען, מיט אירע פאַרבן זיין אויג אָנגעזעטיגט, מיט אירע אידעען דעם קאָפּ אים אָנגעשטאָפּט, און אירע לעבנס־געוויינהייטן, ווי אַ שווערע משא אים אויפ'ן האַלדז אָנגעהאָנגען, און עגול געמאַכט און פאַר'כשופ'ט: עד כאן... דרייט ער זיך און דרייט זיך, דער דיכטער, אין די פאַר'כשופ'טע ד' אמות פון אָט דער סביבה און לעבט אין זיסן טעות, אַז ער טרעט זיך אַליין אויס אַ וועג, ביז דאָס וואַכע אויג פונ'ם מיליע־קריטיקער דערזעט דאָס רעדל פון דער סביבה, אין וועלכן ער שוועבט אַרום, ווי אַ זומער־פליגעלע אַרום פייער, דערזעט, ווי עס ציט אים פון די ווייטע וועלטן, וואָס ער שאַפט, צום פּינטעלע פון דור, טאַפּט ער אָן, דער קריי־

טיקער, דאָס דאָזיגע פּ י נ ט ע ל ע , דערהערט אינ'ם קינסטלער דעם דבוק פון דער סביבה און זוכט אויף די פעדים, וואָס ציען זיך פון איר צו אים, ד. ה. פונ'ם פאַרגליוועמטן, אָבער מעכטיגן כלל צום שאַפנדיגן און שאַפנדיג אונטערטעניגן פּרט...

ווייס איך נישט, ביז וואַנען עס דערגרייכט אין בעל־מחשבות'עס אויגן די אונטערטעניגקייט פונ'ם שאַפנדיגן פּרט. איך רעכן, אז מ'וועט ביי אים פועל'ן, אַז די שאַפנדיגע פּערזענלאַכקייט, וואָס דורך אַ וואונדערלאַכן סוד באַהעפט זיך אין איר די טראַדיציע מיט דער אינעווייניגסטער פרייהייט, זאָל פעלשן אַ פעלשונג אין די גראָע און פינסטערע אויגן פון דער אומגעקרוינטער קעניגין איר מאַיעסטעט דער ס ב י ב ה, און זאָל צערייסן די פעדים די גרויע שפּינוועבס־פעדים, וואָס ציען זיך און קלעפּן זיך פון איר צו אים. איך רעכן, בעל־מחשבות וועט זיך נישט שטאַרק מצער זיין אויף דעם, דאָך כל זמן זיי האַלטן זיך, זיי ציען זיך, די שפּינוועבס־פעדים פון דער סביבה, זוכט ער זיי און האַלט זיך אָן זיי אָן, ווען ער וויל נישט פאַרבלאָנדזשען אויף די געהיימע וועגן פון קונסט. ווען עס איז נאָר מעגליך (ביי די יונגע, די „אינדיווידואַליסטן", איז עס ווייניגער מעגלאַך, ווי ביי די כלל־שילדערער" מענדעלע און שלום־עליכם) — איז ער טענ'ם אַ תלמיד. און אַזוי ווי אַנדערע טענ'ס תלמידים, נעמט ער פון דער סביבה (דעם צייטגייסט, דער כלל־פּסיכאָלאָגיע) די פאַקטן און די שטריכן, וואָס קאָנען נוצן צו „דערקלערן" דעם שרייבער. אַנדערע, וואָס קאָנען נישט נוצן דערצו, וואָס קאָנען אפשר שאַדן, לאָזט ער אויס... דאָס איז נישט טענדענציעזישקייט. נאָר, פּשוט, דאָס, וואָס איז פאַראַן אי אינ'ם קינסטלער, אי אין דער סביבה, וואו ער האָט געלעבט, — אָן דעם דערמאָנט מען זיך, אָן אַנדערע זאַכן דערמאָנט מען זיך נישט. אַ פּסיכאָלאָג וועט אונז אפשר געבן צו פאַרשטיין, אַז עס האָט אַ שייכות צום געזעץ פון אַסאָציאַציעס. דער עיקר אָבער, וואָס מען טוט עס נישט מיט אַ כיון. אַזוינע אומבאַוואוסטע איינזייטיגקייטן זיינען פאַראַן אין דער ריינער קונסט גופא, און אויב דאָס איז טענדענציעז, איז יעדע קונסט טענדענציעז, דען יעדע קונסט פאַרבינדט נאָר דאָס, וואָס ל אָ ז ט ז י ך פאַרבינדן, דאָס איז דער סוד פון איר האַרמאָניע...

די מיליע־קריטיק האָט, ווי יעדע קריטיק, אַ ווערדע, ווען זי שאַפט אַ האַרמאָניע. גילט איר אָפּ און זי אַנטפּלעקט דאָס אינווענינסטע צוזאַמענלעבן פון דעם קינסטלער און זיין סביבה, מעג דאָס דאָזיגע צוזאַמענלעבן זיין נאָר אַ טייל פון׳ם גאַנצן קינסטלערישן לעבן, — האָט עס אַ ווערדע, פּונקט אַזאַ זעלבסט־שטענדיגע ווערדע, ווי ס׳האָט יעטווידע לעבעדיגע איינהייט, באַשאַפן דורך דער וואונדערלאַכער באַהעפטונג פון שטאָף און גייסט.

די מיליע־קריטיק איז ווייניגער ווי יעטווידע אַנדערע קריטיק בכח צו דערקלערן אונז דעם שורש פון קונסט: ער ליגט אין דער איינציג־אַרטיגער פּערזענלאַכקייט פון׳ם קינסטלער, און ווען זי זאָל אינגאַנצן זיין אַריינגעטאָן אין דער סביבה, וואָלט זי נישט געווען, וואָס זי איז: אַ שאַפנדיגע פּערזענלאַכקייט. דאָך האָט די מיליע־קריטיק די שיינע אויפגאַבע צו באַהעפטן, ווי געזאָגט, דאָס קונסטווערק, וואָס איז אַליין אַ גאַנצע זאַך, מיט דער נייער, נאָך ברייטערער, גאַנצקייט פון דער סביבה — און מאַכן דערפון איינס: איינפּאַסן דאָס בילד פון׳ם קינסטלער אין אַ ראַם.

אַ חוץ דער חשיבות פון׳ם בילד, וואָס איז איינגעפּאַסט אין איר, האָט זי, אָט די סביבה־ראַם, אָט די סביבה־קריטיק, אַזוי ווי יעטווידע קריטיק, וואו די איינדרוקן פון׳ם קונסטווערק ווערן אַ יסוד פאַר׳ן קריטיקער׳ס מיטשאַפן, אַן אייגענע חשיבות, די חשיבות פון אַ וואָרט־שאַפונג. אין דעם פּרט איז צווישן טעג׳ס מעטאָד און אַנדערע מעטאָדן פון קריטיק נישטאָ קיין גרויסער אונטערשייד. עס איז אָבער דאָ אַ פּרט, וואו דער חילוק איז זייער טיף. די אינ־דיווידועל־קינסטלערישע קריטיק זוכט דאָס אינווייניגסטע ליכט פון׳ם קונסטווערק, די מיליע־קריטיק באַלייכט עס מיט שטראַלן פון דרויסן. די ערשטע אינטערעסירט זיך מיט׳ן שאַפן, פאַר דער צווייטער איז וויכטיג דאָס ערב־שאַפן. דער אונטערשייד צווישן זיי איז, אַלזאָ, נישט, ווי אַנדערע מיינען, דער אונטערשייד צווישן „ווי” און „וואָס”. קיין קריטיקער, אַזוי ווי קיין קינסטלער, קאָן נישט אָפּטיילן „ווי” פון „וואָס”, פאָרם פון אינהאַלט. דער אונטערשייד איז דער, וואָס איינער שטעלט די פראַגע: ווער? ווער איז די קינסטלערישע פּערזענלאַכקייט, וואָס האָט דאָס דאָזיגע ווערק באַשאַפן? דער אַנדערער פרעגט:

פ ו ן װ אַ נ ע ן ? פון װאַנען קומט עס אַזאַ מין שאַפן צו דער דאַזיגער פּערזענלאַכקייט ? „אױף אַ געמױזאַכץ באַװײַזן זיך בלעזלאַך, אין װעלכע עס שפּיגלען זיך אָפּ די שטראַלן פון דער זון און װעלכע פּינקלען אַ װײַלע און פּלאַצן. צװײ פּאָעטן שטײען פאַר דעם געמױזאַכץ : אײנעם אינטערעסירט דאָס בלעזעלע, זײַן באַװײַזן זיך און זײַן פריער טױט, דעם אַנדערן — דאָס געמױזאַכץ אַלײן, פון װאַנען עס נעמען זיך די טױזנטער בלעזעלאַך". װילן מיר באַנוצן דאָס דאָזיגע בילד בעל־מחשבות'עס און אָנשטאָט צװײ „פּאָעטן" שטעלן צװײ „קריטיקער", דאַרפן מיר נאָר מוסיף זײַן אײן זאַך : די „בלעזלאַך", װאָס דער אַנדערער, נישט געמױזאַכץ־קריטיקער, אינטערעסירט זיך מיט זײ, זײַנען שױן נישט די „בלעז־לאַך", װאָס „פּינקלען אַ װײַלע און פּלאַצן" : דורך דעם אָטעם פון שאַפן, װאָס איז אין זײ אַרײַנגעהױכט, זײַנען זײ פאַרפעסטיגט, אפשר פאַראײביקט געװאָרן, זײ װעלן פּינקלען און בלישטשען, װען פון'ם געמױזאַכץ, װאו זײ זײַנען אַמאָל געװען, װעט שױן נישט זײַן געבליבן קײן שריד ופליט. אָבער דער פּאָעט האָט אױך דאָס ג ע מ ױ ז אַ כ ץ פאַר אױס געמױזאַכץ געמאַכט. דערפאַר האָט די קריטיק, װאָס פאַרנעמט זיך מיט דער סביבה, פּונקט אַזאַ װערדע, װי די „בלעזלאַך"־קריטיק, די, װאָס גיט זיך אָפּ מער מיט די שטריכן, װאָס פּינקלען אַרױס פון דעם דיכטער'ס פּערזענלאַכ־קײט, װי מיט דעם כלל, צו װעלכן זי געהערט.

אײן גרױסער חסרון איז אָבער יע פאַראַן אין'ם „געמױזאַכץ"־מעטאָד : ער פּאַסט זיך מער פאַר אַ גאַנצער שולע און אַ גאַנצער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון קונסט, װי פאַר אײנציגע קינסטלער. בעת מען װענדט אים אָן צו אַ גאַנצער שולע און צו אַ גאַנצער עפּאָכע אין דער ליטעראַטור דערגרײכט מען אַ װיכטיקן ציל. מען דערװיסט זיך אין װאָס און פאַרװאָס דער פּרט איז גלײַך צום כלל. אין דער שאַפנס־װעלט פון אײנציגע קינסטלער אָבער איז װיכטיגער צו װיסן, אין װאָס און פאַרװאָס דער פּרט איז צום כלל נ י ש ט גלײַך. עס איז װיכטיג צו דערגײן, פאַרװאָס אין אײן און דערזעלביגער סביבה קומען־אױף די פאַרשײדנסטע קינסט־לערישע אינדיװידואַליטעטן. אױף דער פראַגע קאָן דער סביבה־מעטאָד נישט ענטפערן.

און נאָך אַ שוואַכקייט האָט די מיליע־קריטיק: איר כונה איז דורך מיליע פאַרשטיין און געבן צו פאַרשטיין דאָס קונסטווערק, אין דער אמת׳ן אָבער ווערט אומבאַמערקטערהייט דאָס קונסטווערק ביי איר אַ מיטל... צו פאַרשטיין די סביבה. כמעט ביי אַלע מיליע־קריטיקער געפינען מיר אַ סך מער וועגן דעם אַ ר ו ם פונ׳ם קינסטלער, ווי וועגן אים גופא.

גראָד בעל־מחשבות, בעת ער מאָלט דאָס היטעלע, וואָס די „צייט", די „סביבה", האָט אויפ׳ן דיכטער׳ס פּייערל אויבן אָנגעטאָן, — גראָד בעל־מחשבות פאַרגעסט נישט, אַז ס׳איז דאָס היטעלע, דאָס ה י ט ע ל ע, נישט דאָס פּייערל גופא. און ווען ער שילדערט די סביבה, וואו עס איז, צום ביישפּיל, אויסגעוואַקסן מענדעלע, פאַרשטייט ער צו ווייזן אויך דאָס, אין וואָס מענדעלע איז זיין סביבה איבערגעוואַקסן, אין וואָס זי איז אים פרעמד געווען. דאָך איז ער אויך אין די ערשטע גרעסערע אַרטיקלען זיינע געווען אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם אַרום, מיט דעם כלל און דער כלל־פּסיכאָלאָגיע, אַז מען קאָן אַ טעות האָבן און מיינען, אַז אַבראַמאָוויטש׳עם ווערק זיינען וויכטיג נאָר דערפאַר, ווייל „זיי זיינען איינע פון די וויכטיגסטע שליסלען, דורך וועלכע מיר דרינגען אריין אין דער נשמה פון דער אידישער מאַסע", אַז שלום־עליכם׳ען דאַרף מען לייענען, ווייל אין זיינע ווערק „באַקומט איר אַ פול קלאָר בילד פון אַ אידישער מאַטעריעלער סביבה" א. ד. ג.

אָבער ניט אַלעמאָל באַנוצט בעל־מחשבות דעם סביבה־מעטאָד. אין דעם שיינעם, האַרציגן אַרטיקל וועגן יעקב דינעזאָן רעדט זיך שוין נישט וועגן דער סביבה, נאָר וועגן דער אינווענינסטער פּערזענלאַכקייט פונ׳ם דיכטער, וועגן זיין שטייגער צו פילן און צו דענקען, וועגן זיין ליבע־געפיל, זיין ווייך האַרץ פון אַ מוטער און זיין גאָלדן האַרץ פון אַ קינד. אין די שפּעטערדיגע אַרטיקלען וועגן אַש, שניאור, וויסנבערג, איינהאָרן און אַנדערע זוכט ער אויך דעם א י ך, דעם פּ ע ר ז ע נ ל אַ כ ן ריטם...

האָט ער געביטן זיין „מעטאָד"? ניין. ער האָט אויך שפּעטער געשריבן אָפט וועגן כלל, וועגן אַ ר ו ם. מער נישט, דער אמת׳ער קריטיקער, אַזוי ווי דער אמת׳ער דיכטער, האָט נישט קיין

„מעטאָד“, וואָס זאָל זיין אַ האָר איבער אים. דער מעטאָד וואָנדט זיך אָן דער טעמע... איר ווירקונג אויפ'ן שרייבער איז גרעסער אָפּט, ווי די, וואָס ער האָט אויף איר. אינאיינעם מיט דעם אָביעקט ענדערט זיך דער אופן, ווי דער קריטיקער שרייבט וועגן דעם. און זאָל מען עס אים נישט אויפוואַרפן. סוף כל סוף זיינען אין דער קריטיק, אַזוי ווי אין דער קונסט, אַלע מינים גוט, אַ חוץ די לאַנגווייליגע. וואָס־דען, צום קינסטלער האָט מען זיך שוין, ווי עס איז, צוגעוווינט נישט צוצוגיין מיט אַ פּאַרטיגער מאָס, מיט גרייטע כּללים. מען ווייס, אַז די כּללים זיינען אין זייער אייגנ־אַרטיגער, קאָנקרעטער אָנווענדונג פאַרבאָרגן און פאַרהוילן פון אונז, יעדער דיכטער גיט זיי אונז צו פילן אויף זיין אייגענעם שניט און שטייגער, יעדער אַנטפּלעקט אין די אַלטע כּללים נייע פּרטים. דער קריטיקער איז אָבער אַלץ נאָך נישט זוכה, מען זאָל אים שענקען די פרייהייט פון שאַפן. דער דיכטער (און דער אידי־שער דיכטער מיט גאָר אַ באַזונדער תקיפות) וויל מאַכן פון אים אַ פּאַרמיטלער — צווישן אים און דעם פּובליקום; ער קוקט אויף אים אָדער ער מאַכט זיך, אַז ער קוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ. דער לעזער (און דער ווייניג אַנטוויקלטער אידי־שער לעזער באַזונדער) וויל אין אים זען אַ רבי'ן, — ער זאָל אָבער לערנען מיט אים פון דער מאַמענס סידור, קיין אייגענעם נוסח האָבען טאָר ער נישט. דער דיכטער וויל מאַכן פון אים אַ שמש אין טעמפּל פון קונסט, דער לעזער — אַ כּהן גדול... אַ סך טינט וועט פאַרגאָסן ווערן, ביז מען וועט מודה זיין, אַז דער קריטיקער איז בנוגע צום ווערק, וואָס ער שרייבט וועגן אים, נישט מער אָבער אויך נישט ווייניגער, ווי אַ לעזער, און ס'איז נישט קיין יושר, אַז צוליב דעם, וואָס די איינדרוקן און געדאַנקען, וואָס דאָס געלעזענע וועקט אויף אין אים, ווערן באַקאַנט אויך אַנדערע — אַז צוליב דעם זאָל ער אָנווערן די רעכט פונ'ם געוויינלאַכן לעזער. ביים געוויינלאַכן לעזן שיידן זיך אָפּ מענטשן איינער פונ'ם אַנדערן נישט ווייניגער, ווי ביים שרייבן: איינער לייענט „אָביעקטיוו“ און דער אַנדערער — „סוביעקטיוו“, איינער האָט אַן אָרימערע, דער אַנדערער אַ רייכערע פאַנטאַזיע אויף „פאָרשטעלן זיך“ די זאַך, וואָס ער לייענט, דער

איז אַ לעזער אַ רעאַליסט, דער אַנדערער — אַ ראָמאַנטיקער, דער אַנאַליזירט, צעגלידערט און צעברעקלט דאָס דורכגעלייענטע, ביי אַן אַנדערן באַקומט זיך עפּעס „פון איין גוס", אַ סינטעז, פאַר דעם איז דאָס בוך אַ בילד, וואָס ער דאַרף עס מער נישט ווי אָפּ־שפּיגלען אין זיך, פאַר דעם אַנדערן איז עס אַ מאָדעל, אַ שטאָף, וואָס ווערט איבערגעגאָסן אין זיין אייגענעם פורעם... עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע סאָרטן לעזער, פאַרוואָס זאָלן ניט זיין אויך קריטיקער פאַרשיידענע? און פאַרוואָס קאָנען פון איין און דעמ־זעלבינן קריטיקער נישט באַנוצט ווערן פאַרשיידענע מעטאָדן?

אויב איך האָב געפּרובט אָנווייזן אויף דעם סאָרט קריטיק, וואָס מיר געפינען אָפט ביי בעל־מחשבות'ן, איז עס נאָר כדי צו ווייזן, וואָס ער איז אַזוינס, נישט צו זאָגן, אַז איין טיפּ קריטיק איז העכער פון'ם אַנדערן. יעדע קריטיק, אפילו די ריין פּובליציס־טישע, איז גוט, אויב נאָר זי אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ וועלכן עס איז, זאָל זיין אפילו אַ ווייניג באַדייטנדיגען, פּינטעלע אינ'ם ווערק פונ'ם קינסטלער. דאָס פּינטעלע, וואָס בעל־מחשבות האָט אויפגעדעקט אין דעם שאַפן פון אַ מענדעלע, אַ שלום עליכם, אַ דינעזאָן, אָדער אַ פייערבערג, איז דערצו נאָך אַ וויכטיג פּינטעלע.

די, וואָס ווילן וויסן די ראָלע, וואָס די אידישע ליטעראַטור שפּילט ביים שטודירן דאָס אידישע לעבן, די אידישע פּסיכאָלאָגיע, די וועלן נישט באַגוגענען זיך מיט די ווערק פון די בעלעטריסטן, זיי וועלן לייענען אויך די קריטישע אַרטיקלען פון בעל־מחשבות. דאָס, וואָס דאָרטן איז עס צווישן די שורות, איז דאָ שוואַרץ אויף ווייס פאַרטייטשט, דאָס, וואָס דאָרט איז עס צעזייט און צע־שפּרייט, איז דאָ קאָנצענטרירט, פון געפיל איז געוואָרן אַ געדאַנק, די בילדער זיינען איינגעפאַסט אין ראַמען... די עכטע קריטיק, אַלץ איינס, פון וואָס פאַר אַ מין, וועבט זיך צונויף מיט דער ליטעראַטור און ווערט מיט איר איינס.

אין אַ יונגער ליטעראַטור, וואו עס איז נישטאָ נאָך כמעט קיין מסורה, וואו יעדערער איז אַן אָנהויבער, אַ פונדאַמעטלייגער און יעדערער ציט צו זיך, ס'איז נישטאָ קיין מרכז, — איז די קריטיק באַזונדערס נויטיג. זי העלפט דער ליטעראַטור ווערן אַן איינהייט, אַן אָרגאַניזם. זי אַנטפּלעקט די נאָך שוואַכע, פאַר־

באַרגענע פעדים, וואָס ציען זיך פון איין עק צום אַנדערן. זי זוכט אויס די אומבאַוואוסטע שותפות'ע כונות און אויך די קאָנטראַסטן, וואָס באַהעפטן זיך אין איין האַרמאָניע. זי זעט־צו מיט ליבשאַפט די יונגע פלאַנצונגען, וואָס קאָנען זיך צונעמען אויפ'ן היימישן באָדן און טייט מיט'ן פינגער אויף די ווילדע גראָזן, וואָס דאַרפן אויסגעיעט, אויסגעוואָרצלט ווערן... קורץ, זי האָט אין זינען די ליטעראַטור אינגאַנצן, זי עטעמט מיט איר כלל־אָטעם, און זי איז נישט נאָר איר געוויסן, זי איז איר לעבעדיגער באַוואוסטזיין, איר איינהייטס־באַוואוסטזיין.

בעל־מחשבות האָט דער ערשטער געהאָלפן שאַפן דאָס דאָזיגע איינהייטס־באַוואוסטזיין פון דער אידישער ליטעראַטור. לעבן די פיאָנערן־בעלעטריסטן, וואָס האָבן געאַקערט און פאַרזייט דאָס פאַרוואָרלאָזטע פעלד פון דער אידישער ליטעראַטור, איז אויך די קריטישע מיטאַרבייט פון בעל־מחשבות געווען אַ פיאָנערן־אַרבעט.

עס זיינען שוין פאַר אים געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשריבן קריטיק (דאָס זיינען געווען ס'רוב די בעלעטריסטן אַליין: פּרץ, דינעזאָן, שלום־עליכם, פרישמאַן, אַ חוץ רבניצקי'ן און אַנדערע) — ס'זיינען געווען שרייבער, וואָס האָבן געשריבן קריטיק, אָבער עס איז נישט געווען קיין קריטיקער.

דער קריטיקער איז געקומען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער איבערגאַנג פון ליטעראַטן צו ליטעראַטור.

ער איז געקומען און האָט גלייך אין זיך אַריינגעאָטעמט דעם אָטעם פון דער יונגער ליטעראַטור, דערפילט די באַזונדערע אַטמאָספערע, וואו זי לעבט, און די באַזונדערע מאָס, מיט וועלכער זי דאַרף געמאָסטן ווערן אין די צאַרטע קינדער־יאָרן. ער האָט זי נישט געוועזן דן לכף זכות, ווי מ'איז זיך נוהג צו באַגיין מיט אַ שוואַכן, אַ נעבאַכ'ל, וואָס מען קאָן פון אים נישט פאַרלאַנגען קיין סך; ניין, ער האָט אַ סך פון איר פאַרלאַנגט און געהאַפט. ס'זיינען דאָך שוין דאָן פעסטגעשטאַנען אַזוינע זיילן פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם. נאָר וויל ער האָט געגלויבט אין דער ליטעראַטור, ווייל ער האָט זי געשעצט און געליבט, האָט ער געוואָלט זי לאָזן אויסלעבן זיך אַליין, פון אינעווייניג, מיט די אייגענע היימישע

כחות זיך אויף א דרך ארויפשלאָגן. און הגם אין דעם ערשטן ארטיקל וועגן מענדעלע'ן ראנגלט זיך נאָך ביי אים די פון דער פרעמד־געבראכטע מאָס פאר איר קיום, זעט מען דאָך שוין אויך דאָ, אז ער האָט דערפילט דעם אינעווייניגסטן מאָס־שטאב פון דער אידישער ליטעראטור (וואָרים יעדע ליטע־ראטור אין יעדער תקופה פון איר געשיכטע האָט דאָך סוף כל סוף איר אייגענעם מאָסשטאב), און ער איז פון אָנהויב אָן גע־ווען אן אייגענער מענטש אין דער אידישער ליטעראטור, אזוי ווי ער וואָלט פון איר גופא ארויסגעוואקסן.

ווען מען דערמאָנט זיך, אז ער האָט זיין בילדונג, א היבשן טייל פון זיין קולטור־פארמעגן, באקומען אין דער נישט־אידישער וועלט, איז צו באוואונדערן, ווי אזוי דער דאָזיגער גר צדק, ווי ער האָט זיך אונטערגעשריבן אמאל, איז געוואָרן גיך א תושב ביי אונז, און נאָר איינמאָל אינ'ם ארטיקל וועגן פרצ'ן, איז ארויסגע־שפרונגען דער „אויפקלערער", וואָס זיצט אינ'ם אידישן אינטעלי־גענט, און, דערפילנדיג פאר זיך דעם ספעציפיש אידישן לעזער, איז ער, ערנסט און אביסעלע פארשעמט, ארוים מיט דער שפראך: „איי־דער מיר וועלן אָנהויבן וועגן פרצ'ס ווערק, מוזן מיר אין קורצע ווערטער אָנווייזן, ווי נויטיג און וויכטיג עס איז די שיינע לי־טעראטור, די פּאָעזיע פאר יעדער מענטשלאכער געזעלשאפט א. אז. וו." נאָר איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אז ער האָט גענומען דעם דרדקי־טייטל אין האנט, תמיד אָבער איז זיין כונה געווען נישט לערנען מיט דעם פאָלק, נאָר עס קענען צו לערנען.

ער איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן פארשטאנען, אז „די זשארגאָן־ליטעראטור איז היינט נישט בלויז א מיטל צו בילדן דאָס פאָלק, נאָר אויך א טייער מיטל צו בילדן אונזער אינטעליגענץ, די דאָזיגע קלאסן ביי אידן, וואָס האָבן זיך דער־ווייטערט פון פראָסט אידישן לעבן און האָבן עס אויפגעהערט צו פאר־שטיין".

די ערשטע צוויי בענד „געקליבענע שריפטן" בעל־מחשבות'עס זיינען, ווי א בוך, געווען צו־קנאפ באארבעט. זיי זיינען אזוי

ווי ארויסגעגעבן געוואָרן אין איילעניש, ס'איז אָבער געווען דאָס ערשטע בוך פון אַ אידישן קריטיקער, און שוין דערפאַר גופא איז עס אַ וויכטיגע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור.

די ערשטע בענד בעל־מחשבות'עס האָבן אָבער געהאַט נישט נאָר די ווערדע, וואָס עס האָט יעדער שווערער אָנהייב, יעדע פּיאָנערן־אַרבעט. ס'איז געווען קודם כל אַ בוך, פון וואַנען עס האָבן ארויסגעלויכטן צו אונז בליצנדיגע רגע'ס פון אַן ערלאַכן געדאַנק און אַן אויפריכטיג האַרץ, אַ בוך, וואו עס געוועלטיגט אַן איידעלע, כמעט קינסטלערישע רואיגקייט, וואו עס איז פאַראַן אמת'ער טרויער און אמת'ע ליבע צו ליטעראַטור...

אינאיינעם מיט מיינונגען פאַרעלטערטע אָדער לכתחילה נישט ריכטיגע זיינען פאַראַן אין דעם בוך כאַראַקטעריסטיקעס, ווי אַ שטייגער די כאַראַקטעריסטיק פון מענדעלע'ן, דעם „שילדערער פון דער אידישער עדה", וואָס זיינען געוואָרן ביי אונז, קאָן מען זאָגן, קלאַסיש.

ח.

אין דעם דריטן באַנד פון בעל־מחשבות'עס „שריפטן" האָבן מיר, אַזוי ווי אין די ערשטע צוויי בענד, געזען אי בעל־מחשבות'ן דעם קריטיקער, אי בעל־מחשבות'ן דעם פּובליציסט, דעם פאַרפאַסער פון די אייגנאַרטיגע „שטריכן און געדאַנקען".

אין די שטריכן און געדאַנקען האָט בעל־מחשבות, קאָן מען זאָגן, געשאַפן זיין אייגענע ליטעראַרישע פאָרם. קיינער אַ חוץ אים, פאַרמאָגט זי ניט. אין די „איראָנישע מעשה'לאך" און אין די יום־טוב'דיגע אַרטיקלען, וואָס זיינען אריין אין די ערשטע צוויי בענד, האָט ער אַזוי ווי געוואַקלט זיך צווישן בעלעטריסטיק און פּובליציסטיק. אַמאָל פלעגט אראָפּוועגן איין שאָל, אַמאָל — די אַנדערע. דאָ, אין די קורצע „שטריכן און געדאַנקען", האָט זיך דאָס צינגל פון דער שריפטשטעלערישער וואָג בעל־מחשבות'עס איינגעשטעלט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גלייכגעוויכט, אַ מין סינטעז צווישן געשטאַלט און געדאַנק, פּאָעזיע און טאָג־פראַגן.

געשטאַלט און געדאַנק — אַט די צונויפּפאַרונג איז נאָך אָבער ניט דער עיקר אין די „שטריכן און געדאַנקען", אין אַט די פּובליציסטישע לידער אין פּראָזע. דאָס אייגנאַרטיגע, וואָס אין זיי, איז די פעיאיגקייט צו כאַפּן דעם פּ אָ ד ע ם, וואָס אויף אים זיינען אָנגעצויגען די טאָג־טעגלאַכע דערשיינונגען, די פעיאיגקייט צו געפינען עפּעס טיפּישעס, דויערנדיגעס אין די זיך בייטנדיגע קאָלירן פון מאָמענט. אַט דאָס מאַכט, אַז די איילנדיגערהייט געשריבענע צייטונג־שורות זאָלן האָבן אַ ווערט אַפילו דערנאָך, ווען מען לייענט זיי אין אַ באַזונדער בוך, אַז אויך דאַן, ווען דער שוים פון'ם טאָג, וואָס האָט זיי געבוירן, איז פאַרשוואונדן, זאָל אויפ'ן דעק זיך אָפּשטיין עפּעס אַ זאַך, וואָס איז שווערער און וויכטיגער ווי דער צייטונג־שוים. די בעסערע צווישן די „שטריכן און געדאַנקען" זיינען שטיקער אידישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס דערצו האָבן זיי נאָך די מעלה געשריבן צו זיין אָן דעם שווערן וויסנשאַפטלאַכן און פּובליציסטישן אַפּאַראַט, אַזוי ווי גאָר אָן פּרעטענזיעס. פּשוט, אַ מענטש מיט אַן אָפן אויג און אַ קלוגן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן, מאַכט זיך נאָטיצן, צייכנט „מענטשעלאַך", פיגורן מיט אַ בליישטיפט. קיין שלמות, קיין קינסטלערישע גענויאיגקייט איז דאָ, פאַרשטייט זיך, ניטאָ, דערפאַר אָבער איז נאָך אַנגענעמער צו זען, ווי פלוצלונג לעבט אָפּ דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקל אַ בלאַסע ליניע, אַ ציטערדיגע האַנט־באַוועגונג, אַ פיינע קאַריקאַטור פון אַ נאָז, אַ כאַראַקטעריסטישער פאַרבן־פלעק, אַ בליק...

די דאָזיגע אייגנאַרטיגע „מעטאָדע" האָט בעל־מחשבות באַנוצט די לעצטע יאָרן אויך אין דער קריטיק. און אויך דאָ גיט זיך אים אַמאָל איין צו געבן אָנצוהערעניש מיט אַ פּ אָ ר שטריכן און געדאַנקען אויף אַ גאַנצער קינסטלערישער פּערזענלאַכקייט. אָבער ניט שטענדיג געלינגט עס אים. ניט שטענדיג לאָזט זיך אַ גאַנצע לעבעדיגע ליטעראַרישע פיגור איינקוועטשן צווישן די טאָוועלאַך פון אַ נאָטיץ־ביכל: זי וויל מער רחבות, זי פאָדערט צו זיך מער אויפמערקזאַמקייט. די גרעסערע קריטישע אַרטיקלען, וואָס זיינען אריין אין דעם דריטן

באַנד, שטעלן דעריבער מער צופרידן דעם לעזער, ווי די לייכטע, אונגעצוואונגענע, האַלב אימפּראָוויזירטע „ליטעראַרישע גע־שפּרעכן" און „נאָטיצן פון אַ קריטיקער". די קריטישע אַרטיקלען, וואָס צווישן זיי זיינען פאַראַן אויך צוויי, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט נייע טעמעס („מעמואַרן־ליטעראַטור" און „צו דער אידישער טעאַטער־פּראַגע") דערמאָנען אָן דעם אמאָ־ליגן אויפמערקזאַמען בעל־מחשבות'ן. אין די לעצטע יאָרן זיינען זיינע קריטישע אַרבעטן קלענער געוואָרן אין כמות און אָפּט אויך אין איכות. אָפּט — אָבער ניט אַלעמאָל. גראָד אין זיינע לעצטע אַרבעטן האָבן ניט איינמאָל אויפגעבליצט שאַרפע אָריגינעלע געדאַנקען. אָבער זיי זיינען פאַרלאָשן גע־וואָרן אַזוי שנעל, ווי שנעל זיי האָבן אויפגעלויכטן. צי ווייל די טעמעס (די ליטעראַרישע טעמעס) זיינען געווען אָרימערע, צי ווייל דאָס וויכטיגסטע איז שוין פריער ארויסגעזאָגט געוואָרן אדער אפשר גאָר דערפאַר, ווייל עס איז שוין אָפּגעקילט גע־וואָרן דער ברען און די פאַרליבטקייט פון דעם פּיאָנער, און דער צווייפל האָט זיך געשטאַרקט איבער דעם גלויבן...

ו.

בעל־מחשבות איז געשטאָרבן דעם 13טן יאַנואַר (ז' שבט), 1924. אָבער דער טויט איז געקומען צו אים ניט אומגעריכט. דר. עליאשעוו האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז ער גייט אויס — און עפּעס פון אָט דעם לעצטן אמת, פון אָט דער לעצטער אויפריכ־טיגקייט איז געווען אין זיין שרייבן פון די לעצטע יאָרן. ער איז תמיד געווען אַן אָפענער שרייבער (דאָס איז אפשר די הויפּט שיינקייט זיינע). ער איז געבענטשט געווען מיט דער זעלטענער פייאיגקייט צו לאָזן דעם לעזער זען אים פּנים אל פּנים, אָן קיין שום מחיצה'ס. אָבער קיינמאָל איז די פייאיגקייט ניט געווען אין אים אַזוי שאַרף, ווי אין די לעצטע צוועלף־דרייצן יאָר פון זיין לעבן, נאָך דעם ערשטן שווערן אָנפאַל פון זיין קראַנקהייט, ווען ער האָט שוין אייגנטלאַך ניט געלעבט, נאָר פון צייט צו צייט אויפגעפלאַמט און אויפגעלויכטן, ווי אַ ליכט

איידער עס לעשט זיך אוים. ער האָט קורץ פאַר זיין טויט אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפּישן עסעי, און אין יענעם שטילן ודוי האָט דאָס אויסגייענדיגע ליכט גאָר באַזונדערס העל אויפ־געלויכטן. עס איז געווען אין דעם אַזוי פיל אמת און אַזוי פיל געלייטערטע ליידן, אַז ווען איך זאָל עס זיך קאָנען פאַרגינען, וואָלט איך עס בעסער איבערגעשריבן, אנשטאָט צו שרייבן וועגן אים. וואָרים קיינער קאָן ניט מאַכן אויף אים אַזאַ הספד, ווי דער, וואָס ער האָט דאָן געמאַכט אויף זיך אַליין! ער האָט עס אָנגערופן — —„מאַכן זיך אַליין אַ יובילייע"... „כל ימי" — זיי־נען געווען די לעצטע אומעטיגע ווערטער פון דער דאָזיגער זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק — „כל ימי האָב איך אויסגעמידן יובי־לייאומס און לויה׳ס. איצט מאַך איך זיך אַליין אַ יובילייע. צי איז דאָס ניט די בעסטע ראיה, אַז מען לאָזט דיך געבוירן ווערן, לעבן, שטאַרבן און פרעגן דיך בחרם — פאַרוואָס? צו־וואָס?" און אין דער פראַגע איז ניט געווען די מינדסטע רע־טאָריק. עס איז, פאַרקערט, געווען אין איר די טיפסטע אויפ־ריכטיגקייט פון אַ מענטשן, וואָס מאַכט דעם סך־הכל פון זיין לעבן און וויים, אַז דער חשבון לאָזט זיך אוים.

פאַר אים האָט זיך דער חשבון אויסגעלאָזן, אָבער ניט פאַר אונז, ניט פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

בעל־מחשבות איז מער ווי אַ פערזאָן, וואָס האָט פינף צענדליג יאָר געלעבט און געליטן און צום סוף געפרעגט זיך אַליין: „צו־וואָס?" בעל־מחשבות איז אַ גייסטיגע דערשיינונג, און פאַר די אַלע, פאַר וועמען עס לעבט די נייע אידישע ליטע־ראַטור, לעבט ער, ווי אירער אַן אָרגאַנישער טייל. זיין ליטעראַ־רישע עקזיסטענץ שטייט ניט אונטער דער טרויעריגער פראַגע: „צו־וואָס?"

מיר וויסן, צו־וואָס ער האָט געשריבן, אַזוי ווי מיר וויסן, צו־וואָס מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ און אַנדערע האָבן געשריבן. זייער שאַפן האָט מעגלאַך און נויטיג געמאַכט זיין שאַפן. זיי האָבן געהאָט צוגעגרייט צום סוף 19טן יאָרהונדערט אַזוינע ווערק, וואָס זיינען ווערט געווען צו ווערן אַליין אַ באַפרוכ־

פערנדיגע טעמע פאַר אַ שרייבער. איז געקומען דער שרייבער — דאָס איז געווען דר. עליאַשעוו — און האָט זיך געלאָזט באַ־פרוכפּערן פון דער גרויסער טעמע...

אָבער לאָמיר דאָך ברענגען אַ פּאָר קאַפּיטלאַך פון זיין לעבנס־געשיכטע.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1873, אין קאָוונע. ער האָט שוין אין די קינדער־יאָרן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס ליכט, ווי אויך די טונקלקייט, פון אונזער אַלטן פרום־באַלעבאַטישן לעבן. זיין פאָטער, זאַלקינד עליאַשעוו, איז געווען אַ סוחר, אַ רייכער קרעמער, אַ חשוב׳ער בעל־הבית אין שטאָט. ער האָט געשטאַמט פון אַ שיינער משפחה אין זשאַגאָר, געוועזענער קאָוונער גו־בערניע, — דער שטאָט, וואָס איז באַרימט געווען מיט אירע לומדים, מיט אירע משכילים. ער איז אין די יונגע יאָרן אַליין אויך געווען אַ האַלבער־משכיל. אין די קאַפּיטלאַך פון זיינע מע־מואַרן („אַ מענטש — אַ לעבן״), וואָס בעל מחשבות האָט פאַר־עפנטלאַכט אין יאָר 1922 אין „דעם אַמעריקאַנער״,*) דערציילט ער וועגן זיין פאָטער, אַז ער האָט אין דער יוגנט „געלייענט דייטשע ביכער און (איז) געווען אַ פיינער העברייער, אַן אָנ־געשטאָכענער פון די ערשטע השכלה ספרים״. ער האָט געהאַט בדעה „זיך צו לערנען ווייטער, נאָר ניט צו בלייבן אין מצב פון זיינע חברים, וואָס האָבן פרי חתונה און נעמען זיך באַלד פאַר־עפּעס אַן עסק׳ל, פאַר אַ קרעמל, פאַר וואָכער א. ד. ג., און צו דעם צוועק האָט ער, חוץ דייטש און העברייאיש, זיך נאָך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע, וואָרים צו יענער צייט איז בוכהאַל־טעריע אויך געווען אַזאַ מין איידעלע קענטשאַפט, ווי בן זאב׳ס דקדוק, און דערצו נאָך אַן אינטעליגענטע מלאכה, וואָס קאָן אָרנטלאַך מפרנס זיין אַ מענטשן. קיין שדוכים האָט ער זיך ניט געלאָזטריידן, און ביז 22 יאָר איז ער געבליבן אין זשאַגאָר, אונטער דער השפעה פון ר׳ חיים זאַק און די מאַנדעלשטאַמס, וואָס זיינען געווען זיינע לייבלאַכע שוועסטערקינדער און וואָס

*) פריער איז עס געדרוקט געווען אין דעם העברעאישן זשורנאַל „העבר״, פּעטראָגראַד, 1918, ז. 11.

זיינען שוין אָפּן אַרוים פאַר א ברייטער אוניווערזיטעטס־בילדונג".

אויך איזידאָר'ס מוטער, חיה שרה, איז געווען אַ וואויל־קענענדיגע. זי האָט געקענט דייטש, פויליש און לשון קודש.

עס האָט, אַלזוי, געהערשט אין דעם הויז, וואו עליאַשעוו האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, דער רוח־ההשכלה. אָבער ער איז בטל געוואָרן קעגן דעם גייסט פון פרומקייט. בעל־מחשבות'עס פאָטער איז געווען „אַ האַלבער משכיל און אַ גאַנצער ירא שמים". ער איז תחילת טאַקע אוועק אויפ'ן וועג פון השכלה, אָבער ער איז געבליבן שטיין ביים רעכטן אָנהויב. אונטער דער ווירקונג פון זיין ווייב'ס פרומע קרובים, און מחמת ער איז געווען אַליין „אַ טיפע רעליגיעזע נאַטור", האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו דער אַלטער גאָטספאָרכטיגקער אידישקייט. און שפּעטער, אין סוף 70ער יאָרן — ישראל (איזידאָר) איז נשגאַנגען דאַן אין חדר, — איז ער געוואָרן אַ מוסר'ניק.

דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גייסטיגן לעבן פון דעם צוקונפטיגן שרייבער. זיין פאָטער האָט אים אָפט מיטגענומען מיט זיך קיין סלאָבאָדקע, א פאָרשטאָט אין קאָוונע, וואו עס האָט זיך געפונען דאַן ר' איצעלע פעטערבורגער, א פירער פון די מוסר'ניקעס. „דאָרטן, דערציילט בעל־מחשבות, פלעג איך מיט אַ אינגל'שער נייגער זיך צוהערן אין אַ קלייזל צו די דרשה'ס פון ר' איצעלען, וועלכע ער פלעגט האַלטן פאַר'ן עולם אין דער טונקלקייט, צווישן מנחה און מעריב. און נאָך ביז היינט קאָן איך ניט פאַרגעסן דעם אומעט און דעם שוידער, וואָס פלעגט מיך מאַנכע מאָל ארומנעמען, ווען איך פלעג, נאָך דער דרשה, וואָס פלעגט זיך ענדיגן קורץ פאַר מעריב אין דער אַרומיגער פינסטערקייט, דערהערן מיט אַמאָל דעם כאָר פון וויי־נענדיגע קולות: „שובה אלינו ונשובה", „מאין באת ולאן אתה הולך"...

טיפע שפּורן האָבן די דאָזיגע מינוטן פון רעליגיעזן „שוידער" געמוזט איבערלאָזן אין עליאַשעוו'ס נשמה, און זי איז קיינמאָל

נישט אויסגעלייזיגט געוואָרן אינגאַנצן פון דער הייסער רעליגיאָזיטעט, וועלכע ער האָט גע׳ירש׳נט פון זיין פאָטער און וועלכע האָט געפייניגט און באַלויכטן זיין קינדהייט. אפילו שפּעטער, ווען ער איז אַוועק פון פרומער אידישקייט, האָט ער געטראָגן אין האַרצן אירע ליבע געשטאַלטן און געבענקט נאָך דעם ליכט, וואָס אין אירע טונקלקייטן. אין איינעם פון זיינע פּאָעטישע עסעיס וועגן „נאַציאָנאַל אידישע טעג״ האָט ער געשריבן „איטליכס מאָל, ווען איך זע אַ דערוואַקסענעם מענטשן זיך צעגיסן אין אַ תפלה פאַר׳ן רבש״ע, האָב איך נאָר איין איינדרוק: דאָ שטייט און יאָמערט אַ מענטש, וואָס האָט אין די לאַנגע יאָרן פאַרלוירן זיין קינדיש געמיט, זיין קינדיש לויטער האַרץ. אַ פאַרפלעקטער, אַ פאַרשטויבטער האָט ער נאָך איין געבעט: קער מיר אום צוריק מיין זילבער־ריינעם געוויסן, מאַך, אַז איך זאָל ווייטער זיין אַ קינד ביי דיר, אַ קינד, אַ קינד!״ דאָס איז געווען זיין אייגענע תפלה. ווי יעדע רעליגיעזע און ווי יעדע זינדיגע נאַטור (זינד און פרומקייט פאָרן זיך שטענדיג), האָט ער גערוכט די ריינקייט, די לויטערקייט, די גאַנצקייט פון דער קינדערשער נשמה. ער האָט געוואָלט דעם פייער, וואָס האָט אים אַמאָל געוואַרעמט און געלויכטן, און וואָס איין פונק זיינער האָט נאָך אַלץ געטליעט אונטער דעם אַש פון זיין אָפּגעקילטן גלויבן. ווייל עס האָט נאָך אין אים געטליעט אַ פונק, האָט זיך אים געגלוסט דאָס גאַנצע פייער. ווייל ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן אינגאַנצן אויס קינד (אין אַ גייסטיגן מענטשן האַלט זיך אויף שטענדיג עפּעס קינדישעס), האָט ער געוואָלט ווערן אינגאַנצן קינד. „מיינט נישט, אַז די יאָרן, האָט ער געשריבן, מאַכן אונז אינגאַנצן אויס קינד, די יאָרן פאַרהאַרטעווען דאָס האַרץ, פאַראומריייניקן אונזער געוויסן, מאַכן קנייטשן אין אונזער נשמה. זיי נעמען אונז צו די מעגלאַכקייט צו זיין דאָס, וואָס מיר זיינען געווען אין אונזער גאָלדענער קינדהייט. זיי קאָנען אָבער קיינמאָל נישט באַגראָבן אין אונז דעם אַלטן אייביגן וואונש צו וועלן זיין, „אַזוי ווי קינדער״.

ווער ווייס, צי וואָלט ער געקאָנט אריבערטראָגן די אַלע יסורים פון גוף און גייסט, וואָס אים איז באַשערט געווען צו

ליידן, ווען ניט די כחות, וואָס עס האָט אים געגעבן זיין טיף־רעליגיעזע קינדהייט? זי האָט פאַרהאַרטעוועט זיין קערפּער און זיין נשמה. אירע שטראַלן האָבן אים געוואַרעמט, ווען זיי זיינען שוין געווען האַלב פאַרלאָשן.

צו צען יאָר האָט דער פאָטער אים אָפּגעריסן פון דער היימישער סביבה און אוועקגעשיקט לערנען אין דער ישיבה פון די מוסר'ניקעס, וואָס איז געווען אין גראַבין, אַ שטעטל אין קור־לאַנד. אין דער ישיבה האָט מען געלערנט אויך חכמות חצוניות (דייטש, געאָגראַפיע, אַריטמעטיק), אָבער דער עיקר איז געווען מוסר. מען האָט געהאַלטן אין איין שרעקן די קינדער מיט'ן גהינום, אין איין שטראָפן זיי פאַר די זינד, וואָס זיי האָבן ניט געזינדיגט, אין איין מעורר זיין זיי צו תשובה. אין זיינע מעמואַרן — אגב, אַ זייער אינטערעסאַנט קאַפּיטל אידישע קול־טור געשיכטע — גיט אונז עליאַשעוו אַ טרויעריג בילד פון דער דאָזיגער איינגנאַרטיגער פּענסיאָן־ישיבה, וואו די קינדער האָבן געלעבט אין שמוץ און אין מורא פאַר די שטרענגע משגיחים.

אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו טראַכטן, אַז די צוויי יאָר, וואָס דער יונגער עליאַשעוו האָט פאַרבראַכט צווישן די מוסר־ניקעס, האָבן געהאַט נאָר אַ נעגאַטיווע באַדייטונג. זיי זיינען געווען שווער און פינסטער פאַר זיין קינדערשער נשמה, אָבער זיי זיינען געווען פאַר איר, ווי אַ שאַרפער אַקער פאַר אַ יונג פעלד; זיי האָבן זי אויפגעוועקט, אויפגעעפנט. ניט איינמאָל איז ער אויפגעשוידערט געוואָרן פון שרעק פאַר יענער אומבאַקאַנטער זאַך, וואָס די דערוואַקסענע האָבן גערופן זינד, ניט איינמאָל האָט זיך אָנגעצונדן אין אים אַ פייער פון אמת'ן רעליגיעזן עקסטאַז. ער האָט פרי אָנגעהויבן שפּירן די פאַרבאָרגענע כחות און סודות פון לעבן.

אויך דער גייסט פון צוייפלען און פאָרשן האָט אין אים אויפגעוואַכט בעת ער איז געווען צווישן די מוסר'ניקעס. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל אים אַרויסטרייבן פון דער ישיבה. פריער האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון פאַנטאַס־טישן גלויבן, איצט האָט זיך אָנגעצונדן אין אים דאָס קאַלטע פייערל פון אפּיקורסות. „מיט פאַרביסנקייט און כעס, שרייבט

ער, בין איך צום ערשטן מאָל פרייטאָג פאַרנאַכט אַרויס אויף די גראָבינער גאַסן פריי און הפקר׳דיג. א נקמה געפיל האָט אין מיר געפלאַקערט. אָבער וואָס קאָן איך אַזוינס אָפּטאָן די משגיחים און רש״ז (ר׳ שמחה זיסל), אַז זיי זאָלן האָבן מיר צו געדענקען? מיין יונגער מח האָט געקלערט און אויסגעקלערט. מען דאַרף מחלל שבת זיין בפרהסיא. וואָס קאָן נאָך מער דער־צאָרענען זיי? און כאָטש איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געראויכערט, בין איך אַריין אין אַ קראָם און געקויפט פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אַ צענדליק פּאַפּיראָסן. צום ערשטן מאָל האָב איך פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און נאָך פרייטאָג צו נאַכט, גראָד אין דער אייגענער צייט, ווען די פענסטער פון שול האָבן אָנגע־הויבן לייכטן אין וואַש־שטוב אַריין״.

דאָך האָבן די לייכטנדיגע פענסטער פון שול, די שבת־דיגע ליכט, אים באַגלייט אויף זיין ווייטערדיגן וועג, ניט די אפּיקורסישע רויכלאָך פון דעם „פּאַפּיראָס אום שבת״. זיין יוגנט איז אויסגאַפּעלן אין אַ צייט, ווען די אפּיקורסישע השכלה האָט שוין מער ניט געהאַט איר אַמאָליגן חן. דאָס איז געווען אַ צייט פון נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק. „פאַר׳ן היינטיגן שרייבער, האָט געשריבן בעל־מחשבות אין זיין אַרטיקל „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע״, — „פאַר׳ן היינטיגן שרייבער איז דער עבר שוין ניט דאָס, וואָס פאַר זיין פאַרגענגער פון דער השכלה צייט. ווי אַ ברייטע פּאַנאָראַמע, אַ פּרעכטיגע און אַ רייכע, איז אויסגעשפּרייט פאַר זיין גייסטיגן אויג די פאַרגאַנגנהייט״. און אויך פאַר אים איז זי געווען אויסגעשפּרייט, ווי אַ ברייטע פּאַנאָראַמע, אַ רייכע און אַ פּרעכטיגע. ער האָט פאַרגעסן די שאָטנס פון זיין קינדהייט, אים האָט גע׳כשופ׳ט איר ליכט.

אים האָט עס גע׳כשופ׳ט נאָך מער, ווייל ער האָט אין דער יוגנט זיך דערווייטערט פון דער וועלט, וואו ער האָט פאַר־בראַכט זיינע קינדער־יאָרן, און פון דער ווייטן זעט אַלץ אויס שענער. ער האָט שטודירט אין אויסלאַנד, פריער אין אַ מיטל־שול אין דער שווייץ, דערנאָך אין די אוניווערזיטעטן פון היידל־בערג און בערלין, וואו ער האָט אנטייל־גענומען אין דעם רוסישן

לעבן פון די דאַמאָלסטדיגע סטודענטישע קאָלאָניעס. דאָס אי־דישע פאָלקסלעבן איז שוין מער ניט געווען זיין לעבן; אי די וואָך, אי דער שבת פון דער אַלטאידישער וועלט האָט זיך אָפּגע־רוקט פון אים. ער האָט דאָס אַלץ באַטראַכט שוין פון דער ווייטן, ביי דער פּערספּעקטיוו פון דעם היסטאָריש־נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין, וואָס האָט דאַן גענומען אויפוואַכן אין דער אידישער יוגנט.

דאָס שלאָגוואָרט „פאָלק", „נאַציע" (אָדער ציוניזם) האָט גע־וואָלט דאַן איבערשרייען דאָס וואָרט „ארבעטער" (אָדער סאָציאַ־ליזם), וואָס האָט פאַרהילכט די דיסקוסיעס פון די אייראָפּייאיש־אידישע סטודענטישע קאָלאָניעס. עליאשעוו איז מער מסוגל גע־ווען צו שטעלן זיך אונטער דער פאָן פון ציוניזם. ניט נאָר ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַ פרום־באַלעבאַטישער פאַמיליע, האָט געקראָגן אַ טיף אידישע דערציאונג און איז געווען אַ מוסר'ניק אין די קינדער־יאָרן. עס איז געווען נאָך אַן אַנדער טעם, אַ וויכטיגערער. צוליב דאָס קינסטלערישע און דאָס טיף אויפריכ־טיגע אין אים האָט אים געמוזט ציען צו עפּעס קאָנקרעטעס, צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קאָליר, פאָרם, און רעדט צו זיין פאַנ־טאַזיע. ארבעטער, סאָציאַליזם איז געווען צו אָבסטראַקט פאַר אים. „וועקן העראָאישע געפילן ביי אַ פאָלק שוסטער, שניידער און פעדלער" — דאָס איז אים געפעלן געווען. דאָס פ אָ ל ק שוסטער, שניידער און פעדלער איז געווען פאַר אים אַ מער לעבע־דיגער, אַ מער בילדלאַכער באַגריף, ווי דער ק ל אַ ס שוסטער און שניידער, וואָס האָט דאַן נאָך עקזיסטירט מער אין די פּראָ־גראַמעס, ווי אין דער אידישערווירקלאַכקייט.

ער איז געוואָרן אַ ציוניסט. אָבער אויך זיין ציוניזם איז געווען אַן אייגנאַרטיגער. ער האָט געשטעלט פאַר זיינע אויגן ניט דעם אבסטראַקטן אידעאַל פון אַ צוקונפטיגער אידישער נאַציע, נאָר דאָס בילד פון דעם רעאַלן אידישן פאָלקס־לעבן. פון דאַנען איז געווען איין טראָט צו דער אידישער פאָלקסשפּראַך, צו דער אידישער פאָלקסשאַפונג. און שוין אין יאָר 1895 האָט ער (ווי עס איז צו זען פון זיינעם אַ בריוו צו מיר) אָנגעשריבן עפּעס אַ

זאָך אויף אידיש מיט'ן נאָמען „עס קאָכט און עס רודערט אין שטעטל אפיקומן" און עס געליינט אין א סטודענטישן פאראיין. אָבער ער האָט נאָך דאַן נישט געטראַכט צו ווערן א אידישער שרייבער. און אפילו שפּעטער מיט עטלאַכע יאָר, ווען א פּאָר האַלב־בעלעטריסטישע זאַכן זיינע האָבן זיך שוין געווען געדרוקט אין עפּעס א רומענישער אידישער צייטונג, האָט אים נאָך אַלץ „מער אינטערעסירט די אַפּאָסטאָלישע ראָל פון א יונגן ציוניסט, וואָס גאַרט מער צו קריטיקירן די אידישע געגנוואַרט און וואָס שטרעבט צו וועקן העראָאישע געפילן ביי א פאָלק שוסטער, שניי־דער און פעדלער, איידער אָנצוטאָן אויף זיך די עפּאָלעטן פון א ליטעראַט *). די „חכמי הפּען", ווי ער רופט זיי אָן, פון דער העברעאישער און דער אידישער פרעסע, ווי ווייט זי האָט דאַן עקזיסטירט, האָבן אים נישט געצויגן צו זיך. און ווען זיין חבר און פריינט דר. לוריע, וועלכער איז אין יאָר 1899 געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „דער יוד", וואָלט אים „ניט מיט גוואַלד אריינגעצויגן צווישן זיינע מיטאַרבעטער", וואָלט ער „אפשר ניט אַזוי גיך אריין אין דער אידישער ליטעראַרישער וועלט" **).

ער איז אריין, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט גע־פילט ווי אַן אייגענער מענטש אין דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט אונטערגעשריבן זיינע אַרטיקלען פריער „אים על" און דערנאָך „גר צדק". ער האָט נאָך אַלץ געדענקט, אַז ער איז ניט אריינגעגאַנגען אין דער אידישער ליטעראַטור, נאָר אריינגעפאַלן, ווי ער שרייבט אין דעם פריער ציטירטן אַרטיקל. „איך בין אריינגעפאַלן אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי א גוי'אישער גאַסט". אָבער ער האָט זייער שנעל אויפגעהערט צו זיין א גר און איז געוואָרן א תושב אין דער אידישער ליטעראַטור.

נאָך דעם פינפטן באַזעלער קאָנגרעס, ווען עס איז געגרינדעט

---

*) זע זיין אַרטיקל „פינף און צוואַנציג יאָר ליטעראַטור" אין „מאָרגן זשורנאַל" פון דעצעמבער 31, 1922.

**) דאָרט.

געוואָרן די „דעמאָקראַטישע פראַקציע" אין ציוניזם, פון וועלכער עליאַשעוו איז געווען אַ מיטגליד, און דער אַרויסגעבער פון „יוד" האָט מורא געהאַט פאַר עליאַשעוו'ס פריערדיגן ליטעראַרישן נאָמען, טאָמער איז ער טריף געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט ער אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע אַרטיקלען אונטער דעם פּסעוודאָנים בעל־מחשבות. אונטער אָט דעם נאָמען האָט דר. עליאַשעוו פאַרנומען אַן אָרט אויבנאָן אין דער אידישער ליטעראַטור (אויפ'ן געביט פון דעם האַלב־בעלעטריסטישן עסיי, פון דעם איראָנישן מעשה'לע — עליאַשעוו'ס אַן אייגענע ליטעראַטורפאָרם, — פון דעם ערנסט־שפּילעוודיגן פּעליעטאָן, פון דער לירישער פּובליציסטיק) און איז געוואָרן דער גרינדער פון דער אידישער קריטיק, דער, וואָס האָט געהאָלפן מאַכן פון די אידישע ליטעראַטן אַ אידישע ליטעראַטור, דער, וואָס האָט געשפּונען ווייטער דעם פאָדעם פון אונזערע קלאַסיקער און געלאָזט זיך אים אַריינוועבן אין דעם געוועב פון דעם אידישן לעבן, פון דעם אידישן באַוואוסטזיין, דער, וואָס איז אין משך פון מער ווי צוויי צענדליג יאָר געווען דאָס אָפענע אויג און פיינער אויער, וואָס האָט געזען, געהערט אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אין דער אידישער ליטעראַטור, און געמאַכט, אַז אַנדערע זאָלן עס זען און הערן, דער, וואָס איז אַליין געווען איינער פון אונזערע פיינסטע שרייבער און לעזער, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט אַנדערע שרייבער געהאָלפן שרייבן און אַנדערע לעזער — לעזן...

מיט זיין שאַפן האָט ער געוויזן, אַז אַ קריטיקער איז ניט יענע בעקלינשע פּאַרזעניש, וואָס האָט אַ בייזן צאָרנדיגן פּנים און האַלט די פּען אין מויל, ווי אַ שוחט דעם חלף, נאָר ער איז דעם קינסטלער'ס און דער קונסט'ס אמת'ער פריינט, איינער פון יענע פריינט, וואָס וועגן זיי האָט געשריבן אַמאָל פּעטער אַלטנבערג: „זיי נעמען אַראָפּ פון דעם געליבטן מענטשן דאָס אויבערשטע, דאָס פעטע און געשמאַקע, און קלאָגן זיך ניט אויף די וואַסערדיגע מילך, וואָס בלייבט אונטן. זיי נעמען עס אָן ווי אַ נאַטור געזעץ, אַז עס קאָן ניט זיין קיין אויבערשטע מילך ביז'ן דעק... זיי טייטשן אונז אויס לויט די אין אונז פאַרבאָרגענע אידעאַלן, ניט לויט אַלע אונזערע אויבנאויפיגע

אַלטעגלאַכע שוואַכקייטן. זיי וואַרטן אויף די זעלטענע רגע'ס פון אונזער עלית נשמה, קוקן ניט אויף אונזערע דורכפאַלן. זיי זיינען די איידעלע אויסלעגער און אויסטייטשער פון אונזער אמת'ן יש. זיי פאַרשטייען אונזערע שוואַכקייטן, זיי שעצן אונזער קראַפט".

בעל־מחשבות איז ניט געקומען „קריטיקירן", נאָר שרייבן, שאַפן. צווישן אים און די דיכטער איז באמת געווען בלויז דער חילוק, וואָס זיי האָבן געבלעטערט — און „קריטיקירט" — דעם בוך פון לעבן, בעת ער האָט זיך פאַרטיפט אויך אין דעם לעבן פון בוך...

איז דאָס לעצטע דען אַזוי געלייטערט, אַז עס קאָן ניט ווייטער נאָך געלייטערט ווערן? איז עס פלאַך אַזוי און אָן פאַרבאָרגענישן, אַז עס קאָן ניט קומען איינער און אויפדעקן אין דעם עפּעס נייעס? איז עס אַזוי באַגרעניצט און אומבאַוועגלאַך, אַז עס איז דאָ אין דעם פּלאַץ נאָר פאַר דעם שרייבער'ס פערזענלאַכקייט און ניט אויך פאַר דער פאַנטאַזיע און דער שאַפונגס־קראַפט פון דעם טאַלאַנטפולן לעזער?

מיט זיינע עסיים וועגן מענדעלע'ן און שלום־עליכם'ען, ווי אויך מיט אַנדערע שפּעטערדיגע אַרטיקלען זיינע, האָט בעל־מחשבות געוויזן, אַז ניט נאָר די שרייבער שאַפן די אידישע, ווי יעדע, ליטעראַטור, נאָר אויך דער לעזער שאַפט זי, ווען אים געלינגט נאָר צו באַפרייען זיך פון זיין לעזערישער שטומקייט. בעל־מחשבות האָט געוויזן, אַז דער טאַלאַנטפולער געניסער פון קונסט, וועלכער האָט זיין אייגענעם גייסטיגן לעבן, הערט אויף צו זיין אַ מיטשאַפער פון קינסטלער און ווערט אַליין אַ שאַפער, ווי נאָר ער אַנטדעקט אין זיך די פייאיגקייט אויסצודריקן מיט דער הילף פון פון וואָרט די איינדרוקן, וואָס ער האָט פון וואָרט.

האָט בעל־מחשבות דען ניט רייכער געמאַכט די ווערק, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן? האָט ער זיי דען ניט געלייטערט? זיינען זיי ניט געוואָרן דען אַנדערע, קלערערע, נאָכדעם, ווי ער האָט געשריבן וועגן זיי? האָט ער דען ניט אָפּגעוואָרפן אין זיי דאָס צופעליגע און ניט וויכטיגע, אַזוי ווי דער קינסטלער לאָזט אין שאָטן דאָס ניט־עיקר'דיגע, וואָס איז דאָ אין לעבן? האָט ער

ניט בולט געמאכט, פונקט אזוי ווי דער קינסטלער טוט, דאס כאראקטעריסטישע און דאס אויפטועריש, וואס איז דא אין זיי? האט ער ניט געמאכט קיין גאנץ בילד פון די שטריכן און שטריכעלאך, וואס אין די שאפונגען פון די קינסטלער זיינען זיי געווען צעזייט און צעשפרייט?

די קינסטלער האבן אונז געגעבן ריינע, געלייטערטע כאראקטערן אדער פארגרעסערטע פארטרעטן פון פארשיידענע סארטן מענטשן און גרופעס מענטשן. ער האט אויסגעמאלט די כאראקטערן און די בילדער פון פארשיידענערליי קינסטלער. איז שילדערן קינסטלער און זייערע ווערק לייכטער, ווי שילדערן אנדערע מיני מענטשן? פאדערט זיך ניט קיין קונסט דערצו?

און האט דען בעל־מחשבות דורך די ווערק פון אנדערע ניט געגעבן אונז זיך אליין, אזוי ווי די שרייבער גיבן אונז זיך דורך זייערע ווערק? לייכט דורך זיינע קריטישע עסיים ניט ארויס זיין אייגן לעבן און זיין אייגענער קוק אויפ'ן לעבן? איז דער שמייכל פון ליבשאפט און ראמאנטיק, וואס האט געשוועבט אויף זיינע ליפן אין דעם ערשטן פעריאד און די פארביטערטקייט, די איראניע, וואס האט זיי אפט צעקרימט אין דעם לעצטן פעריאד— ניט קיין אויסדרוק פון זיין פערזענלאכקייט?

ז.

אבער איידער מיר וועלן מאכן דעם סך־הכל פון בעל־מחשבות'עס אויפטואונגען, לאמיר א קוק געבן אויף דעם מצב, אין וועלכן די אידישע קריטיק האט זיך געפונען פאר בעל־מחשבות'ן...

עס איז שוין באלד פיר הונדערט יאר, אז מען האט אנגעהויבן דרוקן ספרים אויף אידיש, ספרים מיט א וועלטלאכן און מיט א רעליגיעזן אינהאלט. עס איז געווען א ווארטשאפן אויף אלערליי ליטעראַרישע געביטן, נאר נישט אויפ'ן געביט פון קריטיק.

עס איז אין די ווערק אויף אידיש געווען לעבנס־קריטיק (מוסר), אבער די ווערק גופא זיינען ניט קריטיקירט געווארן. סיידן מען זאל צורעכענען צו קריטיק די לויבגעזאנגען פון די הסכמה'ס און די איינציגע, צופעליגע, קריטישע באמערקונגען,

וואָס טרעפן זיך אין די הקדמה׳ס צו אַלטע אידישע ספרים.

אונזער העברעאיש־אַראַמעאישע ליטעראַטור איז גראָד געווען פול מיט פּירושים אויף ספרים, מיט הערות, מיט השגות, מיט וכוחים, ד. ה. פול מיט קאָמענטאַרן, באַמערקונגען, אָפּפרעגענישן, פּאָלעמיק, וואָס דאָס אַלץ זיינען פאָרמען פון קריטיק. אָבער די אידישע מחברים — זיי האָבן זיך זעלטן ווען אָפּגעגעבן איינער מיט דעם אַנדערנס ווערק.

ערשט אין דעם וואָכנבלאַט „קול מבשר", וואָס האָט אָנגעהויבן ארויסצוגיין אין יאָר 1862, ווייזט זיך דער מין ליטעראַטור, וואָס מיר רופן אָן ביבליאָגראַפיע, רעצענזיעס, קריטיק.

אויך אין אַנדערע שפּראַכן האָט ערשט די פּעריאָדישע פּרעסע, ווען זי איז אויפגעקומען, געהאָלפן זיך פּאַנאַנדערבליען דעם צווייג פון ליטעראַטור, וואָס הייסט קריטיק. אָבער געוואַקסן איז דער צווייג אויך פריער. ביי אונז אין דער אידישער ליטעראַטור האָט ער געפעלט. פאַרוואָס?

ווייל אפילו די פּרימיטיווסטע פאָרם פון קריטיק, די פאָרם, וואָס באַשטייט אין זוכן מעלות און חסרונות, קען אויסוואַקסן נאָר ביי געוויסע באַדינגונגען, און די וויכטיגסטע פון זיי איז — אַ געוויסע מדרגה פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און אינטעלעקטועלער זעלבסטשטענדיגקייט ביי די לעזער.

די לעזער פון די פאַרצייטיגע אידישע מעשה־ביכלאַך אָדער מוסר ספרים זיינען געווען ס׳רוב ווייבער אָדער מאַנסבילן — עם־הארצים. זיי האָבן געקאָנט לייענען, אָבער נישט שרייבן. טאָמער האָבן זיך געפונען צווישן זיי אַזוינע, וואָס זיינען געווען בריות אויף אָנשרייבן אַ בריוול און אַמאָל אויך זאָגן אַ פּאָר גראַמען, מאַכן אַ לידל אָדער דערציילן אַ מעשה, הייסט עס נאָך ניט, אַז זיי האָבן געקאָנט שרייבן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געלייענט. כדי צו שרייבן וועגן דעם, האָבן זיי געדאַרפט האַלטן מער פון זיך אַליין און האָבן זעלבסטשטענדיגע מיינונגען. אָבער זיי זיינען אינגאַנצן געווען אין רשות פון ספר, ווען זיי האָבן אין אים אַריינגעקוקט. וואָס דער מחבר האָט געזאָגט, איז געווען הייליג... אַ פּראָסטער איד, אַ זינדיגע אידענע — ווי קומט ער אָדער זי צו זאָגן אַ דעה דעם מחבר?

האָט זיי עפּעס אַ ספר'ל „נישט געגומען", האָבן זיי עס נישט געלייענט; איז עס זיי, פאַרקערט, געווען צום הארצן, האָבן זיי זיך געקוויקט מיט דעם. אַן איינדרוק פון לייענען האָבן זיי געהאַט: ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער פּ אַ ק ט י ש ן פאַר־האַלטן זיך צום ספר. אָבער ער איז נישט פאָרמולירט געוואָרן אין ווערטער. ער איז ניט דערגאַנגען צום באַוואוסטזיין.

די אידענע האָט געוואוסט, אַז די בבא־מעשה, דער ספר מדות, דער צאינה וראינה" געפעלט איר, בעת פון אַן אַנדער ספר האָט זי ניט אַזאַ הנאה, אָבער פּ אַ ר וו אָ ס איין ספר פאַרשאַפט איר פאַרגעניגן און אַן אַנדערער ניט — אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג אין דעם האָט זי ניט געקאָנט. איר קריטיק איז געווען אַן אומבאַוואוסטזיניגע און דערפאַר אַ שטומע.

באַוואוסטזיניגע און אויסדרוקספולע קריטיק איז מעגלאַך, ווען צווישן די לעזער געפינען זיך מענטשן, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין און וואָס האָבן דעם מוט און די פייאיגקייט אויס־צודריקן, וואָס זיי טראַכטן און פילן.

וואָס איז אייגנטלאַך אַ קריטיקער? אַ לעזער — אַ לעזער, וואָס דערפילט אין זיך דעם כח צו ווערן אַ שרייבער. צווישן די לעזער, אָדער ריכטיגער, לעזערינס, פון דער עלטערער אידישער ליטעראַטור זיינען אַזעלכע מענטשן ניט געווען. זיי האָבן נישט געקאָנט זיין, מחמת זיי האָבן אַלע כמעט געהערט צום קלאַס עם־הארצים אָדער „שטומע נשמות".

וואָס איז שייך צו די מחברים, האָבן זיי נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון די עברי־טייטש ספרים, אַז זיי זאָלן מאַכן אויף זיי פירושים אָדער אַריינלאָזן זיך אין חקירות וועגן זיי.

און נאָך אַ מאָטיוו איז, וואָס עס זיינען ניט געווען צווישן די אַלטע אידישע מחברים קיין וויכטיגע מיינונגס פאַרשיידנ־הייטן: זיי האָבן אַלע כמעט געשעפּט פון די זעלביגע קוואַלן, געשטיצט זיך אויף די זעלביגע אויטאָריטעטן. אפילו דער אופן שרייבן איז געווען ביי זיי כמעט ביי אַלעמען גלייך.

כדי אַז קריטיק זאָל זיך קאָנען אַנטוויקלען, איז נויטיג נישט נאָר, אַז דער לעזער זאָל האָבן אַ פ ר יי ע, אַ זעלבסטשטענדיגע

באציאונג צו די שרייבער, נאָר עס איז אויך נויטיג, אַז די שרייבער זאָלן האָבן אייגענע מיינונגען און אַן אייגענעם אינדי־ווידועלן שטייגער שרייבן. אין דער עלטערער אידישער ליטע־ראַטור זיינען וויניציג געווען אי אַזעלכע לעזער, אי אַזעלכע שרייבער. דער הויפּט־קוואַל און דער הויפּט־אויטאָריטעט איז געווען די אָדער יענע טראַדיציע.

אין דער השכלה־צייט האָט זיך גענומען ווייזן ביי אונזערע לעזער אַ פרייערע באַציאונג צו די אַלטע אָנגענומענע אויטאָרי־טעטן. מען האָט גענומען שרייבן וועגן נייע זאַכן, אויף אַ נייעם שטייגער. עס איז ניט געווען מער קיין איינגעשטעלטער נוסח, — איז געוואָרן פּלאַץ פאַר קריטיק.

אַגב, האָבן די השכלה־ביכלאַך ניט סתם אַזוי גע׳מוסר׳ט אָדער אַמוזירט דעם עולם, זיי האָבן גענומען אויף זיך אַ שליחות אומ־צובייטן דעם גאַנצן לעבן, זיי האָבן געדאַרפט עפּעס אויסוואָרצלען, עפּעס איינפלאַנצן, זיי זיינען געווען דאָס וויכטיגסטע אָדער גאָר דאָס איינציגע קאַמפס געוועהר אין די הענט פון דעם נייעם דור. איז קיין וואונדער ניט, וואָס מען האָט גענומען ערנסטער זיך פאַרהאַלטן צו זיי — אויספּרובירן זייער שאַרפקייט, זייער קאַמפ־פיאַיגקייט, זייער אויפקלערונגס־ווערט... אַ ליטעראַטור, וואָס איז געווען געבויט אינגאַנצן אויף קריטיק, אויף דער קריטיק פון די עקזיסטירנדיגע פירונגען און מיינונגען, האָט געמוזט פאַר־מאָגן אויך אַן אָרגאַן פון זעלבסטקריטיק. אין דער קריטיק־ליטע־ראַטור האָט זיך געמוזט אָנהויבן צו אַנטוויקלען אויך די ליטע־ראַטור־קריטיק.

אָבער דאָס איז געווען נאָך זייער אַ ניזעריגע מדרגה פון ליטעראַרישער קריטיק. דאָס איז געווען קריטיק אין דעם זינען, אין וועלכן דאָס וואָרט ווערט געברויכט אין דער אַלט־גריכישער שפּראַך, פון וועלכער עס שטאַמט. קריטיק אויף גריכיש הייסט משפּט׳ן, פּסק׳ענען. צו אַ משפּט, וואָס דאַרף זיך אויסלאָזן מיט אַ פּסק־דין, קומט אַ פּראָקוראָר, וואָס זוכט חטאים, און אַן אַדוואָ־קאַט, וואָס זיין עובדה איז צו געפינען אַ זכות אויף דעם גע־משפּט׳ן. די, וואָס האָבן געשריבן אויף אידיש קריטיק ביז בעל־מחשבות׳ן, האָבן דאָס רוב גערעכנט, אַז זייער אויפגאַבע איז צו

זיין וואָס שטרענגערע פּראָקוראָרן. אין בעסטן פאַל, האָבן זיי געזוכט צו פאַרקערפּערן אין איין פּערזאָן ביידע צדדים — אי דעם באַשולדיגער, אי דעם פאַרטיידיגער: זיי האָבן געלעגט אויף איין וואָגשאָל דעם מחבר'ס מצוות און אויף דער אַנדערער — די עבירות, כדי צו זען, וואָס עס וועט איבערוועגן. דאָס האָט מען געווים געקאָנט רעכענען פאַר קריטיק, אָבער נישט פאַר קריטיק פון העכערן סאָרט. דאָס איז געווען הוילע מבינות־זאָגעריי.

דער מבין איז אַ ניצלאַכער מענטש אין דער ליטעראַטור, אָבער אַ ליטעראַרישער אויפטועער, אַ שאַפער איז דער, וואָס קען שלייפן אַ טייערן שטיין, מאַכן, אַז ער זאָל לייכטן העלער, מער כשופ'ן, נישט נאָר זאָגן, צי איז עס אַן עכטער דימענט אָדער נישט.

צווישן די, וואָס האָבן געשריבן וועגן ביכער אויף אידיש פאַר בעל־מחשבות'ן, זיינען געראָד געווען דימענט־שלייפער, ד. ה. מענטשן מיט אַן אייגענער שאַפונגס־קראַפט: דינעזאָן, שלום־עליכם, ספּעקטאָר, פּרץ און אַנדערע אידישער דיכטער האָבן געשריבן קריטיק. אָבער זייער שאַפונגס־קראַפט האָבן זיי אַרויס־געוויזן נאָר ווען זיי האָבן געשריבן זייערע אייגענע ביכער. בנוגע צו די ווערק פון אַנדערע זיינען זיי געווען נישט מער ווי מבינות־זאָגער. זיי האָבן נישט געפּרובט צונויפנעמען אייניציגע צעוואָר־פענע שטריכן פון די ווערק און מאַכן פון זיי איין בילד אָדער אויסטייטשן זיי אויף אַ נייעם, אָריגינעלן שטייגער, אָדער אויס־געפינען און אַרויסברענגען זייער פאַרבאָרגן ליכט, אָדער אויס־מאָלן אַ פּאָרטרעט פון דעם שרייבער און געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיין פּערזענלאַכקייט, ווי עס טוט די שאַפנדיגע קריטיק. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט מער אָדער ווייניגער באַגרינדעטע מיינונגען וועגן אייניציגע מעלות אָדער חסרונות פון אַ בוך.

נישט וואָס פאַר אַ בילד האָבן זיי געקראָגן פון דעם ווערק, בעת זיי האָבן עס געלייענט, נאָר ווי וואָלטן זיי עס וועלן זען געשריבן — האָבן מיר זיך דערוואוסט פון זייער קריטיק. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן, ווי שרייבער־עקספּערטן, נישט ווי לעזער, וואָס גיבן אונז איבער מיט דער הילף פון וואָרט דעם תמצית פון זייער לייענען, פון זייער מיטשאַפן.

און אזוי האָבן געטאָן אויך יענע קריטיקער, וועלכע זיינען נישט געווען אליין קיין דיכטער (ווי, צום ביישפּיל, צעדערבוים אין „קול מבשר", לעווי אין „אידישן פאָלקסבלאַט" אָדער — שפּע־טער — בר־קצין — ראַווניצקי).

די קריטיק האָט דאַן נאָך נישט געקאָנט זיין מער ווי הוילע מבינות־זאָגעריי *). אזוי ווי די גאַנצע אידישע ליטעראַטור ביז׳ן סוף 19־טן יאָרהונדערט, איז זי אויך געווען מער א בילדונגס מיטל, ווי א ציל פאַר זיך אליין. האָט דער קריטיקער געזוכט צו העלפן דעם לעזער און צו געבן עצות דעם שרייבער, ניט צו זיין אליין א מיטשאַפנדיגער לעזער און א ווערטפולער שרייבער.

ערשט אין די 90־ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט איז צו־געגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דעם קריטיקער־לעזער, וואָס דערהויבט זיך צו דער מדרגה פון א קריטיקער־שרייבער. ערשט דאַן איז אויפגעקומען דער טיפּ פון א אידישן לעזער, וואָס זוכט נישט בלויז בילדונג אין דער אידישער ליטעראַטור, נאָר אייך — ליטעראַטור. ערשט דאַן האָט דער אידישער שרייבער זיך פארגונען אוועקצולייגן דעם משכילישן מלמדישן טייטל און — נעמען די פּען אין האַנט, ד. ה. ווערן א שרייבער, א דיכטער.

דאָס איז פאָרגעקומען אין פארבינדונג מיט די פאָלגנדיגע אומשטענדן.

די אידישע פאָלקסמאַסן זיינען צו דער צייט, ווען עס האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן דער ציוניזם און דער בונדיזם, שוין געווען בכח אויסצוטיילן פון זיך א געוויסע צאָל אינטעליגענטערע לעזער. די דאָזיגע לעזער האָבן זיך ניט געקאָנט באַנוגענען דער־מיט, וואָס א ביכל איז זיי „געפעלן". זיי האָבן געמוזט זוכן א פאַרבינדונג צווישן איין ביכל און דעם אנדערן. זיי האָבן גע־מוזט שטרעבן צו קריגן א בילד פון דעם גאַנצן גאַנג פון דער ליטעראַטור. די אידישע ליטעראַטור האָט שוין זיי געדאַרפט געבן נישט נאָר שיינע מעשיות, קלוגע איינפאַלן, פּראָגרעסיווע גע־

---

*) און דאָס איז אויך ריכטיג וועגן דער קריטיק (פון אב. קאַהאַן, ב. גאָרין און אנדערע), וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דאַן צו אַנטוויקלען אין אַמעריקע.

דאנקען; זי האָט געדאַרפט ווערן פאַר זיי אַ פולער אויסדרוק פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן און פאָלקס־שטרעבן. זיי זיינען געווען באַוואוסטזיניג (נישט, ווי פריער, בלינד) צונויפגעבונדן מיט'ן כלל (מיט'ן כלל ישראל אָדער מיט'ן ארבעטער כלל), און עס איז געווען ביי זיי אַ נאַטירלאַכע באַדערפניש אָנצוטאַפּן די פעדים, וואָס פאַרוועבן די אידישע ליטעראַטור מיט דעם אידישן כלל.

זיי האָבן געהאַט שוין אפשר אויך אַ שטיקל באַקאַנטשאַפט מיט דער רוסישער ליטעראַטור (פריער האָט דער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אַ „אייראָפּייאישע" שפּראַך, זיך זעלטן ווען „דער־נידעריגט" צו לייענען „זשאַרגאָן". איצט האָבן זיך שוין געוויזן אַזעלכע, וואָס זיינען געווען גרייט צו לייענען אַ אידיש ביכל, כאָטש זיי האָבן געקענט רוסיש). אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט קריטיק געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָליע. פאַר'ן רוסישן קריטיקער איז דעם קינסטלער'ס ווערק געווען אַן אויסרייד צו אַנטוויקלען זיינע אייגענע געדאַנקען, אַ מיטל ארויסצוברענגען זיינע אייגענע אידעען. דער רוסישער קריטיקער האָט אויפגע־כאַפּט דעם קינסטלער'ס פּאָדים, כדי אים ווייטער צו שפּינען און כדי אים אריינצואוועבן אין דעם גרויסן געוועב פון געזעלשאַפט־לאַכן און נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס האָט דעם אידישן לעזער געמוזט צוגרייטן אויפצונעמען ענלאַכע קריטיק אויך אין דער אידישער ליטעראַטור.

די אידישע פּ ו ב ל י צ י ס ט י ק האָט דאַן שוין ניט באַ־נוגנט זיך מיט ק ר י ט י ק י ר ן דעם אידישן לעבן אין דעם פּרימיטיוון משכילישן זינען פון וואָרט. נישט נאָר פ ע ל ע ר ן האָט זי געזוכט שוין דאַן אין דעם אידישן לעבן. זי האָט געמאַ־טערט זיך צו מאַכן אַן אנאַליז און אַ סינטעז פון אַלע זיינע פאַר־שיידענע עלעמענטן. זי האָט עס געוואָלט פאַרשן, וויסן און פאַר־שטיין, נישט אָפּ'פּטר'ן עס מיט אַזעלכע אַלגעמיינע השכלה־באַגריפן ווי „ליכט" און „פינסטערניש". אָט די ענדערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אין דער קריטיק פון לעבן, אין דער פּובליציסטיק, האָט געמוזט אויפוועקן ביי די אינטעליגענטערע

לעזער א פארלאנג צו זען אויך אזא ענדערונג אין דער ליטע־ראטור־קריטיק. אויך זי האט נישט געקאנט מער יוצא זיין מיט סתם אזוי באגייסטערן זיך אדער קרימען מיט דער נאז. זי האט אזוי ווי די פובליציסטיק און ווי די שיינע ליטעראטור, געמוזט אננעמען א מער קאנסטרוקטיוון און מער פילזייטיגן כאראקטער.

דאס האט שטומערהייט געפאדערט נישט בלויז דער מער אינטעליגענטער טייל פון די פאלקס־לעזער, נאר אויך — און נאך מער — דער נייער טיפ אידישער לעזער, וואס האט דאן זיך גע־נומען ווייזן, — דער לעזער פון דער אינטעליגענץ.

דער דאזיגער מין לעזער האט פריער כמעט אינגאנצן גע־פעלט אין דער אידישער ליטעראטור. אפילו פרץ האט אין אנ־הויב פון די 90ער יארן געשריבן אידיש נאך אלץ פאר די, וואס האבן נישט געקאנט קיין אנדער שפראך, א חוץ מאמע־לשון. אמת, אין דעם פראגראם ארטיקל פון זיין „אידישער ביבליאטעק" (1890) האט ער גערופן די אינטעליגענץ צו שטיצן די „זשאר־גאנישע" ליטעראטור. אבער ווי האט ער עס מאטיווירט? ער האט געשריבן: „...ווער עס וויל דאס פאלק קענען און ווער עס וויל דאס פאלק לערנען — דער מוז קאנען רעדען און שרייבן זשארגאן". לערנען דאס פאלק איז, ווי מען זעט פון דעם גאנצן ארטיקל, געווען נאך אלץ דער עיקר ציל פון דער אידישער ליטעראטור.

אבער עס איז שוין צוגעקומען א נייער מאמענט: — קענען דאס פאלק. און וואס טיפער אין די ניינציגער יארן, וואס נעענטער צו בעל־מחשבות'עס אויפטריט, אלץ גרעסער איז געווארן די צאל אידישע אינטעליגענטן, וואס האבן געוואלט קע־נען דאס פאלק, דערנעענטערן זיך (נישט אראפלאזן זיך) צום פאלק און וואס דערפאר האבן זיי זיך אנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער ליטעראטור פון פאלק. „מיט איטלאכן יאר", האט געשריבן בעל־מחשבות אין אן ארטיקל „דער זשארגאן", וואס איז דערנאך געדרוקט געווארן ווי א פאררעדע צום ערשטן באנד פון זיינע „געקליבענע שריפטן", — „מיט איטלאכן יאר וואקסט די חשיבות פון דער זשארגאן־ליטעראטור. נישט נאר דער המון לייענט די ווערק פון אונזערע זשארגאן־שרייבערס, נאר אויך די

אינטעליגענץ, די געבילדעטע פון פאָלק. די אידישע נאַציאָנאַל־באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַ וואַרימען אינטערעס צו אַלצדינג, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צום אידישן לעבן. זי האָט אונז אויך שעצן געלערנט דעם זשאַרגאָן און זיין ליטעראַטור".

„יאָרן זיינען פאַרגאַנגען, שרייבט ער ווייטער אין דעמזעלביגן אַרטיקל, און די קלוגע קעפּ האָבן פּלוצלינג דערזען פאַר זיך, ווי עס וואַקסט־אויף אַ נייע פאָלקס־ליטעראַטור, ווי זי ווערט ברייטער און ברייטער און באַשענקט אונז מיט טיפע און שטאַרקע טאַלאַנטן. זיי האָבן מיט איינמאָל באַמערקט, אַז דער זשאַרגאָן האָט אַ דאָפּלטן ווערט: ערשטנס, טראָגט ער אריין נייע באַגריפן און קלאָרע בילדער אין מח פון פאָלק; צווייטנס, שפּיגלט ער אָפּ אין זיין ליטעראַטור די נשמה פון דער אידישער מאַסע, דאָס הייסט ער לערנט אונז אויס בעסער צו פאַרשטיין און צו באַגרייפן אונזער אייגן פאָלק. און די זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז היינט נישט נאָר אַ מיטל צו בילדן דאָס פאָלק, נאָר אויך אַ טייערער מיטל צו בילדן אונזער אינטעליגענץ, די דאָזיגע קלאַסן ביי אידן, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון פּראָסט אידישן לעבן און האָבן עס אויפגעהערט צו פאַרשטיין".

„בילדן" די אינטעליגענץ האָט די אידישע ליטעראַטור געקאָנט נאָר דורך דעם, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו זיין, וואָס ווייטער, אַלץ מער, וואָס זי דאַרף זיין, ד. ה. אַ ליטעראַטור, נישט קיין חדר. פאַר דער נייער אינטעליגענץ האָט די אידישע ליטעראַטור געקענט האָבן אַ ווערט נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי זי איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם פאָלק'ס לעבן און שאַפן. די מוסר־זאָגעריי פון די שרייבער־משכילים איז צו איר ניט געווען שייך, סיידן דאָס איז געווען דער מוסר פון אַ מענדעלע, וועלכער האָט אין זינען געהאַט די אינטעליגענץ מיט זיין שרייבן מער ווי די מאַסע. דער נייער אינטעליגענט האָט דורך דער אידישער ליטעראַטור זיך געוואָלט באַהעפטן מיט'ן פאָלק. ער האָט געוואָלט בעסער קענען די אידישע ליטעראַטור, כדי צו קענען בעסער

דאָס לעבן און שטערבן פון אידישן פאָלק. דאָס איז אַלץ ניט געווען נאָך קיין נאָרמאַלער טיפּ פון אַ לעזער אַן אינטעליגענט, פאַר וועמען די ליטעראַטור פון זיין פאָלק איז אַ ציל פאַר זיך אַליין. די אידישע ליטעראַטור איז פאַר אים געווען נאָך אַלץ אַ מיטל, אָבער עס איז שוין געווען אַ מיטל פאַר אים אַליין, נישט פאַר אַנדערע. און דער עיקר איז, וואָס אין דעם מיטל איז געווען שוין אַ טייל פון דעם ציל, וואָרים דאָס דערנעענטערן זיך צו דער אידישער ליטעראַטור איז געווען שוין אַליין אַ שטיק דערנעענטע־רונג צום אידישן פאָלק.

מיט׳ן פאָלק גופא און מיט זיין טאָג־טעגלאַכן לעבן זיך צו־נויפגיסן איז פאַר׳ן אידישן אינטעליגענט געווען אַ שווערע און כמעט אַן אוממעגלאַכע זאַך. דערפאַר איז ער צופרידן געווען זיך צוצורוקן נעענטער כאָטש צו דעם אידישן פאָלקס־שאַפן. אין אָנהויב האָט עס געהייסן, אַז ער וויל זיך באַקענען מיט זיין פאָלקס־שאַפן און זיין פאָלקס־ליטעראַטור. ביסלאַכ־ווייז האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם, ווי אויף זיין שאַפן און זיין ליטעראַטור. און וויבאַלד, אַז עס איז זיינס, נישט נאָר דעם פאָלק׳ס, איז חל אויף דעם אַלץ, וואָס עס איז חל אויף יעדער ליטעראַטור. מוז עס שטודירט ווערן נישט נאָר פון נייגעריגקייט וועגן אָדער כדי מקיים צו זיין די נאַציאָנאַלע מצוה פון פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע. עס דאַרף מיט ליבשאַפט און התמדה אויסגעפאָרשט ווערן. עס דאַרף זיין וויכטיג צו וויסן נישט נאָר, וואָס דאָס פאָלק און זיינע שרייבער שאַפן, נאָר אויך וואָס ער, דער אינטעליגענט, לייענט אַרויס פון זייערע ווערק און וואָס ער לייענט אין זיי אַריין. ער איז שוין מער נישט קיין זייטיגער צוקוקער און אויך נישט מער קיין משגיח אויף דער משכילישער כשרות פון דער ליטעראַטור. ער איז אַ לעזער. אָבער נישט קיין שטומער לעזער, ווי דער, וואָס קומט פון דער מאַסע, ווי דער, וואָס האָט נישט קיין בילדונג און איז זעלטן ווען זעלבסטשטענדיג אין זיינע מיינונגען, נאָר אַ לעזער, וואָס האָט אַ מויל און אפשר אויך אַ פען אין האַנט, אַ לעזער, וואָס איז באַקאַנט מיט אַנדערע ליטעראַטורן, אַ חוץ דער אידישער, אַ לעזער, וואָס וויל ניט, אַז דער קריטיקער זאָל קנעלן מיט אים, ווי אַ

דרדקי מלמד, און טייטלען קמץ אלף — אָ, פּתח בית — באַ. צו דעם דאָזיגן לעזער מוז דער קריטיקער רעדן, ווי א גלייכער צו א גלייכן. ער דאַרף אים דערציילן, וואָס איז פאר אים אליין די ליטעראַטור, וואָס ער שרייבט וועגן איר, ווי פארשטייט ער זי, וואָס פאר א געדאַנקען און געפילן רופט זי אַרויס אין אים, וואָס פאר אַן עסטעטישע און אַלגעמיין־גייסטיגע באַפרידיגונג גיט זי אים, וואָס פאר א פאָדערונגען שטעלט ער צו איר, וואָס פאר א האָפנונגען לעגט ער אויף איר, וואָס פאר א שייכות געפינט ער צווישן איר און דער עפּאָכע, ווען זי ווערט באַשאַפן, צווישן איר און דער באַזונדער לעבענס־דערפאַרונג, פון וועלכער זי איז אַרויסגעוואַקסן, צווישן איר און די פערזענלאַכקייטן פון אירע שרייבער און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

אַזאַ מין לעזער האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אין דער אידישער ליטעראַטור אין סוף 19־טן יאָרהונדערט, אין אָנהויב פון אונזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויפוואַכונג, און אָט דער מין לעזער האָט מעגלאַך און נויטיג געמאַכט דאָס אויפקומען פון יענעם נייעם מין קריטיק, וועלכער עס האָט איינגעפירט אין דער אידישער ליטעראַטור בעל־מחשבות.

ער אַליין האָט, אייגענטלאַך, פאַרקערפּערט מיט זיך דעם אָנקום פון אָט דעם נייעם אינטעליגענטן לעזער. ער האָט אַליין געהערט צו יענעם דור אידישע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען א צייט אָפּגעריסן פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן. אונטער דער ווירקונג פון די נייע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען, האָט ער אין די 90־ער יאָרן אָנגעהויבן צו זוכן אין דער אידישער ליטעראַטור א וועג און א מיטל ווי אומצוקערן זיך צוריק צו דעם אידישן פאָלק.

לאָמיר אים אַליין לאָזן דערציילן...

„איך בין געקומען — דערציילט ער וועגן דער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, — איך בין געקומען דאַמאָלסט פון בערלין, וואו ליטעראַטור, קונסט און פאָלקס־קונסט האָט שטאַרק מתעסק געווען די יונגע שנעקעס, געקומען פון די סטודענטישע וכוחים־שטיבלאַך, וואָס האָבן אויף אַלע זייטן געקערט דאָס וואָרט

„פאָלק", ווי אַ שניידער זיין שטיקל יתור, ניט ווּיסנדיג צי מאַכן דערפון אַ יאַרמולקע אָדער אַ קאָלנער. עס איז געווען דעמאָלט די צייט, ווען די ווערטלאַך נאַציע, נאַציאָנאַל, נאַציאָנאַלע נשמה און נאַציאָנאַליטעט זיינען נאָך אָקאָרשט פון נאָדל אַרויס, ווען דער דייטשער זידלוואָרט „יודע" איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פשוט'ן „איד", מיט וועמען מיר האָבן אָנגעהויבן זיך שטאַרק צו גרויסן" *).

דאָס הייסט נישט, אַז דר. איזידאָר עליאַשעוו איז געווען אינגאַנצן אַ פרעמדער, אַ ווייטער, ווי אַ סך אידישע אינ־טעליגענטן, וואָס האָבן דאַמאָלסט אָנגעהויבן תשובה צו טאָן. ניין, עליאַשעוו איז פון קינדוויז אויף געווען טיף איינגעוואָרצלט אין דעם אידישן לעבן. ער איז געבוירן געוואָרן, ווי מיר האָבן געזען, ביי האַלב־משכילישע, אָבער זייער פרומע עלטערן. זיין פאָטער, זאַלקינד עליאַשעוו, האָט געשטאַמט פון זשאַגאָר, אַ שטאָט, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט אירע לומדים און משכילים און וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ היבשע צאָל העברייאישע און אידישע שרייבער. פון זיינע מעמוואַרן איז צו זען, אַז די רעליגיעזע למודים, וואָס ער האָט געלערנט אין די יונגע יאָרן, האָבן איבערגעלאָזן אין אים טיפע שפורן. אַזוי, אַז מען קען אים בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיט יענע אידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם פון אידישקייט און זיינען געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם אידישן לעבן. עליאַשעוו האָט איינגעזאַפּט אין זיך, ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, דעם גייסט און לעבנס שטייגער פון די ליטווישע אידן, אָבער ער איז אַ לאַנגע צייט דאָך געווען ווייט און דערווייטערט פון זיי. אַ פּאָר יאָר נאָכדעם, ווי מען האָט אים אַרויסגעטריבן (פאַר אַפּיקורסישע געדאַנקען) פון דער גראַבינער ישיבה, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. אַרום אַ צוועלף יאָר האָט ער פאַרבראַכט פריער אין דער שווייץ און דערנאָך אין דייטשלאַנד. ער פלעגט קומען אַמאָל אַהיים אויף וואַקאַציע, אָבער ער האָט שוין געלעבט

*) „פינף און צוואַנציג יאָר ליטעראַטור", „מאָרגן זשורנאַל" דעצעמבער 31, 1922.

נישט אין דער היימישער, נאָר אין דער אייראָפּייאישער קולטור־וועלט. ער האָט אַ סך פאַרגעסען פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט אין די יונגע יאָרן. „איך בין געווען דאַמאָלסט, שרייבט ער אין דעם פריער ציטירטן אַרטיקל, אַ מורא׳דיגער עם־הארץ. די אידיש־קייט, וואָס איך האָב געלערנט ביז 14 יאָר, איז צוקראָכן. קוים־קוים האָב איך געקאָנט דורכלייענען מיט פאַרשטאַנד אַ בלאַט גמרא מיט רש״י. אויך פון דער פריערדיגער אידישער ליטעראַטור האָב איך ווייניג וואָס געוואוסט. אַביסל געקאָנט שמ״ר׳ן, אונזער מענדעלע׳ן; פּרץ׳ן האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו לייענען...״

דאָס איז געווען דאַמאָלסט, ווען ער האָט זיך ווידער פאַר־אינטערעסירט מיט דער אידישער סביבה. אָבער פריער איז ער געווען דערווייטערט פון איר, — פיזיש און גייסטיג. און עס איז נויטיג געווען די תשובה־שטימונג, וואָס האָט זיך דאַמאָלסט פאַרשטאַרקט אין אַ גרויסן טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ, כדי אַז עליאַשעוו זאָל זיך וועלן אומקערן צוריק צום אידישן לעבן. די דאָזיגע שטימונג האָט ער אויסגעדריקט אליין אין איינעם פון זיינע ערשטע, האַלב לירישע אַרטיקלען: „איך בין געגאַנגען, האָט ער געשריבן אין יענעם אַרטיקל, און געבלאָנדזשעט. מיין זעלע האָט געוואַנדלט אויף פינסטערע וועגן, נאָר ערגעץ וואו האָט זיך באַוויזן אַ שיין, נאָר זעלטן וואו האָט אויפגעפלאַקערט אַ ליכט. קאָן מען גיין פון זיין פאָלק? *). זיינען מיר ניט, ווי ביימער מיט דער ערד, צוזאַמענגעוואַקסן מיט דעם גייסט פון אונזער פאָלק? הונדערטער פעדים פאַרבינדן אונז מיט די אַלטע אידישע דורות און ווען מיר וועלן צוררייסן די פעדימער, צי וועלן מיר דורך דעם צוזאַמענוואַקסן מיט אַנדערע פעלקער? צוריק! צוריק! אָבער ווי? איך בין ניט געווען דער איינציגער. טויזנ־טער מיט באַנגענדע הערצער האָבן געזוכט דאָס אייגענע, וואָס איך, און אויף פאַרפלאָנטערטע וועגן שפּרייזנדיג זיינען מיר אַלע געקומען צו דעמזעלביגן אָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַר־

*) דר. עליאַשעוו׳ס אידיש איז נאָך געווען האָן אַ ביסל פאַרטויטש־מעריש. ער האָט געוואָלט זאָגן: „קען מען דען אוועקגיין פון דעם אייגענעם פאָלק?״

שטיין אונזער פאָלק און זיין שטומע גרויסאַרטיגע זעלע" און אזוי ווייטער*).

דאָס דאָזיגע ווערק „פאַרשטיין די שטומע גרויסאַרטיגע זעלע" פונ'ם אידישן פאָלק האָט אויפגעוועקט אין עליאַשעוו'ן אַן אינ־טערעס צו דעם אויסדרוק פון דער „שטומער זעלע" — צו דער אידישער ליטעראַטור. ער האָט זי געוואָלט אַליין קענען, נישט נאָר באַקענען מיט איר אַנדערע. און ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן וועגן איר, האָט ער געשריבן דערפאַר אַנדערש, ווי די, וואָס האָבן ביז אים רעצענזירט ביכער אויף אידיש. יענע האָבן אין זינען געהאַט די אויפקלערונג פון די לעזער: דערפאַר האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט דערהויפּט אויף די מעלות און די חסרונות. ער האָט זיך אַליין געוואָלט העלפן פאַרשטיין דאָס אידישע לעבן דורך דער אידישער ליטעראַטור. אין אים אַליין האָבן די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, אויפגעוועקט געדאַנקען, געפילן, בילדער, פאַרגלייכענישן, און ער האָט, פריער ווי אַלץ, געהאַט די באַדערפ־ניש צו געבן אָט דעם אַלעם אַן אויסדרוק.

ער איז געווען דער ערשטער אידישער לעזער פון דער אינ־טעליגענץ, וואָס האָט גענומען דערציילן אַנדערע אינטעליגענטע אידישע לעזער, וועלכע האָבן דאַן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן ביי אונז, וואָס ער טראַכט און פילט וועגן דער אידישער ליטעראַטור.

פריער האָט געפעלט דער באַדן פאַר אַזאַ מין קריטיק נישט נאָר אין דעם אידישן לעזער־פּובליקום, ווי איך האָב פריער געוויזן, נאָר אויך אין דער אידישער ליטעראַטור. כדי עס זאָל אויפ־קומען אַזאַ קריטיק, וואָס איר תוך איז דעם קריטיקער'ס אייגן שאַפן, דעם קריטיקער'ס זעלבסטאויסדרוק, נישט נאָר זיין מבינות, איז נויטיג, אַז עס זאָלן זיך אָנקלייבן ווערק, וואָס קאָנען באַ־גייסטערן דעם לעזער־שרייבער, ווערק, וואָס קאָנען אויפוועקן זיין פאַרלאַנג און פייאיגקייט ווייטער צו שפינען זייערע פעדים. דער דאָזיגער אָנזאַמלונגס פּראָצעס איז פאַרגעקומען אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. אין די נייַנציגער

---

*) חנוכה־בלעטל פון דר. אימ'על, „דער יוד", 1899, נומער 22. דאָס איז אַן אַרטיקל, וואָס איז נישט אַריין אין זיינע „געקליבענע שריפטן".

יאָרן האָט שוין דער אידישער קריטיקער געהאַט פון וואַנען צו שעפּן באַגייסטערונג, און וואו צו געפינען אַ סטימול צו זיין אייגנאַרטיגן שאַפן. עס זיינען דאַן פאַרגעסן (אָדער פאַרנאַכלעסיגט) געוועזן די ווערק פון די עלטערע אידישע שרייבער — פון אקסנפעלד, פון עטינגער, פון דיק. אָבער ס'איז געוועזן מענדעלע, וועלכער האָט שוין געהאַט צו יענער צייט אַרויסגעבראַכט אַלע זיינע גרעסערע זאַכן, אַ חוץ „שלמה ר' חיים'ס", עס איז געוועזן שלום־עליכם, וועלכער האָט שוין אויך באַוויזן דאַן אויפצושרייבן אַ גרויסן טייל פון זיינע בעסערע ווערק, און עס האָט זיך געהאַלטן אין פאַנאַנדערבליען דער אומרואיגער, תמיד עפּעס זוכנדיגער טאַלאַנט פון י. ל. פּרץ.

עס איז געוועזן שוין אַזאַ לעזער, און עס זיינען געוועזן שוין אויך אַזעלכע דיכטער, וואָס האָבן מעגלאַך געמאַכט אַ מיטשאַפנדיגע און נאָכשאַפנדיגע, אַ כאַראַקטעריזירנדיגע און באַלייכטנדיגע, נישט נאָר אַ ג ו ט ־ אָדער ש ל ע כ ט ־ זאָגנדיגע קריטיק.

בעל־מחשבות האָט דערפילט די נייע מעגלאַכקייט — און ער איז געוואָרן דער פאָטער פון דער קינסטלערישער קריטיק אין דער אידישער ליטעראַטור.

אין אָנהויב איז ער ניט געוועזן אינגאַנצן פריי פון דער אַלטער, אויפקלערערישער טענדענץ. אַזוי, צום ביישפּיל, געפינען מיר אין זיין אַרטיקל וועגן פּרץ'ן (1901) אַזאַ מין שטעלע: „איידער מיר וועלן אָנהויבן רעדן וועגן פּרצ'ס ווערק, מוזן מיר, אין קורצע ווערטער, אָנווייזן, ווי נויטיג און וויכטיג עס איז די שיינע ליטעראַטור, די פּאָעזיע, פאַר יעדער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. נאָך ביז היינטיגן טאָג קוקן אַ סך פון די אידישע לעזער אויף אַ פּאָעטיש ווערק, אויף אַ גוט ליד, אַ גוטע דערציילונג, ווי אויף אַ פּוסטע זאַך, מיט וואָס מען צושלאָגט זיך נאָר די צייט. דאָס איז אַ שרעקלאַכער טעות. מען דאַרף וויסען" און אַזוי ווייטער. דאָ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער אינטעליגענט, וואָס וויל קליגער מאַכן די מאַסע. אָבער דאָס איז נישט געוועזן כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. כאַראַקטעריסטיש איז געוועזן דאָס שרייבן פאַר זיך אַליין און זיין גלייכן, דאָס וועלן זיך אַליין און יעדן

אינטעליגענטן לעזער — קלערער מאכן דעם זינען פון די ליטע־ראַרישע ווערק און זייער שייכות צו דער סביבה, אין וועלכער זיי זיינען אויסגעוואקסן און וועלכע האָט „זיך אָפּגעשפּיגלט" אין זיי.

ח.

די סביבה, דאָס אַרומיגע געזעלשאַפטלאַכע און נאַציאָנאַלע לעבן, איז געווען די הויפּטזאַך, וואָס האָט אינטערעסירט בעל־מחשבות'ן אין אַלע זיינע גרעסערע אַרבעטן. ער איז, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען, געווען אַ תּלמיד פון דעם פראַנצויזישן קריטיקער און קונסט פילאָזאָף היפּאָליט טען.

אַזוי ווי זיין רבי טען, האָט ער אויך נישט באַנוגנט זיך מיט דער סביבה אַליין. ער האָט זיך אָפּט פאַרטיפט אין די פּ ע ר־ז ע נ ל אַ כ ק י י ט ן פון די דיכטער. אַן אמת'ער קריטיקער קאָן נישט פאַרגעסן דעם קינסטלער'ס איך, דעם הויפּטקוואַל פון אייגנ־אַרטיגקייט און טאַלאַנט. מעג ער טעאָרעטיש האַלטן ווי שטאַרק פון דעם מ י ל י ע ־ מעטאָד אין קריטיק, וועט ער פראַקטיש באַ־נוצן דעמדאָזיגן מעטאָד דערהויפּט דאַן, ווען ער האָט צו טאָן מיט דער געשיכטע פון דער קונסט און מיט אירע פאַרשיידענע שולן און ריכטונגען, ד. ה. ווען עס דאַרפן דערקלערט ווערן געוויסע מאַסן־דערשיינונגען אינ'ם קינסטלערישן לעבן. די דערקלערונג און באַלייכטונג פון איינציגע שרייבער און איינציגע ווערק מוז אינ־דיווידואַליזירט ווערן, און בעל־מחשבות האָט זיך אָפּט אָפּגע־שטעלט אויך אויף די אינדיווידועלע שטריכן פון דעם אָדער יענעם שרייבער. דערהויפּט האָט ער עס געטאָן, ווען עס איז אים לייכט געווען אויפצודעקן די הויפּט אייגנשאַפט אָדער, ווי מען רופט עס אָן, די „פאַקיולטע מעטרעס" פון דעם שרייבער (דינעזאָנ'ס „רחמנות" אָדער מאַמעשאַפט, ביאַליק'ס „גבורה", שניאור'ס „יוגנט", וויסנבערג'ס „ליידנשאַפטלאַכקייט" און דאָס גלייכן). אָבער מער ווי צו אַלץ האָט אים געצויגן צום אַנאַליז פון דער סביבה, וואו עס האָט זיך אנטוויקלט די אָדער יענע פאָרם, די אָדער יענע ריכטונג פון דער ליטעראַטור. ער האָט געפילט, אַז דאָ, אין דער שילדערונג פון דעם אַ ר ו ם, פון דער כלל־פּסי־

כאַלאָגיע ליגט זיין אייגענע „פאַקיולטע מעטרעס". אַפּט האָט ער זיך אַריינגעטאָן אַזוי אין אָט דער כאַראַקטעריזירונג פון דער סביבה, אַז עס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מיטל צו דערקלערן דעם שרייבער'ס ווערק, נאָר, פאַרקערט, דאָס ווערק איז געוואָרן אַ מיטל צו שאַפן אַ בילד פון דער סביבה.

ער האָט אָבער קיינמאָל ניט צונויפגעמישט דאָס היסטאָרישע סביבה־לעבן מיט די געזעלשאַפטלאַכע און פּאָליטישע אומשטענדן פון מאָמענט. טאָמער האָט ער אַמאָל אויף אַ ווײַלע פאַר־געסן, אַז ער איז אַ קריטיקער, וואָס זוכט דעם שורש פון זאַכן, און איז אַריינגעפאַלן אין דעם טאָן פון אַ פּובליציסט, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז פאַרקראָכן אָן אַ זייט, און האָט זיך גענומען צוריק פאַר תוך־זאַכן, פאַר יענע שטריכן, וואָס האָבן אַ דויערנדיגע פּסיכאָלאָגישע און קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. ער איז ניט צופרידן געווען מיט די פאָרשטייער פון דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָבן זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט צייט־פראַגן און האָבן אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור אַריין זייטיגע טענדענצן און פּניות.

ער האָט קיינמאָל אין זיינע אַרטיקלען ניט אויסגעטייטשט בפירוש, ווי ער פאַרשטייט טען'ס קונסט־פילאָזאָפיע. אָבער אין אַ בריף, וואָס ער האָט געשריבן צו מיר אין יאָר 1908 *), האָט ער זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט געגן יענע רוסישע קריטיקער, וועלכע האָבן גענומען טען'ס מיליע „אין מגושם־דיגן זין פון פּאָליטישן דרוק און די פּערזענלאַכקייט, וועלכע שפּילט, לויט זיין נישט נאָר באַרעכטיגטער מיינונג, פּונקט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין טען'ס קונסט פילאָזאָפיע, ווי ראַסע און מיליע, — אָט די פּערזענלאַכקייט האָבן די רוסישע קריטיקער פאַרשטאַנען „נישט אַלס מושל מעצמו, נאָר אַלס... סאָציאַל־עטישע פּערזענלאַכקייט אין גייסט פון ראַדיקאַלן ליבע־ראַליזמוס". ער זאָגט דעריבער, אַז אין זייער קריטיק איז געווען מער „פּובליציסטיק און סאָציאַל־פּאָליטישע בעל־דרש'עריי", ווי

*) דער בריף איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן אין „טעאַליט", פעברואַר, 1924.

אמת'ע קריטיק. זיי האָבן, לויט זיין מיינונג, נישט פאַרשטאַנעז דעם אמת'ן מיין פון היפּאָליט טען. טען'ס מעטאָד איז, ווי ער שרייבט אין דעם בריוו, דער מעטאָד פון דער היינטיגער עסטעטישער קריטיק, און ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַן עסטעטישן קריטיקער, כאָטש (אָדער ווייל) ער איז געגאַנגען אין טען'ס דרכים. „עסטעטישע קריטיק", זאָגט ער, איז די, וואָס האָט אַ רואיגן אָביעקטיוון פאַרהעלטניש צו יעדער ליטעראַטור ערשיינונג אויפ'ן גרונט פון דער סינטעזע, וואָס דער קריטיקער האָט פון זיין פאָלקס־נשמה, אויפ'ן גרונט פון דעם זאַמל־באַגריף, וואָס ער האָט פון זיין צייט און פון די עקזיסטירנדיגע נאַציאָנאַלע פּערזענלאַכקייטן, אַלס גאַנצע אָדער אַלס ברעקלאַך, פּיצלאַך. אָט דאָס פאַרהעלטניש איז נישט קיין סאָציאַל־פּאָליטישע אָדער עטישע פאָרמעל — מען קען דאָס בכלל נישט פאָרמולירן, דאָס איז אַ גאַנצעס, אומטיילבאַרעס, ווי דאָס טאַלאַנט פון בעלעטריסטן, ווי דאָס מוזיקאַלישע געפיל, ווי דאָס אויג פאַר פאַרבן, שאַטירונגען"...

צי איז די דאָזיגע דעפיניציע פון עסטעטישער קריטיק ריכטיג — איז אַ גרויסע פראַגע. אין דער „רואיגער, אָביעקטיווער פאַרהעלטניש צו יעדער ליטעראַרישער ערשיינונג" איז געווים פאַראַן עפּעס עסטעטישעס (דער סאָציאַל־פּאָליטיקער אָדער דער עטיקער האָט ניט קיין רואיגע אָביעקטיווע באַציאונג צו די זאַכן, וואָס ער באַטראַכט). אָבער אויב אַזוי, איז יעדער היסטאָריקער אַן עסטעטיקער. אין דער אמת'ן פאַרשטייט מען אונטער עסטעטישער קריטיק ביי היינטיגן טאָג ניט אַזאַ קריטיק, וואָס האָט סתם אַזוי אַ „רואיגע, אָביעקטיווע" באַציאונג צו קונסט, נאָר אַזאַ, וואָס זוכט נישט אין איר קיין שום אַנדערע ווערטן, אַ חוץ ריין עסטעטישע.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז בעל־מחשבות אין זיינע גרעסערע און מער כאַראַקטעריסטישע אַרבעטן ווי, צום ביישפּיל, אין זיינע אַרטיקלען וועגן מענדעלע מוכר־ספרים, פּרץ, פייערבערג אָדער אין אַזוינע עסיים ,ווי „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע", „דריי שטעטלאַך", ניט קיין עסטעטישער, נאָר אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער קולטור־היסטאָרישער קריטיקער.

עס איז אמת, אז ער ווייזט ארוים אין די אלע ארטיקלען „א רואיגע, אביעקטיווע באציאונג צו יעדער ליטעראַרישער דער־שיינונג", ער מאַראַליזירט ניט און פּרעדיגט ניט, ער זוכט נאָר צו וויסן און צו פאַרשטיין, וואָס ער לייענט; אָבער וואָס זוכט ער צו פאַרשטיין? וואָס וויל ער וויסן? ניט דעם אויסדרוקס־אופן, ניט די ריין עסטעטישע אויפטואונגען און אייגנ־שאַפטן (מיט זיי גיט ער זיך אָפּ בלויז צופעליג און אגב אורחא). וואָס אים אינטערעסירט — איז די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע און די קולטור־היסטאָרישע אומשטענדן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער אנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און אירע איינציגע פאַרשטייער.

איך זאָג ניט, אז עס איז א פעלער. אויב עס זיינען דאָ קריטיקער, וואָס טיילן אוים דעם עסטעטישן מאָמענט און מיינען, אז דאָס איז אַלץ, מעגן זיין קריטיקער, וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף דער סביבה. א קונסטווערק קען מען בכלל ניט אויסשעפּן מיט קיין שום פאָרמעל. עס איז א סך־הכל פון אלע כחות, וואָס דער קינסטלער האָט אינעווייניג אין זיך און פון אלע ווירקונגען, וואָס קומען פון דרויסן. און ווען מיר געניסן דאָס ווערק פון א קינסטלער, געניסן מיר עס אויך מיט אלע אונזערע חושים און מיט אונזער גאַנצן וועזן. עס איז נאָך ניט אויסגעטראַכט געוואָרן אזא אפּאַראַט, וואָס זאָל קענען אויף א ווײַלע אָפּשטעלן אין אונז דעם עסטעטישן לעבן אָדער פאַרשטאָפּן אויף א ווײַלע דעם קוואַל פון אונזער עטישן באוואוסטזיין, אָדער פּאַראַליזירן אויף א געוויסער צייט אונזער אינטעלעקט. ווען מיר שאַפן און ווען מיר געניסן קונסט, שאַפן מיר עס און געניסן מיט אונזער גאַנצן יש, מיט אלע אונזערע פייאיגקייטן און מיט דער גאַנצער און פיל־פאַכיגער אסאָציאַטיווער טעטיגקייט פון אונזער פּסיכיק. דער אידעאַל פון קינסטלערישער קריטיק איז דערפאַר ניט עסטעט־טישע, ניט עטישע, ניט פילאָזאָפישע און ניט קיין שום ספּעציאַ־ליזירטע און קינסטלאַך איזאָלירנדיגע קריטיק, נאָר אזא, וואָס זאָל אונז געבן דאָס אינדיווידועלע בילד און דעם אייגנאַרטיגן סינטעז, וואָס דער קריטיקער האָט פון דעם ווערק אין זיין גאַנצקייט, אין דער איינהייט פון זיינע פאַרשיידנאַרטיגע עלעמענטן. דאָס האָט זייער קלאָר אויסגעדריקט דר. זשיטלאָווסקי אין זיין ארטיקל

„די פרייע קונסט און די פרייע קריטיק״: „דער קריטיקער, זאָגט דר. זשיטלאָווסקי, איז אַ גאַנצער מענטש און אויף אים מוזן ווירקן אַלע זייטן פון יענעם שטיק לעבן, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין דעם קינסטלער׳ס ווערק. ער קאָן ניט פאַנאַנדער־שפּאַלטן זיך גופא אויף צוויי מענטשן: דעם עסטעטיקער און דעם סתם מענטשן״.

עסטעטישע קריטיק איז איינזייטיג, ווי יעדע ספּעציעלע קריטיק, און ניצליך, ווי יעדע איינזייטיגקייט. ווען איך האָב געזאָגט, אַז אין בעל־מחשבות׳עס קריטיק דאָמינירט ניט דער עסטעטישער מעטאָד, נאָר דער סביבה־מעטאָד, האָב איך ניט געוואָלט פאַרמינערן דערמיט איר ווערט. איך האָב זי נאָר גע־וואָלט כאַראַקטעריזירן.

ט.

דער סביבה־מעטאָד איז געווען איינע פון די סיבה׳ס, פאַר־וואָס בעל־מחשבות האָט מער און אויספירלאַכער געשריבן וועגן יענע אידישע דיכטער, וועלכע זיינען טיף פאַרוואָרצלט אין דעם אידישן כלל־לעבן, אין דער נאַציאָנאַלער סביבה, ד. ה. וועגן יענע דיכטער, וואָס געהערן צום עלטערן דור. צווישן די אינגערע זיינען דאָ אַ סך, וואָס זיינען אַזוי ווי אָפּגעריסן פון יעדן כלל, זיי גיבן זיך אָפּ מיט׳ן יחיד אָדער מיט זיך אַליין. זיי האָבן ניט געקענט וועקן אין בעל־מחשבות׳ן אַזאַ רצון צו שרייבן, אַזוי סטימולירן זיין געדאַנק און אַרויסרופן אין אים אַזאַ שפע פון בילדער, רעיונות און אַסאָציאַציעס, ווי די פאַרשטייער פון אונזער כלל־ און סביבה־ליטעראַטור.

אַ חוץ דעם איז געווען נאָך אַ טעם, פאַרוואָס בעל־מחשבות האָט אין דעם צווייטן פעריאָד פון זיין טעטיגקייט ניט געשאַפן אַזעלכע אויספירלאַכע און אַלזייטיגע קריטישע ווערק, ווי אַמאָל, פאַרוואָס ער האָט אין דער צייט געגעבן גרעסערע אַרבעטן נאָר וועגן גאַנצע גרופּעס אָדער עפּאָכעס („די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע״, „דרום־אידנטום און אידישע ליטעראַטור״), אָבער נישט וועגן איינציגע שרייבער, ווי דאָס איז געווען אין אָנהויב פון זיין

ליטעראריש־קריטישער טעטיגקייט. דעם טעם איז, וואָס ער האָט שוין ניט געהאַט מער דעם אַמאָליגן גלויבן און ענטוזיאַזם.

בעת ער האָט אָנגעהויבן שרייבען, איז די אידישע ליטע־ראַטור געווען פאַר אים — דער וועג צום פאָלק. עס איז געווען ביי אים דאַן אַ טיפער אינטערעס צום פאָלקס־לעבן און ממילא אויך צו זיין העכסטן אויסדרוק — דער ליטעראַטור. עס איז נאָך, אגב, געווען דאַן אַלץ די פיאָנערן־צייט אין דער נייער אידי־שער ליטעראַטור. און ער איז געווען אַליין אויך פול מיט יוגנט־כחות. וואָס ווייטער, אַלץ אָפטער פלעגט ער אריינפאַלן אין נצבות. אויך די קראַנקהייט און דאָס נישט־גליקלאַכע פאַמיליען־לעבן האָט אים, וואָס ווייטער, אַלץ מער געמאַטערט. אין זיין שרייבן האָט ער עס אָפן ניט ארויסגעוויזן. ער האָט זיך געווערטלט, געוויצלט, ווען עס איז אים געווען ניט גוט אויפ׳ן האַרצן — געשריבן זיינע סקעפּטיש־מידע פעליעטאָנען, זיינע איראָנישע מעשה׳לאַך. אָבער אין בריוו צו פריינט און אין פריוואַטע גע־שפרעכן האָט ער ניט באַהאַלטן זיין מרה־שחורה׳דיגקייט. אַ באַזונדער שווערן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר, געדענק איך, איינער אַ בריוו פון ריגע אין יאָר 1912. „איך בין בכלל אין דער שטימונג — האָט ער געשריבן — אין אַ ריי אַרטיקלען די שפּע־טערע אַנטוויקלונג פון אונזערע טאַלאַנטן זייער פּעסימיסטיש אויפּצופּאַסן. איך בין יעצט אין דער שטימונג, וואָס איך האָב דאָס צו אַלע צייטן געוואוסט און זאָגאַר ארויסגעזאָגט, נאָר איך האָב עס נישט צוגעלאָזן צו מיין געמיט. נעמליך, אַז דאָס וואָס מען רופט „אידישע שעפונג״, איז נאָר בכח אַן אויגנבליק צו בליען און נאָך איידער דאָס בליט אויף צו אַ געוויסער פאָרם, ווערט דאָס פאַרוועלקט, מוז דאָס פאַרוועלקן. פון אַלע אידישע איבערלעבונגען בלייבן נאָר ספרים, אייגנטלאַך שלעכטע ספרים. דער ציוניזמוס וועט איבערלאָזן נאָך אַ פּאָר ספרים, ווי דער חסידיזמוס. פון דער אידישער ליטעראַטור וועט נאָר בלייבן די ספרים פון די פאָר קריטיקער, וואָס האָבן אַמאָל אין זי (איך גלויבט — — — דאָס איז איצט מיין געמיטספאַרהעלטניש צו דער ליטעראַטור. און מיט אַזאַ שטימונג איז שווער עפּעס צו שרייבן״...

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען ביי אים א מאָמענט־שטי־מונג, אָבער זי האָט פון אונטער זיין באוואוסטזיין געלויערט אויף אים און געשאָטן אַש אויף די פונקען פון גלויבן און ליבשאַפט, וואָס זיינען געבליבן פון אַמאָל.

די הויפּט סבה פון זיין קלענערן ענטוזיאַזם בנוגע צו דער שפּעטערדיגער ליטעראַטור איז דאָך געלעגן אין זיין „הויפּט־פּייאיגקייט״. ער האָט זי געקענט אַרויסווייזן מער אין דעם אַנאַליז פון א כלל־ליטעראַטור, וואו דער עיקר איז די סביבה, ווי אין דער כאַראַקטעריסטיק פון שרייבער, וואָס זיינען „אָפּגעריסן״ פון אַרומיגן לעבן, און וואָס זייער הויפּט־שטאָף איז דאָס אינ־דיווידועלע, נישט דאָס נאַציאָנאַלע.

י.

זיין „הויפּט־פּייאיגקייט״ — דער טאַלאַנט צו באַנעמען און צו שילדערן די פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע — האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זיין פּובליציסטיק, אין זיינע האַלב־בעלעטריסטישע פעליעטאָנען און אירּאָנישע מעשה'אַך, פּונקט אַזוי גוט, ווי אין זיין ליטעראַ־רישער קריטיק.

בעל־מחשבות האָט אין לעבן, אַזוי ווי אין דער ליטעראַטור, געזוכט דאָס פאָלקס־פּסיכאָלאָגישע מער, ווי דאָס אינדיווידועל־עסטעטישע. אָבער אַרויסגעבראַכט האָט ער עס שטענדיג אויף אַן עסטעטישן, ד. ה. אויף א בילדלאַכן און קינסטלערישן אופן. ער האָט געזען און אַזוי ווי אָנגעטאַפּט מיט די הענט, וואָס ער האָט געטראַכט. זיין מאַרך האָט ניט אַרויס־געגעבן קיין הוילע לאָגיק. זיין געדאַנק האָט געאַרבעט אינאיינעם מיט זיין פאַנטאַזיע, און זיין איבערצייגונגס־קראַפט איז געלעגן מער אין זיין פּלאַסטיק, ווי אין זיין לאָגישקייט.

ער האָט פון זיין זשאַגאַרער פאָטער, ווי ער אַליין דערציילט, גע'ירש'נט א „ליטווישע קאָפּ־קלאָרקייט״, און פון זיין מוטער — „א פּוילישע, מיט א גרויסער פאַנטאַזיע, מיט א שטאַרקן לעבנס־געפיל״ — האָט ער איבערגענומען בירושה „א פּראָדוקטיוון, האַלב־באוואוסטזיניגן לעבן״. אָט די דאָפּלטקייט, אָט די ליט־ווישע קאָפּ־קלאָרקייט גע'כפּל'ט אויף דעם פּוילישן האַלב־באַ־

וואוסטזיניגן סענסואליזם, האָט ארויפגעלייגט איר שטעמפּל אויף דעם גאַנצן שאַפן בעל־מחשבות'עס.

דער ליטוואַק, וואָס איז געזעסן אין אים, האָט אים געטריבן צו זיין א דענקער, א לאָגיקער, א קריטיקער; די פּוילישע ירושה פון זיין מוטער'ס צד, די „גרויסע פאַנטאַזיע" און „דאָס שטאַרקע לעבנס־געפיל", האָט געוועקט אין אים דעם בעלעטריסט, דעם דערציילער, דעם פּלאַסטיקער. (און ווער ווייסט, אפשר האָט אים דערפאַר אזוי געצויגן, אין דער לעצטער צייט, צום „דרום־אידנטום", מחמת ער האָט אומבאַוואוסטזיניג געגלויבט צו געפינען אין דעם דרום־אידן די זעלביגע פאַראייניגונג פון „קאָפּ" און „געפיל", וואָל ער האָט פאַרמאָגט אליין!).

אָבער כאָטש ער איז געוועזן א גאַנצער קריטיקער און נאָר א האַלבער בעלעטריסט, איז דאָך דאָס „בעלעטריסטישע", כ'מיין דאָס בילדלאַכע, דאָס פאַנטאַזיע־פולע, געוועזן דער דאָמינירנדיגער און כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון זיין שרייבן. און נישט נאָר פון זיין שרייבן אליין — פון זיין גאַנצן גייסטיגן לעבן.

ער וואָלט נישט געוואָרן גאָר קיין אידישער שרייבער, ווען ער זאָל זיך לאָזן פירן נאָר פון זיינע לאָגישע איבערצייגונגען און ניט פון זיין פאַנטאַזיע און לעבענס־געפיל. ער איז געוועזן א ציוניסט, און על פּי לאָגיק האָט ער געמוזט האַלטן, אַז ניט אידיש, נאָר העברייאיש איז די שפּראַך פון אונזער צוקונפט; אָבער זיין וואַכע פאַנטאַזיע און זיין בילדלאַך דענקען האָט זיך געקענט אויסלעבן נאָר אין אידיש, נאָר אין דער שפּראַך פון זיין קינדהייט און יוגנט, אין דער שפּראַך פון יענער יאַטקעווער גאַס אין קאָוונע, אין וועלכער ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט און וועלכע איז תמיד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, ווי א לעבעדיגע. נאָר די אידישע שפּראַך מיט אַלע אירע אוצרות פון פאָלקלאָר האָט געקענט שטילן זיין שטענדיגן דורשט נאָך לעבעדיגע פאַרגלייכענישן.

זיין שטעלונג צו אונזער שפּראַכן־פראַגע האָט ער אויסגע־דריקט אין די ווערטער: „צוויי שפּראַכן — איין איינציגע ליטע־ראַטור". ער אליין אָבער האָט ווענן ביידע ליטעראַטורן אונזערע געשריבן און געקענט שרייבן נאָר אויף איין שפּראַך — נאָר אויף אידיש, וואָרים ביי זיין גאַנצער איינראַפּייאישקייט האָט ער אַנדערש

ניט געקענט שרייבן ווי אויף דער פאָלקס־שפּראַך, אויף דער שפּראַך וואָס האָט געוועקט אין אים פּלאַסטישע אַסאָציאַציעס און וואָס האָט צופרידנגעשטעלט זיין קאָנקרעטן און בילדלאַכן שטייגער דענקען.

ביי זיין גאַנצער „אָפּגעפרעמדקייט" איז ער געווען דער פאָלקסטימלאַכסטער און אידישלאַכסטער פון אַלע אונזערע שרייבער־אינטעליגענטן. ער איז געווען פאָלקסטימלאַכער, ווי פּרץ. זיין אידיש איז פון דעם אייגענעם מין, וואָס מענדעלע'ס און שלום עליכם'ס. אויב עס האָט זיך אַן אַנדערש מאָל געטראָפן, אַז די פאָלקסטימלאַכקייט פון זיין סטיל האָט זיך שיר ניט געגרענעצט מיט וואולגאַריזמען, איז עס ניט געווען דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ „פרעמדער" און האָט זיך געוואָלט „צופּאַסן" צו דער „מאַסע" — נאָר מחמת ער האָט ניט געקאָנט זיין אַבסטראַקט, און ער האָט געמוזט נעמען יענע אויסדרוקן, וועלכע ער האָט געפונען אין דער לעבעדיגער, פולבלוטיגער און פאַרבנרייכער שפּראַך פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן.

דאָס פאָלקס־לעבן — דאָס איז געווען די איינציגע פאָרם פון אידישקייט, וואָס איז געווען אין זיינע אויגן לעבעדיג און ווירקונגספול. די אידישע אינטעליגענץ, די אידישיסטישע, ווי די ציוניסטישע, איז געווען פאַר אים אַן אַבסטראַקציע, מחמת זי האָט ניט קיין אייגענעם לעבנס־שטייגער און איז אָן פאָרם. ער האָט נישט געקענט קוקן אויפ'ן אידישן לעבן מיט די אויגן פון דער אינטעליגענץ, מיט אירע פּראָגראַם־אויגן, כאָטש ער איז געווען אַליין איינער פון אירע בעסטע פאָרשטייער. ער האָט ניט געקענט שטעלן צום אידישן טעאַטער און צו דער אידישער פּרעסע, צום ביישפּיל, יענע פאָדערונגען, וועלכע עס האָבן געשטעלט צו איר אַנדערע אידישע שרייבער — אינטעליגענטן. דאָס אידישע טעאַטער און די אידישע פּרעסע איז געווען פאַר אים דער אויסדרוק פון יענעם גייסטיגן צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינען זיך די אידישע פאָלקס־מאַסן. ער האָט גענומען די אידישע מאַסן, ווי זיי זיינען, ווי זיי גייען און שטייען.

און אַלץ, וואָס איז געווען אַרום אים, האָט ער גענומען אַזוי ווי עס איז, ניט ווי עס דאַרף זיין. ער האָט גע־

זוכט צו פאַרשטיין אַלץ (און פאַרשטיין הייסט פאַרגעבן), מחמת, נישט געקוקט אויף זיין האַלב־פּוילישן סענטימענטאַליזם, האָט ער דאָך געהאַט אין זיך אַ געוויסע רואיִקייט און פילאָזאָפיש־קייט, וואָס האָט געמאַכט, אַז פריער ווי אַלץ זאָל ער וועלן ז ע ן און ב אַ נ ע מ ע ן, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבן.

אין זיין טאָג־טעגלאַכן פאַרהאַלטן זיך צו די מענטשן און צו זיך אַליין, ווי אויך אין זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, איז ער געווען געפּילפּול, סענטימענטאַל, און מען האָט געקענט מיינען, אַז ער איז געווען ניט אַזוי אַ בעל מחשבות, ווי אַ בעל־הרגשות, אָדער גאָר אַ בעל התרגשות. אין זיין שרייבן איז ער אָבער געווען אַ ב ע ל מ ח ש ב ו ת, ד. ה., אַן אַלץ־באַטראַכטנדיגע און אַלץ באַנעמענדיגע, פילאָזאָפיש־קינסטלערישע נאַטור.

אַ קריטיקער מיט אַן אויג און אַ שפּראַך פון אַ קינסטלער.

12. ווען דוד פֿרישמאַן

12. וועגן דוד פרישמאַן.

א.

ווען דוד פרישמאַן איז (דעם 4־טן אויגוסט, 1922) גע־שטאָרבן, האָט מען נישט געוואוסט — און מען ווייס אויך איצט ניט — אַקוראַט ווי אַלט ער איז געווען, צי 57 יאָר, ווי ס'האָט געהייסן דאָס אָפיציעלע דאַטום, צי 62 יאָר, אָדער מער, יוי עס זאָגן זיינע נאָנטע פריינט, אָבער אַלע איינס ווי אַלט גר איז געווען, איז ער אוועק פון אונז יונג. טאַלאַנט איז אייביגע יוגנט. דאָס איז געווען די באַליבטע אידייע פון יוד פרישמאַן. און ער איז געשטאָרבן אין מיטן דער שענסטער זאַנאַנדערבליאונג פון זיין טאַלאַנט. איז ער, הייסט עס, גע־שטאָרבן יוגנטלאַך. קיינמאָל איז ער ניט געווען אַזוי פרוכט־באַר אויף אַלע געביטן פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט — אויף די געביטן פון קריטיק, לירִיק, דערציילונגען, עסעיס, פע־ליעטאָנען, קינסטלערישע איבערזעצונגען, רעדאַקטאָרשאַפט, — וי אין דעם לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן.

זיין שריפטשטעלערישע מייסטערשאַפט, — די קלאָרקייט פון יין געדאַנק, די קראַפט און די שאַרפקייט פון זיין אויסדרוק, די גראַציעזישקייט פון זיין סטיל, דער ברען פון זיין קינסטלעריש־יסציפּלינירטן טעמפּעראַמענט, זיין סאַרקאַזם, זיין לירישקייט — אָט זיך געפילט שוין אין די ערשטע ווערק זיינע אויף העברע־יש. אָבער צו זייער העכסטער מדרגה האָבן די אַלע מעלות יך דערגרייכט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון זיין מער ווי ערציג־יאָריגן ליטעראַרישן שאַפן. ווען ער האָט — נאָך גאָר א ינג בחור'ל — גענומען שטורעמען די פעסטונגען פון דער העב־עאישער פרעסע, דער העברעאישער מליצה אין אָנהויב אַכציגער

יאָרן פון פאַריגן יאָרהונדערט, האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן „עלוי״, אָבער ער איז ניט געבליבן קיין וואונדער־קינד. זיין קראַפט איז געוואַקסן כסדר, און עס האָט אים געצויגן צו רייפ־קייט, צו שלמות.

עס איז ניט געשטאַנען פאַר אים קיין גלית הפלישתי, ווען ער איז ארוים צום ערשטן מאָל אויפ׳ן ליטעראַרישן „שלאַכטפעלד״ — עס איז ניט געווען קיין האַפט, קיין קראַפט אין דער מליצה־דיגער בטלנות, וואָס ער האָט באַקעמפט: עס איז געווען אַ מיט שטרוי אָנגעשטאָפּטע פּופּע פאַר דערוואַקסענע, וואָס פונ׳ם ערשטן ריר פון לעבעדיגן לעבן וואָלט זי סיי־ווי אומגעפאַלן, — אַלזוי, עס איז ניט געשטאַנען קעגן אים קיין ג ל י ת , אָבער ער, דער יונגטלאַכער קעמפער, האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער ד ו ד . אַזוי ווי ער זאָל באמת האָבן געצילט זיך אין אַ מעכטיגן שונא און אים געטראָפן מיט אַ שטיין אין קאָפּ און אַ פייל אין האַרצן אריין.

איצט קאָן עס אונז אויסזען נאַאיוו אַרויסצוטרעטן מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ ברענענדיגן צאָרן קעגן מליצות, וואָס זייער פוסטקייט האָבן נאָך פריער אַ צייט פאַר פרישמאַנען געזען אַבראַמאָוויטש, קאָוונער און אַנדערע. דעם היינטיגן לעזער קאָן זיך אויסדוכטן, אַז ס׳איז דאָן־קיכאָטיש צו שטיין קעגן די פוסטע ווינטמילן מיט אַ שווערד אין האַנט און מיט „בליצן און דו־נערן״ פון נביאישע רייד אין מויל („חי אני, אם לא ביד הזקה ובזרוע נטויה... — איז געווען דער טאָן, אין וועלכן פרישמאַן האָט געשריבן) — אָבער דאָן איז געווען אין דעם נישט נאָר ענטו־זיאַזם און נישט נאָר יונגטלאַכע קאַמפּפלוסטיגקייט; עס האָט זיך געפאָדערט דרייסטקייט און אמת׳ער מוט דאָס צו טאָן... דער קעניג איז געווען נאַקעט, אָבער דער ערשטער, וואָס שרייט עס אויס, איז אַ העלד, אויב נישט קיין קינד.

אין פרישמאַנ׳ען איז, ווי אין יעדן אויפריכטיגן קעמפער, געווען עפּעס קינדיש, תמימות׳דיגס, אָבער נאָך מער איז געווען אין אים הערצאַישקייט, פאַטעטישקייט. ער האָט ניט געזאָגט מיט אַ שטילן שמייכל: „דער קעניג איז דאָך הויל און נאַקעט״. ער האָט געמאַכט גוואַלדן. און אַ דאַנק אַט דעם געשריי, אַט דער

וואָרענונג, איז „תהו ובהו" — זיין ערשטער הייסער פּאַמפלעט קעגן די גדולים פון זיין צייט — געווען אַ טאַט, אַ דאַטע אין דער געשיכטע פון אונזער קריטיק.

פאַר אונז, איצטיגע, זיינען די צעדערבוימס, די יהל"לס און אפילו די פּרץ סמאָלענסקינס שוין לאַנג שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט; מיר זעען זיי איצט אין אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, און די שוואַכקייטן און די לעכערלאַכקייטן (אַזוי ווי די פּאָזיטיווע זייטן) פון דער עפּאָכע און דעם סטיל, וואָס זיי רעפּרעזענטירן, זיינען אונז איצט (און זיינען פרישמאַנ'ען אַליין אין אַ שפּעטערדיגן פּעריאָד) געוואָרן קלערער, ווי זיי זיינען געווען דאַן, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי. אָבער דאַן איז עס געווען אַ סך שווערער צו זען, ווי איצט, און דערהויפּט איז געווען שווער עס צו זאָגן בפני כל עם ועדה. דאָס האָט דאָך געהייסן מורד זיין אין די געאַכפּערטע און געקרוינטע מנהיגי הדור!

צי האָט דאָס אָפענע אַרויסטרעטן פון דוד פרישמאַן געהאַט דאַן אַן אמת'ע ווירקונג אויף דעם ברייטן עולם לעזער, אָדער זיי האָבן נאָר באַוואונדערט זיין „לשון", אַזוי ווי זיי זיינען אַנטציקט געווען פון אר"ז'עס אָדער יהל"ל'ס „ניבים נוים": — אַליין פאַר זיך איז עס געווען אַ שיינע און אַ געוואָגטע זאַך. און עס האָט זיכער איבערגעלאָזט שפּורן אין די הערצער פון יחידים. עס האָט לייכטער געמאַכט דעם וועג און שנעלער — דעם גאַנג פון די אַנזאָגער פון דער נייער תקופה, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער העברייאישער ליטעראַטור.

עס וואָלט געווען אָבער אַ גרויסע אומגערעכטיגקייט קעגן פרישמאַנ'ס ליטעראַרישן שאַפן — אָפּצושטעלן זיך צו לאַנג אויף זיין „קאַמף מיט דער בטלנות", אויף זיין „אייראָפּייאישקייט" א. ד. ג. פרישמאַן וואָלט נישט פאַרנומען, נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין אָרט אויבנאַן אין דער מאָדערנער העברייאישער (און אידישער) ליטעראַטור, ווען זיין הויפּטפאַרדינסט זאָל זיין די „תהו־ובהו"־פּאָלעמיק און די פּראָגראַם פון „גוטן געשמאַק". מיט פּאָלעמיק אַליין גיט מען נישט אַריין קיין נייעם גייסט אין אַ ליטעראַטור. אין היץ און רויך פון קאַמף זעט מען נישט ריכטיג

דאָס געזיכט פון אַן עפּאָכע און אירע פאַרשטייער, מען כאַפּט נאָר יענע אויסגעקרימטע שטריכן, וועלכע קאָנען פאַרגרעסערט און אויסגעלאַכט ווערן. און „גוטער געשמאַק" — דאָס איז נישט קיין פּאָזיטיווע פּראָגראַם פאַר אַ ליטעראַטור. דאָס איז אַ וואָרט, וואָס דאַרף ערשט אָנגעפילט ווערן מיט אינהאַלט. (איך ווייס, אַגב, ניט, צי איז עס אַ סימן פון גוטן געשמאַק — האַלטן אין איין ריידן וועגן דעם). און „איראָפּיאַישקייט" איז אודאי נישט מער ווי אַ פאָרמעלער און זייער אומבאַשטימטער באַגריף. הינ־טער „איראָפּיאַיזם" קאָן זיך באַהאַלטן נישט ווייניקער בטלנות, פּוסטקייט, קליינשטעטלדיגקייט, ווי אין אַ חקירה פון „המגיד" אָדער „הלבנון". מיר, איצטיגע, ווערן שוין בכלל נישט נתפּעל אַזוי פון די „ארצות המערב". דאַן, אין אָנהויב אכטציגער יאָרן, איז די לאַגע געווען אַנדערש, עס זיינען געווען אַנדערע פאַרשטע־לונגען, אַנדערע פאָדערונגען. אָבער עס וואָלט געווען ניט ריכטיג אריינצושטופּן אַזאַ לעבעדיגן גייסט, ווי דוד פרישמאַן, אין די ארכיוו־קעלערן פון יענער, שוין לאַנג פאַרגאַנגענער עפּאָכע און האַלטן אין איין דערמאָנען זיין „איראָפּיאַישקייט", זיין ריידן וועגן „הטעם הטוב" א. ד. ג.

אַגב, איז קיין שרייבער ניט דאָס, וואָס ער פּ ר ע ד י ג ט, נאָר דאָס, וואָס ער א י ז. וואָס א י ז פרישמאַן? ער איז ניט דאָס, וואָס עס זיינען זיינע פּאַמפלעטן און פּראָגראַמעס. ער איז ניט זיין ליריק, אויך ניט זיין קריטיק, אויך ניט זיינע עסיים, מעשיות, איבערזעצונגען. ער איז עפּעס, וואָס נעמט דאָס אַלץ אַרום, נעמט דאָס אַלץ אַריין אין זיך. עס וואָלט הייסן צעברעקלען פרישמאַנ'ען — ריידן וועגן זיין פּאָעזיע באַ־זונדער, זיין קריטיק באַזונדער, זיינע דערציילונגען באַזונדער א. אז. וו. אויך וועלן מיר ניט האָבן דעם סך־הכל, וואָס הייסט: פ ר י ש מ אַ ן, ווען מיר זאָלן מאַכן אַ חבור פון די איינציגע אויפטוען זיינע אויף פאַרשיידענע געביטן.

עס זיינען דאָ שרייבער, וואָס מיר שעצן און ליבן זיי צוליב זייערע ווערק, און עס זיינען דאָ אַזעלכע שריפטשטעלער, וואָס מיר שעצן און ליבן זייערע ווערק צוליב זיי. פרישמאַן געהערט צו

די לעצטע. און דאָס איז ניט צוליב דעם אַלגעמיינעם ווערט פון זיין פּערזענלאַכקייט, נאָר צוליב איין באַזונדערן כח, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און וואָס האָט געמאַכט ווערטפול אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט: דער דאָזיגער כח — דאָס איז זיין שריפטשטעלערישע מייסטערשאַפט.

און ווען איך זאָג דאָס, מיין איך נישט נאָר זיין סטיל אַליין. עס וואָלט געווען פונקט אַזאַ אָרעמע באַנאַליטעט צו זאָגן, אַז פרישמאַן האָט געהאַט אַ פיינעם סטיל, אַ געלייטערטן העברייאיש א. ד. ג., ווי צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַן „אייראָפּייער", האָט „פיינט געהאַט בטלנות" א. אז. וו. איך מיין עפּעס מער, ווי סטיל. סטיל אין ליטעראַטור איז שייך דערהויפּט צו דער שפּראַך. פרישמאַן איז געווען מער, פיל מער ווי אַ שפּראַך־מייסטער. ער איז געווען אַ בוי־מייסטער.

ער איז געווען אַ פולשטענדיגער בעל־הבית ניט נאָר איבער זיין שפּראַכלאַכן אינסטרומענט, ער האָט פולשטענדיג באַהערשט דעם עמאָציאָנעלן און געדאַנקלאַכן מאַטעריאַל, וואָס ער האָט גע־נוצט. ער האָט אַרויסגעבראַכט און אויסגעלעגט דעמדאָזיגען מאַטעריאַל פּונקט אין דעם סדר און לויט דעם פּלאַן און ציל, וואָס אים איז געווען געוואונטשן. זיינע געדאַנקען און געפילן, נישט נאָר די ווערטער, האָבן אים געפאָלגט, פּונקט אַזוי ווי די ציגל און ליים און אייזן און צעמענט גיבן זיך אונטער דעם בויער פון אַ הויז.

ער האָט געמעגט האָבן געדאַנקען, וואָס זיינען געווען פרוכט־באַר, און אומפרוכטבאַרע אָדער פאַלשע געדאַנקען; געפילן האָבן געקאָנט זיין ביי אים רייכע און אויך אָרימע אויבנאויפיגע געפילן; אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. וויכטיג איז, וואָס אַלע געדאַנקען און אַלע געפילן, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען, האָט ער אַרויסגעבראַכט, און אַרויסגעבראַכט זיי אַזוי קלאָר, אַזוי גאַנץ, אַז איר האָט ניט געטראַכט גאָר וועגן זייער אייגענעם ווערט, איר האָט, ווילנדיג אָדער נישט־וויסנדיג אַליין, באַוואונדערט די קראַפט פון אויסדרוק, וואָס איז אין זיי אַנטפּלעקט געוואָרן.

ער אַליין איז געווען פול מיט עטישן פּאַטאָס, מיט בענקעניש

נאָך אמת, נאָך עכטקייט, ער איז אפילו אין זיין סקעפּטיציזם געווען פּאַטעטיש (עס איז אַ טעות צו האַלטן אים פאַר אַ סקעפּ־טיקער; ער האָט גיכער געהערט צו יענעם סאָרט פּאָטענציעל־פרומע מענטשן, וואָס זייער גאַנצן לעבן ליידן זיי דערפון, וואָס זיי האָבן ניט קיין רעליגיע, נאָר רעליגיאָזיטעט און סוראָגאַטן, דורך וועלכע זיי זוכן צו באַפרידיגן אָדער אָפּנאַרן זייער רעליגיעזן הונגער. פרישמאַנ׳ס סוראָגאַטן פון רעליגיע זיינען געווען — העברייאיש און די קונסט פון וואָרט איבערהויפּט). אָבער נישט געקוקט אויף די עטישע אימפּולסן פון פרישמאַנ׳ס שרייבן, איז אייער איינדרוק פון אים — עסטעטיש.

פיל לעזער זיינען פאַראַן, וואָס זיי זאָגט וועניג „פרישמאַן דער דערציילער", „פרישמאַן דער ליריקער", „פרישמאַן דער קרי־טיקער", א. אז. וו. אָבער עס באַטייט פאַר זיי זייער פיל — פרישמאַן דער שריפטשטעלער. דאָס איז, בנוגע צו אים, נישט קיין אַלגעמיינהייט, נאָר, פאַרקערט, זייער אַ קאָנקרעטע קוואַליפיצירונג. ווען איר זאָגט „פרישמאַן דער שריפטשטעלער", הירט איר אָן טיפער זיין „איך", ווי ווען איר זאָגט: „פרישמאַן דער דערציילער, דער ליריקער, דער קריטיקער". פרישמאַן איז פריער פאַר אַלץ און נאָך אַלעמען — אַ פאַרקערפּערונג פון דער שריפטשטעלערישער קונסט, ד. ה. אַ מענטש, וואָס מיט דער הילף פון דעם געשריבענעם וואָרט און דער אָרגאַניזירונג פון וואָרט קאָן ער אויסדריקן אַ מאַקסימאַלן טייל פון זיין דענקען און פילן.

און זאָל דאָס ניט זיין גרינג אין אונזערע אויגן. אַ סך שרייבער מיט אָריגינעלערע געדאַנקען און טיפערע געפילן, ווי די, וועלכע זיינען געווען ביי פרישמאַנ׳ען, קאָנען דאָס ניט. געוויינטלאַך איז אַ שרייבער נאָר אויף אַ העלפט, נאָר אויף אַ דריטל, נאָר אויף אַ צענטל אַ שרייבער. דאָס הייסט: אים גע־לינגט אויסצודריקן נאָר אַ העלפט, אַ דריטל, אַ צענטל פון דעם, וואָס ער וויל זאָגן. עס בלייבט אין אים עפּעס, און מער ווי עפּעס, ניט אַרויסגעזאָגטס. אָט האָט ער, דאַכט זיך, געפונען דאָס וואָרט, וואָס ער זוכט: די נאַקעטע נשמה אין אים האָט זיך אָנגעטאָן

אין אַ גוף, איז דערלייזט געוואָרן פון דער שטומקייט, פון דער טונקלקייט; אָבער באַלד דערפילט ער — און מיר, לעזער, דער־פילן, — אַז דאָס וואָרט איז אַ תפיסה, נישט קיין דערלייזונג פאַר אים. עס איז זיין אמת'ן געדאַנק און זיין אמת'ן געפיל און זיין אמת'ער זעאונג ענג אין דעם וואָרט, עס פעלט זיי פרייהייט, רחבות, לופט צו אָטעמען... „אַ מחשבה ווערט אַ ליגן, ווי נאָר מען זאָגט זי אַרויס", קלאָגט זיך דער רוסישער דיכטער טיוטשעוו. און ניט ער אַליין קלאָגט זיך אויף דעם. פיל גרויסע וואָרט־קינסטלער האָבן געשריבן וועגן דער אומפולקאָמענהייט און דער פאַרפירערישקייט פון דער מענטשלאַכער שפּראַך, וועגן דעם, וואָס עס איז שווער אָדער אוממעגלאַך צו געפינען אַן עקוויוואַלענטן אויסדרוק פאַר'ן אינעווייניגסטן לעבן פון דיכטער: „עס איז שווער צו דערקלערן מיט אַ קאַלטן בוכשטאַב דעם קאַמף פון מחשבות. מענטשן האָבן נישט קיין קלאַנגען, גענוג שטאַרק, אויסצומאָלן דעם וואונטש פון גליק. אַ ברען פון הויכע דערהויבענע ליידנ־שאַפטן פיל איך, נאָר כ'געפין נישט קיין ווערטער", אַ. אַז. וו. (לערמאָנטאָוו). אויך פרישמאַן האָט געווים געפירט אַ גרויסן און שטענדיגן קאַמף פאַר'ן וואָרט און מיט'ן וואָרט, אָבער ער איז אַרויס פון קאַמף מיט אַ קרוין פון נצחון אויפ'ן קאָפּ. איר האָט דעם איינדרוק, אַז פאַר די צילן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, האָט ער געפונען די מיטלען. דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער געגעבן אַ פאָרם.

נעמט זיך, עס אפשר דערפון, וואָס ער האָט זיך נישט גע־שטעלט קיין צו־גרויסע צילן, נישט געהאַט קיין צו־רייכן מאַ־טעריאַל? עס קאָן זיין. אָבער מיר האָבן, יעדנפאַלס, דעם געפיל, אַז ער האָט געוואָלט אויסדריקן נאָר דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט אויסדריקן. זיין ווילן האָט נישט איבערגע־יאָגט זיין קאָנען. נישט אומזיסט איז אים אַזוי פרעמד געוועזן פרץ. פרץ'ן האָט אויפ'ן געביט פון אויסדרוק, אויפ'ן ריין קינסטלערישן געביט, פונקט אַזוי ווי אויפ'ן אינטעלעקטועלן און עטישן געביט, נישט געצאַרט אַזוי שטאַרק דאָס געפינען; זיין שטאַרקסטע ליידנשאַפט איז געוועזן — דאָס זוכן, דאָס שטרעבן. פרישמאַן האָט אויך געווים „געזוכט", געשטרעבט,

ער האָט אויך געווים געהאַט זיין „בלויען פויגל” ערגעץ אין דער לופט, זיין „בלויע בלום” ערגעץ אין א ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד. עס זיינען ביי אים מסתמא אויך געווען אומקלאָרקייטן און אומ־באַשטימטקייטן. אָבער מיר, לעזער, האָבן נישט געוואוסט דערפון. מיט זיינע אַלע קלערענישן, מיט זיינע אַלע טאָמערס און טונקל־קייטן איז ער פאַרטיג געוואָרן אין דער שטיל, אין יענע לאַנגע, שווערע און פיינלאַכע שעה׳ן, ווען ער האָט זיך געגרייט צו זיין אַרבעט. צו אונז, לעזער, איז ער געקומען א צוגעגרייטער, א פאַרטיגער, א זיכערער, א קלאָרער. ביז צום לעצטן פינטעלע א קלאָרער.

פּרץ האָט געדענקט הויך אויפ׳ן קול, מיט דער פען אין האַנט, פאַר אַלעמען אין די אויגן; מיר האָבן געוואוסט פון זיינע ספקות, נישט נאָר פון זיינע געוויסהייטן; מיר האָבן געזען זיין עקספּערימענטירן; מיר געפינען זיך אַלע מאָל, ווען מיר לייע־נען זיינע ווערק, אין זיין אָפענער לאַבאָראַטאָריע. פרישמאַן צייגט אונז נאָר רעזולטאַטן. ביי אים זיינען געווים געווען אויך צייטן פון קנאָפּסן, פון בליען, פון אָנגיסן זיך מיט זאַפט און ציען זיך צו דער זון; אָבער דאָס אַלץ איז פאַרהוילן פון אונז: מיר קומען אויף אַלעם פאַרטיגן. נאָך מער: ער אַליין — האָב איך דעם איינדרוק — האָט זיך גענומען פאַר דער פען נאָר ווען ער האָט געפילט, אַז די קערנדלאַך זיינען רייף. פּרץ האָט געאַקערט און געזייט מיט דער פען. ביי פרישמאַנ׳ען איז זי געווען נאָר א סערפּ פאַר פולע סוף־זומערדיגע זאַנגען*).

---

*) אַ צייט נאָכדעם, ווי דאָס איז געווען אָנגעשריבן, האָב איך אין יובילײ־נומער „היינט” (וואַרשע, 1928, ז. 19) געלייענט א. גאָלדבערג׳ס פאָלגנדיגע מיטטיילונג:

„מיר האָבן שטענדיג געוואוסט פאַראויס דעם אינהאַלט פון דוד פרישמאַנ׳ס פעליעטאָן אין א צוויי־דריי וואָכן אַרום. ניין, נישט נאָר דעם אינהאַלט, איבער וואָס ער וועט שרייבן, אָבער אויך די פראַזן, איינצלנע זאַצן, כמעט דעם גאַנצן פעליעטאָן, ווי ער איז אין א פאָר וואָכן אַרום אַרויס פון זיין פעדער.

דוד פרישמאַן פלעגט זיין „מעובר” מיט זיין פעליעטאָן וואָכן־לאַנג.

דאָס פילט זיך באַזונדערס שטאַרק אין די עסיים און די אַזוי־אַנגערופֿענע פֿעליעטאָנען: אין זיי פֿאַלט אַראָפּ די פֿרוכט פֿון זיין געדאַנק, פֿון זיין ליריזם, ווי פֿון זיך אַליין — אַזוי פֿול איז זי און צייטיג. אָבער אויך אין די לידער, וואָס אין זיי וואָלט זיך וועלן האָבן מער אומגעריכטקייט, מער ספּאָנטאַן־אוממיטלבאַרן געפֿיל, מער גרינקייט — אַפֿילו אין זיי שפּירט זיך דעם דיכטער׳ס צוגעגרייטקייט. אַפֿילו זיי זיינען נישט געשריבן, נאָר געבויט — לויט אַ גוט־אויסגערעכנטן פּלאַן. אין פֿיל פֿון זיי איז פֿאַראַן לירישקייט, פֿייכטקייט („לחלוחיות״, ווי דאָס הייסט אין העברייאיש) פֿון עמאָציע, פֿון איבערלעבונג. אָבער די ליריש־קייט איז אַ דורכגעזייטע, די עמאָציע — אַן אָפּגעוואויגענע און אַן אויסגעמאָסטענע, די איבערלעבונג — אַן איבערטראַכטונג. עס איז אין פֿיל לידער דאָ פּאַטאָס, אָבער פּונקט אַזוי פֿיל, נישט מער און נישט ווייניקער, וויפֿיל עס קאָן זיך איינהאַלטן אין דער

נאָכ׳ן „מעובר״ ווערן מיט דער טעמע, פֿלעגט ער לאַנג טראַכטן איבער יעדן זאַץ, כמעט איבער יעדעס וואָרט.

— איך וועל שרייבן איבער דעם און דעם.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום:

— איך וועל שרייבן אַזוי און אַזוי.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום:

— איך וועל אָנהויבן... דערציילן... ענדיגן... — און אַזוי כסדר.

— הייסט עס, אַז אין דער נעקסטער וואָך באַקומען מיר אייער פֿעליע־טאָן אַרום מאָנטאָג־דינסטאָג, און נישט אין דער לעצטער מינוט?

— גאַנץ באַשטימט!

אָבער אויך די וואָך און די אַנדערע וואָך איז אַוועק. אויף דער דריטער וואָך פֿלעגט זיך די טיר פֿון רעדאַקציע עפֿענען שטיל ערשט אַרום 4 אין מיטן דער נאַכט פֿון מיטוואָך אויף דאָנערשטאָג. דוד פֿרישמאַן פֿלעגט זיך באַווייזן, כמעט אין נעגליזשע, ווי פֿון אַרבעטס־טיש, מיט׳ן גראָבן ציגאַר אין מויל, מיט׳ן אויפֿגעשטעלטן קראַגן, קינדיש־נאַאיוו, עטוואָס פֿאַרשעמט.

— אָט איז מיין פֿעליעטאָן.. איר זיצט נאָך דאָ אַזוי שפּעט? אַך, איר ציימונגס־לייט! — און ער איז אַוועק.

דערפֿאַר איז קיין איין שורה אין זיין פֿעליעטאָן נישט געווען גע־שטריכן, קיין אות נישט געמעקט — דער פֿעליעטאָן, ווי ער איז איצט אַרויסגעקומען, איז דאָך אייגנטלעך געווען פֿאַרטיג מיט וואָכן צוריק...

צייכנונג אָדער סטרוקטור פון ליד. אַט ווערט דער דיכטער אויפ־געבראַכט, אַט ברויזט אויף אין אים עפּעס אַ שטאַרק געפיל, עס רוישט, עס שוימט — זייט רואיג: ער וועט ניט אַרויס פון די כלים...

ווילט איר זען, ווי עס קאַכט זיך אויפ'ן פייער, זידט און „לויפט" און „לויפט־אויס" דעם שרייבער'ס קעסל — לייענט פרץ'ן, בערדיטשעווסקי'ן, ביאַליק'ן, — פרישמאַנ'ס געגנער און חברים. ביי פרישמאַנ'ען קאָנט איר פאַרזוכן נאָר דעם טעם פון אַ פאַרטיגן געריכט. עס קאָן אייך שמעקן אָדער ניט; איינס אָבער איז זיכער: ס'איז פאַרטיג...

אין פרישמאַנ'ס שרייבן איז דאָ די געמאָסטנקייט פון אַרכי־טעקטור, די קלאָרקייט און איינדייטיגקייט פון אַ מאַטעמאַטישן זאַץ. דאָס איז ריכטיג וועגן אַלע פאָרמען פון זיין שאַפן, און דאָס איז אין זיי אַלע דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, דאָס פרישמאַנ'ישסטע. צי איך לייען זיינעם אַ געדיכט, צי אַ סקיצע, צי אַ געוויינטלאַכן צייטונגס־אַרטיקל — קיינמאָל הער איך אים ניט שטאַמלענדיג, קיינמאָל זע איך ניט, ער זאָל אָנהויבן עפּעס אַ זאַך און נישט ענדיגן, ער זאָל אויפשטעלן אַ פונדאַמענט און נישט מאַכן קיין ווענט, מאַכן ווענט און לאָזן זיי אָן אַ דאַך: ער גיט אונז שטענדיג און אומעטום פאַרענדיגטע בנינים.

די פעסטע און זיכערסטע פון זיינע בנינים זיינען די עסיים און די פעליעטאָנען. אין זיי גיט ער אונז נישט פרעמדע לעבנס, ווי אין די דערציילונגען, פאַר וועלכע ער האָט צו־ווינציג געשטאַלטונגס־קראַפט, נאָר זיין אייגענעם לעבן, זיין אייגענע וועלט, וועלכע ער קאָן אויסגעצייכנט קאָנטראָלירן; פאַר זיי איז ביי אים דאָ גענוג עמאָציאָנעלע קראַפט און בילדלאַכקייט (פאַר ריינער ליריק איז זיין פסיכיש לעבן אָפטמאָל צו־באַוואוסט־זיניג, צו־אינטעלעקטואַליסטיש), — דערגרייכט ער אין זיי, אין די עסיים און פעליעטאָנען, די העכסטע מדרגה פון זיין שריפטשטעלערישער קונסט.

זיינע הויפּט מיטלען: ערשטנס, באַאַרבעט ער פלייסיג די פּרטים, און, צווייטנס, פאַרגרעסערט ער זיי און מאַכט זיי בולט. זיינען דאָס גאַנץ געוויינטלאַכע מיטלען. אָבער

אין דעם אופן, ווי ער טוט דאָס, אין דער קונציגקייט און גראַציע, ווי ער מאַכט עס, האָט ער נישט קיין גלייכן צו זיך נישט אין דער העברייאישער, נישט אין דער אידישער ליטעראַטור. ער צע־גלידערט, טיילט אַרויס און מאַכט קענטיג די דעטאַלן פון דעם געדאַנק אָדער געפיל, אָדער בילד אַזוי, אַז איר באַקומט צום סוף נישט קיין צעשויבערטן בינטל איינצלהייטן, נאָר אַ גאַנצע זאַך, אַן אָ ר ג אַ נ י ז ם. „ס ט י ל", זאָגט סטענדהאַל, „באַשטייט אין דעם, וואָס צום געדאַנק ווערן צוגעגעבן אַלע די אומשטענדן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אַרויסצוברענגען די גאַנצע ווירקונג, וואָס דער געדאַנק קאָן אַרויסברענגען". אין אָט דעם זינען איז פרישמאַן געווען אַ ס ט י ל י ס ט. ביי אים גיסן זיך זייער האַר־מאָניש צונויף דער אַנאַליטישער מיט דעם סינטעטישן אופן שרייבן. ווען ער גיט אונז אַ סך־הכל, קוקט אַרויס פון דעם יעדע פון די שורה'ס, וועלכע שטעלן אים צונויף...

די דאָזיגע באַמערקונגען זיינען נישט גענוג פאַר אַ פולער כאַראַקטעריסטיק אָדער אָפּשאַצונג פון פרישמאַנ'ס פילזייטיגן שאַפן. איך האָב געוואָלט נאָר שטעלן די טראָפּ אויף איין פונקט — און דאָס איז די שריפטשטעלערישע בוימייסטערשאַפט, די קלאָרקייט און די אָרגאַנישע גאַנצקייט פון אויסדרוק, וואָס איז, ווי מיר דוכט, דער ווערטפולסטער אין אַלע ספערן פון יענער אינטענסיווער און ריינער שריפטשטעלערישקייט, וועלכע דער טויט האָט איבערגעריסן אין רעכטן מיטן פון אירע קלאָר־אויפ־געגאַנגענע כחות.

ב.

דער וואַרשעווער פאַרלאַג „אחיספר" האָט אין יאָר 1927 אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלונגען פון פרישמאַנ'ס „פעליעטאָנען" — איינע אונטער'ן נאָמען „מלחמה און שלום" און נאָך איינע — „וואָרט און בילד". ווער האָט די ביכער אַ נאָמען געגעבן? ווי עס ווייזט אויס, דער פאַרלאַג אַליין, ניט דוד פרישמאַן.

געשאַפן אַ טיטל און אַ שער־בלאַט פאַר פרישמאַנ'ס געקלי־בענע עסיים, האָבן זיך די פאַרלעגער באַרואיגט. געבן אויך אַן

אריינפיר, דערקלערן, פארוואָס האָבן זיי אויסגעקליבן גראָד די אַרטיקלען און נישט קיין אַנדערע, ברענגען כראָנאָלאָגישע דאַטן, כדי מיר זאָלן וויסן, ווען דער אָדער יענער פעליעטאָן איז געשריבן געוואָרן, אָדער גאָר זאָגן, וואו ער איז פריער פאַרעפנטלאכט געוואָרן — דאָס וואָלט שוין געהייסן צו־פיל פאַרלאַנגט פון אַ אידישן אַרויסגעבער. אַ אידישער אַרויסגעבער דאַרף זיך נישט זאָרגן פאַר אַזעלכע „אַקאַדעמישע" זאַכן. ער דאַרף נאָר זען, אַז עס זאָלן זיין געננוג זייטלאַך פאַר אַ בוך און — גענוג דרוק־פעלערן. ווייטער גייט אים מער גאָרנישט ניט אָן. אַזאַ סדר, צי אַן אַנדער סדר, יאָ כראָנאָלאָגיע, נישט כראָנאָלאָגיע, האָט דער שרייבער געשאַפן דעם טיטל פון זיין בוך אָדער דער בחור הפאַרלעגער — ווּעמען אַרט עס ? דער אידישער לעזער האָט אַ גוט קעפּל, און דער אַרויסגעבער דאַרף אים נישט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל. צו־וואָס זאָל זיך דער אָרעמער אידישער פאַרלעגער מטריח זיין ?

אגב, פרישמאַן האָט געשריבן אַזוי לייכט, אַזוי קלאָר, אַזוי דורכזיכטיג, אַז ער דאַרף אפשר טאַקע באמת נישט האָבן קיין שום פירושים און קיין שום הקדמות.

ווען האָט ער אויסגעצירקלט אויפ'ן פּאַפּיר דעם אָדער יענעם וויץ, וואָס האָט אָנגעצונדן אין אים אַזאַ אָדער אַן אַנדער שטיק פאַטעטישן פייער, ווען האָט ער אונז געגעבן דעם אָדער יענעם לירישן אויסגוס, וואָס פאַר אַ געלעגנהייט האָט אים געמאַכט אַזוי סאַרקאַסטיש — דאָס וואָלט אפשר געקאָנט זיין וויכטיג ביי אַן אַנדער שרייבער, נישט ביי פרישמאַנ'ען.

ביי אַנדערע שרייבער אינטערעסירט אונז, וואָס זיי זאָגן — און דאָ קאָן שוין האָבן אַ באַדייטונג די צייט, די סביבה. אָבער פרישמאַנ'ס אידייען זיינען ביי דעם פיינערן לעזער קיינמאָל נישט געוועזן דער עיקר. פרישמאַנ'ס אידייען זיינען זעלטן ווען אָריגינעל, זעלטן ווען טיף. אָפט זיינען זיי, פשוט, באַנאַל. זיי באַשטייען אָפט, אַ שטייגער, אין דעם, אַז איידער רחמנות צו האָבן אויף בהמות, דאַרף מען פריער זיין גוט צו מענטשן („צער בעלי חיים"), אַז אייראָפּע איז אַזוי פאַרוויל־דעוועט געוואָרן, אַז ווען מען וועט זאָגן אין דער נאָענטסטער

צוקונפט „אייראָפּייאיש", וועט מען מיינען דאָס אייגענע, וואָס איצטער מיט דעם וואָרט „אַזיאַטיש" („אייראָפּייאיש") א. ד. ג.
די הויפּטזאַך איז ביי פּרישמאַנ'ען תּמיד געווען טאַקע ניט דאָס, וואָס ער זאָגט, נאָר דאָס, וואָס ער זאָגט עס און ווי ער זאָגט עס. זיין אייגענער אינדיווידועלער שטייגער שרייבן, זיין ריטמישקייט, זיין פּאַטאָס, זיין לירחם, זיין סאַרקאַסטישע איראָניע און די פאַרענדיגטקייט, די שלמות פון אָט דעם נוסח איז שטענדיג געווען דאָס, וואָס רייצט אונז אין פרישמאַנ'ען. דאָס האָט ער געהאַט אָבער כמעט אַלע מאָל — ווען, וואו און וועגן וואָס ערשט זאָל נישט האָבן געשריבן.
קאָנען מיר באמת זיין גלייכגילטיג צו די צייט- און אָרט-אומשטענדן, ביי וועלכע פרישמאַן האָט געשאַפן דעם אָדער יענעם עסיי. פרישמאַן האָט אַלע מאָל און אומעטום געקאָנט נעמען דעם אָרעמסטן שטאָף, דעם מאָגערסטן מאָטיוו, די עלעמענטאַרסטע אידייע — און אויסשפּילן אויף דעם אַזאַ פּאַרקיילאַכדיגן ניגון, אַזאַ האַרמאָנישע מעלאָדיע, אַז מיר זאָלן זיך אינטערעסירן שוין מער מיט זיין קונסט צו שרייבן, מיט זיין אויסדרוקספּייאינקייט, ווי מיט דעם אינהאַלט.
ער האָט אַלע מאָל און אומעטום געקאָנט שאַפן ביי אונז אַן אילוזיע פון טיפער איבערלעבונג, און אָט דער עמאָציאָנאַליזם, אָט דאָס לירישע איך-געפיל האָט געמאַכט פאַר אונז לעבעדיג און אינטערעסאַנט אפילו זיינע פּשוט'סטע און פלאַכסטע געדאַנקען.
ניט קינסטלעריש אין זיינע קונסט-זאַכן (אין זיינע דערציילונגען), איז ער געווען אַ קינסטלער אין דער פובליציסטיק.
אין „וואָרט און בילד" האָבן די פאַרלעגער אריינגעשטעלט אַ פּאָר פון זיינע בעלעטריסטישע זאַכן („געשטאַלטן", „צוויי דעפּוטאַציעס") — און זיי האָבן דאָס אַזוי ווי מיט אַ כיון געטאָן, כדי מיר זאָלן קאָנען פאַרגלייכן זיין בעלעטריסטיק מיט זיינע עסיים און מיר זאָלן זען, אַז ער איז מער בעלעטריסט און מער פּאָעט, ווען ער שרייבט אַרטיקלען, ווי דאַן, ווען ער שטעלט זיך דירעקט בעלעטריסטישע און פּאָעטישע אויפגאַבן.
ווען ער דערציילט אונז, צום ביישפּיל, די מעשה מיט די

צוויי דעפּוטאַציעס — איין דעפּוטאַציע איז געוועזן פון די בעלי־הבתים צו די אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואונען אַ סטרייק, און די אַנדערע צו די בעלי־הבתים פון אַרבעטער, וועלכע האָבן — אין צווייטן פאַל — פאַרשפּילט דעם סטרייק — גיט ער אונז אָן אַ שיעור פיינע פּרטים, אָבער נאָר פּרטים. דער עיקר — דער לעבעדיגער מענטש — פעלט. דער לעבעדיגער מענטש אין דער דערציילונג איז אָן אַרבעטער אָדער אַ פאַבריקאַנט, ניט פרישמאַן אַליין, און ער האָט קיין אַנדערע מענטשן, אַ חוץ זיך אַליין, נישט געקאָנט מאָלן. אַנדערש איז אָבער אין די — כמעט שטענדיג לירישע, כמעט שטענדיג בילדלאַכע — עסיים. דאָרט איז דער העלד ער אַליין, — זיין איבערלעבונג, זיין כעס, זיין צער, זיין ביטערקייט — און דאָס דריקט ער אויס אַזוי גאַנץ, אַזוי שטאַרק און אַזוי פול מיט לעבעדיגע, פאַרביגע איינצלהייטן, אַז מיר לייענען אָפּט זיינע אַרטיקלען ווי לידער אין פּראָזע...

ער רעכנט זיך ביי אונז פאַר דעם פאָרשטייער פון „איראָ־פּייאיזם”, אָבער מיר דוכט, אַז דער לירישער ברען און די סענ־טימענטאַל־ביטערע סאַרקאַסטישקייט מאַכט אים גראַד פאַר איי־נעם פון אונזערע אידישסטע שרייבער.

אָפּט פילט זיך אין זיין שרייבן די ווירקונג פון דעם ביבליש־נביא'ישן סטיל... „די פונדאַמענטן, אויף וועלכע עס איז גע־גרינדעט דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן, זיינען ערשיטערט. גאַנץ איראָפּע וואַקלט זיך. וואו איז רעכטס ? וואו איז לינקס ? מ'ווייסט נישט. וואָס מעג מען ? וואָס טאָר מען ניט ? קיינער ענטפערט נישט. וואָס איז מיין ? וואָס איז דיין ? קיינער הערט נישט” („מלחמה און שלום”, ז. 28). אָדער : „... און דער מבול פון בלוט שטייגט און באַדעקט שוין די שפּיצן פון די העכסטע בערג, און הונדערט טויזנטער פאַלן אין נאָר איינציגע אַכט טעג, און שטעט ברענען און דערפער ווערן וויסט, און הונגער און עלנט און נויט הערשן איבער'ן גאַנצן לאַנד, און דאָס יאָמער־געשריי פון הונדערט טויזנטער פרויען און קליינע קינדער, וועלכע זיינען נאָר־וואָס נאָך געוועזן גליקלאַכע מענטשן, ערפילט די לופט און ציטערט ביז צום הימל”... (דאָרט, ז. 38).

אזא פאטאס טרעפט זיך נאר ביי יענע טרעגער פון דעם אידישן וואָרט, וועלכע זיינען די מאָדערנע יורשים פון אונזערע פארצייטיגע נביאים. דערמיט וויל איך, פארשטייט זיך, ניט זאָגן, אז פרישמאַן האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון א נביא. א, ניין. ער וואָלט אליין געוועזן דער ערשטער צו פּראָטעסטירן קעגן אזא מין פארגלייך. איך מיין נאָר, אז אין זיין אופן שרייבן איז אָפט געווען עפּעס פון דעם נוסח הנביאות.

פרישמאַן איז אידיש אי אין דער קראַפט, מיט וועלכער ער דריקט־אוים לירישע־עטישע שטימונגען, אי אין דער שוואַכקייט, וועלכע ער ווייזט ארוים, בעת ער נעמט זיך מאָלן עפּישע געשטאַלטן.

זיין לירישע־עטישער כח איז עכט, ספּאָנטאַן, דערפאַר איז ער אזוי קאָנצענטרירט און אויסדרוקספול.

ווען פרישמאַן איז פארכאַפּט פון עפּעס א געפיל, א זעאונג, א וואָרט, איז דאָס גאַנצע לעבן פאר אים דאַן אָט דאָס געפיל, אָט די וויזיע, אָט דאָס וואָרט. די גאַנצע וועלט ווערט פאר אים באַלויכטן אין דעם קאָליר פון אָט דעם ארטיקל, וואָס ער שרייבט, און דערפאַר איז ביי אים יעדער ארטיקל א וועלט, א שטיק גאַנצקייט.

ער איז אין דעם פּרט געווען אַנדערש פון זיין אינגערן חבר אין אונזער שיינער פּובליציסטיק — בעל־מחשבות. ביי בעל־מחשבות'ן איז אויך געווען א שטרעבונג צו מאַכן פון יעדן פעליעטאָן, פון יעדן ארטיקל א קונסט־ווערק, א גאַנצע און א פארענדיגטע זאַך. אָבער בעל־מחשבות האָט געברויכט אַנדערע, שווערערע, מעטאָדן, ווי פרישמאַן. בעל־מחשבות האָט זיין הויפּט־אידייע געלאָזט דאָמינירן דורך דעם, וואָס ער האָט זי געהאַלטן אין איין וואַריאירן, אין איין מאַכן זי פיינער און קאָמפּליצירטער. פרישמאַן האָט דאָס אייגענע דערגרייכט דורך פאַראיינפאַכונג. ער האָט פאַנאַנדערגעגלידערט און פאַנאַנדערגענומען די פּרטים, לאָזנדיג גאַנץ דעם עיקר.

ווען איר פארגלייכט מיט פרישמאַנ'ס פעליעטאָנען די עסיים און די ארטיקלען פון בעל־מחשבות, זעט איר, אז יעדער איינער האָט עפּעס, וואָס דעם אַנדערן פעלט. בעל־מחשבות איז גע־

דיכטער, אינטענסיווער, אָריגינעלער און ממילא אַ סך אינטע־רעסאַנטער אינטעלעקטועל ווי פרישמאַן. איר געפינט ביי אים אין איין פּאַראַגראַף אַמאָל מער און פיינערע ניואַנסן פון געדאַנק, ווי אין פרישמאַנ׳ס אַ גאַנצן עסיי. אָבער בעל־מחשבות האָט ניט — טאָקע אפשר דערפאַר — די קלאָרקייט, די דורכזיכטיגקייט פון דוד פרישמאַן.

בעל־מחשבות׳עס קוואַל איז אַ טיפערער, אָבער אַ מער טונ־קעלער. פרישמאַנ׳ס ברונען איז נישט אַזוי טיף, דערפאַר איז זיין וואַסער ריין ווי קרישטאָל.

פרישמאַן איז אין דעם נוסח פון זיין שרייבן ניט אַזוי פאַר־שיידנאַרטיג ווי בעל־מחשבות. פרישמאַנ׳ס פעליעטאָנען זיינען במעט אַלע געמאַכט אויף איין מאָס — די מאָס פון איראָנישער אָדער סאַרקאַסטישער איבערטרייבונג. ווען איר האָט דורכגע־לייענט איין אַרטיקל זיינעם, קאָנט איר נאָך נישט וויסן, וואָס ער וועט זאָגן אין אַן אַנדער אַרטיקל, אָבער איר ווייסט שוין, ווי ער וועט עס זאָגן.

דאָס פאַרקלענערט אייער אינטערעס צו זיין שרייבן, אָבער ניט צו אים אַליין, ניט צו זיין לירישן געמיט, וועלכער ווערט יעדעס מאָל אַזוי ווי באַנייט און אָפּגעפרישט...

די אונטערשטע שורה איז: איר זוכט נישט ביי פרישמאַנ׳ען די פאַרטיפונג פון אייער בליק אויף וועלט־ און צייט־פראַגן, איר גייט נישט צו אים לערנען קיין פילאָזאָפיע פון געשיכטע: איר געפינט ביי אים צו אָפט מיינונגען און אָפּשאַצונגען, וואָס זיינען אָדער אויבנאויפיג, אָדער זייער נאַאיוו (איר לייענט ביי אים, צום ביישפּיל, וועגן דעם וועלט־קריג, אַז עס איז געווען „אַ מלחמה רק לשם הערשער־תאוה׳ס, רק לשם באַווייזן, ווער עס איז שטאַר־קער, ווער עס וועט הייסן אין דער געשיכטע „דער גרויסער״...), אָבער, אויב איר קאָנט נישט לערנען זיך דענקען ביי פריש־מאַנ׳ען, קאָנט איר זיך לערנען ביי אים שרייבן.

העברייאיש האָט ער אודאי געשריבן אָפּגעהיטער, פיינער און פרומער, ווי אידיש. זיין אידיש גרענעצט זיך אַן אַנדערש מאָל מיט טייטשמעריש אָדער לאָדזמעריש („אָהנע הענט און אָהנע פיס״, „ערלעבט״, „ווערענד״, אָדער גאָר: „די קישיניאָווער

פּאַנראַמשטשיקעס האָבן אין אַ געוויסער מאָס געהאַט דעם צוג פון דעם גרויסן", „גלייכבאַרעכטיגונג און אין איין און דערזעלביגער צייט די באַטרעפנדע פּולקאָמען רעכטלאָז באַהאַנדלען"). אָבער ניט געקוקט אויף זיין נאַכלעסיגקייט בנוגע צו איינציגע ווערטער און אויסדרוקן, איז זיין אַלגעמיינער שטייגער שרייבן אין אידיש כמעט אַזוי ריין, קלאָר, און אויסדרוקספול, ווי אין העברייאיש.

ג.

פרישמאַנ'ס בריוו *) זיינען אָן קיין שום ספק ווערט, מען זאָל זיי פאַרעפנטלאַכן. עס איז זיי אינטערעסאַנט צו לייענען. זיי זיינען, ווי אַלץ, וואָס שטאַמט פון פרישמאַנ'ס פען, לעבעדיג, וויציג און טעמפּעראַמענטפול. זיי זיינען, אגב, בריוו און נישט קיין ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, ווי עס טרעפט אָפט מיט שרייבערשער קאָרעספּאָנדענץ. זיי האָבן אין זיך די אינטימיטעט און די ניט־געקינצלטקייט פון פריוואַטע שריפטלאַכע שמועסן. דאָך זיינען אַ סך פון זיי ליטעראַריש אין גוטן זינען פון דעם־דאָזיגן וואָרט. אַזוי, אַז מיר לייענען זיי אי ווי בריוו, אי ווי — ווערק פון דוד פרישמאַן. עס איז דאָ אין זיי עפּעס אי פון זיין היימישער, אי פון זיין ליטעראַרישער פּערזענלאַכקייט. זיי זיינען געשריבן מיט דער זעלביגער גראַציע, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אוים דאָס העברייאיש פון פרישמאַנ'ס פעליעטאָנען, און עס איז דאָ אין זיי יענע שיטערע, אָבער פּאַטעטישע און זיך חנ'ענ־דיגע לירישקייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פרישמאַנ'ס גאַנצן שרייבן.

מיר קאָנען פון זיי פיל לערנען וועגן אים אַליין און וועגן זיין שאַפן, דערהויפּט אָבער וועגן זיין מעטאָד אין ליטעראַרישער קריטיק.

עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן קונסט־קריטיק: אַ מאַסקולינער

*) „אגרות דוד פרישמאן", נערכו בצירוף תולדות פרישמאן, מבוא, הקדמות והערות על־ידי א. ר. מלאכי, הוצאת לילי פרישמאן (בסיוע מורים אייזמאַן), ניו־יורק, תרפ"ז.

און א פעמינינער — שרייבט דער ענגליש־אמעריקאנער קריטיקער ספינגארן. ער מיינט דערמיט צו זאגן, אז עס איז דא א קריטיקער, וואס זוכט צו באאיינפלוסן דעם קינסטלער און א קריטיקער, וואס איז גרייט פון אים באאיינפלוסט צו ווערן. דער ערשטער גיט אונז זיינע מיינונגען וועגן ליטעראטור, דער צווייטער — די איינדרוקן, וואס ער האט פון איר. יענער איז הארט, שטרענג, דיקטאטאריש, דער — ווייך, עלאסטיש, אויפנעמעריש...

איז, אין דער אמת'ן, אידעאלע קריטיק די, וואס האט אין זיך ביידע מעגלאכקייטן, די, וואס קאן זיין אי א „בייזער" פאטער, אי א מילדע מוטער, די, וואס קאן אי באפעלן און באפאלן, אי פאלגן און אונטערגעבן זיך. דאס רוב קריטיקער אבער זיינען ווייט פון אט דער געוואונטשענער פילזייטיגקייט. זיי זיינען אדער מענלאך, אדער ווייבלאך.

אזא איינזייטיגער קריטיקער איז געווען אויך פרישמאן. ער איז געווען מענלאך, און ער האט געמאסטן די שרייבער ניט מיט זייער, נאר מיט זיין אייגענער מאס. ער האט געוואלט זיין נאר א געבער, נישט קיין נעמער. און אפט האט זיך גערדאכט, אז ער איז נישט קיין „מאן", נאר, פשוט, א... „גזלן". א גזלן, וואס וויל נישט נעמען מיט גוואלד, נאר — געבן מיט גוואלד. פרישמאן האט ניט געוואוסט, אז ס'איז לייכטער ביי איינעם צו נעמען, איידער צו געבן אים עפעס קעגן זיין ווילן. ער האט נישט געוואוסט, אז אפילו מיט אן אמת'ער תורה קאן מען נישט כופה זיין הר כגיגית אויף דעם אנדערן. ער האט זיך געמאכט א גאט און געוואלט, אז אלע זאלן זיך בוקן פאר אים. ער האט זיך נישט גערעכנט מיט דער דערציאונג, מיט דער אייגנארטיגער סביבה, מיט דער קולטור־טראדיציע פון די שרייבער. ער האט געוואלט, זיי זאלן ווערן אלע „דייטשן", אייראפייער. דאס האט גורם געווען, אז די שטים פון זיין קריטיק זאל בלייבן אין דער העברייאישער און אין דער אידישער ליטעראטור אזוי ווי אן אן אפקלאנג. די היימישע שרייבער האבן אים נישט פארשטאנען, די „אייראפייער" האבן נישט גענויטיגט זיך אין אים... ער איז אייגנטלאך נישט געווען גאר

קיין קריטיקער. ער איז געווען אַ דאָגמאַטיקער (אַ דאָגמאַטיקער אָן דאָגמעס).

איינזייטיגקייט אין קריטיק קאָן זיין פּרוכטבאַר, אָבער נאָר דאַן, ווען ס'איז די פּעמינינע, די אויפנעמענדיגע, די אייביג זיך בייטנדיגע איינזייטיגקייט, נישט די איינגעשפּאַרטע מאַסקולינע איינזייטיגקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר פרישמאַנ'ען, ווי מען זעט עס אין זיינע בריוו.

ער פאַרלאַנגט פון זיינע ליטעראַרישע פריינט, אַז זיי זאָלן אים נעמען אַזוי, ווי ער איז, אָבער ער זיי (און זייערע ווערק) וויל נישט נעמען אַזוי, ווי זיי זיינען. ער וויל, אַז זיי זאָלן נישט אַנדערש זיין ענלאַך צו אים... אין אַ בריוו (פון לאָדז, דעם 14־טן סעפּטעמבער, 1885) צו יצחק יעקב ווייסבערג, כאַראַקטעריזירט ער זיך אַליין און זיין קאָרעספּאָנדענט און זאָגט דערנאָכדעם: „איך האָב אויסגעפונען, אַז מיר זיינען נישט גלייך איינער צום אַנדערן לויט אונזערע כאַראַקטערן און אַז מיר קאָנען נישט זיין ביידע אין איין וועלט (וכי לא תוכל הארץ לשאת אותנו יחדיו), איז ביי מיר געבליבן נישט צו ווייזן זיך מער פאַר דיר און נישט צו זיין ווי אַ דאָרן אין דיינע אויגן, וואָרים ווי ווייט איך קען זיך אַליין, קאָן איך זיך נישט אָפּזאָגן פון מיין וועג און שטייגער, און וויבאַלד, אַז איך האָב גערעכנט, אַז דו קאָנסט מיך נישט פאַרטראָגן אַזוי ווי איך בין, מיט מיינע מעלות און חסרונות אינאיינעם, האָב איך געוואָלט זיך דערווייטערן פון דיר, כאָטש מיר וואָלט דאָס געווים פאַרדראָסן" (ז. ס"א) *). אָבער אין דעם אייגענעם בריוו, וואו ער פאַרלאַנגט פון ווייסבערג'ן, אַז יענער זאָל נים האָבן צו אים קיין שום פּרעטענזיעס פאַר זיין אייגנאַרטיגקייט, וואַרפט ער אויף זיין פריינט, פאַרוואָס ער איז נישט גלייך צו אים. „אָ", שרייט ער אוים, „ווען איך זאָל קאָנען ענדערן דיין גוסט און מאַכן דיך פאַר אַן אַנדער מענטשן! אָ,

*) די דאָזיגע שטעלע, ווי אַלע איבעריגע שטעלן פון פרישמאַנ'ס בריוו, ווערן דאָ נישט איבערגעזעצט בוכשטעבלאַך. פרישמאַן האָט נאָך דאַמאָלסט געברויכט אַ היבש ביסל מליצה, — תיינט גיי זעץ איבער ווערטערלאַך אַזאַ מין אויסדרוק, אַ שטייגער, ווי „כי היטיב ירעה לי נפשי בעשותי כדבר הזה ומעי המו"...

ווען דו זאָלסט זיין ווי איך!", א. אז. וו. (ז. ס"ה). ער אַליין וויל ניט זיין אַנדערש, ווי ער איז, אָבער זיין פריינט וואָלט ער ווען מאַכן פאַר אַן אַנדערן! איז דאָס ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים? און איז דאָס ניט געווען זיין מעטאָד אין ליטעראַ־רישער קריטיק? האָט ער ניט געוואָלט, אַז זיין געשמאַק זאָל זיין אַלעמענס געשמאַק? האָט ער ניט אויפגעוואָרפן, אַ שטיי־גער, שלום עליכם'ען, פאַרוואָס ער האָט זיין „אידישען ראָמאַן" „סטעמפעניו" געשריבן אויפ'ן אַלטן מענדעלע־שטייגער און נישט אין אַ מער „מאָדערנעם" סטיל? *). איז ער פייאיג געווען אויפ־צונעמען און אַקצעפּטירן אַ קינסטלער'ס נוסח, כאָטש עס איז נישט געווען ענלאַך צו זיין נוסח? ניין, ער האָט אָט די אויפנעם־פייאיגקייט, די פייאיגקייט צו פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אַריינ־צוטאָן זיך נאָר אין יענעמס ווערק, די הויפּט־פייאיגקייט פון יעדן אמת'ן קריטיקער, נישט פאַרמאָגט. ער האָט געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר ספּעקטאָר'ן (צי נישט דערפאַר, ווייל ער האָט דער־שפּירט אין אים זיין אייגענע קלאָרקייט און דורכזיכטיגקייט?), אָבער נאָר זידל־ווערטער פאַר פּרץ'ן. פּרץ, דער אומקלאָרער, דער אומבאַשטימטער, איז אינגאַנצן געווען אַנדערש, ווי ער: האָט ער אים נישט געקאָנט סובל זיין. ער איז געווען אין דעם פּרט אַ דיכטער, נישט קיין קריטיקער. אַ דיכטער קען נאָר איין וועג — זיין אייגענעם...

אין אַ בריוו צום קיעווער משכיל משה קאַלמאַנסאָן, שרייבט ער, פאַרוואָס אים איז ניט געפעלן געוואָרן יענעמס אַן אַרטיקל. ער איז אים ניט געפעלן געוואָרן, שרייבט ער, דערפאַר, ווייל ער איז ניט געשריבן געוואָרן אַזוי, ווי ער, פרישמאַן, וואָלט אים געשריבן, און ער ווייזט אים, ווי אַזוי ער וואָלט זיך אויפ־געפירט אין אַזאַ פאַל (ז. ק"ט). ע ר און ז י י ן סטענדער — דאָס איז דער תוך פון זיין קריטיק; דאָס איז דער טאָן פון זיין קאָרעספּאָנדענץ.

און דאָס איז נישט די איינציגע ענלאַכקייט צווישן זיין

---

*) זע שלום־עליכם בוך, ז. 161.

ליטעראַרישער קריטיק און זיינע פּריוואַטע בריוו. זיי האָבן נאָך איין שטריך בשותפות, און דאָס איז — די אייביגע, שיר נישט היפּאָכאָנדרישע, פאַרביטערטקייט. זעלטן ווען ער זעט אין דער וועלט, וואָס אַרום אים, אַ שטראַל ליכט. נאָר שאָטנס און שאָטנס און שאָטנס! די חובבי ציון? — „גנבים״! (ז. נ״ב). די סמאָלענסקינס, די צעדערבוימס, די ליליענבלומס, די צווייפלס? — ער קאָן זיי נישט פאַרטראָגן! זיינען זיי באמת געווען אַזעלכע גאָרנישטן? איז אין די ווערק פון פּרץ סמאָלענסקין, פון ליליענבלום, פון צווייפל, און אפילו פון צעדערבוים, נישט געווען עפּעס, וואָס זאָל האָבן אַ ווערט? אָבער זיי האָבן נישט געטאָן, וואָס פרישמאַן האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן טאָן, זיי האָבן נישט געשריבן אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן שרייבן, — שרייט ער: „איז עס דען נישט קיין שאַנדע צו זען וואָס די אַלע שרייבער האָבן אָפּגעטאָן? זיי זיינען אַלע מאַלפּעס״, א. אז. וו. (ז. נ״ד).

מען האָט געפּראַוועט די יובילייען פון אַזעלכע שרייבער, פון וועלכע ער האָט נישט געהאַלטן, מען האָט צונויפגערופן די ערשטע חבת־ציון קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ און ער איז ניט געווען קיין „לאומי״, — איז הימל עפן זיך! „יקח אופל״, שרייבט ער צו ווייסבערג׳ן, „את כל האנשים האלה ולא ימררו ולא ישימו עוד ראש פתנים אכזר בכוסי הרויה, כי מדי זכרי אותם לא אוכל עוד לשקוט תחתי, ואכלה את שארי מעלי באפס מעשה!״ (ז. נ״ה). — און ער סטראַשעט און ער זידלט זיך און ער שילט זיך מיט טויטע קללה׳ס. „אפשר האָט גאָט דיך פאַרהיט ביז איצט פון די פּגע־רע׳ס און מזיקים און דו ווייסט נאָך נישט וואָס איך ווייס״, שרייבט ער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (אין 1887) צו שלום־עליכם׳ען. „אפשר קענסטו נאָך נישט די גנבה׳ס און די פאַלשקייטן און דאָס אומרעכט און דאָס בייז, מיט וועלכע עס עוסק׳ן זיך דאָס רוב פון אונזערע שרייבער, וואָס שטייען בראש. אפשר ווייסטו נאָך נישט, אַז פאַר אַ קאָפּיקע וועלן אונזערע „גדולים״ אָפּטאָן, וואָס עס וועט נישט טאָן דער ערגסטער צווישן די ערגסטע? איך אָבער ווייס, צו מיין אומגליק, אָט די אַלע זאַכן פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין אַראָפּ צו אָט דעם ליבן פּובליקום און בין געוואָרן אַליין אַ

שרייבער, און ווען דו וואָלסט קענען מיך און מיין דערציאונג, וואָלסטו פאַרשטאַנען, ווי דערוווּדער און עקלהאַפטיג אַזאַ מין ליטעראַטור מוז זיין פאַר אַזאַ מענטשן, ווי איך בין" (ז. קי"ח).

דאָס, וואָס ער האָט געקראָגן אַ גוטע, וועלטלאַכע, „אייראָ־פּייאישע" דערציאונג, און וואָס ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכער סוחר׳ישער פאַמיליע, האָט נאָך ביטערער און גאַליקער געמאַכט זיין פאַראַכטונג צו די „בטלנים", די העברייאישע שרייבער. וואָס העכער ער און „זיין" אייראָפּע איז געווען אין זיינע אויגן, אַלץ קלענער און נישטיגער האָבן אויסגעקוקט אַלע איבעריגע העבריי־אישע שרייבער און אַלץ מער האָט ער געליטן דערפון, וואָס ער דאַרף מיט זיי האָבן צו טאָן.

אין זיינע בריוו פילט זיך אָפטמאָל אַזאַ מין סאָרט איבער־נעמען זיך, וואָס גרענעצט מיט סנאָביזם.. אין אייניגע פּרטים איז ער, אמת טאַקע, געווען מער „וואויל דערצויגן" און מער „אייראָפּייאיש", ווי אַ סך פון אונזערע היימישע מחברים אין די 80־ער און 90־ער יאָרן; פונדעסטוועגן קלינגט עס מאָדנע, ווען ער, אַ יונגערמאַן פון צוויי־און־צוואַנציג יאָר, שרייבט צו ווייסבערג׳ן, אַז אים „ווילט זיך זייער אָנלערנען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אונזערע מחברים און שרייבער, אָט די מלמדים און ישיבה־בחורים, אַז זיי זאָלן ווייסן, אַז איך בין נישט זיי", און אַז. וו. (ז. מ"ג). און דאָס איז נישט דאָס איינציגע מאָל, וואָס ער דריקט אויס זיין בטול און פאַראַכטונג צו דער העברייאישער ליטעראַטור פון זיין צייט. גאַנץ אָפט באַרימט ער זיך, אַז ער לייענט נישט קיין העברייאיש, און — „ווען איך בין נישט גע־צוואונגען דערצו (ווי דאָס איז געווען דער פאַל, ווען איך האָב געאַרבעט אין רעדאַקציע), קאָנען איבערגיין וואָכן און חדשים איך זאָל נישט נעמען קיין העברייאישן ספר און קיין העברייאישע צייטונג אין האַנט אַריין" — שרייבט ער צו שלום־עליכם׳ען אין יאָר 1888 (ז. ק"כ). ווער רעדט „זשאַרגאָן" — שטייט אים אודאי נישט אָן צו שרייבן. „און נאָר לויט דעם פאַרלאַנג פון איינער אַ געשעצטער דאַמע האָב איך געשריבן איינמאָל (אין אידיש — ש. נ.) דאָס, וואָס איך האָב געשריבן" (ז. קכ"א). ווי קומט ער צו „זשאַרגאָן"? ער ווייס נאָר אפילו נישט, ווי מען

שרייבט אויף אָט דעם זשאַרגאָן ווי געהעריג איז („וגם את שפת זשאַרגאָן לא ידעתי להשתמש בה כראוי" — ז. ק"כ). ער האָט געדאַרפט זיין, אין דער אמת'ן, גאָר א דייטשישער שריי־בער! די העברייאישע און די אידישע ליטעראַטור האָבן זיך אים נישט געקאָנט אויסצאָלן, וואָס ער, וועלכער האָט געדאַרפט זיין גאָר א דייטשישער שריפטשטעלער, איז, נעבאך, „געצוואונגען" געווען צו שרייבן העברייאיש אָדער גאָר „זשאַרגאָן"!

ער האָט זיין שטאָלץ, זיין גאוה, זיין פילן זיך מיט צען קעפּ העכער פון זיין סביבה, קיינמאָל נישט באהאַלטן, נישט אין זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, נישט אין זיינע עפנטלאַכע ליטע־ראַרישע ארויסטרעטונגען. אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בריוו צו ש. ל. ציטראָן (אין יאָר 1898) האָט ער עס געפּרובט דערקלערן דורך זיין אָפּשטאַמונג: „מיין משפחה", האָט ער געשריבן, „איז זייער א חשוב'ע און א יחוס'דיגע. רבנים זיינען דאָ אין איר אַזוי פיל, וויפיל פיש אין ים, אָבער מיינע עלטערן און די עלטערן פון מיינע עלטערן און דאָס רוב פון אונזער פאַמיליע זיינען געווען סוחרים, פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן, וואָס אין אונזער געגנט, און אַלע זיינען זיי געווען רייכע, גבירים, אדירים. איך דערמאָן עס דיר, מחמת דאָס האָט באמת געהאַט אויף מיר א גרויסע ווירקונג אין מיין קינדהייט, און עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט דיר קלאָר מאַכן אַן ענין, וואָס קאָן אויסזען מאָדנע אויפ'ן ערשטן בליק. די לאָדזער לופט מאַכט יעדנפאַלס קלוג (אוירא דלאָדז מחכים) און לאָזט ניט זיין א בטלן אפילו דעם גרעסטן שוטה, בפרט נאָך, אַז מען האָדעוועט זיך צווישן סוחרים און אין א סביבה, וואָס האָט צו טאָן מיט כל־ערליי מענטשן. אָט דאָס גיט איינעם עפּעס א פעסטקייט אָדער עפּעס א זיכערקייט אין זיין באַנעמונג און אין אַלץ, וואָס ער טוט, אָדער אויך, אויב דו ווילסט, א געוויסע חוצפה" (ז. קנ"ז).

אָט די „חוצפה", וועלכע האָט פרישמאַנ'ען דיקטירט שוין וויינע ערשטע ליטעראַרישע פּאַמפלעטן („תהו ובהו" און אַנדערע) פילט זיך אויך אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, און זי וואָלט געמאַכט א שווערן איינדרוק, ווען נישט זיין טיפע אויפריכטיגקייט, זיין זיינע כונה און זיין ליבע און זיין מוט צו זאָגן, וואָס ער טראַכט.

ווי אין זיינע פאמפלעטן און עסיים, אזוי האָט ער אויך אין זיינע פריוואַטע בריוו נישט געשראָקן זיך פאַר׳ן נאַקעטן אמת, ווי ער האָט אים געזען. דאָס ווייזט, אז ער האָט געהאַט מאָראַ־לישן מוט, נישט נאָר העזה. און אָט די מאָראַלישע קראַפט זיינע וואָלט זיכער געוואָקסן נאָך גרעסער און ווירקונגספולער, ווען ער זאָל נישט האָבן קיין שוואַכקייט צו חנ׳ען זיך און מגזם צו זיין דעם אַנדערנס זינד און זיין אייגן אויפגעבראַכט־זיין...

איך האָב פריער געזאָגט, אז אים האָט געפעלט די געדולד צו דער פאַרשיידנהייט פון מענטשלאַכע כאַראַקטערן און סטילן, כדי צו זיין אַן אמת׳ער קריטיקער, א דאַנקבאַרער געניסער פון יענעמס שאַפן און יענעמס מעטאָד פון שאַפן, אָבער אין איין זייער וויכטיגן פּרט קאָן ער זיין א מוסטער פאַר קריטיקער — אין דעם פּרט פון זיין פריי אָדער פון פלייסן זיך צו זיין פריי פון פערזענלאַכע פניה׳ס. אין א צייט, ווען די קריטיק אין דער העברייאישער ליטעראַטור איז געווען פול מיט דעם גייסט פון „שמור לי ואשמור לך״ (אויף פראָסט אידיש וואָלט עס הייסן: ליב מיך, וועל איך דיך ליבן), — איז ער ארוים און האָט גע־זאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן אַלעמען און וועגן יעדן. א פריינט אָדער א פיינט — אים איז עס געווען אַלץ איינס. „פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אז דו האָסט זיך געהיט שרייבנדיג (וועגן זיינער אַן איבערזעצונג — ש. נ.), כדי מיר נישט פוגע בכבוד זיין? — האָט ער גע׳מוסר׳ט זיין פריינט ווייסבערג׳ן. „הייסט דאָס זיין אַן איש אמת? איז דאָס אומפּאַרטייאישע קריטיק? הלואי וואָלסטו געווען דער שרייבער און איך דיין קריטיקער! אונזער פריוואַטע פריינטשאַפט און אונזער עפנט־לאַכע ליטעראַרישע טעטיגקייט האָבן איינס צו דאָס אַנדערע קיין שייכות נישט. און אָט די אויפפירונג דיינע ווייזט, אז דו קענסט מיך נאָך נישט און ווייסט נישט, אז אזא מין האַנדלונג פאַר־ביטערט מיך״, א. אז. וו. (ז. ל״ט). ווען די חובבי ציון האָבן אים געוואָלט פאַרגעלעגט א שטעלע, האָט ער נישט אָנגענומען דעם אָנבאָט, כאָטש די ארבעט זיינע וואָלט נישט געהאַט צו טאָן מיט זיינע אידייען, און ער וואָלט געווען נאָר „ווי אַן אָנגעשטעלטער אין א געשעפט״, „מחמת״, שרייבט ער צו ווייסבערג׳ן, „איך וויל

זיין פריי און אומאָפּהענגיג, כדי אַז ווען מיר וועט אויסקומען צו שרייבן אין אַ צייטונג, זאָל איך וויסן קלאָר און זיכער, אַז איך בין פריי און ריין פון יעדער זייטיגער פּנה און איך מעג ריידן" (ז. ס"ט).

דאָס איז, אין פלוג, אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט, אָבער ווען מען קען די זיטן פון דער העברייאישער פּרעסע און דער העברייאישער קריטיק אין יענער צייט, ווען פרישמאַן האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט, פאַרשטייט מען די גרויסע מאָראַליש־געזעלשאַפטלאַכע באַדייטונג, וואָס עס האָבן געהאַט פרישמאַנ'ס מוטיגע, ווען אפילו מגוזמ'דיגע, פּאַמפלעטן.

ביישפּילן פון דער ליטעראַרישער עטיק, וואָס האָט דאַן געוועלטיגט אין דער סביבה פון די אידישע מחברים, געפינט מען טאַקע אין פרישמאַנ'ס בריוו גופא. וועגן פרישמאַנ'ס „תהו ובהו" האָבן די העברייאישע צייטונגען נישט געוואָלט דרוקן אפילו קיין באַצאָלטע אַנאָנסן (ז. ל"א). פאַר פרישמאַנ'ס קריטיק אויף דעם ערשטן טייל פון „נס לגוים" האָט יהל"ל אין דער הקדמה צום צווייטן טייל געשריבן, אַז פרישמאַן האָט ניט מער און ניט ווייניגער ווי אונטערגעצונדן אַ הויז, כדי צו באַקומען דאָס פאַרזיכערונגס־געלט (ז. מ"ב). עס פלעגט טרעפן, אַז אַ רעדאַקטאָר פלעגט אַריינשרייבן אין אַ מיטאַרבעטער'ס אַרטיקל זאַכן, פאַר וועלכע ער, דער מיטאַרבעטער, האָט נישט געקאָנט זיין פאַראַנטוואָרטלאַך (ז. ס"ו).

אָבער דאָס איז נישט די איינציגע זאַך, וואָס מיר קאָנען לערנען פון פרישמאַנ'ס בריוו וועגן אַמאָליגע יאָרן. עס איז דאָ אין די בריוו אַ סך מאַטעריאַל וועגן דער העברייאישער, ווי אויך וועגן דער אידישער ליטעראַטור פון יענער צייט, און אַ היבש ביסל אינטערעסאַנטע שטריכן וועלן געפינען אין די בריוו סיי די, וועלכע ווילן אַריינקוקן אין דער וועלט פון די עלטערע העברייאישע און אידישע שריפטשטעלער, ווי, אַ שטייגער, יל"ג, סמאָלענסקין, ליליענבלום, סאָקאָלאָוו, שלום־עליכם, סיי די, וועכע אינטערעסירן זיך מיט דעם לעבן און שאַפן פון פרישמאַנ'ען אליין.

13. דר. א. מוקדוני, דער טעאַטער-קריטיקער

13. דר. א. מוקדוני, דער טעאַטער קריטיקער.

א.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געלייענט א. מוקדוני'ס א זאַך — אין ווילנער „נייעם וועג", אויב איך האָב נישט קיין טעות, — האָט ער נאָך געהייסן אַלעקסאַנדער קאַפּעל און געשריבן בעלעטריסטיק. די זאַך, וואָס איך האָב געלייענט, איז געווען טאַקע אַ דערציילונג. שפּעטער איז אַ זאַמלונג פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק אַרויס אין בוכפאָרם, און עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן זיין דערציילערישן סטיל מיט זיין פובליציסטיק און קריטיק... דער נאָמען מוקדוני איז מיר באַקאַנט געוואָרן פון דער וואַרשעווער טעגלאַבער ציַיטונג „די נייע וועלט", וואו ער האָט גלייך פון אָנהויב אָן פאַראינ־טערעסירט די לעזער מיט זיינע קליינע פעליעטאָנען (אונטער דעם פסעוודאָנים „קאַליף"), מיט זיינע פובליציסטישע אַרטיקלען און טעאַטער־רעצענזיעס.

ער האָט שוין דאַן געשריבן אַזוי, אַז מען האָט אים נישט געקאָנט פאַרבייטן אויף אַן אַנדערן — דער ערשטער סימן פון אַ שרייבער. ער איז געקומען אין דער אידישער זשורנאַ־ליסטיק אַריין מיט זיין אייגענעם טאָן און זיין אייגענער שפּראַך.

אין זיין טאָן איז געווען די זיכערקייט פון דער יוגנט, וואָס פילט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט פאַר איר „אַריינצומישן זיך" און זאָגן אַ דעה. די ציַיטונג, וואו ער איז געווען אַ מיט־אַרבעטער, האָט געהאַט אַ רעדאַקטאָר און אַרויסגעבערס, ווי עס פירט זיך, אָבער דער איינדרוק איז געווען, אַז דער בעל־הבית איז דר. מוקדוני. אפשר איז אין זיין גאַנצער האַלטונג געווען עפּעס פון יענער בריטקייט און תקיפות, וואָס ווען אַ

מענטש פאַרמאָגט זי, איז זיין אָרט תמיד דער אויבנאָן, דער צענ־טער, אַלץ איינס וואו ער זיצט. און אפשר האָט זיך מיין איינ־דרוק גענומען פון דער הויכער שטים, מיט וועלכער ער האָט גערעדט (שריפטלאַך).

מען דערשפּירט אַ שרייבער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדער שטילקייט; נאָך מער אויפמערקזאַם איז מען צו איינעם, וואָס שרייבט אַזוי, ווי ווען ער וואָלט געשטאַנען אויף דער בימה און געקלאַפּט איבער'ן טיש און געדונערט מען זאָל זיין שטיל און הערן, וואָס ער זאָגט. אין מוקדוני'ס שרייבן איז פון אָנהויב אָן געווען — און איז אויך איצט פאַראַן — עפּעס אַ ל אַ ר מ י ר נ ד י ג ע ס. עס איז סכנות נפשות, די שיפן וועלן אונטערגיין, די וועלט וועט חרוב ווערן, אויב... וואָרנט אונז מוקדוני.

ער קאָן ענדערן זיינע מיינונגען, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער זאָגט אַרויס אַ געדאַנק, זאָגט ער עס מיט'ן פולן מויל, און נישט נאָר דער מויל, די גאַנצע לופט אַרום איז פול מיט אָט דעם רעיון, און עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַנדערע זאַכן. וויל ער מיט אייך ריידן, אַ שטייגער, וועגן עפּעס, וואָס איז שוואַרץ, מעג עס זיין נאָר אַ פּינטעלע, מוז אַלץ אַרום אייך אָפּגעפאַרבט ווערן אין אָט דעם פּינצטערן קאָליר, און עס באַפאַלן אייך, ווי אַ היישעריק, אַלע ווערטער, און אַלע שמות נרדפים, וואָס האָבן נאָר די מינד־סטע שייכות צו טונקלקייט. אויב ער וויל, פאַרקערט, אייך ווייזן אַ פלעק ליכט, וועלן די אַלע וואָרט־אוצרות פון ביאַליק'ס ליכט־פּאָעמעס נישט זיין גענוג פאַר אים. איר וועט פאַרפלייצט ווערן פון „ים'ען ליכט". און ס'איז נישט סתם אַ ווערטער־שטראָם. צווישן די אַלע ווערטער, וואָס באַפאַלן אייך, איז אָפט דאָ איינס אַ שאַרפס, אַ שניידנדיגס. אין דעם גאַנצן סאָרט שרייבן איז דאָ עפּעס פון אַן אַטאַקע.

איז עס אַ מעטאָד, וואָס אַנדערע וואָלטן זיך פילן אומ־באַהאָלפן, ווען זיי זאָלן אים וועלן באַנוצן, און וואָס טאַקע דער־פאַר אפשר וואונדערן זיי זיך, ווען זיי זעען די לייכטקייט און די פלינקייט, מיט וועלכע דר. מוקדוני שטעלט־אָן יעדעס מאָל זיין פאַרגרעסער־גלאָז און — אַטאַקירט אונזער געדאַנק.

פארגרעסערן עפּעס, הייסט מאַכן, אַז אַלע אַנדערע זאַכן זאָלן אין פאַרגלייך דערמיט אויסזען קליין און ווערן אַזוי נישטיג, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו עקזיסטירן פאַר אונז. פאַרגרעסערן אַ זאַך הייסט מאַכן זי פאַר דעם צענטער פון אונזער אויפמערקזאַמקייט. און דאָס אייגנטלאַך זיינען אויסן די, וואָס שרייבן, אַזוי ווי מוקדוני, מיט געדיכטן טינט און שטאַרקער באַטאָנונג, די, וואָס מאַכן פאַר זייער צייכן דעם אויסרופסצייכן און פאַר זייער אינסטרומענט — דעם טרומייט.

זיי באַנוגענען זיך נישט דערמיט, וואָס מיר הערן זיי. זיי ווילן, מיר זאָלן פאַרכאַפּט ווערן, פאַרשלונגען ווערן, איינגענומען ווערן פון דעם, וואָס זיי זאָגן. אַ שטילער שאָקל מיט'ן קאָפּ איז נישט גענוג פאַר זיי. מען מוז אַרויס פון די כלים.

אַמאָל נעמט זיך עס דערפון, וואָס זיי זיינען אַליין נישט זיכער מיט זיך. זיי הערן זיך אַליין ניט, וואו זיי הויבן ניט אָן צו ריידן הויך אויפ'ן קול. זיי וואַקלען זיך אַליין, כל זמן זיי שפּאַרן זיך ניט איין מיט די הענט און מיט די פּיס, אַז אַ ז ו י מוז עס זיין און ניט אַנדערש, די וועלט מעג אונטערגיין. זיי מוזן אַליין זיך אַריינפילן אין זייער מאָמענטאַנער ראַליע, און זיי לעבן זיך נישט אַריין אין איר, וואו זיי דערזעען זיך נישט אין שפּיגל אָנגעטאָן פּונקט אין אַזעלכע קליידער און מיט פּונקט אַזאַ אויסזען, ווי עס פּאַסט פאַר דער אידייע, וואָס זיי רעפּרעזענטירן אין דעם איצטיגן מאָמענט...

פאַר זיך אַליין, נישט נאָר פאַר'ן פּובליקום, דאַרף דער אַקטיאָר האָבן דעם גרים, די פּאָזע און דעם גאַנצן טעאַטראַלן קלאַפּערגעצייג. ער דאַרף זיך אַליין מאַכן גלויבן, אַז זיין געזיכט — דאָס איז זיין אָנגעפאַרבטע מאַסקע. און אויך דאָס שרייבן מיט געדיכטע פאַרבן און פאַרגרעסערטע שטריכן איז נויטיג, קאָן זיין, פאַר'ן שרייבער אַליין. ער מוז אַריינשרייען זיינע מיינונגען אין זיך אַליין, אַזוי ווי דער אַקטיאָר מוז זיך גוט איינקוקן אין זיין מאַסקע און קאָסטיום, כדי צו וויסן און געדענקען, ווער ער איז.

יעדע קונסט איז אין אַ געוויסן זינען, אַריינלעבונג און יעדע קונסט איז פאַרגרעסערונג, איבערטרייבונג, גוזמא. גאָר באַזונ־

דערם אָבער איז עס די טעאַטער־קונסט. דערפֿאַר דוכט מיר, אַז ניט נאָר ווי אַ טעאַטער־קריטיקער, אויך ווי אַ פּובליציסט, האָט מוקדוני אַ שייכות צו דער בינע־קונסט. אין זיין סטיל און אין זיין גאַנצן שטייגער שרייבן איז דאָ עפּעס פֿון יענער שאַרפֿער אַקצענטירונג, פֿון יענער העלער באַלייכטונג, פֿון יענעם מגוזם־דיגן שטעל, וואָס איז דאָ אין טעאַטער.

ווי יעדע קאָלעקטיווע קונסט, ווי יעדע עפּנטלאַכע ניט־אינ־טימע, שאַפֿונג, האָט דאָס טעאַטער פֿיינט ניואַנסן. עס ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט דעם, וואָס איז צווישן יע און ניין, צווישן שוואַרץ און ווייס. ביי אים איז — אָהער אָדער אַהין, אויב נישט יע, איז ניין, אויב נישט ווייס, איז שוואַרץ. איז דאָך ערגעץ די מעלאָדראַמע, דער מעטאָד פֿון איינטיילן מענטשן אין צדיקים גמורים און רשעים גמורים, נישט אַזוי געזעצלאַך, נישט אַזוי אויפֿ'ן פּלאַץ, ווי אויף דער סצענע. רעכן איך, אַז דר. מוקדוני מיט זיין היפּערבאָליזם, מיט זיינע אייביגע סופּערלאַטיוון, מיט זיין קיינמאָל ניט זאָגן „קלוג" אָדער „קליגער", נאָר (לויט שלום־עליכם'ס אידישער עטימאָלאָגיע) „אַ ממזר!", מיט זיין קיינמאָל נישט שרייבן „נאַריש" אָדער „נאַרישער", נאָר „אַ גולם!" — איז לויט זיין עצם שרייבן, דענקען און פֿילן, אַ טעאַטער־מענטש, נישט נאָר אַ טעאַטער־קריטיקער. ער האָט אַריינגעבראַכט טעאַטער אין דער אידישער וואָרט־קונסט, נישט נאָר קונסט — אין אידישן טעאַטער.

אָבער זיין הויפּט אויפֿטו איז דאָך דאָס, וואָס ער איז — אויף יענער זייט ים — געוואָרן דער שאַפֿער פֿון דער אידישער טעאַטער־קריטיק. אין אַמעריקע זיינען אויך פֿאַר אים געווען אידישע טעאַטער־קריטיקער (דער פֿאַרשטאָרבענער ב. גאָרין, אַב. קאַהאַן, יואל ענטין און אַנדערע), אין דער אַלטער היים אָבער איז נישט געווען נאָך איינער — און איצט איז אויך דאָ אין לאַנד נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיין אַזוי ווי ער אַריינגעטאָן אין דעם טעאַטער־לעבן און וואָס זאָל אַזוי ווי ער נאָכפֿאָלגן דעם טעאַטער אויף אַלע זיינע וועגן, אין אַלע זיינע זוכענישן און בלאָנדזשענישן.

זיין הויפּט מעלה איז, וואָס ער האָט נישט געשאַפֿן קיין

שולחן ערוך צו פסקנ'ען טעאטראלישע שאלה'ס. ער איז גרייט זיך צו לערנען אליין, נישט נאר אנדערע צו לערנען, און אין די לעצטע יארן האט ער מער, וויפיל ווער ער איז אן אנדערער, געהאלפן באקענען דעם אידישן עולם מיט די נייע שטרעמונגען און נייע דערגרייכונגען פונ'ם מאדערנעם טעאטער.

ער איז אפשר ניט תמיד אויסגעהאלטן אין זיינע מיינונגען, אבער אויסגעהאלטנקייט איז נאר איין וועג, אויף וועלכן מען קאן פירן אנדערע. עס איז דא נאך א וועג — דער וועג פון בויגעוודיגקייט, פון דער פייאיגקייט מיטצולעבן דעם לעבן פון דער קונסט און מיטצומאכן איר אנטוויקלונג.

ב.

די זאמלונג פון דר. מוקדוני'ס ארטיקלען וועגן טעאטער, טעאטער־אויפפירונגען און איינציגע אקטיארן*), וועט ברענגען נוצן אי דעם אידישן טעאטער־גייער, אי יעדן אידישן לעזער.

דער אידישער טעאטער־גייער, וועלכער וויל זיך ניט באנוגענען מיט זיינע אייגענע איינדריקן און וויל הערן, וואס אנדערע, געבילדעטערע, געניטערע און קליגערע, זאגן וועגן דער בינע־קונסט און די בינע־קינסטלער, איז ביז אהער געווען אנגעוויזן דערהויפט נאר אויף דער פעריאדישער פרעסע. קיין ביכער, וואו ער זאל געפינען אן ענטפער אויף טעאטער־פראגן, זיינען ניט געווען אויף אידיש. עס האט עקזיסטירט אין דעם פרט א מאדנע סתירה צווישן דער אידישער פרעסע און דעם אידישן בוך. די אידישע פרעסע, דערהויפט דא אין אמעריקע, מאכט א „גאנצן צימעס" פון טעאטער; זי גיט אפ פון זיין כבוד (און רעקלאמע) וועגן גאנצע זייטן; זי רופט זיך אפ אויף יעדן נייעם ספעקטאקל און שרייבט וועגן אים איידער ער קומט פאר און דערנאכדעם; זי דערציילט אלץ, וואס דארף (און אויך אלץ וואס דארף ניט) דערציילט ווערן וועגן אקטיארן און אקטריסעס, דירעקטארן און רעזשיסארן; זי גייט אזוי ווייט, אז זי נעמט אראפ די האנט פון הארצן און דערמאנט

*) „טעאטער", אויסגאבע פון א. מוקדוני יובילויי קאמיטעט, ניו־יארק, 1927.

א פ י ל ו שריפטשטעלער, אויב נאָר זיי האָבן עפּעס אָנגעשריבן פאַר׳ן טעאַטער... קורץ, אין דער אידישער פּרעסע פאַרנעמט די בינע אַן אָרט אויבנאָן. אין דער וועלט פון דעם אידישן בוך אָבער איז ביז דער לעצטער צייט אפילו קיין ווינקעלע ניט געווען פאַר די פּראָבלעמען פון אידישן טעאַטער־שפּיל. אַ אינסטיטוציע, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויסן אָרט אין דעם אידישן פאָלקס־לעבן, אין דער אידישער קולטור ; אַ אינסטיטוציע, וואָס די אידישע בעלעטריסטיק האָט זיך שוין אפילו אָפּגערופן אויף איר (שלום עליכם׳ס „בלאָנדזשענדע שטערן״) און קיין ערנסטע ליטעראַרישע אַרבעטן וועגן איר זיינען ניט געווען!

מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון אידישן טעאַטער האָט זיך די אידישע ליטעראַטור שוין יאָ פאַראינטערעסירט. עס איז דאָ אין בוך־פאָרם דעם פאַרשטאָרבענעם ב. גאָרינ׳ס „געשיכטע פון אידישן טעאַטער״, אין צוויי בענד, און די ניט אין ערך מער וויסנשאַפט־לאַכע — „געשיכטע פון דער אידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע״ פון דר. יצחק שיפּער. עס איז אויך דאָ אַ ביכל „דאָס אידישע דראַמע (אַן איבערבליק איבער איר אַנטוויקלונג)״ פון דוד פּינסקי. עס איז דאָ אַ גאַנצע סעריע מעמואַרן־ביכער וועגן אידישן טעאַטער און אויטאָ־ביאָגראַפיעס, געשריבן פון אַקטיאָרן און דראַמאַטורגן. אַ חוץ דעם, זיינען צום פופציג־יאָריגן יובילייַ פון אידישן טעאַטער־ארוים זאַמלונגען מיט מאַטעריאַלן וועגן דעם פאָטער פון אידישן טעאַטער, אברהם גאָלדפאַדן : „גאָלדפאַדן־בוך״, אַרויסגעגעבן פון דעם אידישן טעאַטער־מוזיי אין ניו יאָרק ; מאַטעריאַלן צו אַ. גאָלדפאַדנ׳ס ביאָגראַפיע פון נ. אויסלענדער און א. פינקעל, אַרויס־געגעבן פון אינסטיטוט פאַר ווייס־רוסלענדישער קולטור, מינסק, 1926. די אַלע אויסגאַבן קענען געבן דעם אידישן לעזער אַ געוויסן באַגריף פון דער ג ע ש י כ ט ע פון אידישן טעאַטער, אָבער אַז עס קומט צו די פאַקטן און פראַגן און פּראָבלעמען פון היינט, מוז זיך דער אידישער לעזער באַנוגענען מיט דער פּרישער, אָבער ניט תמיד נאָרהאַפטער שפּייז פון דער טעגלאַכער פּרעסע.

די אַלע פּרואוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע, צו גרינדן ספּעציעלע אידישע טעאַטער־זשורנאַלן, האָבן זיך אויס־

געלאָזן מיט גאָר נישט (איך זאָג, „אין אַמעריקע", ווייל אין פּוילן גייט יאָ ארוים א זשורנאַל „יידיש טעאַטער" אונטער דער רעדאַק־ציע פון דר. מ. ווייכערט). אָבער אפילו זשורנאַל־ארטיקלען, מעגן זיי זיין ווי גוט, קענען ניט פארבייטן ביכער. שוין דערפאַר אַליין, וואָס עס איז שווער אָפּצוהיטן פּעריאָדישע אויסגאַבן. איז שוין לאַנג נויטיג געוואָרן אַז דער אידישער טעאַטער־גייער זאָל אין זיין היימישער זאַמלונג פון אידישע ב י כ ע ר קענען געפינען עפּעס, וואָס זאָל רייכער מאַכן זיינע קענטניסן, אויסאיידלען זיין געשמאַק בנוגע צום טעאַטער און העלפן אים בכלל זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די פאַרוויקלטע פּראָבלעמען און שטרייט־פראַגן פון דער מאָדער־נער בינע־קונסט.

ביז אהער האָט ער אויף אידיש, ווי ווייט איך ווייס, געקענט געפינען נאָר א בוך מיט'ן נאָמען „דאָס טעאַטער און דער סאָציאַליזם" פון איינעם יעקב וואַסערמאַן (וואַרשע, 1921), די ניט לאַנג ארויסגעגעבענע צוויי בענד „טעאַטער און דראַמע" פון מיכאל ווייכערט (ווילנער פאַרלאַג פון ב. וו. קלעצקין, 1926). און מ. ליטוואַקאָוו'ס בוך וועגן דעם אידישן טעאַטער אין ראַטנ־פאַרבאַנד. אָבער ניט אַריינלאָזנדיג זיך אין חקירות וועגן דעם ווערט פון די דערמאָנטע ביכער, וויל איך זאָגן אַז דאָס ערשטע צווישן זיי רירט אָן אַלגעמיינע פראַגן פון טעאַטער און דאָס אויך נאָר פון א ספּעציעלן — היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן — שטאַנדפּונקט, און די אַנדערע האַלטן זיך דערהויפּט אויף מאַטעריאַלן פון דעם אידישן טעאַטער לעבן אין פּוילן און אין סאָוועט רוסלאַנד. וועגן דעם היינטיגן אידישן טעאַטער און זיינע איצטיגע פּירערס א י ן א מ ע ר י ק ע האָט דער אידישער טעאַטער־גייער, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, געקענט געפינען עפּעס נאָר אין צייטונגען און זשורנאַלן, ניט אין בוך־פאָרם. א. מוקדוני'ס „טעאַטער" איז דאָס ערשטע בוך אויף דעם געביט.

און דאָס איז א געווינס, האָב איך געזאָגט, פאַר'ן אידישן לעזער בכלל, ניט נאָר פאַר דעם אידישן טעאַטער־גייער. דער אידישער לעזער און יעדער פריינד פון דער אידישער ליטעראַטור איז פאַראינטערעסירט אין דער אויסשפּרייטונג פון די גרענעצן,

אין וועלכע דאָס אידישע בוך איז איינגעשלאָסן. די, אין וועמעס זכות די אידישע ליטעראַטור לעבט, מאָנען שוין לאַנג פון איר שטומערהייט, אַז זי זאָל זיך ניט באַנוגענען נאָר מיט מעשיות און לידער און אַז אַ חוץ דער קונסט פון וואָרט זאָלן עקזיסטירן פאַר איר פאַרשענדיגן געדאַנק אויך אַנדערע פאָרמען און אַנדערע פראַגן פון קינסטלערישן און אינטעלעקטועלן שאַפן, באַזונדערס אָבער די פאָרמען און די פראַגן, וואָס זיינען שייך צו דער פאָפולערסטער אידישער קונסט אינסטיטוציע — צום טעאַטער.

איז גוט, וואָס אינאיינעם מיט דעם סאָציאָלאָגישן, היסטאָרישן, פעדאַגאָגישן און אַנדערע נייע ליטעראַטור־צווייגן, הויבט אָן זיך צו ווייזן ביי אונז אויך אַ טעאַטער־ליטעראַטור. און עס איז גוט, וואָס דער אָנהויב איז דאָ אין לאַנד געמאַכט געוואָרן מיט אַ בוך פון איינעם, וואָס איז דער טרייסטער באַגלייטער און בעסטער קענער פון דעם היינטיגן אידישן טעאַטער־לעבן אויף דער און אויף יענער זייט ים.

דאָך בוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין איילעניש און דערפאַר אביסל נאַכלעסיג, באַשטייט פון דריי טיילן: א) אַלגעמיינע, האַלב־טעאָרעטישע, האַלב־פובליציסטישע אַרטיקלען אויף דער טעמע: „טעאַטער און אידיש טעאַטער"; ב) פאָרטרעטן פון טעאַטער־קינסטלער (אסתר רחל קאַמינסקי, אברהם פישזאָן, בינא אבראַמאָוויטש, אנא אפעל, מאָלי פיקאָן, מאָריס שוואַרץ, יעקב בן־עמי, מוני ווייזענפריינד, לודוויג זאַץ, מאַרק שווייד, איזידאָר קעשיר, לעבעדעוו און דער פאַרשטאָרבענער טעאַטער־קריטיקער ב. גאָרין); ג) קריטיקן וועגן איינציגע אויפפירונגען.

אין די אַלגעמיינע אַרטיקלען זוכט דר. מוקדוני צו פאָרמולירן, באַגרינדן און פריידיגן זיין קוק אויף טעאַטער בכלל און דערהויפּט אויף אַזעלכע צוויי וויכטיגע טעאַטער־פּראָבלעמען ווי די פּראָבלעם: ליטעראַטור און טעאַטער און די פראָבלעם: נאַציאָנאַלע טראַדיציע און טעאַטער.

דר. מוקדוני איז באַגייסטערט פאַר יענער טעאַטער־טעאָריע און טעאַטער־פּראַקטיק, פאַר וועלכער די בינע איז אַ וועלט פאַר

זיך און א קונסט פאַר זיך, ניט קיין מיטל „אָפּצושפּיגלען" דעם לעבן און ניט קיין פאָרם פון ליטעראַטור אויסטייטשונג. ער איז נעגן יענעם נאַטוראַליסטישן מעטאָד אין טעאַטער, „וואָס איז ביכולת צו קאָפּירן בלויז דאָס אַלטעגלאַכע, דאָס רעאַלע, און צו באַנעמען בלויז די ד' אמות פון דעם גרויען לעבן. דער נאַטוראַליזם (זאָגט ער ווייטער) איז די מעכאַניזירונג פון דער קונסט. דער־אויפשטאַנד נעגן דעם קורצזיכטיגן נאַטוראַליזם, וואָס האָט דערנידעריגט די טעאַטער־קונסט צו דער פאָטאָגראַפישער מלאכה, איז בעצם דער אויפשטאַנד נעגן דעם גרויסן (דעם גרויען ?) און נישטיגן אינהאַלט פון דער (נאַטוראַליסטישער) טעאַטער־קונסט. נאַטוראַליזם איז ניט בלויז די באַשרענקטע פאָרם, זי (ער) איז די סדום־בעטל פאַר'ן אינהאַלט, זי (ער) האַקט אָראָפּ קעפּ" (ז. 52). דאָס אמת'ע טעאַטער, ווי יעדע אמת'ע קונסט, מוז האָבן אָבער ניט נאָר א קאָפּ, עס מוז האָבן אויך פאַנטאַזיע, פליגלען... קונסט איז דאָך, סוף כל סוף, לעגענדע. לעגענדע, איז דאָך, סוף כל סוף, די גרעסטעווירקלאַכקייט, ווייל די ווירקלאַכע וועלט, נאָך אַלע קלוגע און ניכטערע וויסנשאַפטלאַכע דערקלערונגען, איז דאָך א לעגענדע" (ז. 61). און מיט עטלאַכע זייטלאָך פריער: „די פיבערדיגע זוכונגען אין אַלע צווייגן פון דער קונסט אין די לעצטע צייטן זיינען בעצם די גרויסע בייגקעניש נאָך א נייעם מיטאָס. דערווייל קומט פאַר א קאַמף פאַר נייע פאָרמען, וואָס זאָלן קענען אויפנעמען דעם נייעם מיטאָס" (ז. 51). אַלזאָ, דאָס טעאַטער דאַרף זיך ניט באַנוגענען מיט קאָפּירן די ווירקלאַכקייט, עס דאַרף שאַפן זיין אייגענע ווירקלאַכקייט, און עס דאַרף זי שאַפן מיט זיינע א י י ג ע נ ע מיטלען. עס דאַרף ניט זיין קיין „דינסט־מויד" ביי דער ליטעראַטור, ביי דער וואָרט־קונסט. עס דאַרף זיין ט ע א ט ר א ל י ש און מיט טעאַטראַלישע מיטלען דאַרף עס זוכן צו דערגרייכן טעאַטראַלישע (ניט ליטעראַרישע און ניט וועלכע עס איז אַנדערע) צילן. „פאַר די פאַר צענדליג יאָר, וואָס דאָס טעאַטער האָט זיך געפלאָנטערט אין די ליטעראַרישע פּראָבלעמען, איז עס פאַרווילדעוועט געוואָרן. די אייגנטלאַכע טעאַטער־קונסט איז פאַרטריבן געוואָרן פון טעאַטער און איר אָרט האָט פאַרנומען די ליטעראַרישע קונסט. די ליטעראַטור האָט זיך באַ־

נוצט מיט דער טעאטער־קונסט בלויז אויף וויפיל עס איז געווען נויטיג צו מאכן בולט׳ער אירע אייגענע ליטעראַרישע פּראָבלעמען — — — עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער ליטעראַט איז געוואָרן דער הערשער און געביטער אין טעאַטער. אַ מענטש פון אַן אַנדער וועלט, אַ מענטש וואָס לעבט מיט אַנדערע קונסט־באַגריפן, איז געוואָרן דער „דיקטאַטאָר" אין אַ פּרעמדן קונסט־טעמפּל" (ז. 10). די נייע טעאַטער־קונסט, פון וועלכער מוקדוני איז פאַרכאַפּט, וויל זיך אומקערן צו די אַלטע ד י י ן ־ ט ע ־ אַ ט ר אַ ל י ש ע טראַדיציעס און אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך און די אויבערהערשאַפט פון דעם ליטעראַט. „עס ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלערער, זאָגט דר. מוקדוני אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע פאָרשטייער פון די נייע (און אין תוך גענומען אַלטע) טעאַטער־פּרינציפּן — אַז דאָס טעאַטער קען ניט גיין אויף איין וועג מיט דער ליטעראַטור, אַז טעאַטער מוז קודם כל זיין טעאַטער. ער קען זיך באַנוצן מיט דער דראַמע בלויז ווי מיט אַ טעמע. די דראַמע, קומענדיג אין טעאַטער, מוז זי בויגן פאַר די געזעצן און פאָדערונגען פון דער טעאַטראַלער קונסט" (ז. 18). „שעקספּיר", — שטעלט זיך דר. מוקדוני ניט אָפּ פאַר אַ גוזמא — „שעקספּיר איז ניט געווען קיין ליטעראַט, קיין שריפטשטעלער, ער איז געווען אַן אַקטיאָר" (דאָרט). אַ. מוקדוני וויל ניט מאַכן אפילו קיין קליינע הנחה און צוגעבן, אַז שעקספּיר איז געווען אי אַ שריפט־שטעלער, אי אַן אַקטיאָר (און אגב, אַ סך גרעסער אין „שריפט־שטעלעריי", ווי אין „אַקטיאָרישקייט", והראיה, אַזעלכע „שריפט־שטעלערישע" אַקטיאָרן, ווי ער, זיינען געווען ניט ווינציג; אָבער אַזעלכע „אַקטיאָרישע" שריפטשטעלער ווי ער זיינען נישט בנמצא). דר. מוקדוני וויל עס ניט צוגעבן, ווייל דאָס וואָלט הייסן זיך שטעלן אויפ׳ן שטאַנדפּונקט פון די, וועלכע האַלטן (אַזוי ווי, אַ שטייגער, דער שרייבער פון די שורות), אַז טעאַטער־קונסט איז טאַקע אַ זעלבסטשטענדיגע, אָבער אַ סינטעטישע קונסט, אַזאַ, וואָס איר ש אַ פ ע ר איז אַ ק י נ ס ט ל ע ר ־ קאָלעקטיוו (אַ פאַראייניגונג פון פאַרשיידענע אַקטיאָרן) און איר ש אַ פ ו נ ג — אַ ק ו נ ס ט ן ־ קאָלעקטיוו (אַ צונויפגיסונג פון פאַרשיידענע קונסטן: די קונסט פון וואָרט, די קונסט פון קלאַנג, די קונסט

פון פארב, די קונסט פון טאַנץ, פון מימיק, פון זשעסט, פון גע־שפּרעך, פון שפּיל א. אז. וו.). דר. מוקדוני האַלט עס פאַר אַ קאָמפּראָמיס־טעאָריע, און ער וויל עס ניט אָננעמען: „די טעאַטער קונסט, זאָגט ער, איז ניט קיין סינטעז פון עטליכע קונסט־צווייגן — פון טעאַטער, ליטעראַטור, מוזיק און מאַלעריי, ניין, טעאַטער איז די קונסט, וואָס באַנוצט זיך אין איר שאַפן מיט׳ן וואָרט, מיט׳ן מוזיקאַלישן קלאַנג און מיט דער מאַלערישער ליניע׳ (ז. 54). אָבער ווען עס זאָל זיין ריכטיג, אַז די טעאַטער־קונסט באַנוצט זיך אין איר שאַפן גאַנץ זעלבסטשטענדיג מיט׳ן וואָרט, מיט׳ן מוזיקאַלישן קלאַנג, א. אז. וו., וואָלט דאָס געדאַרפט הייסן, אַז דער טעאַטער־קינסטלער, דער אַקטיאָר (ניט בלויז דער רעזשיסאָר) באַנוצט זיך אין זיין שאַפן מיט׳ן וואָרט און מיט׳ן קלאַנג און מיט דער פאַרב, וואָס ער אַליין שאַפט. אָבער דאָס איז ניט אַזוי. דער אַקטיאָר האָט זיין אַקטיאָרישן טאַלאַנט, מער גאָר ניט. זעלטן־ווען קען ער שאַפן פאַר זיך דעם וואָרט־קלאַנג אָדער פאַרב מאַטעריאַל, וואָס ער באַנוצט. דעם „מאַטעריאַל" מוז ער נעמען ביי אַנדערע, און אַט די אַנדערע זיינען קינסטלער, ד. ה., מענטשן, וואָס גיבן ניט קיין רוי־וואַרג, נאָר פאַרטיגע ווערק: דראַמעס, מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, פאַרבן־האַרמאָניעס. איז אמת, אַז די דאָזיגע ווערק מוזן לכתחילה צוגעפּאַסט זיין אָדער שפּעטער ווערן צוגעפּאַסט צו דער ספּעציעלער קונסט־אויפגאַבע, וועלכע עס שטעלט זיך דאָס טעאַטער, אָבער זיי בלייבן דאָך, ווען אפילו אין אַ געענדערטער פאָרם, פּראָדוקטן פון אַנדערע קונסט צווייגן און אַנדערע קינסטלער... וויפיל זיינען דאָ אַזוינע, ווי עסכיל, שעקספּיר אָדער מאָליער, — אַזוינע, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָלן, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן? און אפילו זיי אַליין זיינען אויך ניט געווען גלאַט אַזוי טעאַטער־קינסטלער, וואָס האָבן אַליין אַלץ געטאָן, אי געשריבן, אי געשפּילט די ראָלע. ניין, זיי האָבן פאַר־מאָגט צוויי ערליי טאַלאַנטן: דעם טאַלאַנט פון דיכטער און דעם טאַלאַנט צו שפּילן טעאַטער. און זיי זיינען געווען אויסנאַמען. זיי האָבן רעפּרעזענטירט מיט זיך ניט איין קונסט — די קונסט פון טעאַטער־שפּיל, נאָר צוויי קונסט־צווייגן,

וועלכע זיינען געוואָרן ביי זיי איינס. זיי האָבן אינזוועניג אין זיך געטראָגן יענעם סינטעז פון פאַרשיידענע קונסטן, וואָס געוויינלאַך קען ער דערגרייכט ווערן נאָר מיט דער הילף פון פאַרשיידענע קינסטלער. אין תוך אָבער איז אויך זייער טעאַטער־קונסט געווען אַ סינטעטישע קונסט...

דערפאַר רעכן איך, אַז דאָס מבטל זיין די ראָלע פון דעם וואָרט־קינסטלער (און אַנדערע סאָרטן קינסטלער) אין טעאַטער איז פונקט אַזאַ עקסטרעם, ווי דאָס פריערדיגע אונטערגעבן זיך דעם ליטעראַט. נאָר דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגיש אומפאַרמיידלאַכער עקסטרעם, און אין אַ צייט, ווען די „טעאַטראַלישקייט" פון טע־אַטער האָט נאָך אויסצושטיין אַ שווערע מלחמה מיט זיין ביז־אַהעריגער „ליטעראַרישקייט", איז עס אַפילו אַ ניצלאַכע און אַ נויטיגע איבערטרייבונג...

דער צווייטער וויכטיגער פונקט, וואָס ווערט אָנגערירט אין די טעאָרעטישע אַרבעטן און וואָס האָט אַ ספּעציעלן אינטערעס פאַר'ן אידישן טעאַטער, איז דער פונקט וועגן נאַציאָנאַלער טראַדי־ציע און נאַציאָנאַלן סטיל. פאַר דר. מוקדוני איז נישט גענוג אַ טעאַטער אויף אידיש, ער וויל האָבן אַ אידישן טעאַטער. אים איז נענטער די „הבימה", ווי דאָס אידישע קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע. „הבימה, זאָגט ער, איז די ריינע, עכטע אידישע אויפפאַסונג פון דער טעאַטער קונסט", בעת דאָס אידישע קאַמער טעאַטער איז אַסימילאַטאָריש (ז. 95). און ניט נאָר דאָס אידישע קאַמער־טעאַטער אין מאָסקווע — דאָס גאַנצע אידישע טעאַטער (אַ חוץ גאָלדפאַדען׳ען) איז, לויט דער מיינונג פון דר. מוקדוני, ניט אידיש, ניט נאַציאָנאַל. „דאָס אידישע טעאַטער איז געווען, זאָגט ער, אַן אונטערגעוואָרפן קינד אין אונ־זער קולטורעלן לעבן. ער האָט ניט געהאַט קיין גייסטיגן טאַטן און מאַמען. ער האָט ניט געהאַט קיין גואל און קיין קרוב אין אונזער קולטור וועלט". (ז. 26) ביז... ביז עס איז געקומען „הבימה"; דאָס דאָזיגע טעאַטער איז דאָס ערשטע אידישע טע־אַטער. ער (עס) איז דאָס טעאַטער מיט אַ קינסטלעריש־אידישער וועלט־אַנשויאונג. ער (עס) איז דאָס טעאַטער, וואָס איז געבוירן

געוואָרן אין בית מדרש און האָדעוועט זיך פאַר'ן אידישן — עכטן איבינגן, אידישן גייסט, און ניט מיט עטנאָגראַפישע צופעליג־קייטן... „הבימה" איז דערגאַנגען צום מקור פון אידישער טעאַטראַלישקייט ניט דורך גאונות, ניט דורך גרויסע אַקטיאָרישע טאַלאַנטן. זי איז דערגאַנגען צו דעם דורך התמדה, דורך פרישות, דבקות און דורך טיפן אידישן באַוואוסטזיין" (ז. 38). אין וואָס פאַרט באַשטייט די א י ד י ש ק י י ט פון „הבימה"? „דער צוגאַנג צו דער טעאַטער־קונסט, ווי צו אַ תורה, וועלכע מען דאַרף לערנען מיט התמדה, לערנען מיט אַ ברען, איז שוין אַ אידישער. די מיטלען, מיט וועלכע די יונגע פאַנאַטיקער זיינען צוגעגאַנגען צו שאַפן אַ אידישן טעאַטער, זיינען אַלטע, אויסגעפּרובירטע אידישע מיטלען: התמדה, דבקות, פרישות." (ז. 35). אָבער דר. מוקדוני ווייסט דאָך זייער גוט, אַז די זעלביגע התמדה, הבקות, ברען א. אַז. וו. זיינען געווען אויך אין סטאַניסלאַווסקי'ס און אין יעוורעי־אינאָוום רוסישע טעאַטערס און זיינען פאַראַן אין געוויסע „קליינע" אַמעריקאַנער טעאַטערס, — היינט מיט וואָס האָבן עס די דער־מאָנטע, מער עטישע, ווי קינסטלערישע און מער אַלגעמיין מענטש־לאַכע, ווי אידישע מעלות פון די הבימה־אַקטיאָרן געמאַכט „הבימה" פאַר דעם א י ד י ש ן טעאַטער? און אין וואָס באַשטייט בכלל די „אידישע טעאַטראַלישקייט"? דר. מוקדוני אַליין שטעלט די פראַגע אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען, אָבער ער גיט אויף איר נישט קיין קלאָרן און פולן ענטפער. אידישע טעאַטראַלישקייט, זאָגט ער, „איז צעזייט און צעשפּרייט אין אידישן לעבן, און דער־קינסטלער מיט'ן אמת'ן אידישן חוש ווייס, וואו עס צו זען". אַזאַ קינסטלער איז געווען גאָלדפאַדן. ער איז ניט געגאַנגען ווי די נאַטוראַליסטן, זוכן זי אין דעם טומל פון גאַס, ער איז געגאַנגען זוכן (זי) ביים אמת'ן קוואַל — אין דעם רעליגיעזן לעבן. דאָרט, וואו די עכטע, די העכערע אידישע טעאַטראַלישקייט געפינט איר אויס־דרוק" (ז. 53). אבער וואו ליגט פאַרט דער סוד פון אָט דער אידי־שער טעאַטראַלישקייט און וואָס איז איר אויסדרוק — דאָס ווייסן מיר ניט. ממילא ווייסן מיר ניט, אין וואָס דריקט זיך אויס די „אידישקייט" פון „הבימה".

עס איז אמת, אַז „הבימה" איז, אַזוי ווי גאָלדפאַדן, געגאַנגען

זוכן די „אידישע טעאַטראַלישקייט" צום „אמת'ן קוואַל" — צום רעליגיעזן לעבן. אָבער... אידישע מאָלער זיינען אויך געגאַנגען אַמאָל צום אמת'ן קוואַל — צום רעליגיעזן לעבן: זיי האָבן געמאָלן מנורות, טליתים, בערד און פּאות... זיינען זיי דערמיט געוואָרן א י ד י ש ע מאָלער? מוקדוני אַליין שרייבט, אַז „די נייע אידישע מאָלעריי מאָלט ניט קיין „הייליגע" סענטימענטאַלע מנורה'ס, קיין מגן דוד'ס און קיין לאַקריץ־זיסע אידן. זי קומט צו דער וועלט מיט אַ אידישער מאָלערישער פאָרם, וואָס איז ס'רוב אויך דער מאָלערישער אינהאַלט". (ז. 56) אַלזאָ, ניט די סיוזשעטן און מאָטיוון באַשטימען דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער קונסט, נאָר איר „פאָרם". בנוגע צום טעאַטער דאַרף עס הייסן „דער אידישער זשעסט, די אידישע טעאַטראַלע ליניע, די אידישע אינטאָנאַציע," און דאָס איז דערווייל נאָך אַלץ זייער אַן אומבאַשטימטע און מיסטעריעזע זאַך. דערווייל האָט נאָך קיינער אונז נישט געוויזן די „אידישע ליניע", די „אידישע פאַרב". און אויב מיר פילן (אָדער מיר גלויבן, אַז מיר פילן) עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אָנגערופן ווערן אידישע מוזיק, ווייסן מיר אָבער ניט (און איך האָב מורא, אַז אויך „הבימה" ווייס נישט) וואָס איז דאָס אַזוינס „די אידישע טעאַטראַלע ליניע", „די אידישע אינטאָנאַציע" א. ד. גל. אויב מיר פילן אין „הבימה" עפּעס „נאַציאָנאַלעס" אין טעאַטראַליש־קינסטלערישן זין פון'ם וואָרט, איז עס מער, דוכט זיך מיר, דאָס רוסיש־נאַציאָנאַלע, ווי דאָס אידישע־נאַציאָנאַלע. און — ווער ווייס — אפשר האָט „הבימה" טאַקע דערפאַר אַזוי איבערראַשט דעם עולם, ווייל עס איז אַזאַ אייגנאַרטיגער געמיט פון אידיש־נאַציאָנאַלן „אינהאַלט" און רוסיש־נאַציאָנאַלער „פאָרם"?

עס איז, יעדנפאַלס, נישט דר. מוקדוני'ס שולד, וואָס ער האָט אונז ניט קלאָר געמאַכט דעם עצם מהות פון „אידישער טעאַטראַלישקייט" בכלל און פון דער טעאַטראַלער אידישקייט פון „הבימה" בפרט. ער האָט עס נישט געקאָנט קלאָר מאַכן. עס איז נאָך נישט געקומען די צייט דערפאַר. עס איז אויפ'ן געביט פון אידישן טעאַטער נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן עפּעס אַזוינס וואָס מיר זאָלן קענען נעמען עס פאַר אַ מוסטער און זאָגן: אָט דאָס איז א י ד י ש ע טעאַטער־קונסט!

אָבער אויב מיר קאָנען נישט האָבען קיין טענות צו דר. מוקדוני, פארוואָס ער האָט ניט אריינגעלייגט קיין קלאָרן אינהאלט אין דעם באגריף פון נ א צ י אָ נ א ל ע ר אידישער טעאטער־קונסט, מעגן מיר אויף אים פאראיבל האָבן, פארוואָס ער האָט אזוי מטושטש געמאַכט דעם באגריף פון אידישיזם און פארבונדן אים דאָ מיט דעם רעאליזם פון דעם אלטן אידישן טעאטער און דאָ — מיט דעם אנטי־רעאליסטישן אידישן קאמער טעאטער פון מאָסקווע. פון איין זייט, זאָגט ער, אז דעם אידישיזם איז טייער „גאָרדינ׳ס רעאליזם" (ז. 32) און פון דער אנדער זייט דערקלערט ער, אז דער מאָסקווער אידישער קאמער־טעאטער, וועלכער האָט מיט׳ן גאָרדיניזם גאָרנישט ניט צו טאָן, איז אויך „דאָס געזעצלאַכע קינד פון דעם אויבערפלעכלאַכן אידישיזם" (ז. 34). ניין, דאָס איז ניט קיין „געזעצלאַך קינד", דאָס איז א ממזר־בלבול אויפ׳ן אידישיזם! צווישן די אידישיסטן זיינען דאָ אי גאָרדיניסטן, אי אנטי־גאָרדיניסטן, אי עטנאָגראפישע נאַטוראליסטן, אי חסידים פון „מיטאָס". דערפאר איז ניטאָ קיין שום בארעכטיגונג פאר דעם שידוך, וואָס דר. מוקדוני וויל שליסן מיט גוואלד צווישן דעם אידישיזם און דעם פרימיטיוון רעאליזם פון דעם גאָרדינישן טעאטער. וואָס איז שייך צו די פירערס פון דעם מאָסקווער קאמער־טעאטער, הייסט, פשוט, פארשוועכן זייערע אלע באָלשעוויסטישע הייליגקייטן — זאָגן, אז זייער טעאטער איז א „געזעצלאַך קינד פון אידישיזם"... זיי ווייסן נישט און ווילן נישט ווּיסן פון דער קולטור־און פאָלקס־טראַדיציע, אויף וועלכער עס האלט זיך דער אמת׳ער אידישיזם.

אָבער נישט געקוקט אויף די איינציגע פונקטן, אין וועלכע מיר קאָנען נישט איינשטימען מיט דר. מוקדוני, איז זיין אלגעמיינער צוגאַנג צו די פראָבלעמען פון טעאטער און דערהויפט פון אידישן טעאטער, א מאָדערנער, א לעבעדיגער, „טעאטראלער" צוגאַנג, און ער איז ניט אין ערך ברייטער און מער פרוכטבאר, ווי דער קוק אויף טעאטער, וועלכן מיר האָבן אָפט אזוי באגעגנט אין אונזער טעאטער קריטיק. דר. מוקדוני האָט שוין דערמיט אליין אויפגעטאָן עפּעס פאר׳ן אידישן לעזער־עולם, וואָס ער האָט אים באקענט — אויף א ניט גאָר סיסטעמאטישן אופן, אָבער דאָך באקענט — מיט די נייע שטרעבונגען און די אלט־נייע פראָבלעמען פון טעאטער.

האָבן דאָך אַ סך פון אונזערע אינטעליגענטערע לעזער אפילו געגלויבט — און אַ סך פון זיי גלויבן אויך איצט — אז די וויכטיגסטע פראַגע פון טעאַטער איז: „ליטעראַטור אָדער שונד?“ איז דאָך אפילו אונזער טעאַטער־קריטיק נישט געגאַנגען אָפּט ווייטער פון אַזעלכע אַלגעמיינע און עלעמענטאַרע באַגריפן, ווי דראַמע און מעלאָדראַמע. איז גוט, וואָס דר. מוקדוני ציט־צו די אויפמערקזאַמקייט פון דעם אידישן לעזער צו די מער פאַרוויקלטע און מער אינטערעסאַנטע טעאַטער־פּראָבלעמען.

און ער טוט דאָס ניט נאָר אין די אַלגעמיינע אַרטיקלען וועגן טעאַטער. אויך מיט די „פּאָרטרעטן“ פון איינציגע אַקטיאָרן און מיט די „קריטיקן“ וועגן איינציגע אויפפירונגען מאַכט ער ברייטער די טעאַטער־באַגריפן פון דעם אידישן לעזער. ער ווייזט אים, אַז דער אַקטיאָר איז נישט נאָר אַ מענטש, וואָס האָט „טאַלאַנט צו שפּילן“, נאָר אַז ער איז און מוז זיין אַן אייגנאַרטיגע פּערזענלאַכקייט מיט זיין אייגענעם פּנים און אייגענעם וועג.

איינציגע ספּעקטאַקלען זיינען פאַר מוקדוני'ן אָפּט נישט סתם אַזוי גוטע אָדער שלעכטע, געלונגענע אָדער נישט געלונגענע אויפפירונגען, נאָר דער אויסדרוק פון אַ געוויסער טעאַטראַלישער אידייע, דער רעזולטאַט פון דעם אָדער יענעם מעטאָד (אָדער דערפון, וואָס עס פעלט אַ אידייע און אַ מעטאָד).

א. מוקדוני איז מער ווי אַ טעאַטער ר ע צ ע נ ז ע נ ט. ער איז אַ טעאַטער ק ר י ט י ק ע ר. אין אַ רעצענזיע באַנוגנט מען זיך מיט אַ באַריכט און אַן אָפּשאַצונג פון דער געגעבענער פאָרשטעלונג און אירע איינציגע טיילן. אין אַ קריטיק זוכט מען אַרויסצוברענגען עפּעס מער אַלגעמיינעס. אין אַ רעצענזיע האָט מען אין זינען נאָר דעם ספּעקטאַקל, אין אַ קריטיק — דאָס, וואָס שטייט הינטער דעם ספּעקטאַקל און דאָס, וואָס קאָן פון אים אַרויסקומען — דער אַלגעמיינער סטיל פון שפּילן און די אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון די קינסטלער און זייערע מעגלאַכקייטן.

נישט שטענדיג איז גענוג קלאָר די פאַרבינדונג צווישן די אַלגעמיינע טעאַטער אידייען פון דר. מוקדוני און זיינע איינציגע „פּאָרטרעטן“ און „קריטיקן“. אַן אַנדערש מאָל, דוכט זיך נאָר,

אז ער האָט אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן זײַנע אײגענע טעאַטער־פּרינציפּן. ווען ער שרײַבט, אַ שטײגער, וועגן ב. גאָרינ׳ען, אַז ער איז „דער ערשטער ריכטיגער טעאַטער קריטיקער בײַ אידן״ און אַז ער איז געווען „דער אײנציגער טעאַטער קריטיקער פון גאַנצן טעאַטער דור״ (ז. 181), וואַרט איר, אַז ער, מוקדוני, זאָל זיך גלײַך אָפּגרענעצן פון גאָרינ׳ען, וועלכער האָט ווײַט נישט געהאַט דעמזעלבינן קוק אויף טעאַטער, וואָס דר. מוקדוני, אָבער איר וואַרט אומזיסט. און אײַך קאָן זיך דוכטן, אַז דר. מוקדוני איז נישט קעגן דעם פאַרשטאָרבענעם ב. גאָרינ׳ס טעאַטער־אידײען, הגם ער איז געווים קעגן זײ. אָבער דאָס איז אַ ניט־דערזאָגן, וועלכעס נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס בוך באַשטײט פון אַרטיקלען, וועלכע זײַנען געשריבן געוואָרן בײַ געווויסע גע־לעגנהײטן (דער אַרטיקל וועגן ב. גאָרין איז אַ נעקראָלאָג) און אָפּט געאײַלטערהײט.

דערצו דאַרף מען געדענקען, אַז דר. מוקדוני איז נישט קײן טעאָרעטיקער פון טעאַטער, נאָר אַ קריטיקער. דער טעאָרעטיקער זוכט קאָנקרעטע באַווײַזן פאַר זײַן טעאָריע. דער קריטיקער פאַראַלגעמײנערט זײַנע קאָנקרעטע אײַנדרוקן. און ווי וויכטיג עס זאָלן ניט זײַן פאַר אים זײַנע אַלגעמײנע אידײען און פּרינציפּן, אינטערעסירט ער זיך דאָך נישט מיט זײ אַלײן, נאָר מיט זײער פאַרווירקלאַכונג, און קײן אידײע (און אויך קײן קונסט־אידײע) ווערט נישט פאַרווירקלאַכט מיט אַמאָל און אינגאַנצן. דער קריטיקער איז צופרידן, ווען ער דערפילט אַ ד ע ר נ ע ע נ ט ע ־ ר ו נ ג צו זײַנע אידײען. ווי זאָגט דר. מוקדוני אין זײַן אַרטיקל וועגן „שבתי צבי״: „פּגימה׳ס זײַנען דאָ, אָבער עס איז עפּעס געשען!״ (ז. 201). ווײַבאַלד, אַז עס איז ע פּ ע ס ג ע ש ע ן , איז דאָס וויכטיגער פאַר׳ן קריטיקער, אײדער די פּגימה׳ס אין דעם אַלגעמײנעם פּרינציפּ. דער קריטיקער איז ניט קײן דאָגמאַטיקער. ער האָט זײַנע גרונט־אידײען, אָבער זײ זײַנען בײַ אים ניט קײן סעיפים אין אַ שולחן ערוך. זײ זײַנען די באַלײַכטונג פון זײַן וועג, ניט זײַן ציל.

נאָר באַזונדערס פאַלש וואָלט געווען צו זוכן לאָגישע אויס־געהאַלטנקײט אין אַלע פּרטים בײַ אַ שרײַבער פון דר. מוקדוני׳ס

שניט. ד ע ר סאָרט שרייבער האָט עפּעס אין זיך פון דעם רעדנער, און ביים רעדנער איז דער עיקר די שטאַרקייט, נישט די פּינקטלאַכקייט פון דעם אויסדרוק.

פון דעם רעדנער (און דעם טעאַטער־מענטשן) קומט צו דר. מוקדוני'ן אויך דער סטיל פון איבערטרייבונג, דער סטיל, וועלכער מוז אַמאָל אַריינפאַלן אין אַ טאָן פון דעקלאַמאַציע און רעטאָריק: „אַ תהום פון פאַרבן בלענדן אייך די אויגן, אַ שטורם פון ברעננענדיגע ליידנשאַפטן שמייסט אייך, שטילער אומעט און זיסע(?) פאַרצווייפלונג גלעטן אייך, מענטשלאַכע לויטערקייט און משוגעת צערודערן אייך" (ז. 144).

פון דעמזעלביגן מקור נעמט זיך די געוואוינהייט איבערצוחזר'ן איין זאַך מיט פאַרשיידענע ווערטער, ווי, אַ שטייגער: „איך ווייס ניט צי עס איז פאַראַן אַזאַ שאַרף טעאַטראַל אויג, וואָס זאָל זיין ביכולת צו זען אַלץ, צו זען אַלע דינינקע שטריכעלאַך, אַלע מיקראָסקאָפּישע קנייטשעלאַך, אַלע זיידן־דינע איינפאַן און אַלע מיניאַטורישע פאַרבן־פלעקן אין מוני וויזנפריינד'ס שפּילן" (ז. 48). די — שיעור ניט העבראַאיסטישע שוואַכקייט, וואָס דר. מוקדוני האָט צו סינאָנימען און צו דער קונסט פון „שיטן מיט ווערטער", דערגייט ביז צו אַזעלכע זאַצן, ווי אַ שטייגער: „זי ווייס ניט פון קיינע דראָבנע ליניען און שטריכן, זי ווייס ניט פון קיינע קורצע העויה'לאַך, זי ווייס ניט פון קיינע פּיטשינקע חנ'דעלאַך, זי ווייס ניט פון קיין פאַרעווע פאַרבן, פון קיינע לעבלאַכע גרימאַסן און פון קיינע קורץ־אָטעמענדיגע ושעסטן" (ז. 121).

דער דאָזיגער אָ ר אַ ט אָ ר י ש ע ר נוסח, וואָס פאַרכליניעט זיך, שליסט ניט אויס אַזעלכע שטייפע און קאָנדענסירטע אויסדריקן, ווי, צום ביישפּיל: „איז גערשוני דער העלד אין לעבן און פליגלמאַן דער העלד אין דער ליטעראַטור" (ז. 67), אָדער: „אונזער טעאַטער איז אַ טאַטע־ און מאַמע־טעאַטער" (ז. 101), אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר מוקדוני'ן איז נישט דער איינגעהאַלטענער און שטילער שטייגער שרייבן, נאָר דער ניט געצאַמטער, פרייגיביגער און רוישיגער נוסח. עס איז ביי אים

דאָ שאַרפקייט און אימפּעטיגקייט פון איינדרוק, אָבער נישט קיין געוואוינענער און געמאָסטענער אויסדרוק.

איז דאָס אויך אַ טעם, ווי געזאָגט, פאַרוואָס מען קען און מען דאַרף ניט פאַרלאַנגען פון אים קיין שטרענגע לאָגישע אויסגעהאַלטנקייט. בכלל אָבער איז אין דעם גרעסטן טייל פון די אַרבעטן, וואָס זיינען אַריין אין בוך, פאַראַן איין. איינהייטלאַכע טעאַטער־אידייע, און דאָס איז די אידייע פון אַ טעאַטראַליש ן טעאַטער, פון אַ טעאַטער, וואו דער עיקר איז ניט דעם שרייבער'ס וואָרט, נאָר דעם רעזשיסער'ס אויפפירונג און דעם אַקטיאָר'ס שפּילן, דעם אַקטיאָר'ס פּערזענלאַכקייט.

די אידישע אַקטיאָרן דאַרפן זיין גאָר באַזונדער צופרידן פון אַזאַ בוך, ווי דר. א. מוקדוני'ס „טעאַטער": זיי ווערן דאָ, אַזוי צו זאָגן, אויפגעהיט פאַר די קומענדע דורות... טעאַטער־קינסטלער ליידן דערפון, וואָס זייערע ווערק לעבן נאָר אין דעם מאָמענט פון זייער באַשאַפן ווערן. אַ טעאַטער־אויפפירונג ווערט געבוירן און שטאַרבט פאַר אונזערע אויגן. זי שטאַרבט גלייך נאָכדעם ווי זי איז געבוירן געוואָרן. און דאָס איז איינער פון די שטריכן, וואָס טיילן אָפּ די טעאַטער־קונסט פון אַנדערע קונסט־פאָרמען. דעם שרייבער'ס, דעם מאַלער'ס, דעם סקולפּטאָר'ס ווערק בלייבט. דעם אַקטיאָר'ס שאַפן אָבער לאָזט גאָרנישט ניט איבער נאָך זיך, אַ חוץ אַן עראינערונג. בלויז די קריטיק היט אויף דעם אַקטיאָר און זיינע כאַראַקטער שטריכן פאַר דעם קומענדיגן היסטאָריקער. דערפאַר איז אַזאַ בוך, ווי דר. מוקדוני'ס „טעאַטער", אַ שטיק געשיכטע, נישט נאָר קריטיק פון אידישן טעאַטער.

14. וועגן געאָרג בראַנדעס

14. וועגן געאָרג בראַנדעס.

א.

„די הויפּטשטראָמונגען אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָר־הונדערט", ווי אויך די ביכער וועגן לאַסאַל, ניטשע און איבסען, וועלכע זיינען אריין אין דער פופצען־בענדיגער אידישער אויס־גאַבע פון בראַנדעס'עס ווערק*), זיינען מער (אָדער עפּעס אַנ־דערש) ווי ליטעראַטור־קריטיק און אויך מער ווי די געשיכטע פון איינציגע גרויסע פּערזענלאַכקייטן. דאָס, וואָס בראַנדעס שרייבט, איז קולטור־קריטיק. דאָס איז די געשיכ־טע פון געדאַנקען, געפילן און מנהגים. זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ שולע, אַ דור, אַ תקופה, ניט נאָר פאַר איינציגע שרייבער.

מיט דער פאָרם פון ליטעראַרישן שאַפן, מיט דער אַנטוויקלונג פון סטיל און אַנדערע עסטעטישע פראַגן, ניט זיך בראַנדעס אויך אָפּ; אָבער דאָס איז ביי אים ניט דער עיקר אין די דערמאָנטע ווערק. „די ליטעראַטור פון אַ פאָלק, ווען זי איז פולשטענדיג — זאָגט ער אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון „די הויפּטשטראָמונגען" — שטעלט מיט זיך פאָר די גאַנצע געשיכטע פון זיינע „אַנשויאונגען און געפילן". און אָט די „אַנשויאונגען און געפילן", ניט דער אופן פון זייער אויסדרוק, איז דאָס, וואָס ער זוכט, פריער ווי אַלץ, אין דער ליטעראַטור פון אַ תקופה, אין די הויפּטווערק פון אַ דור, אין די שאַפונגען פון אַן איינציגן שרייבער. פאַר אים איז ליטעראַטור אי אַ ציל פאַר זיך אַליין, אי אַ רעזולטאַט, אַ סך־הכל פון סאָציאַל־עטישע

---

*) בראַנדעס'עס ווערק אין פופצן בענד, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, ניו יאָרק.

דערשיינונגען. אויב ער גיט זיך אָפּ מיט ליטעראַטור און ניט דירעקט מיט'ן לעבן, איז עס דערפאַר, וואָס ז י איז אין זיך כולל אויך א י ם. זי איז, לויט זיין מיינונג, דער מיטל־פונקט, דער קנופּ, וואו עס קומען זיך צונויף אַלע פעדים פון לעבן, אַלע דראָטן פון יענער פילפאַכיגער נעץ, וואָס הייסט קול־טור. „די הויפּטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נייג־צענטן יאָרהונדערט" גיבן אונז פאַקטיש א ביל֞ד פון די הויפּט־שטרעמונגען אין דער קולטור פון נײַנצענטן יאָרהונדערט.

אָבער דאָס הייסט ניט, אַז די איינציגע פּערזענלאַכקייטן, די לעבעדיגע טרעגער פון די הויפּט־שטרעמונגען אין דער קול־טור, ווערן פאַרנאַכלעסיגט. ניין, אָריגינעלע שאַפנדיגע גייסטער ווערן פון בראַנדעס'ן ניט נאָר ניט אַוועקגעמאַכט אונטער'ן האַנט, נאָר, פאַרקערט, ער גיט זיי אָפּ אַן אָרט אויבנאָן, זיי פאַרכאַפּן מער ווי אַלע זיין פאַרשנדיגע אויפמערקזאַמקייט. האָט ער דאָך דער ערשטער געשריבן מיט דרייסטער באַגייסטערונג וועגן ניטשע'ן, כאָטש ער האָט מיט פילע ניטשע'אַנישע אידייען ניט איינגעשטימט. האָט ער דאָך באַרימט געמאַכט איבסענ'ען. און בכלל איז פאַר אים די אייגנאַרטיגע פּערזענלאַכקייט, נאָך דעם אי־דעאַל פון פרייהייט, דער העכסטער ווערט.

דער פריי־שאַפנדיגער גייסט, דער גרויסער פּרט, איז פאַר אים אָפּט וויכטיג, ווי אַן אויסדרוק פון — נאָך א גרעסערן — כלל: „פונקט אַזוי ווי סערען קירקעגאַר שטעלט זיך מיר פאָר, שרייבט ער, אַלס אינדיווידואַליזירטער טייל פון דער דענישער קולטור־געשיכטע, אַזוי, נאָך מיין מיינונג, פּערזאָניפיצירט פער־דינאַנד לאַסאַל א טייל פון דער מאָדערנער רעכטס־וויסנשאַפט און פּאָליטישער עקאָנאָמיע". אבער אים אינטערעסירט די „דע־נישע קולטור־געשיכטע" נאָר אין דער א י נ ד י ו ו י ד ו אַ ל י־ז י ר ט ע ר געשטאַלט פון סערען קירקעגאַר, און „די מאָדערנע רעכטס־וויסנשאַפט" — אין יענער אייגנאַרטיגער פ ע ר ז אָ נ י־פ י צ י ר ו נ ג, וואָס הייסט לאַסאַל... הינטער'ן פּרט שטייט ביי בראַנדעס'ן שטענדיג כמעט א כלל, אָבער ער הויבט אָן זיין פאָרשונג פון פּרט, פון דער איינציגער פּערזענלאַכקייט. זיין טי־פער אינטערעס צו דער סאָציאַלער סביבה שוואַכט ניט אָפּ זיין

אויפמערקזאמקייט צו דער ראָלע פון דעם יחיד אין דער געשיכטע. עס פילט זיך ביי אים, פאַרקערט, אַ דורשט נאָך דעם גרויסן „יחיד". ער האַסט די מיטלמעסיגקייט און דעם המון. ניט אומזיסט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אַזוי אָן די צוויי גרויסע אינדיווידואַליסטן פון ניינצענטן יאָרהונדערט, איבסען און ניטשע. ביי ניטשע'ן איז אים געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַליין — דער „אַריסטאָקראַטישער ראַדיקאַליזם".

ער וויל אונז ציינן פעלקער און דורות אויף די העכסטע, ניט אויף די נידעריגסטע, שטופן פון זייער אַנטוויקלונג. דערפאַר ציינט ער אונז זיי אין דער געשטאַלט פון זייערע אויסדערוויילטע גייסטער, דערפאַר איז ביי אים געשיכטע אָפט אַ סומע פון ביאָגראַפיעס. מיר זעען ביי אים, ווי די איינציגע פּערזענלאַכקייטן, די יחידי סגולה, ווירקן אויף'ן דור אָדער אויף'ן פאָלק, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, כאָטש ער פאַרגעסט ניט צו ציינן, אַז אויך דער דור אָדער דאָס פאָלק ווירקט אויף זיי, די אויסדערוויילטע...

דער ביאָגראַפישער מעטאָד פון סעינט בעוו און דער היסטאָרישער מעטאָד (די סביבה־טעאָריע) פון טען — ביידע מעטאָדן זיינען באַהעפט ביי בראַנדעס'ן אינאיינעם.

אָבער ביי אים איז דאָ נאָך אַ דריטע זאַך, אַ חוץ זיין טיפן אינטערעס צום לעבן פון דער פירנדיגער פּערזענלאַכקייט און דער סביבה, וואו זי אַנטוויקלט זיך: ביי אים איז דאָ נאָך דאָס, וואָס איך וואָלט אָנגערופן דער גייסט פון קאַמף. ער באַנוגנט זיך קיינמאָל ניט דערמיט, וואָס ער שילדערט און מאַכט אונז קלאָר „די אנשויאונגען און געפילן" פון אַ תקופה, אַ שולע אָדער אַ פּערזענלאַכקייט; ער זוכט צו שאַפן ביים לעזער (און פריער ווי אַלץ ביים דענישן לעזער) אַ געוויסע באַציאונג צו די אידייען און געפילן, וואָס ער שילדערט: אַ סימפּאַטישע באַציאונג — צו די, וואָס געפעלן אים, אַן אַנטיפּאַטישע — צו די וואָס ער באַקעמפט. ער איז אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, ניט נאָר אַ קריטיקער. געשיכטע איז פאַר אים אַ סטודיום; אָבער — אויך אַ . . . לערערין.

דאָס שרייבן וועגן ליטעראַטור, איז פאַר אים אַ מיטל צו באַקענען אונז מיט זיינע אייגענע געדאַנקען און געפילן, ניט נאָר מיט די געדאַנקען און געפילן פון אַנדערע. אָבער דאָס מאַכט אים ניט טענדענציעז אין זיין אויסטייטשן אַנדערע שרייבער. ער איז צו אַלזייטיג, צו זיין ענג־פּאַרטייאיש.

ער איז גענוג קינסטלער — רואיג צו באַטראַכטן מענטשן, גענוג קריטיקער — צו קאָנען זיך אַריינלעבן אין זייערע שאַפונגען.

ער פאַרמאָגט די פייאיגקייט זיך שעפעריש אַריינצופילן אין די ווערק פון פאַרשיידנסטע סטילן און עפּאָכן. אין דעם זינען איז ער אַ געבוירענער קריטיקער. זיין „אָביעקטיוויטעט" איז אָבער ניט די קאַלטע אָביעקטיוויטעט פון דער „עסטעטישער" נאַטור. דאָס איז די אומפּאַרטייאישקייט פון דעם, וואָס זוכט דעם אמת, די אומפּאַרטייאישקייט, וועלכע פּאָרט זיך מיט אַ טי־פער פּאַראינטערעסירטקייט אין די מיינונגען און צילן פון אַ גאַנץ באַשטימטער פּאַרטיי (ניט אין דעם ענג־פּאָליטישן, נאָר אין דעם ברייטערן קולטורעלן זינען פון וואָרט).

בראַנדעס איז, מיט איין וואָרט, אַ קעמפער פאַר אידייען, אַ קולטור־טרעגער, ניט נאָר אַן אויסטייטשער פון ריין קינסטלע־רישע ווערטן. „גוטער אייראָפּעער און קולטור־מיסיאָנער", האָט אים אָנגערופן ניטשע, און דאָס איז ער. (כאָטש אין זיינעם אַ בריוו צו ניטשע'ן האָט ער עס געוואָלט פאַרלייקענען.)

דערפאַר איז ער אַזוי פּאָפּולער געוואָרן אין די ברייטע קרייזן פון דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ. אים האָבן גע־לייענט אויך די (און אפשר דערהויפּט די), וואָס זוכן אין לי־טעראַטור „געדאַנקען און געפילן", אידעען און אידעאַלן, ניט נאָר קראַפט און אָריגינאַליטעט פון אויסדרוק. בראַנדעס'עס ראָלע אין צפון־ און מזרח־אייראָפּע איז נאָך מיט אַ פאָר צענדליג יאָר צוריק געווען ענלאַך אין אייניגע פּרטים צו דער ראָלע, וואָס די קריטיק האָט געשפּילט אַמאָל אין רוסלאַנד. די קריטיק פון ביעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, טשערנישעווסקי, מי־כאַילאָווסקי און אַנדערע איז געווען, ווי באַוואוסט, אַ געזעל־שאַפטלאַכע, ניט נאָר אַ ליטעראַרישע, אינסטיטוציע. זי

האָט גע'פּסקנ'ט לעבנס־שאלות, ניט נאָר שאלות פון ליטעראַרישן שאַפן.

בראַנדעס איז אַנדערש פון די רוסישע קריטיקער דערמיט, וואָס ביי אים האָט מען געזוכט, אַ חוץ אַן ענטפער אויף געוויסע פראַגן פון מענטשלאַכן לעבן, אויך — ליטעראַרישע בילדונג. דער גרעסטער ווערט פון בראַנדעס'עס ווערק ליגט אייגנטלאַך אין דעם, וואָס זיי זיינען אַ קוואַל פון ליטעראַטור־היסטאָרישע קענטענישן. אין זיי איז דאָ אַן אַ שיעור פאַקטן און דאַטן, ניט נאָר געדאַנקען. די „געדאַנקען" און די איי־ביגע „פּאָלעמיק" מיט דער „רעאַקציע" האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דענעמאַרק. די לעזער פון אַנדערע לענדער קוויקן זיך דערהויפּט מיט די קלאָר געשילדערטע פּאָרטרעטן פון די גרויסע פּערזענלאַכקייטן און מיט די לעבעדיגע בילדער פון דער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט.

בראַנדעס איז שטענדיג קאָנקרעט, לעבעדיג און אָפט אַמו־זאַנט. ער באַשרייבט ניט ; ער דערציילט. זיינע עסעים זיי־נען געשפּרעכן. זיי זיינען פול מיט בילדער, ביישפּילן, ערוי־נערונגען, אַנעקדאָטן. די טיפע זאַכקענטעניש פון אַ פאַכמאַן איז פאַראייניגט אין זיין שרייבן מיט דער לייכטקייט פון אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר.

דעם פיינערן לעזער דערעסט אַמאָל אָט דער גלאַטער שליטנ־וועג צווישן ברייטע, פלאַכע פעלדער, אָן אַ באַרג־אַרויף און אַ באַרג־אַראָפּ, אָן אומגעריכטקייטן ; עס פאַרשלעפּערט אים די געלאַסנע און אָפט איינטאָניגע מעלאָדיע פון דעם געניטן אָנטריי־בער. אָבער דער דורכשניטלאַכער לעזער רוט זיך אָפּ דערביי. ער דאַרף זיך ניט צופיל אָנשטרענגען און עס איז אים ניט לאַנג־ווייליג, ווען ער הערט בראַנדעס'עס געשיכטן, אַנעקדאָטן און קלאָרע געדאַנקען וועגן די גרויסע מענטשן. ער פילט ניט זיין פלאַכקייט, ער באַוואונדערט זיין ברייטקייט. פלאַך איז בראַנ־דעס, אגב, ניט שטענדיג, עס איז אָבער צו באַוואונדערן די ברייטקייט פון זיינע קולטור־היסטאָרישע און ליטעראַרישע האָ־ריזאָנטן.

ער אַליין האַלט ניט שטאַרק פון די, וואָס זוכן אַרומצו־

נעמען אין זייער ווערק א צו־בריימן געגנשטאנד. אין זיין עסעי „וועגן לייענען" (אן עסעי, וואס איז, אגב, ווערט אויך איבערגעזעצט צו ווערן אויף אידיש), לאכט ער אויס די פּראָפעסער, וואס גלויבן, אז זיי קאָנען אונז געבן א בילד פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראטור. „קיין איין מענטש, שרייבט ער, איז ניט פייאיג אנצושרייבן אזא בוך, און אזוי ווי אזעלכע ביכער זיינען דאך פאראן, זיינען זיי מער מסוגל צו פארטומלען דעם לעזער, ווי אים עפּעס צו לערנען. דער פּראָפעסער פון אזא מין ליטעראַרישער וועלט־געשיכטע רעדט זיך ברייטלאך וועגן ווערק אין א האלבער מאה שפראכן, וואס איז אוממעגלאך, אז ער זאל מיט זיי האבן מער ווי אן אויבנאויפיגע באַקאַנטשאַפט. ווען ער זאל האבן אנגעהויבן צו לייענען איידער ער איז געבוירן געוואָרן און ווען ער זאל קיין שום אנדער זאך ניט האבן געטאָן — קיינמאל ניט געניסן פון לעבן, קיינמאל ניט שלאפן, קיינמאל ניט עסן אָדער טרינקען, — נאר לייענען, ביז דעם מאָמענט, ווען ער האט פארעפנטלאכט זיין בוך, וואלט ער אויך דאן ניט באוויזן איבערצולייענען מער ווי זייער א קליינעם טייל פון די אלע ביכער, וואס ער דערמאָנט און רעדט ארום"... „א בוך, וואס קאָן אונז באמת עפּעס לערנען, זאָגט ער ווייטער, מוז ארומנעמען אדער נאר איין אייינציג לאנד אָדער נאר א קורצן באשטימטן פעריאָד". אָבער דאס האט בראנדעס געשריבן, ווי עס ווייזט, פאר אנדערע, ניט פאר אזעלכע אויסערגעוויינטלאך ארבעטס־פייאיגע, פּראָדוקטיווע און פילזייטיג באגאבטע שרייבער, ווי ער אליין איז. ער אליין האט געשריבן ניט וועגן דער ליטעראַטור פון איין לאנד אָדער איין היסטאָרישן פעריאָד, נאר וועגן די ליטעראַרישע פּאָרשטייער פון פיל לענדער אין פיל פארשיידענע פעריאָדן פון דער וועלט־געשיכטע. און דער, וואס לייענט מיט קאָפּ זיינע אלע ווערק, מאכט דורך אן אויסגעצייכנטן קורס אין דער געשיכטע פון א גרויסן טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור. איז באמת א פרייד, וואס פאר דעם אידישן לעזער האט זיך געעפנט אָט דער קוואל פון ליטעראַרישער און ליטעראַטור־היסטאָרישער בילדונג. אינטעלעקטועלן און עסטעטישן גענוס קאָן אונז א לעסינג (אפילו איצט נאך), א סעינט־

בעוו, א וואָלטער פּייטער, אָדער אַ טען, פאַרשאַפן מער, איידער בראַנדעס. קיין ערשטקלאַסיגער שרייבער איז בראַנדעס ניט, אין זיין סטיל איז ניטאָ קיין באַזונדערס הויכע אָריגינאַליטעט, אין פיל זאַכן איז ער ניט מער ווי אַ געבילדעטער און זייער באַגאַבטער זשורנאַליסט. אָבער זיינע „הויפּטשטראָמונגען" זיינען, ווי געזאָגט, אַן אויסגעצייכנט מיטל פאַר ליטעראַרישער זעלבסט־בילדונג.

עס זיינען דאָ קריטיקער, וואָס עס איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דעם וואָס זיי שרייבן וועגן אַנדערע, כדי צו קענען זיי אַליין. דאָס זיינען די קריטיקער, וואָס זייער הויפּט־ווערט איז — זייער פּערזענלאַכקייט, זייער סטיל. בראַנדעס געהערט ניט צו דעם סוג. מיט אים לוינט צו שליסן באַקאַנטשאַפט צוליב דעם, וואָס דורך אים באַקענען מיר זיך מיט אַנדערע, איינגאַר־טיגערע.

ער מישט זיך אָפּט, אפשר צו אָפט, אַריין אין די געדאַנקען און געפילן פון די, וואָס ער שטעלט פאַר אונז פאָר; ער פּאָלע־מיזירט מיט זיי. אָבער ער איז ניט צודרינגלאַך: ער בלייבט אין שאָטן; דאָס ליכט פאַלט אויף זיי. זיין סטיל איז ניט אויף אַזויפיל אינדיווידועל, אַז מיר זאָלן דורך אים זען בלויז זיין אייגענעם איך. דערפאַר איז ער גענוג עלאַסטיש צו צייגן אונז קלאָר דעם לעבן פון אַנדערע.

איז דערפון געדרונגען, אַז פאַר דעם איבערזעצער פון בראַנ־דעס'עס ווערק איז דערהויפּט וויכטיג איבערצוגעבן דעם ריכטיגן מיין און געדאַנק פון פאַרפאַסער. מען דאַרף געוויס אויך אַכטונג געבען אויף זיין סטיל, אָבער דאָס איז ניט דער עיקר אין דעם פאַל. נאָר איין זאַך איז דאָ אין בראַנדעס'עס שטייגער שרייבן וואָס מוז אָפּגעהיט ווערן. דאָס איז די לייכטקייט און די קלאָר־קייט פון דער שפּראַך. מאַכן בראַנדעס'ן שווער אָדער טונקל הייסט קאַליע מאַכן זיין גאַנצן שטייגער שרייבן, הייסט פעלשן אים.

פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען באַטראַכטן די אידישע איבערזעצונג. מען דאַרף ניט האָבן צו איר קיין גרויסע טענות, וואָס זי איז געמאַכט געוואָרן, ווי עס ווייזט, ניט פון אָריגינאַל

(ניט פון דעניש), נאָר פון אַנדערע שפּראַכן. בכלל דאַרף מען זיכער פאָדערן פון אַן איבערזעצער, אַז ער זאָל זיך ניט פאַר־לאָזן אויף דעם, וואָס אַנדערע איבערזעצער זאָגן אים, נאָר ער זאָל האָבן פאַר זיך דאָס ווערק, וואָס ער זעצט איבער, אין יענער שפּראַך, אויף וועלכער עס איז געשריבן געוואָרן. מען דאַרף עס פאָדערן מחמת דריי טעמים: ערשטנס, מאַכט יעדער איבערזעצער אַ געוויסע צאָל טעות'ן, און אַז מען באַנוצט ניט דעם אָריגינאַל, איז מען עלול צוצוגעבן צו די אייגענע טעות'ן נאָך אויך די, וואָס עס האָט געמאַכט דער פריערדיגער איבער־זעצער. צווייטנס, איז יעדע איבערזעצונג, אפילו די בעסטע, נאָר אַ שאָטן פון אָריגינאַל, און אַז מען זעצט־איבער פון איר, ניט פון מקור, גיט מען ניט מער, ווי אַ שאָטן פון אַ שאָטן; דאָס איז אַזוי ווי מען זאָל מאַכן אַ פּאָרטרעט פון אַ פּאָרטרעט, ניט האָבנדיג געזען דאָס לעבעדיגע געזיכט. דריטנס, האָט יעדע שפּראַך א י ר ע אייגנטימלאַכקייטן, און דער איבערזעצער מוז צופּאַסן די אייגנטימלאַכקייטן פון ז י י ן שפּראַך צו די, וועלכע עס האָט די שפּראַך פון דעם פ א ר פ א ס ע ר. ווען עס ליגט אָבער פאַר אים אַן איבערגעזעצטער, ניט דער אָריגינעלער, טעקסט, קאָן ער דאָס ניט טאָן; צווישן אים און דעם פאַרפאַסער שטייט אַ וואַנט. וואָלט געווים געווען געוואונשן, אַז אויך די ווערק פון דעם דעניש־אייראָפּעאישן קריטיקער זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף אידיש פון דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי זיינען געשריבן געוואָרן. אָבער בדיעבד מאַכט ניט אַזוי שטאַרק אויס, ווען זיי זיינען איבערגענומען געוואָרן פון אַנדערע שפּראַכן. בראַנדעס איז ניט אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט זיין שפּראַך, אַז מען זאָל אים ניט קאָנען אָפּטיילן פון איר. ער האָט אַליין געשריבן אייניגע ווערק אויף אַנדערע לשונות, א חוץ דעניש. אויף זיין אופן שרייבן ליגט ניט דער שטעמפּל פון אַ באַשטימטער נאַ־ציאָנאַלער שפּראַך. ער איז, פריער ווי אַלץ, אַ „גוטער אייראָ־פּעער", לויט ניטשע'ס אויסדרוק, און זיין סטיל איז ניט קיין דענישער און ניט קיין אידישער, נאָר אַן . . . אייראָפּעאישער. ער איז פיין, אָבער ניט אינדיווידועל. און עס קאָן זיין, אַז אפילו אין אָריגינאַל זיינען שוין דאָ ביי אים סימנים פון „אי־

בערזעצערישקייט" (פון ניט־אורשפרינגלאכקייט). שרייבער פון דעם — אידיש־קאָסמאָפּאָליטישן — טיפּ, וואָס צו אים געהערט בראַנדעס, זיינען פיל־שפּראַכיג, און עס איז שווער צו זאָגן, וואָ־סער שפּראַך איז זייערע און וואָסערע — ניט. זיי האָבן אַ סך שפּראַכן און — קיינע ניט. זיי זיינען אומעטום אין דער היים און אומעטום — אויסלענדער. זיי שרייבן פאַר אן אינטערנאַ־ציאָנאַלן פּובליקום אויף אן אינטערנאַציאָנאַלן דיאַלעקט. אויף וואָסער שפּראַך זיי זאָלן ניט שרייבן, שרייבן זיי אַלץ אויף עפּעס אן עספּעראַנטאָ. איז אפשר ניט קיין גרויסער חילוק, פון וואָס פאַר אן עספּעראַנטאָ מען זעצט זיי איבער, פון אַ דענישן, אַ דייטשן אָדער גאָר אַ רוסישן. וואָס עס איז יע וויכטיג, איז אז די שפּראַך פון דער איבערזעצונג זאָל זיך אויסצייכענען מיט יענער קלאָרקייט און לייכטקייט, וועלכע כאַראַקטעריזירן בראַנ־דעס'עס שטייגער שרייבן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס זאָל ניט זיין. פאַרפּלאָנטערט מען זיך אין אַ זאַץ, ווי אין אַ נעץ, און מען קאָן ניט אַרויסקריכן, קאָן מען זיין זיכער, אַז דעם פּלאָנטער האָט אָנגעמאַכט דער איבערזעצער, ניט בראַנדעס.*)

ב.

קורץ פאַר זיין טויט (אין יאר 1927) איז אָפּגעריכט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט זיין פינף־און־אכציגסטער געבורטס־

---

*) פון דעם שטאַנדפּונקט איז צו ווינשן דעם לעזער, וואָס וויל לייע־נען בראַנדעס'ן אויף אידיש, אַז ער זאָל ניט אָנהויבן פון באַנד זעקס („דער נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד"). דעם דאָזיגן (ווי אויך דעם זיבעטן) באַנד האָט איבערגעזעצט דר. יעקב גרינפעלד, און זיין איבערזעצונג איז אין פיל שטעלן אַזוי שווער, אַזוי אומקלאָר, אומבאַהאָלפן, אָדער פּשוט אומזיניג, אַז מען ווערט־אָן דעם חשק צו לייענען ווייטער און מען מוז זיך פרעגן: איז דאָס בראַנדעס?

איך ווייס ניט, פון וואָס פאַר אַ שפּראַך דר. גרינפעלד האָט געמאַכט זיין איבערזעצונג, אָבער איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן אַן איבערזעצונג פון בראַנדעס'עס ווערק אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס זאָל ניט זיין, וואו עס זאָל זיך געפינען אַזאַ מין סאָרט פּאַראַגראַף, ווי דער, וואָס מיט אים האָט אונזער איבערזעצער אָנגעהויבן בראַנדעס'עס ווערק וועגן נאַטוראַ־

טאָג. ער איז געשטאָרבן, הייסט עס, „אַלט און זאַט אין טעג". אויך — זאַט אין אַרבעט, אין אויפטואונגען. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ שרייבער, וואָס זאָל האָבן — ריין קוואַנטיטאַטיוו — אויסגעפאָרשט און אָנגעשריבן אַזוי פיל, וויפיל בראַנדעס. זיין לאַנג לעבן איז געווען אַ לעבן פון לערנען, פון שטודירן, פון אויספאָרן און אָנקוקן מדינות, פון אַרבייטן און שאַפן. צו זעכצן יאָר איז ער שוין געווען אַ שרייבער (ער האָט אָנגעהויבן, ווי דער שטייגער איז, פון לידער). איז ער שיר ניט זיבעציג

ליזם אין ענגלאַנד". דער פּאַראַגראַף מוז דאָ ציטירט ווערן, כאָטש ער וועט פאַרנעמען היבשע עטלאַכע שורות: „עס איז מיין אַבזיכט (אַזוי זאָל בראַנדעס האָבן אָנגעהויבן זיין בוך וועגן דעם נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד, אויב מען זאָל גלויבן דעם דר. גרינפעלד) — „עס איז מיין אַבזיכט אין דער ענגלישער ליטעראַטור פון די ערשטע צענער יאָרן פונ'ם איצטיגן יאָרהונדערט צו שילדערן די שטאַרקע, טיף־באַגרינדעטע און פאָלגנרייכע שטרעמונג פונ'ם ענגלישן גייסטיגן לעבן, וואָס — זייענדיג פריי פון אַלע קלאַסישע פאָרמען און טראַדיציעס — ברענגט אַרויס אַ נאַטוראַליזם, וועלכער באַהערשט די גאַנצע ליטעראַטור און פירט צו ראַדיקאַליזם, איבערגייט (?) פונ'ם שטאַרקן אַרויסטריט קעגן די אַלטע ליטעראַרישע קאָנווענציעס צו'ן אַ מעכטיגער ענטריסטונג קעגען דער רעליגיעזער און פּאָליטישער רעאַקציע און טראָגט אין זיך די קערנדלאַך פאַר די פרייע אידעען און עמאַנציפּאַציעס, וועלכע די אייראָפּעאישע קולטור האָט זייט יענער צייט פאַרווירקליכט". זאָל דער לעזער, אויב ער האָט שוין אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זאָגן, צי וואָלט ער געהאַט דעם מוט צו לייענען ווייטער אַ בוך, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַזאַ מין שפּראַכלאַכן „קאָלטן", ער וואָלט עס געוויס אַוועקגעשליידערט און ניט גענומען עס מער אין האַנט אַריין. נאָך מער, ער וואָלט געוואָרפן אַן אומ'חן אויף אויף די איבעריגע טיילן פון דער בראַנדעס פאַראידישונג, און דאָס וואָלט געווען באמת אַ שאָד.

אַלע איבעריגע איבערזעצונגען זיינען קאָרעקט און אין אייניגע פון זיי (ווי צום ביישפּיל, אין די ווערק וועגן ניטשע און איבסען, וועלכע עס האָט איבערגעזעצט ק. טעפּער) איז צו זען גרויס קענטשאַפט און אַפילו מייסטערשאַפט. ניט אומעטום פילט זיך יענע „פרייע און גראַציעזע פראַנצויזישע מאַניר פון שרייבן", וועלכע עס האָט באַמערקט ביי בראַנדעס'ן ניטשע. אַ געוויסער טייל פון דער „גראַציעזישקייט" און „פראַנצויזישקייט" האָט געמוזט פאַרלוירן גיין אין דער איבערזעצונג.

יאָר נאָכאַנאַנד געווען פּראָדוקטיוו, שיר ניט זיבן צענדליג יאָר גע־לערנט זיך אַליין און אַנדערע...

איז אפשר גאָר ניט קיין חידוש, וואָס עס איז געבליבן פון אים אַזאַ גרויסע און רייכע ירושה? אָבער עס איז דאָך אַ חידוש... ווען ער איז אַלט געווען נישט מער ווי דרייסיג יאָר, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלאַכן די גרויסע אַר־בעט, וואָס האָט אים שפּעטער באַרימט געמאַכט אין אַלע קולטור־לענדער — „די הויפּטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט”. ער איז דאַן אריבער די גרעניצן פון זיין לאַנד און איז געוואָרן דער אייראָפּאַיִשער, נישט נאָר דער דענישער, קריטיקער. אָבער דאַן האָט ער זיך אָפּ־געגעבן דערהויפּט מיט דער ליטעראַטור פון זיין צייט און פון דער נאָענטסטער פאַרגאַנגנהייט. שפּעטער האָט ער שטודירט די וויכטיגסטע ליטעראַרישע תקופה׳ס און די גרויסע פּערזענ־לאַכקייט פון די אַלטע צייטן. עס זיינען געבליבן פון אים ביכער וועגן האָמער, וועגן יוליוס צעזאַר, וועגן יעזוס קריסטוס און פּאולוס, וועגן מיקעל אַנדזשעלאָ, וועגן שעקספּיר, וואָלטער, געטע... עס איז אים, פאַרשטעט זיך, נישט פרעמד געבליבן אויך דאָס שאַפן פון אונזערע טעג, דאָס שאַפן פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט. וועגן דעם רוסישן מאַקסים גאָרקי און דעם אַמע־ריקאַנער אָפּטאָן סינקלעיר איז ער געווען אינפאָרמירט אַזוי, ווי וועגן די יונגע פאַרשטייער פון די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטורן.

אָט די גאונ׳ישע בקיאות זיינען איז מעגליך געוואָרן נישט נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט לאַנג געלעבט. זי האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען אויך זיין אויסערגעוויינטלאַכער התמדה, זיין זעלטענער אַרבייטספעיאיגקייט, זיין וואונדערלאַכן זכרון.

זיין גרויסע ערודיציע און זיין פּרוכטבאַרקייט האָט גע־מאַכט, אַז מען זאָל פריער פון אַלץ און מער פון אַלץ שעצן דעם ברייטן, ריזיגן פאַרנעם פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין דער אמת׳ן אָבער איז ער געווען אַ חריף, נישט נאָר אַ בקי, אַ שאַפנדיגער גייסט, נישט נאָר אַ פאַרשפּרייטער פון די אי־דעען און באַגריפן פון זיין צייט, אַ דענקער, נישט נאָר אַ פאַר־מיטלער צווישן די ליטעראַטורן פון דער וועלט.

עס איז געווים אַ גוזמא, וואָס איינער אַן אַמעריקאַנער געלערנטער האָט געזאָגט, אַז „כדי צו געבן אַ ריכטיגע דעפי־ניציע פון בראַנדעס'ן, וואָלטן מיר געדאַרפט אויסטראַכטן אַ נײַ וואָרט, אָבער עס איז ניט צו גלויבן, אַז מיר וואָלטן האָבן אַ געלעגנהייט צו באַנוצן דעם וואָרט נאָך אַמאָל, ווייל עס איז קוים מעגלאַך, אַז די וועלט זאָל ווען עס איז האָבן נאָך אַ בראַנדעס'ן". דאָס איז, זאָג איך, אַן איבערטרייבונג, אָבער זי האָט אַ יסוד אונטער זיך, און דער יסוד איז נישט אַזוי בראַנ־דעס'עס פילזייטיגע געלערנטקייט, ווי די פאַראייניגונג פון געוויסע אייגנשאַפטן זיינע, — די פאַראייניגונג פון זיין מעכטיגער אויפ־נעם־פייאיגקייט מיט זיין שטאַרקער גייסטיגער זעלבשטענדיגקייט, די פאַראייניגונג פון דעם טאַלאַנט אַריינצולעבן זיך אין פרעמדע וועלטן מיט דער טרייהייט צו זיך אַליין.

יע, ער איז אָפט געווען מיט זיך אַליין, כאָטש ער איז געווען תמיד „צו געסט" ביי אַנדערע. ער איז ניט בטל געוואָרן פאַר זיי. ער האָט אונז באַקענט מיט זייער לעבן, מיט זייערע אידעען, ער האָט אָבער געהאַט זיין אייגענעם לעבן, זיינע אייגענע אידייען. נישט נאָר בילדער און פּאָרטרעטן פון אַנדערע גרויסע פּערזענליכקייטן האָט ער אונז געגעבן. ער האָט געקעמפט פאַר זיין אייגענער פּערזענלאַכקייט.

זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט נעמט זיך אייגנטלאַך פון זיין קאַמף פאַר זיין זעלבשטענדיגקייט, פאַר זיין פרייהייט, ווי אויך פאַר דער זעלבשטענדיגקייט, דער פרייהייט פון יעדן מענטשן, דערהויפּט פון דעם שאַפנדיגן מענטשן. אָט דער קאַמף האָט אים פאַרהאַסט געמאַכט ביי די קאָנסערוואַטיווע קרייזן פון זיין לאַנד און באַליבט צווישן די, וואָס שטרעבן צו דער באַפריי־אונג פון גייסט אין דער גאַנצער וועלט. און עס איז געווען אַ צייט, ווען דער סאָציאַלער קעמפער אין בראַנדעס'ן האָט פאַרשטעלט (פון אים אַליין און פון דער וועלט) בראַנדעס'ן דעם קונסט־קריטיקער. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז בראַנדעס איז מער פאַראינטערעסירט אין די קולטור־פּראָבלעמען, אין די אידעען, ווי אין זייער קינסטלערישער פאַרקערפּערונג. דעם דאָזיגן איינדרוק האָט געהאָלפן שאַפן דערהויפּט זיין —

שוין פריער דערמאָנט — ווערק וועגן די הויפּטשטרעמונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט. אָט די מאָנומענטאַלסטע פון אַלע זיינע שאַפונגען איז פּאַר אַלע אַנדערע איבערגעזעצט און פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן, און אַ גרויסער טייל פון די, וואָס האָבן געשריבן — און שרייבן — וועגן בראַנדעס'ן, האָבן אין זינען דערהויפּט די דאָזיגע באַאַרבעטונג פון זיינע לעקציעס אין דעם קאָפּענהאַ־גענער אוניווערזיטעט. אין זיי איז ער אָפּט באמת מער קעמפער און פּראָפּאַגאַנדיסט, ווי היסטאָריקער און קריטיקער, און מער ברייט, ווי טיף...

א בוים מיט רייכע צווייגן האָט אויך אַ שטאַם אַ מעכטיגן און טיפע וואָרצלען, אָבער אין גייסטיגן לעבן איז ניט תמיד אַזוי. גייסטיג איז שווער צו גיין אי אין דער ברייט, אי אין דער טיף, סיידן מען איז אַן אויסערגעוויינטלאַכער גאון. בראַנדעס האָט זיך פאַרמאָסטן זייער ברייט, ער האָט געהאַט אַ ריזיגן פאַרנעם: האָט זיך געדוכט, אַז ער פאַרטיפט זיך נישט גענוג. און דער איינדרוק איז אָפּט, ווי געזאָגט, אַ ריכטיגער. אין אַ סך ביכער זיינע געפינען זיך זייטלאַך און קאַפּיטלאַך, וואָס זיינען נישט מער ווי... „זשורנאַליזם” אָדער „אויפקלערונג”.

אַז מען שרייבט אַזוי פיל, וועגן אַזוי פיל ליטעראַטורן און אין אַזוינע פאַרשיידענע עפּאָכעס, איז אוממעגלאַך צו געבן „לויטער גאָלד”. אָבער נישט נאָר דערפון האָט זיך גענומען די מיינונג, אַז געאָרג בראַנדעס איז מער בקי ווי חריף און מער פאַרשפּרייטער ווי שאַפער פון גייסטיגע ווערטן. עס איז געווען נאָך אַן אורזאַך פאַר אָט דער ניט־גינסטיגער און, אין תוך גע־נומען, ניט גערעכטער אפשאַצונג. ביי זיין טיש זיינען געזעסן, פיגוראַטיוו גערעדט, זייער אַ סך גייסטיגע קינדער... צוליב אָט דער גרויסער פאַמיליע זיינער האָט מען אים אַליין נישט געזען. די געדיכטע און ברייטע צווייגן האָבן פאַרשטעלט דעם שטאַם.

מען באַוואונדערט די ברייטקייט, מען באַטראַכט דעם גרויסן פאַרנעם פון זיין שאַפן און מען פאַרטיפט זיך נישט גענוג אין אים אַליין. מען ליידט דערפון, אין וואָס מען האַלט אים שולדיג — מען ווערט פאַרשלונגען פון דעם רייכן מאַטעריאַל!

בראַנדעס איז אין דער אמת'ן ניט פאַרשלונגען געוואָרן אינ־גאַנצן פון זיין ברייטקייט. די כמות פון זיין אַרבעט האָט אפשר געשטערט, אָבער ניט צעשטערט איר וואונדערלאַכע איכות.

די קוואַנטיטעט פון זיין שאַפן איז, אגב, גאָר ניט אַזוי גרויס בערך. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן נאָך איידער ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציג יאָר און געשטאָרבן איז ער נאָכדעם ווי מען האָט שוין געהאַט געפייערט זיין פינף־און־אכציגטן געבורטסטאָג! כמעט זיבן צענדליג יאָר פלייסיגע, צוועקמעסיגע און פּראָדוקטיווע ארבעט — זיינען דאָך כמעט צוויי לעבנס!

בראַנדעס האָט, אין דער אמת'ן, געהאַט גענוג צייט צו מאַכן גרינדלאַכע פאָרשונגען און צו פאַרטיפן זיך אין זאַכן. נישט גענוג פאַרטיפט האָבן זיך, ווי געזאָגט, די, וועלכע האָבן געשריבן וועגן זיין פלאַכקייט. זיי האָבן, צום ביישפּיל, פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז בראַנדעס איז געגאַנגען אין די וועגן פון דעם פראַנצויזישן קריטיקער היפּאָליט טען, און דאָס ווייזט, אַז זיי האָבן אים נישט גוט געקענט. וואָרים נאָר פון אויבנאויף קאָן אַזא מיינונג אויסזען צו זיין ריכטיג. ווען מען שטודירט בראַנדעס'ן, זעט מען, אַז ער איז געשטאַנען נענטער אַ סך צו דעם מעטאָד פון סעינט בעוו, צו דעם מעטאָד, וועלכער גיט זיך אָפּ דערהויפּט מיט דער פּערזענלאַכקייט פון דעם שרייבער, איידער צו טען'ס סביבה־קריטיק.

היפּאָליט טען האָט געוויס געהאַט אַ ווירקונג אויף בראַנדעס'ן. זיי האָבן זיך פּערזענלאַך געקענט, און אין זיינע יונגע יאָרן האָט בראַנדעס געשריבן כמעט אַ גאַנצן בוך וועגן זיין פראַנצויזישן פריינד און לערער. אין דעם ווערק, וואָס האָט אים פּאָפּולער געמאַכט אין אייראָפּע, — אין „די הויפּטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון ניינצענטן יאָרהונדערט", אַנאַליזירט ער די „אַנשויאונגען און געפילן" פון דער עפּאָכע, גיט אַ בילד פון דעם גאַנצן געזעלשאַפטלאַכן און פּאָליטישן לעבן פון די פעלקער — און דאָס דערמאָנט אונז שטאַרק אָן דער טעאָריע פון „ראַסע, סביבה, היסטאָרישער מאָמענט". אָבער דאָס איז נישט דער גאַנצער בראַנדעס. און דער עיקר — דאָס

איז נישט דער אייגנאַרטיגסטער און נישט דער ווערטפולסטער טייל פון בראַנדעס'עס קריטיק.

אין די „הויפּטשטרעמונגען" איז בראַנדעס מער קולטור־היסטאָריקער, ווי ליטעראַטור־קריטיקער. ער זאָגט אַליין אין זיין איינפיר, אַז זיין כונה אין דעם ווערק איז געווען אויסצופאָרשן „די פּסיכאָלאָגיע פון דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָר־הונדערט". די ליטעראַטור איז פאַר אים געווען דאָ נאָר אַ מיטל פאַר'ן שטודיום פון סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע און סאָציאַלע אידייען. אָבער דאָרט, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ליטע־ראַטור לשם ליטעראַטור, האָט ער געוואוסט, אַז דער עיקר איז נישט, וואָס אַ ר ו ם דעם דיכטער, נאָר. וואָס אִ י ן אים.

דאָס ווייסט יעדער אמת'ער קונסט־געניסער. דאָס האָט אפילו טען געוואוסט, ווען ער האָט געשריבן קריטיק, ניט גע־שיכטע אָדער פילאָסאָפיע פון קונסט. יאָ, אפילו ער אַליין, דער שאַפער פון דער סביבה־טעאָריע, האָט זיך אריינגעטאָן מער אין דער אינעווייניגסטער וועלט פון דעם שרייבער, ווי אין זיין סביבה און עפּאָכע, ווען ער האָט געוואָלט פאַרשטיין און כאַראַקטעריזירן דעם דיכטער'ס שאַפן, נישט נאָר די דרויסנדיגע אומשטענדן פון זיין עקזיסטענץ. טעאָרעטיש האָט טען דאָך געהאַלטן, אַז דער דיכטער איז אַן אויסדרוק פון „ראַסע, סביבה און היסטאָרישן מאָמענט". און די טעאָריע האָט בראַנדעס פאַר־לייקנט. ער האָט נישט געגלויבט, אַז מיט אָט דעם דרויסנדיגן מעטאָד קאָן מען דערקלערן די שאַפונג פון אַ גאון. טען'ס מע־טאָד, האָט ער געשריבן, קאָן אָנגעווענדט ווערן נאָר צו מיטל־מעסיגקייטן. „טען, האָט ער גע'טענה'ט, לייקנט די אורקראַפט, די שאַפנדיגע קראַפט פון דעם גרויסן אינדיווידואום. טען שרייבט צו די גאַנצע אַקטיוויטעט דער ארומיגער וועלט. אַלע אידייען קומען ארויס, סוף כל סוף, פון דער המון. אין דער אמת'ן אָבער ווערן אין דעם המון נישט געבוירן קיין אידייען, נישט קיין קינסטלערישע פאָרמען. אידייען ווערן גע־בוירן אין דער פּערזענלאַכקייט, וועלכע שטייט העכער פון דער מאַסע און וועלכע ציט זי צו זיך". בראַנדעס'ן האָט, פּונקט ווי זיין אמת'ן לערער, סעינט־בעוו'ן, אינטערעסירט דערהויפּט

די פערזענלאַכקייט. פון וואנען האָט זיך גענומען די פאַר־שפּרייטע מיינונג, אז ער גייט אין די וועגן פון היפּאָליט טען? זי האָט זיך גענומען פון די „הויפּטשטרעמונגען", וועלכע האָבן אים אַזוי פּאָפּולער געמאַכט. אים האָט שטאַרק געשאַדט דאָס, וואס ער איז באַרימט געוואָרן גראָד אַ דאַנק אָט די לעקציעס זיינע. זיי האָבן געוויזן דער וועלט בראַנדעס'ן דעם קולטור־קעמפער אָדער „קולטור־מיסיאָנער", ווי ניטשע האָט אים אָנ־גערופן. זיי האָבן פאַרשטעלט פון איר בראַנדעס'ן דעם קריי־טיקער. עס איז געשאַפן געוואָרען דער איינדרוק, אז ער גיט זיך אָפּ מער מיט די אידייען און מאָטיוון פון די שרייבער און מער מיט זייער סביבה, ווי מיט זייער קונסט. אין דער אמת'ן האָט ער מיט מער מייסטערשאַפט, מיט מער ליבע און מיט אַ גרעסערער מאָס אָביעקטיוויטעט געשילדערט די קינסטלערישע אייגענשאַפטן פון אַ שרייבער, ווי די „אידייען און געפילן" פון דער עפּאָכע. אפילו אין די „הויפּטשרעמונגען" זיינען דאָ אויס־געצייכענטע לעבנסבילדער פון איינציגע שריפטשטעלער.

די עפּאָכע אָדער די סביבה גופא האָט בראַנדעס אַנ־דערש ניט געזען, ווי אין דער געשטאַלט פון אירע פאַרשטייער, די אָריגינעלע פערזענלאַכקייטן. די געשיכטע פון אַן עפּאָכע איז פאַר אים פאַקטיש די געשיכטע פון אירע גרויסע מענטשן. ער האָט נישט נאָר אין דער ליטעראַרישער קריטיק באַנוצט סעינט בעוו'ס ביאָגראַפישן מעטאָד, ער האָט אים אָנגעווענדט אויך אין זיין געשיכטע שרייבונג. אָבער אין דער געשיכטע ווערט ער־פאַרטונקלט ביי אים פון דעם „צייט־גייסט" און די סביבה־שיל־דערונגען, מיט וועלכע ער גיט זיך דאָרט אָפּ אַ סך. דערפאַר איז דאָרט נישט קענטיג אַזוי דער טיפער אינטערעס, וואס ער האָט צו דעם אייגנאַרטיגן איך פון דיכטער, און די קונסט, מיט וועלכער ער אַנאַליזירט אים און גיט אונז, צום סוף, זיין סינ־טעז.

אָט דעם אינטערעס און אָט די קונסט צו מאָלן פאַר־טרעטן פון איינציגע שרייבער און צו לאָזן יעדן פון זיי זיך אויסלעבן פאַר אונז אויף זיין אייגענעם שטייגער, נאָך זיין אינע־ווייניגסטן כאַראַקטער נאָך — זעען מיר קלאָר און בולט אין די

קלענערע עסעיס פון געאָרג בראַנדעס. אין זיי פאַרגעסט ער, אַז ער איז געגאַנגען אַמאָל אין חדר פון היפּאָליט טען. אין זיי נעמט ער פון דער סביבה און דער עפּאָכע נאָר דאָס, וואָס העלפט אים ארויסברענגען דעם שרייבער'ס אינעווייניגסטן איך, דעם שרייבער'ס סטיל. ער פאַרגעסט דאָן, אַז ער איז אַן אויפקלערער, אַ ראַדיקאַל, אַ קעמפער. ער לאָזט זיך פאַר'כשופ'ען פון דעם דיכטער'ס אָריגינאַליטעט און פון זיין אייגענער פיאיגקייט זי אויסצומאָלן. ער גערענקט, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין עסעי וועגן די ברידער גאָנקור, אַז „יענער אמת איז גוט, וועלכער איז אינדיווידועל" און אַז „דער אידעאַל איז נישט קיין אַנדער זאַך, ווי די איבעראַרבעטונג פון דער ווירקלאַכקייט דורך די ראַפינירטע חושים פון דעם קינסטלער". פאַר אים לעבט דאָן נאָר דער קינסטלער, זיינע אויסגעאיידלטע חושים און זיין שאַפונג. דער קינסטלער עקזיסטירט פאַר אים דאָן „נאָר כדי באַשריבן צו ווערן", אַזוי ווי פאַר פלאָבער'ן האָט די גאַנצע וועלט עקזיסטירט נאָר כדי צו זיין אַ טעמע פאַר'ן דיכטער.

און ניט נאָר דער קינסטלער, אויך דער פילאָזאָף איז פאַר בראַנדעס'ן, ווי פאַר אַ קריטיקער, אַ וועלט און אַ ווערט פאַר זיך אַליין, אַלץ איינס צי ער איז מסכים מיט זיין פילאָזאָפיע אדער ניט.

אַזוי ווי דעם קינסטלער אַרט ניט, צי איז זיין העלד אַ צדיק אָדער אַ רשע, אַבי נאָר ער א י ז עפּעס, אַזוי איז דעם קריטיקער'ס ה ע ל ד דער שאַפנדיגער מענטש: איז דער עיקר זיין שאַפונגס־קראַפט, זיין שאַפונגס־קוואַל, ניט זיינע מיינונגען. האָט בראַנדעס מיט באַגייסטערונג (דער ערשטער!) געשריבן וועגן ניטשע'ן, כאָטש אים איז גאַרניט געווען צום הארצן דער תוך פון זיין „אַריסטאָקראַטישן ראַדיקאַליזם". עס איז פאַר אים גאָר ניט נייטיג געווען איינצושטימען מיט ניטשע'ס מיינונגען, כדי זיך צו פאַראינטערעסירן מיט אים. עס איז גענוג געווען פאַר אים די קראַפט, די דרייסטקייט פון ניטשע'ס דענקען, די אָריגינאַליטעט פון זיין סטיל. „איך האָב שוין דערקלערט", האָט ער געשריבן, „מיט אַ צייט צוריק, אַז מיין ערשטער געדאַנק בנוגע צו אַ פילאָזאָפישן ווערק איז ניט צו זען, ווי ווייט דאָס, וואָס

עס שטייט אין דעם, איז ריכטיג אָדער פאַלש, נאָר צו גיין דורך דעם בוך גלייך צו דעם מענטשן, וואָס הינטער אים. און מיין פראַגע איז: וואָס איז דער ווערט פון אָט דעם מענטשן — איז ער אינטערעסאַנט אָדער ניט? אויב ער איז אינטערעסאַנט, ליגט אָן קיין שום ספק צו באַקענען זיך מיט זיינע ביכער."

און אַזוי האָט ער געקוקט אויך אויף פּאָליטישע קעמפער, נישט נאָר אויף קינסטלער און דענקער. אויך אין די פּאָליטיקער האָט ער געזוכט פריער דעם מענטשן און דערנאָך ערשט די טענדענצן און די אידייען.

דער קאָנסערוואַטיווער ביקאָנספילד־דיזראַעלי איז פאַר אים געווען פונקט אַזאַ וויכטיגער „שטאָף", ווי דער רעוואָלוציאָנער לאַסאַל. געזעלשאַפטלאַך, אידייאיש איז לאַסאַל אים געווען נענטער, ווי דער פירער פון די ענגלישע טאָרים. ליטעראַריש זיינען זיי ביידע געווען פאַר אים גלייך, וואָרים זיי ביידע זיינען געווען שעפערישע פערזענלאַכקייטן, וועלכע ער, ווי יעדער אמת'ער קריטיקער, האָט פריער ווי אַלץ געוואָלט ק ע נ ע ן, כ אַ ר אַ ק ט י ר י ז י ר ן, און דערנאָך ערשט (אָדער דורך דעם גופא) אָ פּ ש אַ צ ן.

ק ע נ ע ן און כ אַ ר אַ ק ט ע ר י ז י ר ן דעם שאַפנדיגן מענטשן, ד. ה., אויפדעקן דאָס פינטעלע פון זיין איך — דאָס איז געווען זיין הויפּט־מיסיע, און אָט די מיסיע זיינע האָט ער אויסגעפירט מיט דער לייכטקייט פון אַ זשורנאַליסט און דער גרינטלאַכקייט פון אַ פאָרשער, מיט דעם אַנאַליטישן כח פון אַ דענקער און דער סינטעטישקייט פון אַ קינסטלער.

וועלן פאַרעלטערט ווערן און אפשר זיינען שוין פאַרעלטערט די ביכער, וואו ער איז אַן אויפקלערער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, ווייל אין זיי איז ער געווען נאָר אַ פאָרשטייער פון זיין צייט, אָבער די ווערק, וואו ער איז אַ ק ר י ט י ק ע ר, די ווערק, וואו עס געפינען זיך זיינע בילדער פון פערזענלאַכקייטן און עפּאָכעס, — זיי וועלן נישט פאַרגעסן ווערן. אין זיי איז ער אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער מענטשהייט.